STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06467

IDISHE ETIK

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

אידישע עטיק

אַרויסגעגעבן פון
קאָאָפּעראַטיוו פאַרלאַג
פון דער
אידיש עטישער קולטור געזעלשאַפט

ניו יאָרק

1937

Copyright 1937
by
ABBA GORDIN

231 EAST 13TH STREET
NEW YORK, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 W. 21st St., New York
255

אָט־דער ספר איז אַ געזאַמל פון לעקציעס וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן יעדן דאָנערשטיק אָוונט ביי דער אידיש־עטישער קולטור געזעלשאַפט אין משך פון אַ יאָר, מערץ 1936 — מערץ 1937.

בערך מיט אַ יאָר צען צוריק איז דער אייגענער קורס גע־האַלטן געוואָרן אין „אידישן אוניווערסיטעט" פון דער „צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון אידישע פאָלקשולן אין פילאַדעלפיע".

די פסוקים ווי אויך די אַנדערע איבעריקע העברייאישע טעקסטן, דאָס גלייכן די אַנדערע פרעמדשפּראַכיקע ציטאַטן, זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פון מיר.

אבא גאָרדין.

20טן מאַי 1937
ניו־יאָרק.

I

דער רײנער גלויבן

וואָס איז אַזוינס רעליגיע? צו ענטפערן די פראַגע זיינען הונדערטער דעפיניציעס געגעבן געוואָרן. אָבער, לויט אונדזער פאַרשטיין, איז כמעט קיין איינע ניט פון זיי באמת צופרידנשטעלנדיק. און עס איז זיך ניטאָ שטאַרק וואָס צו חידושן. דאָס אייגענע קומט פאָר אומגעפער אין אַלע געביטן פון מענטשלעכער וויסענייש און דערקענעניש. אומעטום וואו דער מענטשלעכער שכל וויל זיך דערגרונטעווען צו דעם סאַמען עצם תוך פון אַ זאַך, קומט עס אים אָן ניט גרינג. וואָס איז אַזוינס רעכט? וואָס איז אַזוינס אַן אינדיווידואום אין ביאָלאָגיע? וואָס איז אַזוינס לעבן? די פראַגן זיינען מאָל נאָך מאָל געפרעגט געוואָרן און פולע זשמענעס מיט ענטפערס זיינען געגעבן געוואָרן. אָבער די פראַגן און די פראַגע־שטעלער זיינען פון די געגעבענע ענטפערס ניט נתפעל געוואָרן, און האָבן ווייטער און ווידער אַמאָל געפרעגט די אייגענע פראַגן. דער געדאַנק מכוח דער שווע־ריקייט צו ענטפערן אַ פראַגע אַזוי אַנטגילטיק אַז מ׳זאָל מער שוין ניט קענען פרעגן די אייגענע פראַגן ווערט אויף אַ געלונגענעם, סיי אין וואָרט־קאַראַקטער און סיי אין מעלאָדיע־ראַטאַציע, אופן אויסגעדריקט אין דעם אַלעמען באַקאַנטן פאָלקס־לידל: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיה... אַז מען וויל קען מען דאָך זאָגן... בלייבט דאָך פאָרט די אַלטע קשיה״....

ווען עס קומט צו תוך־און־עיקר פּראָבלעמען איז כמעט אַלע מאָל אַזוי דער פאַל, זיי בלייבן פאַרזעסענע כלה־מוידן, אויב ניט גאָר קיין אייביקע בתולות. זיי האָבן ניט אַזוי לייכט און גערן חתונה מיט די חתנים־ענטפערס וועלכע שלאָגן זיך אָן. זיי האַלטן כסדר אין איין שטיין־אין־שידוכים, זיי זוכן, זיי קלייבן, זיי נישטערן, און האָפן אַז זיי וועלן קריגן עפּעס בעסערס ווי דאָס וואָס מ׳לייגט זיי פאָר. זיי האָבן געדולד און וואַרטן מיט בטחון און סבלנות אויף זייער ריכטיקן זיווג, דעם פּאַסיקן, באמת־באַשערטן, מאַן־פאַרענטפער.

וואָס איז אַזוינס רעליגיע?

„אונטער רעליגיע, על־כן, פאַרשטיי איך די פאַרגיטיקונג אָדער פאַר־שלומונג פון מאַכטן וועלכע שטייען העכער פון דעם מענטשן און וועלכע, לויט איינגלויבעניש, קאָנטראָלירן און דירעקטירן דעם קורס פון דער נאַטור און פון דעם מענטשלעכן לעבן. אַזויערנאָך דעפינירט, באַשטייט

רעליגיע פון צוויי עלעמענטן, אַ טעאָרעטישן און אַ פּראַקטישן. דהיינו, אַ גלויבן אין כוחות וועלכע שטייען איבערן מענטשן, און אַ פּאַרזוך צו פּאַרגיטיקן אָדער געפעלן ווערן די דאָזיקע כוחות(1).

וואָס מיר זאָלן ניט טראַכטן וועגן דער דאָזיקער דעפיניציע, איין זאַך איז אונדז קלאָר. זי איז ווייט פון באַשרייבן דעם סאַמע אָנהויב פון רעליגיע, דעם יסוד פון די רעליגיעזע דערשיינונגען.

בכדי צו קענען פאַרשטיין אַז עס איז דאָ עפּעס אַ העכערע קראַפט וואָס שאַלטעט און וואַלטעט איבער די מענטשלעכע מערכות, דאַרף דאָך דער מענטש, קודם־כל, אַלס נויטיקער פאָרבאַדינג, זיך אַליין אויפפאַסן, זיך אַליין דערקענען, זיך זעלבסט־באַשטימען, כאָטש אין אַ מינימאַלס־טער מאָס. און ערשט אַ סך שפּעטער דערנאָך וואָלט ער אימשטאַנד זיין זיך צו פאַרטראַכטן און אָפּשאַצן דאָס וואָס איז העכער אָדער נידע־ריקער פון אים אַליין. דער „מה למעלה" איז אַ שווערער און ווייטער ענין, און ראשיתדיקע רעליגיע האָט זיך מיט דעם ניט געקענט עוסקן, האָט עס בשום־אופן ניט געקענט באַגרייפן מחמת עס האָבן איר געפעלט די צוגרייטונגס־אַרבעטן וועלכע אַליין מאַכן מעגלעך און צוגענגלעך אַזעלכע הויך קאָמפּליצירטע השגות.

לויט אונדזער אַנאַליז איז דער יסוד פון רעליגיע, איר עצם מהות, דאָס באַנעמען פון איך אַלס אַזעלכן. די עובדא פון רעליגיע, די נשמה וועלכע באַלעבט איר, דער בלוט־שטראָם וואָס צירקולירט אין איר, דאָס האַרץ וואָס קלאַפּט אין איר — דער גרויסער געדאַנק וואָס בליצט אין אירע הימלען און באַלייכט זיי — איז די קאָנסאָלידירונג פון דעם איך, די באַשטימונג פון דעם זעלבסט. אמתע רעליגיע איז דער גרויסער און אַלערערשטער גלויבן אַז איך, דער איך, בין דאָ, בין אַ שטיק קיים, אַז איך בין דאָ בנמצא אויף אַן אמתן אמת. און דערנאָך ערשט קומט דאָס אָפּזונדערן פון דעם איך די אַרומיקע וועלט אַלס עפּעס אַ מין ניט־איך, אָדער אַן איך פון אַ צווייטער דרגא, העכערער אָדער נידעריקער. קודם־כל ווערט פעסטגעשטעלט אַז עס איז גאָר פאַראַן אַזאַ סאָרט וועזן, אַזאַ סוביעקט, ווי דער איך, און אָט די פעסטשטעלונג איז רעליגיע אין גע־זונטסטן פּשט פון וואָרט. שפּעטער־צו, אַלס הוספה, קומט דער צווייטער פאַל פון דעם זעלביקן פּראָצעס און דאָס איז די סעגרעגאַציע פון אַלץ וואָס איז, אָפּנים, אויסער דעם איך, וואָס איז, אין פלוג, מחוץ פון אים, און ווערט אין אים ניט אַריינגערעכנט אַלס עפּעס וואָס באַלאַנגט צו זיין אינערלעכקייט אָדער אייגנקייט.

אָבער בכדי עס צו קענען באַוויזן, אימשטאַנד צו זיין אויפשטעלן אַזאַ מחיצה און דורכפירן אַזאַ דעמאַרקאַציע ליניע צווישן דעם רשות היחיד

פון איך און רשות הרבים פון דער וועלט — דאַרף דער מענטש זיך פּאָרדעם קענען אָפּזונדערן פון זיך אַליין, קענען אָפּטיילן דעם איצטיקן צושטאַנד זייַנעם פון אַ פריערדיקן, אַ שוין געוועזענעם. אין אַנדערע ווערטער, עס ווערט פאָרמירט אַן איכישער איך און אַ ניט־איכישער איך וועלכע געפינען זיך ביידע, ווערן אַרייַנגענומען, אין ברייטערן איך וועלכער איז רחבותדיקער פון דעם מאָמענטאַנעם איך. אום דאָס צו קענען דורכפירן פּאָדערט זיך אַ כוח פון זכרון און רעפלעקסיע.

און וואָס איז שייך די וועזנס, די פּערזאָניפיצירטע אָדער ניט פּער־זאָניפיצירטע כוחות וועלכע שטייען איבער דעם מענטשן, קענען זיי דאָך ניט ווערן העכער פון מענטשן, קענען זיי דאָך ניט פאַרנעמען זייער געהוי־בענע פּאָזיציעס, סיידן דער מענטש אָנדערקענט זיי אַלס אַזעלכע, סיידן ער ווערט באַוואוסטזיניק געוואָר פון דער סיטואַציע, פון דעם פאַקט אַז איבער אים שטייט דער וועכטער. גבוה מעל גבוה שומר (קהלת ה׳, ז׳). דער מענטש מוז דאָך וויסן פון דעם, און ער מוז עס אָנדערקענען. דאָ פּאָדערט זיך דאָך, בנוגע אים, זיין אייגענע סאַנקציע, זיין צושטימונג און רעזיגנאַציע צו פאַרנעמען די שטעלע וועלכע איז ווייט ניט די העכסטע און בעסטע אין דער וועלט־אַדמיניסטראַציע, לויט זיין אייגענער אויפ־פאַסונג. עס פּאָדערט זיך זיין הסכם צו דער דערהויבנקייט פון די דער־הויבענע קרעפטן און זיין לאָיאַליטעט.

און דאָ וואָלט ניט־ווילנדיק אַרויפגעשוואומען די ניט גאַנץ יונגע פראַגע מכוח דעם מקור פון סוּווערעניטעט. וואו איז דער קוואַל פון וועלכן זי פליסט אַרויס? ליגט זי אין הערשער, אָדער זי געפינט זיך אין די מאַסן, אין די ברייטע און נידעריקע שיכטן פון פאָלקסטום? דאָ הויבט זיך אויף די זעלביקע פּראָבלעם, ווער שטעלט אַוועק באַשטימטע כוחות איבער זיך, דערקלערט זיי צו זיין העכער פון זיך? צי קומט אַזאַ אָפּשאַצונג אַלס אַן אַרויפּצווינגונג פון דרויסן אָדער עס איז אַן אָפּמאַך־דערטראַכטונג וואָס קוועלט אויף פון אינעווייניק, פון די טיפענישן פון דער נשמה פון מענטשן אַליין. אייגנטלעך וואָס עס פרעגט זיך איז מכוח דער אַקטיוויטעט אָדער פּאַסיוויטעט פון דער אָפּשאַצונג וועלכע ווערט געמאַכט.

פילאָזאָפיש גענומען איז באמת אָט־די דערהויבונג פון כוחות איבער זיך אַליין מער ניט ווי אַן אָביעקטיווירונג פון מענטשן און זיין באַ־גרייפונג אַז זיין איך פון נעכטן, פון מער אָדער ווייניקער מרחקדיקן נעכטן, פון דער היבש־ביסל אויסגעצויגענער עלאַסטישער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע קען זיך דערלויבן אַרייַנצונעמען אין זיך דעם עבר פון זיין גרופּע, פון זיין סאָציאַלן עגאָ, און זיין איך פון מאָרגן, פון וויַיטן און

נאַנטן, ווידער, אויב ער וויל, אַריינגעמען דעם מאַרגן פון זיין שטאַם־עגאָ, איז וויכטיקער, איז העכער פון זיין מאָמענטאַנענעם, בלויז־איצטיקן, באותו־רגעדיקן, פאַרביילויפנדיקן איך. דאָס הייסט, אין אַנדערע ווערטער, אַז די געוועזנהייט און וועט־זיינהייט זיינען חשובער פון דער איצטיקייט, די אַוועקגאַנגענהייט ווען אומגעקערט אין זכרון און די דערוואַרטעטקייט, די אָנקומענשאַפט איז מער, לענגער, וואָגיקער און רעזולטאַטפולער ווי די בלויזע קעגנוואַרטיקייט. און דאָ איז אָ פאַרזוך געמאַכט פון מענטשן זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט זיין אייגענעם איך. בקיצור, דאָ ווי בֵּיים סאָמע אָנהויב, זעען מיר אַ פלייסן־זיך צו פאַר־פעסטיקן, קאָנסאָלידירן דעם אייגענעם זעלבסט. די קאָנסאָלידאַציע לויפט אין צוויי ריכטונגען, אַראָפּ און אַרויף. דער איך פון דעם איצט־באַלד־שוין איז ניט מעכטיק גענוג צו קאָנטראָלירן דעם גאַנצן קורס פון גע־שעענישן וועלכע שטייען אין געוויסע פאַרהעלטענישן צו אים. נאָך מער וואָס אויסער אים זיינען דאָ נאָך אַזויפיל סוביעקטן און אָביעקטן. און ער דאַרף געפינען אַ מאָדוס ווי אַזוי זיך צו פאַרבינדן און פאַרשטענדיקן און סאָלידאַריזירן מיט זיי.

אָבער ווייטער דאָס אייגענע: די גאַנצע אַקטיוויטעט איז קאָנצענט־רירט אַרום דער איין עובדא פון פאַרמירונג און קאָנסאָלידירונג פון דעם איך, די אינטענסיפיקאַציע און עקסטענסיפיקאַציע פון עגאָ, די דערהויבונג און פאַרטיפונג פון זעלבסטום.

און דער איך אַליין איז, בפועל ממש, אַן ענין פון אמונה, וועלכע איז קודם־כל אַן אינערלעכע דערפאַרונג. און ערשט שפּעטער ווערט עס אַ רעאַגירונג אויף דרויסנדיקע דערשיינונגען און אַ קאָנטראַסטירונג מיט זיי.

„דער לשון האָט געגעבן בלויז צו דעם עגאָ זיין אייגענעם אומאָפּ־העגניקן נאָמען, צו דעם ניט־עגאָ, נאָר די נעגאַטיווע דעטערמינאַציע וועלכע שליסט אויס דעם עגאָ ניט אָנטייטנדיק וועלכן ניט איז אייגענעם אינ־האַלט“(2).

„זעלבסט באַוואוסטזיין רוט אויף דעם פונדאַמענט פון אַ דירעקטער שפּירונג פון זעלבסט, וועלכע קען בשום־אופן זיך ניט נעמען פון דעם געוואויר־ווערן פון אַ קאָנטראַסט מיט דער אויסערלעכער וועלט, נאָר איז אַליין דער גורם פון דעם וואָס דער דאָזיקער קאָנטראַסט ווערט אויפ־געגומען אַלס אַ „יוניק“ וועלכער איז ניט פאַרגלייכבאַר צו קיין אַנדערע דיסטינקציעס צווישן צוויי אָביעקטן“(3).

פראַזער הויבט אָן מיטן חוץ בשעת דער מענטש מוז דאָך פריער־פון־אַלץ פאַרטיק ווערן מיט זיך אַליין. אין אַנדערע ווערטער, אַנשטאָט צו

ריידן וועגן אויסערלעכער פּאָליטיק פון דעם קעניגרייך וואָס הייסט מענטש דאַרף מען בעסער פריער פעסטשטעלן זיין אינערלעכע פּאָליטיק, אים עטאַבלירן אַלס אַן איינִיקייט, אַלס עפּעס גאַנצעס און אויסגעהאַלטענעס.

מיר׳ן ברענגען אַ צווייטע דעפיניציע געגעבן פון פּראָזערס אַן אָפּאָנענט:

„איך פאַרשטיי אונטער רעליגיע דאָס וואָס מר. פּראָזער פאַרשטייט און נאָך מער. די שלום־מאַכונג פון העכערע כוחות דורך געבעט און קרבנות איז רעליגיע, אָבער דאָס איז ניט די גאַנצע רעליגיע. דער גלויבן אין אַ העכערער קראַפט וועלכע סאַנקציאָנירט דעם אויפפיר און איז אַ פאָטער און אַ ליבענדיקער פאָטער צו דער מענטשהייט איז אויך רעליגיע״(4).

לאַנגס דעפיניציע איז, לויט אונדזער פאַרשטיין, ניט בעסער, נאָר, באַין־ערך, ערגער, ווייטער אָפּגערוקט פון די ערשטע אויסשפּרודעלונגען פון דער רעליגיע־קרעַניציע. לאַנג אָפּערירט מיט אַזעלכע קאָמפּליצירטע באַגריפן וועלכע זיינען אַבסאָלוט איבער דעם כוח פון השגה פון דעם געוויינטלעכן האַלב־פּרימיטיוון מענטשן.

ס׳רוב פאַרשער אויף אָט־דעם געביט פאַרגעסן, אָדער לאָזן אַרויס פון געדאַנק אויף אַ ווײַלינקע, אַז רעליגיע איז ניט קיין פילאָזאָפישעס סיסטעם, וועלכע ווערט, ווי די וועלט פירט זיך, באַאַרבעט פון יחידי־סגולה פאַר די יחידי־סגולה, — וועלכע, אמת, געפינען זיך אין אַ ביסל אַ גרעסערער צאָל, אָבער שטעלן צוזאַמען בלויז אַ מעוטא־דמעוטא פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן אַ נייגונג צו חקירה, פילן אַ ליבשאַפט צו פאַרטראַכטונגען און פאַרטיפונגען. רעליגיע איז דאָך אוניווערסאַל, אָדער, פּשוטער, פּאָפּולער, ד. ה. נעמט אַרום גאַנצע שבטים, שטאַמען, פעלקער, באַפעלקערונגען מיט זייער סך־הכל פון אינדיווידן אָן קיין שום אויסנאַמע. און זי לעבט זיך איין ניט נאָר אויבן אויף די שפּיצן פון די בערג פון געדאַנק און געפיל, נאָר אויך אין סאַמע אונטן, צווישן די פּרימיטיווסטע און פאַרווילדעסטע. און דעריבער מוז רעליגיע זיך האַלטן אויף עפּעס פונדאַמענטאַלעס און אַלמענטשלעכעס, זי מוז זיך באַזירן אויף אַזאַ גרונטאָוונעם פּרינציפּ, אין וועלכן אַלע מענטשן, אָן קיין שום יוצא־מן־הכלל, ווי ווייניק און וויפיל אַנטוויקלט זיי זאָלן ניט זיין, גלויבן, נעמען אָן אַקטיוון איינטייל אין זיין פאָרמולירונג און אויסשטאַטונג אַלס טעאָריע און אַלס פּראַקטיק — און דאָס איז דאָס איך־באַוואוסטזיין און זעלבסט־פאָרמירונג.

און רעליגיע הויבט זיך אָן מיט דעם אַרויפקום פון זעלבסט־באַוואוסטזיין, מיט דעם פאַרלאַנג און נויטווענדיקייט צו שאַפן אָט־דעם

וואונדערלעכן אומבאַגרייפלעכן פענאָמען, צו קריסטאַליזירן די דאָזיקע ניסים־ונפלאותדיקע אומפאַרשטענדלעכע, און אַלע מענטשלעכע השגות איבערשטייגנדיקע, דערשיינונג, וועלכע איזביידע אויף־איין־מאָל אי יע דאָ און אי ניטאָ, וועלכע איז דער אַלץ פון אַלץ און דער גאָרניט שבגאָרניט, וועלכע מאַכט אַלץ באַוואוסט און בלייבט אַליין אומבאַוואוסט און אומ־דערקענט.

מיר געברויכן דאָ פילאָזאָפישע טערמינען און פאַרוויקלטע אויס־טייטשונגען. אָבער זיי זאָלן ניט פאַרפירן דעם לייענער אַז ער זאָל משער־זיין אַז דאָס פאַראַנען־זיין פון דעם איך־באַוואוסטזיין זעצט פאָראויס אַ פילאָזאָפישע שולונג. חס־ושלום. דאָס איז בלויז אונדזער דערקלערונג און באַלייכטונג פון דער דערשיינונג. וואָס מ׳דאַרף נעמען איז דאָס איינפאַכסטע, די מטושטשדיקע רעגונגען פון דעם איך, די פאַרשפּירונגען פון זעלבסט; און זיי זיינען בנמצא און מ׳קען זיי לייכט אַנטדעקן ביי די נידעריקסטע פון די פרימיטיווסטע שבטים. און מיט דעם הויבט זיך רעליגיע אָן. און אויף דעם האַלט זי זיך אויך ביי די העכסט־אַנטוויקלטע פעלקער. הגם ביי די לעצטע שפּילט זי אין פאַר־שטעלעניש, זי פאַרשלייערט זיך מיט טויזנטער הילעס און נעמט אָן טויזנ־טער פאַרשיידענע געשטאַלטן און פלייסט זיך צו פאַרבאַהאַלטן אונטער אַלע מיני סאָרטן פּראַקטיקעס און קולטן. אין תוך גענומען בלייבט זי די גאַנצע צייט אומגעענדערט און די סאַמע זעלביקע דורך אַלע אירע גילגולים פון אַנטוויקלונגס־פּראָצעס וועלכן זי מאַכט דורך. דאָס הייסט וואָס זי באַמת באַצוועקט איז די קאָנסאָלידאַציע פון איך. זי איז כסדר, דורך אַלע אירע שטופּן און פאַזן פון עוואָלוציע, אויסן איין עיקר־זאַך, און דאָס איז די קריסטאַליזירונג פון דער איכהייט, וועלכע ווערט אויפגע־פּאַסט פון פאַרשיידענע מענטשן, שבטים אין אַן אויבנאויפיקן אָדער טיפערן באַנעם.

„רעליגיע איז אַן אונטערהאַנדלונג, אַ באַוואוסטזיניקע און ווילקע רעלאַציע אין וועלכער די זעל, ווען זי איז אויף צרות, טרעט אַריין מיט אַ מיסטעריעזער קראַפט פון וועלכער, זי פילט, איר מערכה הענגט אָפּ“(5).

ווען ער וואָלט צוגעבן אַז די דאָזיקע מיסטעריעזע קראַפט איז סיטואירט פון אינעווייניק, אין דער זעל, און די זעל טרעט אייגנטלעך אַריין אין באַציאונגען מיט זיך אַליין, מיטן אייגענעם זעלבסט, מיט אירע אייגענע פאַרדעמדיקע צושטאַנדן און אַנטיציפּירטע מצבים, זי פאַרקערט מיט זיך אַליין אויסגעשפּרייט אין דער פאַרגאַנגענהייט און דערנאָך, אַ סך שפּעטער, אין דער צוקונפט, — דעמאָלט וואָלטן מיר געקענט מיט אַ גרינגן האַרצן אָננעמען זיין דעפיניציע. אָבער די פראַגע וואָלט נאָך

אַלץ פֿאַרבליבן, פֿון וואַנעט נעמט זיך די זעל און פֿון וואַנעט פֿליסט אַרויס אָט־די מיסטעריעזע קראַפֿט וועלכע האָט צו זאָגן איבער איר שיקזאַל? זיי מוזן דאָך אָנדערקענט ווערן, פֿאַסטולירט ווערן, אָנגענומען ווערן. און די זעל האָט צו זאָגן איבער דעם צי יענע מיסטעריעזע קראַפֿט קען באמת אויסאיבן אַ השפּעה צו גוטן אָדער צום בייזן איבער איר, דער זעלס מזל. און די פּאָסטולירונג פֿון דער גאָר ערשטער „סובסטאַנץ", פֿון דער זעל, וואָס מיינט, אייגנטלעך, די באַשטימונג און באַשליסונג פֿון אייגענער עקזיסטענץ, פֿון איך־באַוואוסטזיין און איך פֿאַראַנענזיין, מיט וואָס זעלבסט־באַוואוסטזיין הייבט אָן „זיין קאַריערע", אָט דאָס איז טאַקע דער עצם־מהות און דער הויפּט־יסוד, דער אַלערערשטער פּרינציפּ פֿון רעליגיע אין איר שעפֿערישער אָנשטרענגפֿולער התחלה.

„רעליגיע איז דער פּועל־יוצא פֿון אַן אָנשטרענג צו דערקלערן אַלע זאַכן — פֿיזישע, מעטאַפֿיזישע און עטישע — דורך אַנאַלאָגיעס גענומען פֿון מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, איינבילדעריש אָדער סימבאָליש באַטראַכט. בקיצור, רעליגיע איז אַ אוניווערסאַלע סאָציאָלאָגישע היפּאָטעזע, וועלכע איז מיטיש אין איר פֿאָרם"(6).

מיט דער דעפֿיניציע האָט פֿאַסירט דער זעלביקער אומגליק וואָס מיט די פֿאַרדעם־ציטירטע; זי איז צו ווייט פֿאַרקראָכן, אָדער צו הויך אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן לייטער פֿון אַנטוויקלונג. רעליגיע דערקלערט זאַכן. בכדי עס זאָל זיך פֿאָדערן אַ דערקלערונג פֿאַר זאַכן דאַרפֿן זיין עטלעכע פֿאַרבאַדינגונגען. די זאַכן מוזן זיין בנמצא, און ווערן אויפֿגעפֿאַסט אַלס אַזעלכע, אָדער, לכל־הפּחות, ווערן אויפֿגענומען פֿון די חושים. און עס דאַרף זיין אַן „אימיצער" ווער עס זאָל עס קענען, וועלן טאָן און עס טאַקע טאָן. און דער „אימיצער" מוז נאָך זיין דערצו אַזוי הויך־פֿילאָזאָפֿיש אַנטוויקלט אַז די „זאַכן" זאָלן אים רופֿן, האַרן, מאַטערן, מאָנען אַז ער זאָל זיין אַזוי גוט און זיי דערקלערן. מיט אַ וואָרט, ער דאַרף פֿאַרמאָגן אַן אויער און הערן זייער כסדרדיקן שרייען „דרשני", מיר פֿאַרלאַנגען אומבאַדינגט אַ דערקלערונג, אַ רעכט־מאַכונג, אַן אויסטייטש און אַ פֿאַרשטענדיקונג. עפּעס אַפּנים ווי פֿאַר דעם פּרימיטיוון מענטשן איז עקזיסטענץ אַליין ניט געווען גענוג און דער „איז" ווי אַזוי „ער שטייט און גייט" האָט אים ניט באַפֿרידיקט און ער האָט געבעטן מ'זאָל אים געבן אַ הוספה פֿון אַ „באַדאַרף־זיין" פֿון אַן אינטעלעקטועלן כאַראַקטער, זאָל עס זיין פֿון אַ מינימאַלסטן קאַפּאַציטעט ווי מיטאָלאָגיע פֿאַרמאָגט. „אַן אָנשטרענג צו דערקלערן זאַכן"... יע, אַ פֿילאָזאָף פֿאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע ענינים ווי דערקלערונגען, אויסטייטשונגען, וואָס מיינט אייגנטלעך גענומען דאָס אומבאַקאַנטע און אונטערגעפֿירט אונטער

דער רובריק פון דאָס באַקאַנטע און זיי אַזוי צוזאַמענגעפלאָכטן אַז זיי נעמען אויסזען ווי איין שטיק־זאַך. דאָס מיינט פאַרלויפן פאַראויס פאַר טויזנטער יאָרן. רעליגיע האָט זיכער מיט דעם ניט געקענט אָנהויבן. דאָס האָט געקענט פאַרמירן, אין אַ געוויסן זינען, איר מיטנוועג, זיין די פאַרנעמונג און פאַרוויילונג פון אירע מיטעלע יאָרן, אָבער בשום אופן פון איר יוגנט. „דערקלערן זאַכן" אַליין איז אים נאָך קנאַפּ, פוילט ער זיך ניט און טיילט זיי איין, סאָרטירט זיי, מאַכט קלאַסיפיקאַציעס, „פיזישע, מעטאַפיזישע און עטישע".

די דאָזיקע אַנטוויקלונג שיקט פאַראויס אַ גריכיש־פילאָזאָפישע שו־לונג. און מיר קענען בשום־אופן ניט משער זיין די עקזיסטענץ פון אַזאַ שטרענגער אויסדיסציפּלינירונג ביי פרימיטיווע פעלקער, ביי אַלע די שבטים וועלכע האָבן געשאַפן, אַנטוויקלט אָדער אָנגענומען רעליגיעזע לערן און אויפפירונג. אַזעלכע דעפיניציעס ווי די נאָר וואָס געבראַכטע זאָגן עדות וועגן אַ פאַרלוסט פון היסטאָרישער עוואָלוציאָנערער פערספּעק־טיווע בנוגע גלויבנס־דערשיינונגען און זייער אַנטשטייאונג.

רעליגיע איז, אמת, עפּעס אוניווערסאַלעס, אָבער זי איז ניט ריין סאָציאָלאָגיש. זי איז פּסיכאָלאָגיש־סאָציאָלאָגיש. זי איז אויך לחלוטין ניט מיטיש אין פאָרם. רעליגיע איז ניט קיין היפּאָטעזע, קיין השערה, קיין סברה, נאָר די פונדאַמענטאַלסטע אַקסיאָמע, דער עכסט גרונטמאָוונער פּאָס־טולאַט פון דער איך־עקזיסטענץ. זי איז אייגנטלעך די באַשאַפערין פון דער עקזיסטענץ מחמת, אין דעם פּרט, פּאָסטולירן הייסט באַשאַפן, מאַכן, ברענגען צו אמתער עקזיסטענץ.

„רעליגיע איז אַ יוניפיצירטע סיסטעם פון גלויבענישן און פּראַק־טיקעס בנוגע הייליקע זאַכן, דאָס מיינט, זאַכן וועלכע ווערן אָפּגעזונדערט און פאַרבאָטן, — גלויבענישן און פּראַקטיקעס וועלכע פאַראייניקן און פאַרמירן איין איינציקע מאָראַלישע געמיינדע, וועלכע הייסט קירכע, פון די וועלכע האַלטן פון דעם"(7).

„הייליקע זאַכן" פאָדערן פאַר זייער עקזיסטענץ און פאָרמולירונג אַ צאָל פון הויך אַנטוויקלטע אינדיווידן מיט זייערע הויך אַנטוויקלטע באַגריפן וועגן אויפפיר. זיי מוזן באַזיצן די פייאיקייט צו אורטיילן און מבחין־זיין צווישן גוט און שלעכט, צווישן הייליק און אומהייליק. ווייטער, די פאָרמירונג פון אַ מאָראַלישער געמיינדע שיקט פאַראויס אַלס פאַר־תנאי די עקזיסטענץ פון גוט־אויסגעקריסטאַליזירטע פערזענלעכקייטן וועלכע פאַראייניקן זיך באַוואוסטזיניקערהייט אויפן יסוד פון זייערע איבערצייַ־גונגען און זייערע דורכגעטראַכטע, ניט אימפּולסיווע, נאָר ראַציאָנאַלע הנהגות. דאָס איז דער סאַמע זעניט פון פּסיכאָלאָגיש־לאָגיש־סאָציאַלער

בוימאַסטעריי. דאָס איז דאָס העכסטע וואָס מיר קענען זיך נאָר פאָר־שטעלן. אַ קירכע איז אַ מאָראַלישע, אַ פּסיכאָלאָגיש לאָגיש סאָציאַלע פאָרמאַציע וועלכע האַלט זיך ניט אויף ביאָלאָגיע, בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, אויך ניט אויף דעם פּרינציפּ פון שכנשאַפט, דאָס הייסט טעריטאָריעס, לאַנד־איינהייט, נאַנטקייט, נאָר אויף קאַטעגאָריעס פון דענקען און געוויסן.

אַ קירכע אַלס אינסטיטוציע איז געבויט ניט אויף אָפּשטאַם, ניט אויף ראַסע, נאָר אויף דער צווייטער געבורט, דעם זיך אַליין געבאָרן, זיך אַליין זעלבסט־באַשטימען. אַ קירכע, ווען זי ווערט דעפינירט, ווי דורקהיים טוט עס אַלס מאָראַלישע געמיינדע איז אַן אַנשטאַלט וועלכער האַלט מענטשן צוזאַמען אויפן הויך־קאָמפּליצירטן יסוד פון געדאַנק און אויפפיר נאָנטקייט. דאָס איז דער שפּיץ פון פּסיכאָלאָגיש־סאָציאַלן טורעם. דאָס איז בשום אופן ניט זיין פונדאַמענט און אָנהויב. בכדי עס זאָל קענען עקזיסטירן אַ מאָראַלישע געמיינדע, ניט קיין פּשוטע געמיינדע, ווי אַ משפּחה, אַ שטאַם, אַ האָרדע, אַ שטאַט וכדומה ביאָלאָגיש אָדער פיזיקאַליש־געאָגראַפיש סאָציאָלאָגישע אָרגעגאַטן, נאָר אַ מאָראַלישע קהלה, דאַרפן די אינדיווידן זיין שוין לאַנג־אַרויסגעשיילטע פון דעם ציבור און אַזעלכע וועלכע האָבן פון־דאָס־ניי זיך „צעמענטירט“, זיך צוזאַמענגע־קניפּט מיט פעדים פון זייער אייגענער „פאַבריקאַציע“, אין וועלכער עס איז דרגא, און בזה־האופן פאָרמירט אַ מין אינטעראינדיווידועלן פאַראיין.

און פון וואַנעט האָבן זיך גענומען אַזעלכע הויך־קוואַליפיצירטע איני־דיווידן, ווער און וואָס האָט זיי געהאָלפן זיך סעגרעגירן, געבאָרן ווערן פּסיכאָלאָגיש־לאָגיש, זעלבסט־באַוואוסטזייענדיק, ווער האָט זיי געוויקלט, געפלעגט, געהאָדעוועט? אָט־די דעראָבערונגען זיינען פון אומגעהויער חשיבות. וועלכע דיסציפּלין, וועלכע דאָקרינען־קערפּערשאַפט איז זיי בייגעשטאַנען, אין אַנדערע ווערטער, וועלכע אידייען־סיסטעמען זיינען מיט זיי מיטגעגאַנגען און דורכגעמאַכט מיט זיי דעם שווערן און אחריותדיקן וועג פון אינדיווידואַליטעט־סעגרעגאַציע, איך־באַשאַף, זעלבסט־באַשטי־מונג?

דער ענטפער איז: רעליגיע. דאָס איז טאַקע געווען איר אויפגאַבע, מיט דעם האָט זי אָנגעהויבן איר קולטיווירונגס־פּראָגראַם. דאָס איז געווען איר הויפּט־פונקציע. און די מאָראַלישע געמיינדע־פאָרמירונג דאָס איז איינע פון אירע צייטיקסטע עלטערע אויפטועניש.

רעליגיע האָט געשאַפן די קירכע, דאָס איז טאַקע אמת, אָבער די אורשפּרינגלעכסטע קירכע, די פּרימיטיוועסטע פאָרמע פון דער קירכע, איר פּראָטאָטיפּ, דעם ראשיתדיקן מאָדעל פון דער קירכע. וואָס איז אַ

קירכע? צו וואָס ווערט אַ קירכע געגליכן? צו אַ קערפּער, צו אַן אָר־גאַניזם. דאַרף זי דאָך קודם־כל האָבן אַ קערפּער, אַ פּשוטן גוף, אַ פּאַר־אייניקטע סומע פון אָרגאַנען וועלכע ווערן אויפגעפּאַסט אַלס אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם.

די אַלערערשטע פאָרמע פון דער „קירכע" איז דער מענטשלעכער גוף און דעם מענטשנס באַוואוסטזיין אַז אַזאַ גוף עקזיסטירט און פונקציאָנירט און געהערט צו אַ באַשטימטן באַלעבאָס, צו אַ פּרימיטיוון אייגנטימער וועלכער פאַרמאָגט עס, פאַרוואַלטעט עס, ברויכט עס און מיסברויכט עס, מיט איין וואָרט, קאָנטראָלירט און אָרגאַניזירט עס.

רעליגיע האָט באַשאַפן די מאָראַלישע געמיינדע וואָס הייסט קירכע, אָבער די „געמיינדע" איז געשאַפן געוואָרן פון אינעווייניק אין מענטשלעכן באַוואוסטזיין, דאָס איז דאָס איך־באַוואוסטזיין, די אָנדערקענונג פון קערפּער־פאַראַנזיין און די זעלבסט־באַוואוסטזיין־בנמצאדיקייט. דער מענטש אַלס אַזעלכער, אַלס אַ פּערזענלעכקייט איז די „מאָראַלישע געמיינדע" וועלכע רעליגיע פאָרמירט פון סאַמע אָנפאַנג ביז צום סאַמען סוף.

לויט מאַקס מילערן איז רעליגיע „אַ פליסן זיך צו באַגרייפן דאָס אומבאַגרייפלעכע, צו אויסערן דאָס אומאויסערלעכע, עס איז אַ בענקעניש נאָך דעם אין־סוף"(8).

מיר וואָלטן געקענט אָננעמען אָט־די אויפפאַסונג פון רעליגיע אויב מאַקס מילער וואָלט מיינען מיט זיין דעפיניציע צו באַצייכענען דאָס איך־באַוואוסטזיין וועלכעס הויבט אָן מיטן פּשוטן באַגרעניצטן גוף און הויבט זיך אויף ביז צום אין־סוף, איז אומאויסשפּרעכלעך, אומאויסערלעך און אומבאַגרייפבאַר, הגם עס וויל און פלייסט־זיך זיך יע צו באַגרייפן, זיך צו אויסערן.

„עס איז מיט רעכט אָנגענומען אַז די פּערזענלעכקייט שפּרייט זיך אויס אויף יענער זייט פון פיזישן קאָנטינואום. אירע גרעניצן אַפילו זייגען סיטואירט מחוץ פון דער הויט־אויבערפלאַך. די באַשטימטקייט פון די אַנאַטאָמישע קאָנטורן איז טיילווייז אַן אילוזיע. יעדער איינער פון אונדז איז זיכער אַ סך גרעסער און מער אויסגעברייטערט ווי זיין אייגן קערפּער... די דאָזיקע אַנאַטאָמישע פאָרמאַציע איז בלויז איין אויסזיכט פון דעם אינדיוויד. זי שליסט ניט איין די מענטאַלע פּערזאָנאַליטעט. ליבע און האַס זייגען רעאַליטעטן. דורך די דאָזיקע געפילן זייגען מענטשן פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן אויף אַ פּאָזיטיוון שטייגער, ווי גרויס די דיסטאַנץ זאָל ניט זיין צווישן זיי"(9).

„מחמת דער גוף איז דער אָנצוג, און דאָס איז דעם מענטשנס לייב, ניט דער מענטש אַליין, און דאָס מיינט ער ווען ער זאָגט „הויט און לייב

האָסטו מיר אָנגעטאָן"... און אויב די הויט און לייב איז דער אָנצוג פון מענטשן, איז דער אמתער מענטש דער אינעווייניקסטער גייסט און די געשטאַלט וואָס אין אים, ניט די הויט און לייב" (מאיר בן גבאי, עבודת הקודש המכונה מראות אלקים, חלק התכלית פרק כ"ה, דף נ"ד, ב', לעמבערג 1848).

לכן, די פערזענלעכקייט איז אַזוי גוט ווי אומבאַגרייפבאַר און אומ־באַשטימבאַר. און פונדעסטוועגן, ווערט זי יע באַשטימט, באַגרעניצט און באַגריפן פון אונדז.

„רעליגיעס וועלכע זיינען דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט מיט זייערע דאָגמעס, זיינען אין פולן איינקלאַנג בנוגע זייער שווייגנדיקער איבער־צייגונג אַז די עקזיסטענץ פון דער וועלט, מיט אַלץ וואָס זי אַנטהאַלט און מיט אַלץ וואָס רינגלט איר אַרום, איז אַ מיסטעריע וועלכע פאָדערט אַ דערקלערונג... דער גלויבן אין דעם אומעטומזיין פון אַן עפּעס וועלכער איז אומאויספאָרשבאַר"(10).

ספּענסערס דעפיניציע פון רעליגיע געהערט צו דער אייגענער קאַטעגאָריע פון רעליגיע־באַצייכענונגען וועלכע זיינען צו ווייט־דערלאַנ־גענדיק.

עס איז ניט אַזויפיל די עקזיסטענץ פון דער וועלט וועלכע פאָדערט אַ דערקלערונג, נאָר הויפּטזעכלעך די עקזיסטענץ פון איך, פון זעלבסט און זיין באַוואוסטזיין פון זעלבסט, זעלבסט־באַוואוסטזיין. און דאָס איז דער יעניקער עפּעס וועלכער איז אומדערקלערבאַר און אומאויספאָרשבאַר.

„זיי זאָגן וועגן גאָט: „נעמען קענען דיך ניט אָנרופן". דאָס פּאַסט זיך פונקט פאַר מיר: קיין קאָנצעפּציע קען מיך ניט אויסדריקן, קיין שום זאַך וועלכע ווערט באַצייכנט ווי מיין עצם מהות קען מיך ניט דער־שעפּן; זיי זיינען בלויז נעמען"(10־א).

„און עס איז קלאָר געוואָרן אַז דער פאַרשטאַנד, דער פאַרשטייער און דאָס פאַרשטאַנענע זיינען איינס אין צאָל ניט נאָר אין דער קאָנסטי־טוציע פון באַשאַפער אַליין, נאָר אין דער קאָנסטיטוציע פון פאַרשטאַנד, און אין אונדז איז אויך דער פאַרשטאַנד, דער פאַרשטייער און דאָס פאַרשטאַנענע איין זאַך, ווען אונדזער פאַרשטאַנד איז אין אַקציע" (רמב"ם מורה נבוכים, חלק א', פרק ס"ז, ז. 71, לאָנדאָן תרי"א שלאָסבערגס אויסגאַבע).

דער איך פאָרשט כלומרשט אויס, ער איז „בוחן ובודק די אוצרות פון דאָס פאַרהוילענע", ער פּרובירט אַפּנים אַלץ צו דערקלערן. אָבער בשעת ער טוט עס, בלייבט ער אַליין אונטערן דיקן וואָלקן פון אומ־דורכדרינגבאַרקייט, ער איז ווי פאַרזונקען אין די נעפּלען פון אומזיכט־

באַרקייט. ער זעט און ווערט אַליין ניט געזען פון זיך אַליין. ער איז דאָס ליכט וואָס באַלייכט או באַשיינט אַלץ, אָבער ער אַליין בלייבט פאַרטונקט אין דער פינצטערניש פון אומבאַוואוסטזיין. ווער איז עס? דאָס איז דער איך בכבודו ובעצמו, דער זעלבסט אַליין.

„די ערשטע זאַך וואָס פאָדערט זיך פאַר אַ סיסטעמאַטישן שטודיום פון די רעליגיעס ביי די נידעריקע ראַסן איז צו געבן אַ רודימענטאַרע דעפיניציע פון רעליגיע... אַ מינימום־דעפיניציע פון רעליגיע איז דער גלויבן אין גייסטיקע וועזנס״(11).

די דאָזיקע דעפיניציע איז ניט רודעמענטאַר און ממילא ניט פונ־דאַמענטאַל געגוג. פריער־פון־אַלץ פאַנגט אַ מענטש אָן מיט זיך דער־קענונג און ערשט דערנאָך קען ער, אַלס דענקער, נעמען אָנדערקענען די עקזיסטענץ פון קעגנשטאַנדן בכלל, און אַ לאַנגע צייט שפּעטער־צו דערטראַכט ער זיך צו דער אידייע פון דער עקזיסטענץ פון „גייסטיקע וועזנס״. ווי איינער קען ניט מעסטן, סיידן ער האָט אַ מאָס מיט וואָס צו מעסטן. פּונקט אַזוי קען ער ניט דערקענען, סיידן עס איז דאָ בנמצא אַ דערקענער. אָט די דערקענונג אָדער אויסטראַכטונג פון גייסטיקע וועזנס פאָדערט אַ קאַלאָסאַלן מהלך פון עוואָלוציע.

דער מענטש מוז גלייך־פון־אָנפאַנג זיך אַליין שאַפן פּסיכאָלאָגיש, דערקענעריש, ער מוז באַהויפּטן זיין אייגענע עקזיסטענץ. אָן דעם פאַר־באַדינג וואָלט ער ניט געווען אימשטאַנד צו באַגרייפן עקזיסטענץ בכלל און אַ באַשטימטע פאָרמע פון עקזיסטענץ בפרט. ער מוז צואַלעמערשטן שאַפן די כלי, אָפּפורעמען דאָס געפעס וועלכע קען אַנטהאַלטן די דער־קענטעניש, דעם גלויבן אין עקזיסטענץ.

על־כן, בין איך לגמרי איינשטימיק מיטן נאַר־וואָס ציטירטן אויטאָר. ער איז גערעכט. מ׳דאַרף טאַקע געבן אַ „רודימענטאַרע דעפיניציע פון רעליגיע, אַ מינימום דעפיניציע״, אָבער דאָס דאַרף זיין אַ דעפיניציע פון רודימענטאַרער רעליגיע, אַ דעפיניציע פון מינימום־רעליגיע. און אַזאַ דעפיניציע וועט שוין זיין גילטיק אויך פאַר דער מאַקסימום־רעליגיע. מחמת בנוגע רעליגיעזע דערשיינונגען איז ניט שייך ניט קיין מינימום און ניט קיין מאַקסימום. אַ רעליגיעזע דערשיינונג, אַזוי ווי די סומע פון רעליגיעזע דערשיינונגען און זייער „פאַרקערפּערונג״ אין רעליגיע, בלייבט אַלע מאָל דאָס אייגענע. און קיין מער און ווייניקער איז דאָ כמעט ווי ניט שייך. מיר זיינען מער ווי איבערצייגט אַז די דעפיניציע פון מינימום־רעליגיע אויב זי וואָלט געווען גרינטלעך, תוכיק, ד. ה. אַריינדרינגענדיק אין דעם סאַמע שורש און יסוד פון דער דערשיינונג וואָלט זי שוין ממילא געקענט צופרידן שטעלן אַלס אַ פּאַסיקע באַציי־

בענונג אויך די מאַקסימום־רעליגיע. אַלץ וואָס עס וואָלט זיך געפאָדערט איז אַן עוואָלוציאָנערע פאַנאַנדערוויקלונג פון דער זעלביקער דעפיניציע און די פאַרשטענדעניש וועלכע זי ברענגט מיט זיך.

„רעליגיע איז די דעטערמינאַציע פון מענטשלעכן לעבן דורך דעם סענטימענט פון אַ באַנד וועלכער פאַראייניקט דעם מענטשנס שכל מיט דעם מיסטעריעזן שכל, וועמענס דאָמינאַציע איבער דער וועלט און איבער דעם מענטשן, דער מענטש אַנדערקענט און שעפּט גרויס נחת פון פילן זיך פאַראייניקט מיט אים״(12).

אויך די דעפיניציע זאָגט מער וויפיל זי האָט באַדאַרפט זאָגן, זי גייט אַריבער דעם גרעניץ. רעליגיע איז ראשית־כל די דעטערמינאַציע פון מענטשלעכן איך, אָדער, ריכטיקער, די סאַמע פאָרמירונג און קאָנסטי־טואירונג פון זעלבסט־באַוואוסטזיין.

מיר זאָגן „ראשית־כל״. און וואָס טוט רעליגיע דערנאָך ווען זי האָט שוין דורכגעזעצט איר פּראָגראַם־מינימום, פאַרטיק געוואָרן מיט די מעשה־בראשית פון זעלבסט־פאָרמירונג? דערנאָך טוט זי דאָס אייגענע. זי גייט אָן מיט איר אַרבעט. זי ברייטערט אויס דעם מענטשלעכן איך־באַוואוסטזיין. ווי אַזוי טוט זי עס? זי נעמט דעם מענטשלעכן איך, דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין פון אַ געגעבענעם, נאָר־וואָס אויפגעפּאַסטן מאָמענט און שטעלט אים אַוועק אין אַן אומגינסטיקן ליכט כנגד דעם שכל און דעם איך פון דער גאָרער וועלט אָדער דאַזיין. וואָס זי טוט, טיפער פאַרשטאַנען, איז דאָס. זי נעמט דעם איך פון מאָמענט און שטעלט אים אַוועק, פאַרגלייכט אים מיט זיך אַליין ווען דער לעצטער וויל כלומרשט זיך באַצווינגען און איבערטרעפן. דאָס הייסט זי פאַרגלייכט אַ פאַרדעמ־דיקע, אַ פּשוטערע פאָרמאַציע פון איך־באַוואוסטזיין מיט אַ העכערער, מער אַנטוויקלטער פאָרמאַציע פון דעם אייגענעם איך־באַוואוסטזיין. דאָס ווערט דערגרייכט דורך אַ פליסן־זיך זיך אַליין צו אָביעקטיווירן, צו אויסערן די אייגענע אינערלעכקייט, דעם אייגענעם סוביעקט און בייקומען די איינצלנע צושטאַנדן פון אייגענעם איך דורך אַ מעטאָדע פון רע־סינטע־טיזירונג. די דאָזיקע רע־סינטעטיזירונג קומט פאָר נאָך אַ לענגלעכן פּראָצעס פון אַנאַליטישער, פאַרטיפטער זיך־גריבלדיקער, אונטערשיידונגס־אַרבעט. ווען דער איך נעמט זיך אינטעגרירן פון־דאָס־ניי נאָך זיין אייגענער ווילנקער פאַנאַנדערלייגעכץ, ערשט דעמאָלט פילט ער אַז ער איז מסוגל זיך צו פאַרמעסטן מיט די אייביקע פּראָבלעמען מכּוח דער פאַרקניפּונג פון אייגענעם קליינעם שכל מיטן גרויסן שכל, וועלכער איז דער שכל וואָס שטייט העכער פון מאָמענט און איז ברייטער פון זיך אַליין, ווען דער לעצטער ווערט אויפגעפּאַסט באַגרעניצטערהייט.

אָבער אָט־די דורכמאַכונג איז ניט דער אָנהויב פון רעליגיע נאָר גיכער די פאַרבלענדונג, די פורים־שפּילעריי פון רעליגיע, איר פאַרשטעלן זיך. דאָס איז אַ פאַרזוך, וועלכער גיט זיך אַלע מאָל איין, אַרויסצוגעבן עפּעס אויסשליסלעך־סוביעקטיוועס פאַר עפּעס אָביעקטיוועס, אָבער ניט געננוג אָביעקטיוועס אַז ער זאָל ניט פילן, מיט זיין אונטער־חוש אָדער איבער־פאַרשטאַנד, אַ קשר מיט דאָס ריין־סוביעקטיווע.

„לאַטצע האָט אַרגומענטירט, און אַנדערע האָבן אים נאָכגעפאָלגט, אַז זעלבסט־באַוואוסטזיין איז ניט אָפּהענגיק פון דעם ניט־זעלבסט, נאָר עס אַנשטייט באמת דורך אַן אינערלעכער אַקציע פון אונטערשיידונג, דורך וועלכער דער עגאָ קאָנטראַסטירט זיך אַליין מיט זיינע אייגענע זיך־טוישנדיקע צושטאַנדן”(13).

די קאָנסאָלידאַציע פון איך, פון זעלבסט־באַוואוסטזיין, איז דער ריינער גלויבן. דערנאָך הויבט זיך אָן דער אַקט פון אַנאַליטישן זיך פאַנאַנדערשניידן און זיך פאַנאַנדערוואַרפן און שפּעטער־צו שפּילט זיך אָפּ דער צווייטער אַקט פון דער פּסיכאָלאָגישער־רעליגיעזער דראַמע וועלכער באַשטייט אין קיבוץ גליות, אין אַ סינטעטישער ווידער־אויף־דאָס־ניי צוזאַמענעמונג פון די פאַרוואָגלטע, פאַרטריבענע, צעזייטע און צעשפּרייטע דורך דעם אַנאַליז איינצלנע זעלבסט־באַוואוסטזיין־צושטאַנדן. און דע־מאָלט, „אויף מאָרגן” נאָך דעם פּסיכאָלאָגישן „שיבת־ציון” פון עגאָ, שאַפט זיך גאָר אַ מאָדנע סיטואַציע וועלכע נעמט זיך פון דעם פאַרלאַנג צו פאַר־איינינקן ביידע קעגנזאַצן, ביידע עקסטרעמען, סיי דעם גלות און סיי דעם קיבוץ־גליות: סיי דעם גאַנצן איך און סיי זיינע באַשטאַנדטיילן וועלכע ווערן באַהאַנדלט אַלס פּאָטענציעלע צוקונפטס־איינהייטן און וועלכע זיינען באמת אַנאַליטישע פּראָדוקטן. און דער דאָזיקער פּראָצעס וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן, ער וועט אָנגיין ביזן אין־סוף אַריין. מחמת יעדעס גאַנצעס קען זיך שפּאַלטן און זיך צעוואַרפן אויף טיילן, און יעדע שטיקל־טייל קען באַטראַכט ווערן אַלס עפּעס גאַנצעס וועלכעס איז מסוגל צו צעשפּליטערונג.

בקיצור, יעדער איך קען און וועט זיך אַנאַליזירן און צעלייגן אויף קאָנסטיטואירנדיקע חלקים. און יעדער קאָנסטיטואירנדיקער חלק וועט זיך אויסקריסטאַליזירן און ווערן אַ פולער איך. און די צוויי דורכזעצונגען, וועלכע זיינען צוויי זיך דערגענצנדיקע פּראָצעסן, זיינען באמת אַ פּאַרט־זעצונג פון איין אונטערנעמונג אָנגעפירט מיט דער זעלביקער טענדענץ פון עוואָלוציע וועלכע קען קיין אָפּשטעל ניט געפינען. ווייל דאָס איז דער וועג וואָס דער איך האָט דורכגעמאַכט אויף זיין לאַנגער רייזע פון דעם וועלט־איך צו דעם זעלבסט־איך; פון דעם וועלט־איך, דאָס הייסט אַ

איך און אַ וועלט וועלכע זיינען מטושטש אָדער גאָרניט בנמצא, און נאָך ווייטער אַן אפס המוחלט, אַ פולער, בשלימות גאָרניט וואָס איז אפילו קיין גאָרניט אויך ניט געווען. דער „איך הויבט אָן מיט גאָרניט און נעמט זיך אויסשיילן, אויסדריבלען פון עפּעס אַ מין קנויל אַרויס, אַזוי צו זאָגן. ער טיילט זיך אָפּ בכדי זיך בעסער צו קאָנסטיטואירן, קאָנצענטרירן, בעסער צו קאָנסאָלידירן, אָבער ער קען זיך בשום־אופן ניט אָפּשיידן לחלוטין, ער שטרעבט צוריק צום מקור, צום אָנפאַנג־פּונקט פון זיין אייגענער אַרויסקוועלונג. און דער איך־זעלבסט, דער איך־אַליין פילט זיך איינזאַם, שפּירט אַ בענקעניש, אַ לעכצן נאָך דעם אין־סוף, דעם קוואַל, דעם בראשית פון וועלכן ער האָט זיך גענומען דורך אַ פּראָצעס פון סעגרעגאַציע און אַנאַליטיק.

„מיר האָבן שוין באַמערקט ווי דער פּסיכאָלאָג שפּירט נאָך דאָס שכל־וואַקסן פון דעם קאָנטינואום־געפיל דורך אַ גראַדועלן פּראָצעס פון דיפערענציאַציעס ביז צום פולן אַרטיקולירטן זעלבסט, וועלכער טוט ביידע זאַכן אי ער פאַראייניקט און אי ער אונטערשיידט זיינע עלעמענטן. פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט איז דער פּראָצעס אַזאַ וועלכער באַוועגט זיך פון דער אינסטינקטיווער צו דער באַוואוסטזיניקער און צום־סוף צו דער זעלבסט־באַוואוסטזיניקער עקזיסטענץ".(14).

דער איך איז עלול זיך ווייטער צו טיילן, זיך טיפער אַנאַליזירן און העכער, צוריק־לויפנדיק דורך דער קאַריקווירקונג, זיך סינטעטיזירן, זיך פאַרבינדן מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניק, פאַרשטענדלעך. דאָס איז לכתחילה געטאָן געוואָרן דורך „אינסטינקט", אומבאַוואוסטזיניק, דורך פולער אידענטיטעט מיט דעם וואָס האָט ראשיתדיק אַנטהאַלטן סיי דעם איצטער־אָפּגעטיילטן איך און סיי דעם עפּעס־אַזוינס גאַנצעס פון וואָס דאָס איך האָט זיך אָפּגעטיילט, און דערפאַר זיינען זיי ביידע געווען ניט דאָס וואָס זיי האָבן געקענט און „געדאַרפט" זיין און וועלן זיין נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט דעם וואונדערבאַרן פּראָצעס פון אומ־אויפהערבאַרן אַנאַליז און אומאָפּשטעלבאַרן סינטעז. און די עובדא פון רעליגיע איז מיטצוהעלפן מיט כל־הכוחות אָט־דעם טאָפּלטן פּראָצעס פון איך־אַנאַליטיק און איך־סינטעטיק וואָס מיינט איך־באַשאַף און איך־פּערפעקטירונג.

II

דער עגאָ און דער זעלבסט־באַגלויבט זיין

„ווען מיר זאָלן אָפּוואַרפן אַלץ בנוגע וואָס מיר קענען האָבן דעם קלענסטן ספק, אָדער זיך איינבילדן אַז עס איז פאַלש, קענען מיר, באמת, משער־זיין אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין גאָט, קיין הימל, קיין קערפּער און אַז מיר אַליין פאַרמאָגן ניט קיין הענט, קיין פיס, און, צום סוף, אפילו גאָר קיין גוף ניט. מיר קענען אָבער אויף דעם זעלביקן אופן ניט משער־זיין אַז מיר אַליין זיינען גאָר ניטאָ בנמצא בשעת מיר צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון אַלע די דאָזיקע זאַכן. מחמת עס איז שטאַרק קווידער אָנצונעמען אַז דאָס וואָס דענקט עקזיסטירט ניט בשעת־מעשה ווען עס דענקט. היוצא, צו אַנדערקענען cogito ergo sum „איך דענק דעריבער בין איך דאָ" איז דאָס ערשטע און דאָס עכסט זיכערסטע וואָס קומט אויפן געדאַנק דעם ווער עס פילאָזאָפירט מעטאָדיש"(1).

די פראַגע מכוח דער פאַרהעלטעניש פון דענקען און זיין ווערט דאָ געשטעלט ניט־אַרויסגעזאָגטערהייט. דענקען איז אַ סך מער, אין אַ געוויסן פּרט, ווי פּשוטער זיין. און וואָס איז מער אין איין הינזיכט איז וויניקער אין אַן אַנדער הינזיכט.

לויט דעקאַרטן קענען מיר צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון אונדזער גוף, אָבער מיר מוזן צולאָזן אונדזער דאָזיין וויבאַלד מיר זיינען מודה אַז מיר דענקען. פאַרוואָס מוזן מיר עס טאָן? ווייל אויב ניט וואָלטן מיר זיך אַליין אָפּשלאָגן, זיך ווידערשפּרעכן און דאָס טאָר מען ניט טאָן אין דעם קעניגרייך פון דענקען, דאָס איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן, די האַרבסטע זינד.

מיר דענקען דעריבער דענקען מיר, דעריבער מוזן מיר אָננעמען אַז מיר דענקען און אונדזער זיין וואָלט דעמאָלט געוואָרן בלויז אַ פאָרמע פון געדאַנק. „איך דענק דעריבער בין איך דאָ" מיינט, אין בעסטן פאַל: „איך דענק, פאָלגלעך, דענק איך און אויב איך דענק מוז איך דאָך זיין אין דענקען, זיין בכוח צו דענקען, זיין אויף אַזויפיל אויף וויפיל דענקעניש זעצט פאָראויס זייעניש.

אָבער די פראַגע שטעלט זיך גלייך פון אָנהויב, פון וואַנענט נעמט ער עס, פון וואַנעט איז ער עס אַזוי זיכער אַז ער דענקט, אַז ער צווייפלט. טאָמער הויבט זיך עס גאָרניט אָן, טאָמער איז עס ניט געשטויגן און

ניט געפלויגן. דעקאַרט צווייפלט כלומרשט, אָבער ניט ערנסט גענוג צו צווייפלען זיין צווייפלען. דער „איך בין איך", וועלכער איז סאָלידער ווי דער „איך דענק, לכן בין איך דאָ", קען ניט אָנגענומען ווערן און קען אויך ניט אָפּגעשלאָגן ווערן. מחמת דאָ איז ניטאָ גענוג מאַטעריאַל פון וואָס צוזאַמענשטעלן אַן אַרגומענט, אַ שלוס־ציאונג, אַן אורטייל. עס איז צו עלעמענטאַר. און נאָך וויניקער שטאָף האָבן מיר דאָ בכדי מיר זאָלן עס קענען אָפּוואַרפן. „איך בין איך", אָדער „איך ווער איך" אָדער „איך וועל ווערן וואָס איך וועל ווערן" איז דער ערשטער פּאָסטולאַט פון רעליגיע, איז אַ דבר שבאמונה, און מ'קען עס ניט דיסקוטירן, דאָס הייסט מיר קענען עס ניט אָננעמען פאַרשטענדלעך און נאָך וויניקער זיינען מיר אימשטאַנד עס אָפּצושלאָגן. מיר קענען עס ניט אָפּשלאָגן ווייל עס איז ניטאָ דער „ווער" וועלכער וואָלט געקענט עס אָפּשלאָגן. און מיר קענען עס ניט אָננעמען, ווייל בכדי עס אָנצונעמען מוזן מיר דאָך זיך אַליין פאַראויסשיקן אַלס אַזעלכע וועלכע זיינען שוין דאָ בנמצא. און אין דעם זאַץ באַהויפּטן מיר דאָך זיך אַליין, און מיר טוען דאָך עס נאָר־וואָס און מיר קענען ניט אויף־איין־מאָל באַהויפּטן זיך נאָר־וואָס און צולאָזן זיך, אונדזער אייגענעם זעלבסט, אַלס עפּעס נאָך פריער שוין־זעלבסט־באַהויפּטעטעס.

„דער אָנפאַנג פון אַ פילאָזאָפישער באַציאונג איז די אויפפאַסונג אַז מיר ווייסן ניט אַזויפיל ווי מיר דענקען אַז מיר ווייסן, און צו דעם האָט דעקאַרט בייגעטראָגן אַ היבש־ביסל. מיר האָבן געזען אַז ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם וואָס ער האָט געצווייפלט אין אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט אָבער אויסגעפונען אַז ער קען ניט צווייפלען אין זיין אייגענער עקזיסטענץ, וועלכע ער האָט דעריבער אָנגענומען פאַר דעם אַרויסגאַנגספּונקט פון זיין קאָנסטרוקטיוון סיסטעם. ער האָט משער געווען אַז דער עכסט געוויסער פאַקט אין דער וועלט איז „איך דענק". דאָס איז געווען שלים־מזלדיק, מחמת עס האָט געגעבן אַ סוב־יעקטיוון געבייג צו מאָדערנער פילאָזאָפיע. עס איז דאָך טאַטזעכלעך קלאָר אַז „איך" זעט אויס צו זיין אַ סעריע פון פאַרלאַנגען, יעדע איינציקע פון וועלכע געגנומען באַזונדער איז מער געוויס ווי דאָס גאַנצע. און „דענק" איז אַ וואָרט וועלכן דעקאַרט אָקצעפּטירט אַלס אומדעפינירבאַר, אָבער וועלכער באמת באַצייכנט קאָמפּליצירטע רעלאַציעס צווישן פאַר־סירונגען... לכן, אַנשטאָט צו נעמען דעם אַלגעמיינעם „איך דענק" פאַר אונדזער באַזיס, האָבן מיר בעסער געדאַרפט נעמען די פּאַרטיקולאַרע געשעענישן וועלכע זיינען באַוואוסט אַן אורטיילונג, צווישן וועלכע עמ־פינדונגען (אָדער בעסער פערצעפּציעס) וואָלטן געווען אַריינגערעכנט.

די דאָזיקע פּאַסירונגען, ווי מיר האָבן שוין געזען, קענען ווערן באַטראַכט מיט דעם זעלביקן רעכט אַלס פיזישע און מענטאַלע. זיי זיינען חלקים פון קייטן פון פיזישער קויזאַציע און זיי פאַרמאָגן מנעמישע עפעקטן וועלכע זיינען קאָגניטיוו. דער ערשטער פאַקט הייסט אונדז אָנרופן זיי „פיזיש״, דער לעצטער — „מענטאַל״, ביידע זיינען גאַנץ ריכטיק. דאָס איז די פּאַרטיקולאַרע פּאַסירונגען וועלכע זיינען פאַר אונדז געוויס ניט דער „איך דענק״ וועלכן דעקאַרט האָט געמאַכט פאַרן באַזיס פון זיין פילאָ־זאָפיע״(2).

„די פּאַרטיקולאַרע פּאַסירונגען זיינען זיכער״... די פראַגע איז אָבער פאַר וועמען זיי זיינען זיכער, ווער נעמט זיי אָן אַלס אַ געוויסהייט, ווער באַטראַכט זיי אַלס עפּעס וואָס שטייט העכער פון צווייפל? און ווען מיר ריידן מכוח עמפּינדונגען, בחוש־פילונגען איז ווייטער די אייגענע פראַגע: צו וועמען געהערן די דאָזיקע עמפינדונגען אָדער פּערצעפּציעס, ווער איז דער בעל־גוף וואָס האָט אַן אייגנטימער־רעכט אויף זיי? ווער איז דער יעניקער וועלכער פּאַראייניקט זיי, אַפּראָפּריאירט זיי, נעמט זיי אויף, לעבט זיי איבער, פילט זיי דורך? אימיצער מוז דאָך עס טאָן, אימיצער מוז דאָך דאָ זיין אַקטיוו און אויף זיך נעמען די אַקציע פון „צושרייבונג״ פון אָט־די געשעעניש צו זיך אַליין אַלס זייער טרעגער, זייער באַלעבאָס, באַטראַכטנדיק זיך אַלס צענטער אַרום וועלכן עס גרופּירן זיך אָט־די אַלע באַזונדערע פּאַסירונגען. וואו איז דער פּאַראַלגעמיינער, אָדער דער אַל־געמיינער וועלכער מוז פּאַראויסגיין די פּאַרטיקולאַריזירונג?

„איך מיין זעלבסט־באַוואוסטזיין אין וועלכן מיר אונטערשיידן זיך אַלס עגאָ פון דעם ניט־עגאָ פון דעם רעשט פון דער וועלט, און איך שיק אָפּ אונדזערע פילפאַכיקע אינערלעכע צושטאַנדן צו דעם דאָזיקן עגאָ אַלס דעם צוזאַמענהאַלטנדיקן פונקט פון די צום־צענטער־גייענדיקע און פון־צענטער־אַרויסגייענדיקע דערשיינונגען״(3).

און ראַסל איז ניט גערעכט. דאָ איז אַן ענין בנוגע וועלכן מיר קענען ניט אָנהויבן פון דעם פּאַרטיקולאַר, פון דעם פּרט. מחמת אָן דעם כלל האָט דער פּרט דאָ קיין שום ממשות ניט. פונקט ווי מיר קענען ניט דערקלערן אַז אַ באַשטימטער קעגנשטאַנד איז אַן אַרטיקל פון פריי־וואַט־אייגנטום אידער עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ פּריוואַט־אייגנטימער וועלכער באַהויפּטעט זיך אַקטיוו, אַגרעסיוו, פאָדערט און פאַרטיידיקט זיין רעכט דורך פאַרכאַפּ, פאַרנעם אָדער אויפהאַלט אָדער אויף וועלכן עס איז אַנדער אופן. אָבער ער מוז זיין בכדי אייגנטום זאָל קענען עקזיס־טירן אַלס אַן אינסטיטוציע. אָן דעם עגאָ איז ניטאָ די איינצלנע פּאַרטי־קולאַרע דערשיינונג, מחמת עס איז ניטאָ דער יעניקער וועלכער קען זאָגן

מיט געוויסהייט אַז די דערשיינונג איז בנמצא, איז אַ שטיק רעאַליטעט, איז עמפּינדלעך אָדער באַגרייפלעך, אויפפאַסלעך אויף וועלכן ניט־איז שטייגער.

„הגם דעקאַרט האָט געריסן מיט דער טראַדיציע פון אַלטערטימלעכן און מיטלאַלטערלעכן געדאַנק אין באַהאַנדלען אונדזער אייגענע מענטאַלע אַקטיוויטעט אַלס דער איינציקער אומצווייפלהאַפטער פאַקט פון דערפאַרונג, איז ער אָבער פאָרט געבליבן געטריי צו דער הויפּט (כאָטש ניט די איינציקע) טראַדיציע פון די ערשטע שולן אין אָנדערקענענדיק די אור־שפּרינגלעכקייט פון קאָגניציע צווישן די פאָרמען פון יענער אַקטיווי־טעט"(4).

דעקאַרט האָט זיך ניט געקענט העלפן. מחמת אַלע איבעריקע אַקטי־וויטעטן, אויסער קאָגניציע, זעען אויס ווי אונטערגעוואָרפן דער דאָזיקער פונקציע פון דערקענונג, זיך־דערקענונג, אָן וועלכער דער מענטש וואָלט זיך גאָרניט געקענט אַטריבוטירן. און אַלע זיינע מעשים וואָלטן דעמאָלט בלייבן הענגען אינדערלופטן, זיין הפקר, ווי ניט זיינע, ווי זיי וואָלטן געווען סיטואירט אויף יענער זייט פון דער דעמאַרקאַציע־ליניע וועלכע זעלבסט־באַוואוסטזיין ציט אַדורך.

„. . . אַלע סאָרטן פון פאַרגעניגן־זיך־אָנטאָן אַנטהאַלטן, לויט אונדזער בליק, די אַלערערשטע באַזע פון דער פּערזענלעכקייט, די יעניקע אומ־מיטלבאַרע זעלבסט־עקזיסטענץ וועלכע אַלע ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען קענען באמת מאַכן מער פאַרשטענדלעך דורך קאָנטראַסטן און פאַרגליי־כונגען, אַזוי אַרום אינטענסיפיצירן זיי איר חשיבות, אָבער וועלכע ווערט ניט לכתחילה געשאַפן פון זיי"(5).

דעקאַרט האָט ניט געקענט זאָגן „איך פיל" אָנשטאָט צו זאָגן ווי ער האָט געטאָן, „איך דענק", מחמת דעם וואָס אום בכוח צו זיין צו פילן און אַרויסזאָגן עס אויף וועלכן ניט איז אופן, דורך וועלכן ניט איז מיטל פון אויסדרוק, ווערן באַוואוסטזיניק פון דעם אַקט פון שפּירונג־רעגונג פאָדערט זיך דאָך וועלכע־ניט־איז, הגם מינימאַלסטע, אַקציע, וועלכע זאָל באַהויפּטן אַז די געשעעניש האָט טאַקע פּאַסירט און איז באַ־שטעטיקט געוואָרן דורך אַן אויפנאַם. און דאָס וואָלט פאָדערן אַלס אַ פאָרבאַדינג עפּעס אַ מין סאָרט דענקעכץ.

ראָסל איז פולשטענדיק גערעכט אַז „איך" איז ניט קיין פּשוטער ענין, אַז ער איז אַ גאַנצע שורה פון פּאַסירונגען, פון דערפאַרונגען, פאַר־לויפונגען וועלכע ווערן אַרויפגעשנירלט אויף אַן עפּעס וואָס פּסיכאָלאָ־גיזירט.. אַ קינד געברויכט ניט דאָס וואָרט „איך". ער רעדט אין דער דריטער פּערזאָן, אָנרופנדיק זיך ביים אייגענעם נאָמען. אָט־דער נאָמען

נעמט אים געבן אַ זיכערקייט פון זיין אייגענעם צוזאַמענגעהאַלט, פון אינטעגראַציע. דאָס אייגענע מוז, וואַרשיינלעך, זיין אמת בנוגע דער־וואַקסענע מענטשן, וועלן זיי געפינען זיך אין אַ פרימיטיוון צושטאַנד. די איך־אידייע איז אַ קאָמפּליצירטע און קומט גאַנץ שפּעטלעך, פאַרהעלטניש־מעסיק. אָבער זי באַזיצט אַ מאָדנע אייגנשאַפט בנוגע מוקדם און מאוחר. אָנקומענדיק נעמט זי ווירקן אויף אַ רעטראָגראַדישן שטייגער, ווי ס׳רוב פונדאַמענטאַלע אידייען, גרונטאָווע השגות, וועלכע טויכן אַרויף אין באַ־וואוסטזיין צום סוף, רעלאַטיוו ריידנדיק, שטעלן זיך אָבער אַוועק די ערשטע אין דער ריי, ווי לויט דעם שפּרוך פון יעוואַנגעליע אַז „די לעצטע וועלן ווערן די ערשטע". זיי באַהויפּטן און באַשטימען זייער אָרט און נויטווענדיקע אומפאַרמיידלעכקייט אויף־קאַריקוועגס. מחמת אָן זיי, אָן זייער פירערשאַפט אָדער באַלויכטונג און באַגרינדונג, זעט די גאַנצע סומע פון געשעענישן אויס ווי באַדנלאָז, פלאַצלאַז. און דאָס טאַקע פּאַסירט ווען דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין שווימט אַרויף און פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דעם גאַנצן פּסיכאָלאָגישן אַוועקשטעל.

אָבער דער „איך" אַלס אַזעלכער איז אַן אומבאַווייזבאַרע הנחה, און ער איז דער אמתער גרונטיקער יסוד פון אמונה וועלכע איז די וועג־ווייזערין אָדער שטעג־אויסטרעטערין פאַר אַלדאָס וויסנשאַפטלעכע דענ־קען דורך דעם אַקט אַליין וואָס זי „באַשאַפט" דעם „דענקער", דעם „וויסער". די קולטיווירונג ווי די פּאָסטולירונג פון איך איז דער גרונט, דער פעלזנשטיין־פונדאַמענט פון אמונה, פון גלויבן אין זיך. דער אמתער געזונטער אַלץ־דורכדרינגענדיקער און אַלץ אַרומפאַסנדיקער גלויבן באַ־ציט זיך ניט, ווי נאַאיוויטעט מיינט און באַהויפּטעט, אויף וועזנס וועלכע געפינען זיך אויסערן מענטשן נאָר, קודם־כל, טאַקע אויף דעם זיך אַליין, אויף דעם אייגענעם איך, אויף דער פאַרמירונג, צעמענטירונג פון דער איך־פּערזענלעכקייט.

„איך שלאָג זיך אַליין ניט פאַר, מחמת אין יעדן מאָמענט פאָזיטיוויר איך זיך אָדער באַשאַף זיך... איך בין דער באַשעפער און די באַשעפענישביידע אין איינעם"(6).

אָבער אין דעקאַרטס פאָרמולע, אויף וועלכער ער האָט געבויט זיין קאָנסטרוקטיווע פילאָזאָפישע סיסטעם, ליגט נאָך פאַרבאַהאַלטן אַ טיפערער ווידערשפּרוך, און אַ טעות. „איך דענק" — אפשר דענקט זיך עפּעס אין מיר, און איך דענק גאָר ניט, דאָס האָט מיט מיין איך גאָרניט צו טאָן.

איך דענק דעריבער בין איך דאָ — איך דענק, פון וואָס ? איך דענק פון קעגנשטאַנדן וועלכע זיינען ניט־איך און איך ווער, כביכול,

אַבזערווירט אין אַ גרויסער סכּיקייט פון ניט־איכעניש. און דאָס קען מיין איך, מיין אַקטיוויטעט ניט באַווייזן. ווי אַזוי קען איך אַלס אַזעלכער גאָר האָבן די לייכסטע השגה פון ניט־איכן פון זאַכן וועלכע האָבן מיט מיר גאָרניט צו טאָן. ווי אַזוי קען גאָר אַן איך באַגרייפן, דענקען פון אַ ניט־איך, פון אַ וועזן, וואָס לויט זיין עצם מהות נאָך איז אויסער מיר. איך דענק פון אַ ניט־איך וואָלט דאָך באמת באַטייט אַז איך נעם מיין איך, כביכול, און מאַך פון אים אַ ניט־איך און פונדעסטוועגן בלייבט ער פאָרט אַ איך בשעת ער איז אַ ניט־איך. איך דענק — מיינט איך דרינג אַריין, איך אידענטיפיציר זיך מיט אַ ניט־איך און בלייב אומאידענטיפיצירט. קיין אַרגומענטאַציע שבעולם קען ניט באַווייזן די מעגלעכקייט פון אַזאַ האַנדלונג און איר לעגיטימיטעט, די באַרעכטיקייט צו טאָן עס און באַהאַנדלען דערנאָך די פּראָדוקטן פון אַזאַ אַקציע אַלס „געזעצלעכע".

דאָס איז ווייטער אַן ענין פון אמונה, פון ריינער אמונה. קיין פילאָזאָפישער, לאָגישער אַרגומענט, קען עס ניט סאַנקציאָנירן, קען עס ניט באַווייזן, רעכטפערטיקן.

„איך רייד דאָ פון געאָרג גראָדדעק וועלכער ווערט קיינמאָל ניט מיד אָנצוצייגן אַז דער אויפפיר דורכן לעבן פון דאָס וואָס מיר רופן אונדזער איך איז היפּטזעכלעך אַ פּאַסיווער און אַז, ווי ער דריקט עס אויס, „מיר ווערן געלעבט" פון אומבאַוואוסטע און אומקאָנטראָלירבאַרע כוחות (געאָרג גראָדדעק „דאָס בוך פון עס" ווין 1923). מיר האָבן אַלע געהאַט אימפּרעסיעס פון דעם זעלביקן סאָרט, כאָטש מעגלעך אַז זיי האָבן אונדז ניט באַצוואונגען אַזוי אַז זיי זאָלן אויסשליסן אַלע אַנדערע, און מיר דאַרפן ניט פילן קיין שום קווינקלעניש אין געפינען אַ פּלאַץ פאַר גראָדדעקס אַנטדעקונג אין דעם געוועב פון וויסנשאַפט"(7).

מיר נעמען זיך אַלס אַן אַקטיוויטעט. מיר קענען זיך ניט נעמען אַלס פּאַסיוויטעט. מחמת די אַנדערקענונג פון דער פּאַסיוויטעט אונדזערער וואָלט דאָך ווייטער געווען אַן אַקטיוויטעט הגם פון אַן אַנדער סאָרט.

אָבער דאָס צושרייבן אַקטיוויטעט צו אונדזער איך, די השגה אַז מיר אַליין אַלס אַזעלכע לעבן טאַקע און ניט אַז „מיר ווערן געלעבט" איז אַ רעליגיעזער פּאָסטולאַט, אַ גלויבן אין זיך. דאָס איז דער הויפּט־פּאָסטולאַט, דער עיקר פון אַלע עיקרים פון אמונה. דאָס איז דער ווינקלשטיין אויף וועלכן דער גאַנצער פּאַלאַץ פון רעליגיע האַלט זיך. מיר נעמען דעם עגאָ אַלס דעם אַקטיוון פּאָזיטיוו. מיר קענען עס ניט באַווייזן דורך קיינע חקירות, דרישות, פּאַרטיפונגען, אַריינטראַכטונגען, חריפות. דאָס איז אַ רעליגיעזע אַקסיאָמע.

„דאָס איך פּאָזיטיווירט זיך פּשוט ווייל עס איז. עס פּאָזיטיווירט זיך דורך זיין בלויזן זיין און איז דורך זיין בלויזן פּאָזיטיווירט־זיין. און דאָס מאַכט עס לגמרי קלאָר אין וועלכן זינען מיר געברויכן דאָ דאָס וואָרט איך און עס פּירט אונדז צו אַ באַשטימטער דערקלערונג פון איך אַלס אַבסאָלוטן סוביעקט. דאָס יעניקע וועלכנס זיין (וועזן) באַשטייט בלויז אין דעם וואָס עס פּאָזיטיווירט זיך אַלס זייענדיק איז דאָס איך אַלס אַבסאָלוטער סוביעקט. אַזוי ווי מיר פּאָזיטיווירן עס — איז עס. און אַזוי ווי עס איז — פּאָזיטיווירט זיך עס. און דאָס איך איז דעריבער פאַר דאָס איך אַבסאָלוט און נויטווענדיק. וואָס עס איז ניט פאַר זיך זעלבסט איז קיין איך ניט"(8).

וויאַזוי קען „דאָס איך" זיך פּאָזיטיווירן, איידער עס איז קען עס דאָך דאָס ניט באַווייזן, און נאָכדעם אַז עס איז שוין יע דאָ איז דאָך עס שוין געטאָן געוואָרן?

מיר געפינען זיך דאָ לגמרי אין רשות פון גלויבן, פון ריינער, פונדאַמענטאַלער אמונה. מיר פילאָזאָפירן ניט, טראַכטן ניט, חקירה'ן זיך ניט, נאָר גלויבן באמונה שלמה אָן אַ ברעקל קווענקלעניש. מחמת, ראשית מיר האָבן ניט פון וואָס און מיט וואָס אָנצוהויבן אַ פילאָזאָפישע אַרגומענטאַציע, פאַרפירן אַ טיפזיניקן און שפּיציק־שכלדיקן געשפּרעך אָדער גאָר זיך אויסצוברייטן און פאַרפאַסן אַ טראַקטאַט. מיר קענען עס ניט באַווייזן. ווען מ'וויל אַ הויז בויען מוז מען פאַרדעם צוגרייטן בוימאַטעריאַל און אַ באָדן, ווי אויך זיך פאַרזאָרגן מיט אינסטרומענטן אָדער אָרגאַנען. מיר קענען קיין פילאָזאָפישן געצעלט אפילו ניט אַוועקשטעלן אָן מכשירים, אָן קרקע אונטער די פיס און אָן לייוונט אָדער הויטן אָדער וועלכער ניט איז אַנדער מאַטעריאַל. מיר מוזן, קודם־כל, אַוועקלייגן די ערשטע הנחה, ד. ה. שאַפן אַ באָדן אויף וועלכן מ'זאָל קענען עפּעס אויפבויען. און דאָס באָדן־שאַפן ווערט געטאָן פון אונדזער אמונה, אונדזער גלויבן אין זיך, אין אונדזער אייגענער עקזיסטענץ און פילנסקראַפט און דענקונגס־כוח.

שנית, נאָך מער, ווען מיר זאָגן „איך בין איך" און אויף אַזאַ שטייגער באַהויפּטן מיר זיך, באַשטעטיקן די טאַטזאַכע פון אונדזער איכישער אידענטיטעט מיינט דאָך עס אַז מיר ווילן דרינגלעך פעסטשטעלן אַז דער „איך" פון איצטיקן מאָמענט איז דער אייגענער איך פון אַ מאָמענט פאַר דעם אָדער שפּעטער. און די באַהויפּטונג איז באמת אַ פאַלשע, סיי פילאָזאָפיש און סיי פּסיכאָלאָגיש. דער „איך" פון אָנהויב זאַץ, „איך בין איך", איז בשום־אופן ניט דער זעלביקער איך וואָס שטייט צום סוף

זאַך. דער איך פון אָנהויב איז ניט דער „איך" פון סוף, מעג דער אינ־טערוואַל צווישן די צווײ „איכן" זיין ווי קליין, האָט ער אָבער אַ ווירקונג און איבט אויס אַן איינפלוס אויף דעם איך. אפילו די באַהויפּטונג אַליין מוז האָבן אַן אַנדערשונג־השפעה אויף דעם איך. ווען מיר זאָגן „א איז א" מיינט עס אַז דער „א" איז סטאַטיש, אָבער אַ איך איז דאָך אַלע מאָל דינאַמיש, האַלט כסדר אין ענדערן זיך, וואַקסן און פאַנאַנדערפאַלן, ווערן און אויפהערן. און די אידענטיפיקאַציע פון דעם איך, דאָס שאַפן פון אַ סטאַטוס־קוואָ פון דעם וואָס איז דורכאויס שטראָם, גוס און פלוס — איז אַן ענין פון אמונה. עס איז אַ גלויבנסטאַטזאַכע. עס איז אַ רעליגיעזע באַהויפּטונג, בשום־אופן ניט קיין חקירהש־פילאָזאָפישער אורטייל.

„נאָכמער ווען מיר דענקען אַז מיר קענען דעם זעלבסט און מיר פּרובירן עס צו געברויכן, דעמאָלט ווערן מיר גאַנץ אָפט צעטומלט, וואָרים דער זעלבסט קען זיך ניט דעפינירן. עס פאַרמאָגט ניט קיינע גבולין; ער זעט אויס בלויז ווי אַ נעפּלהאַפטער הינטערגרונט פון זיינע אייגענע אַקטיוויטעטן, און, אַלס אַזעלכער, אַ מטושטשדיקער צוזאַמענמיש פון סתירות און פאַרווירעניש, אין איין מאָמענט איז עס אידענטיפיצירט מיט דער טאָטאַליטעט פון זיינע פאַראיבערגייענדיקע דערפאַרונגען און אין צווייטן מאָמענט מיט אַן אַנדער טאָטאַליטעט פון דערפאַרונג. לכן אויב דער זעלבסט וויל זיך אַרויסצייגן אַדעקוואַט אַלס אַ פּרינציפּ פון אוני־ווערסאַלער דערקלערונג, מוז עס, אַפּנים, באַפרידיקן קאָנפליקטירנדיקע פאָדערונגען. ער מוז, ווי עס זעט אויס, זיין אַזוי קאָמפּליצירט ווי דער גאַנצער אוניוועסום פון געדאַנק בשעת ער פאַרבלייבט דאָס אַנטגילטיק פּשוטע און יוניטאַרע"(9).

אָט־די סתירה ווערט רעכט געמאַכט נאָך־איידער זי קען זיך אַנטפּלעקן אַלס סתירה, מחמת איר אַנטפּלעקונג גופא וואָלט געפאָדערט די פאַראויס־שיקונג פון דעם וואָס גיט איר אַ מעגלעכקייט זיך צו באַהויפּטן אַלס ווידערשפּרוך. די פאַראייניקונג פון די סתירות און אַראָפּנעמונג פון די אַלע ספּעקולאַטיווע סרכאות ווערט דורכגעפירט דורך אַן אויטאָריטאַרן אַקט פון רעליגיע, פון גלויבן אין זיך, גלויבן הגם דאָס איך איז דער גרעסטער אַבסורד. און טאַקע דערפאַר וואָס דאָס איז אַן אַבסורד גיט עס אַ מעגלעכקייט דעם גלויבנס־כוח אַרויסצואווייזן זיין ווירקזאַמקייט זיין בייקומען אַזאַ קאָלאָסאַלע ניט־געשטויגן־און־ניט־געפלויגנקייט, אַזאַ מחשבה־אומגעלומפּערטקייט. דער איך נעמט צונויף זיינע צושטאַנדן, זיי־נע ווידערשפּרוכן, זיינע אַנטאַגאָניזמען אָדער זיינע עס־שיקט־זיך־ניטקייטן און מאַכט פון זיי עפּעס גאַנצעס, האַרמאָנישעס בשעת ער האַלט אויף זייער צעשפּליטערונג און דיסהאַרמאָניעס.

עס פֿאָדערט זיך גלויבן, פֿולער גלויבן, אָנצווייפֿלשטענדהאַפֿטיקער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פֿון דעם יחיד, בכדי דער יחיד פֿאַר זיך אַליין זאָל ווערן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע געוויסהייט און זאָל זיך אויסערן און פֿונקציאָנירן געוויסערמאָסן אַלס עפּעס איינעס און איינציקעס.

„אין קאַנטס פֿילאָזאָפֿיע קען מען אונטערשיידן דריי עגאָס, דער ריינער עגאָ (דער סוביעקט פֿון קענטעניש), דער עמפּירישער עגאָ (די נאָכפֿאָלגונג פֿון אונדזערע באַוואוסטזיניקע צושטאַנדן) און דער נומע־נאַלער עגאָ ד(ער סוביעקט פֿון מאָראַלער אַקציע)“(10).

עס פֿאָדערט זיך אַ געוויסע פֿאַרבײַנונג אָדער בייקומונג פֿון צייט אַ באַזייטיקונג פֿון די אינטערוואַלן וועלכע זיינען מפסיק די אינערלעכע פּאַסירונגען און לאָזן זיי ניט ווערן אין פֿליסיקער שטראָם פֿון באַוואוסט־זיין. מיט דער עלימינאַציע פֿון די צייט און רוים שטרויכלונגען נעמט אונדזער אינערלעכער לעבן אָן די פֿאָרם פֿון עפּעס אַ מין באַך (ריטשקעלע) וועלכער גייט כסדר אָן אויפֿהער, פֿליסט פֿאָראויס אין ערשט־ווייליקער דערפֿאַרונג און צוריק אין איבערלעבונג־ווידערהאָלונג אין זכרון, אָבער אין דער זעלביקער צייט שטייט ער תמיד ווי אַ פֿאַרגליווערטער אין זיין בעט, אין זיינע באַשטימטע ברעגעס פֿון זעלבסט־באַוואוסטזיין.

אָבער דאָס קען ניט אַרגומענטירט ווערן, קען ניט באַוויזן ווערן — אין דעם קען מען בלויז גלויבן. און גלויבן אין דעם איז ניט קיין פּרייוויליקער ענין פֿון יע אָדער ניט, „מ׳מוז“ גלויבן, ווייל אָן דעם גלויבן וואָלט ניט געווען גאָר בנמצא דער גלויביקער איך און ער וואָלט ניט געהאַט, ממילא, אין וואָס צו גלויבן. דער גלויבן אין דעם פּרט איז דער גלויביקער, גלויבן און דאָס געגלויבטע אַלס איין זאַך, איין אידענטיטעט. עס איז אַ גלויבן אין זיך, אין גלויבער און אין גלויבעניש. און אָן דעם גלויבן וואָלט ניט געווען אין וואָס צו גלויבן און עס וואָלט ניט געווען ווער עס זאָל גלויבן. דער סוביעקט פֿון גלויבן, דער אָביעקט פֿון גלויבן איז דער זעלביקער גלויבן וועלכער איז די אַקציע פֿון גלויבן און די אַקציע שאַפֿט דעם גלויבער און דאָס געגלויבטע, ווייל עס איז אַ זעלבסט־גלויבן.

„אַלע מערקזאַמע פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען האָבן זייער אָנטגילטיקע לייזונג אין זעלבסט. וואָס מ׳זאָל ניט פֿרעגן מכוח רעאַליטעט, מוז דער אַנטשלאָסענער ענטפֿער וואַרטן אויף דעם פּרינציפּ פֿון זעלבסטהייט... דער זעלבסט איז דער עכסט אינטימסטער פֿאַקט אין אונדזער דערפֿאַרונג... דער זעלבסט, אַלעמאָל דאָ־זייענדיק, ווערט זיך־אַרויסמאַכנדיק. מיר גייען אַרויס פֿון אונדזער אייגענעם זעלבסט צו וואוינען צווישן די באַשאַפֿונגען פֿון זעלבסט, וואו דער זעלבסט, פֿאַרשטייט זיך, קען ניט געפֿונען ווערן.

מיר קוקן אינעווייניק־אַריין, מיט קוקן אין־דרויסן־אַרויס, דער זעלבסט איז דאָרטן ניטאָ״(11). עס איז „כבודו מלא עולם״ און צו דער זעלביקער צייט איז משרתיו שואלים: איה מקום כבודו?

מ׳קען דעם זעלבסט ניט געפינען, ווען דער זעלבסט לויפט אַרומעט עס זוכן, זיך אַליין זוכן. ער קען זיך אַליין ניט געפינען ניט אין זיך ניט אויסער זיך. ער קען זיך ניט געפינען, בשעת ער איז דער זוכער, מחמת אַ זוכער קען קיין געפינער ניט זיין אויף־אַמאָל אין דער אותו־רגע ווען ער וויל זיך באַהויפּטן און דעמאָנסטרירן אַלס זוכער.

מ׳קען קיינעם ניט איבערצייגן, אָדער איינריידן אַז „ער איז ער״, סיידן ער גלויבט אין דעם אַז ער איז ער, ערשט דעמאָלט איז ער עס, סיידן ער נעמט זיך אָן פאַר זיך אַליין, ער פאָרמירט זיך, ער עטאַבלירט זיך. פּונקט ווי קיינער וואָלט בשום־אופן ניט קענען אימיצן אויטאָעמאַנ־ציפּירן אַזוי קען קיינער ניט „באַוויזן״ די עקזיסטענץ פון דעם איך צו דעם ווער עס איז דאָס ניט, איז ניט בנמצא.

מיט אַנדערע דיבורים, יעדער זעלבסט אַלס זעלבסט איז אַן ענין פון זיין אייגענעם אינערלעכן גלויבן, פון זיין אייגענעם גלויבן אין זיך זעלבסט, אין זיך אַליין, אין זיין גאַנצקייט, אין זיין זעלבסטקייט, אין זיין זיך־אייניקייט, אין זיין אידענטיטעט, אַ טעזיס וועלכער איז פאַלש סיי פּסיכאָלאָגיש און סיי לאָגיש.

אמתע אמונה, רעכט־גלויבעניש איז דער גלויבן אין זיך אַליין, אין דעם אייגענעם לייבלעכן און זעלישן זעלבסט, אין דעם אייגענעם קיום, און, אַלס פּועל־יוצא, אין דער עקזיסטענץ פון דער וועלט, אַ טעזיס וואָס איז דער גרעסטער אַבסורד, די גרעסטע לאָגישע אוממעגלעכקייט און אומדענקלעכקייט.

„דער ענדלעכער רעזולטאַט איז אַז די גאַנצע אינערלעכע וועלט ווערט אויפגעלייזט אין אַן אורזאַך פון אונדזער דערפאַרונג... מיר און די אויסערלעכע וועלט זיינען איינס. מיר באַשאַפן ניט די אויסערלעכע וועלט אין דעם בוכשטעבלעכן פּשט פון וואָרט, מיר טוען עס אין דעם פּסיכאָלאָגישן זינען. מיר באַשאַפן אונדזער דערפאַרונג דורך אונדזער רעאַגירן אויף סטימולאַנטן וועלכע, מיר גלויבן (מיין קורסיוו) ווערן צו־געשטעלט פון דרויסן. אין לעצטן פאַל ווערט די גאַנצע זאַך פאַרוואַנדלט אין אַן אומענדלעך ברייטערער פאַרגרעסערונג פון דעם עגאָ ווי די וועלכע וויליאַם דזשיימס האָט, אין זיינע עכסט עקספּאַנסיווע מאָמענטן, געוואַגט צו פאָדערן. די אויסערלעכע וועלט, אַזוי ווייט ווי איך ווייס עס, איז באמת אונדזער אויסגעצויגענער עגאָ.

אַן דאָרטן ליגט ער (אַ פּאַמעראַנץ) אויפן טיש בעפאַר מיר, מחוץ פון מיר און אַפּנים אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון מיר. אָבער פון וואַנעט ווייס איך אַז דאָס איז דאָ? דער אויבנאויפיקער ענטפער איז אַז איך זע עס און עס איז אין גוסט פון דעם ערשטן טייל פון פּאָפּולערן שפּרוך „זען איז גלויבן". ווען אַ ווייטערדיקער ספק ווערט אויפגעוועקט, נעמט דער פשוטער מענטש און גייט טאַקע צו, נעמט דעם פּאַמעראַנץ אין האַנט און ציטירט דעם צווייטן טייל פון דעם פּתגם: „און פילן איז דער הוילער אמת". אָבער אַנרירן איז ניט מער איבערצייגנדיק אין דעם דאָזיקן פאַל ווי זען. ביידע זיינען זיי ניט מער ווי צוויי מאָדוסן פון באַוואוסטזיין. אַלץ וואָס מיר ווייסן פון דעם אַפּעלסין איז די סומע פון עמפּינדונגען וואָס ער האָט פאַראורזאַכט, אויפגעוועקט אין אונדזער באַוואוסטזיין. מיר פאַרמאָגן בלויז אונדזערע עמפּינדונגען צו באַווייזן אַז דאָרטן איז דאָ אַן אַפּעלסין. דער אַפּעלסין איז אַ חלק פון אונדזער דער-פאַרונג, און דאָס איז אַלץ וואָס מיר קענען זאָגן מכּוח דעם"(12).

„ווי אומדערקלערבאַר, אין אַ געוויסן זינען, עס איז די פּערזענלעכע אַגענטור, — מערער, דער איינציקער פּערזענלעכער נס — איז עס פּאַרט אונדזער זיכערסטער דאַטום און דער שליסל צו דער מיסטעריע פון עקזיסטענץ. אין דעם טעלעאָלאָגישן „איך וויל" איז יעדער מענטש רעאַל און איז אומפּאַרמיטלדיק באַוואוסטזיניק פון זיין אייגענער רעאַלי-טעט. וואָס עפּעס אַנדערש מעג אָדער מעג ניט זיין רעאַל, דאָס איז רעאַל(13).

אַט-דער גלויבן האָט זיין שורש טיף-איינגעוואָרצלט אין מענטשנס זעלבסט-באַוואוסטזיין, אין זיין איך-דערקענטעניש, אין זיין אייגענעם סוב-יעקט-פּאָסטולאַט. דאָס איז די צושרייבונג פון זיינע עמפּינדונגען צו זיינע אייגענע חושים, די אַטריבוטירונג פון זיינע באַוואוסטזיניקע אורטיילן, וועל-כע ווערן געפּאַסט פון אים, צו זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, זיין דענקנס-אַפּאַראַט.

„אין דעם אַלגעמיינעם ווירוואַר פון עמפּינדונגען און געפילן איז, לכן, איין באַזונדערע גרופּע פון אמתע עמפּינדונגען אַזוי חשוב, אַזוי באַהערשנדיק אַז די באַצייכענונג איך זעט אויס צו געהערן צו איר אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן. איך מיין די גרופּע פון בחוש-פילונגען וועלכע שטעלן צוזאַמען דעם קערפּער אָדער די פיזישע אָרגאַניזאַציע. עס איז אַ קוריאָזע זאַך אַז דווקא די פּראָצעסן וועלכע גייען אָן לפני פון דער דאָזיקער פיזישער אָרגאַניזאַציע זיינען כּמעט ווי אינגאַנצן פאַרהוילן פון אונדז, מיר קענען צוקומען צו זיי בלויז דורך אַן אינדירעקטער און זייער אומפאַרלעסלעכער דעדוקציע. און פונדעסטוועגן איז דער אויסער-

לעכער גוף דער העכסט אומאויסוויכנדיקער אָביעקט אין דעם אוניווערסום. וואו מיר זאָלן ניט גיין, וואָס מיר זאָלן ניט טאָן, איז דער קערפּער אַלע מאָל מיט אונדז, צווינגט ער זיך אַרויף אויף אונדזער אויפמערקזאַמקייט, און אומגעאַכטעט וועלכן אַנדערן מעטאַפיזישן אינהאַלט מיר מעגן געבן דעם איך, מוז עס אָבער בלייבן ערשטלעך אַסאָציאירט מיט דעם קערפּער אין אַלע צייטן און אומעטום.

אין צוויי עכסט חשובע הינזיכטן אונטערשיידט זיך די דאַזיקע איך־פיזישע אָרגאַניזאַציע פון יעדן אַנדערן אָביעקט אין אוניווערסום. ראשית, אַ גאַנצע גרופּע פון ווירקלעכע עמפּינדונגען איז לאָקאַליזירט אין קיין אַנדער אָרט נאָר אין איר פון־אינעווייניק, און די דאַזיקע עמפּינדונגען געפינען זיך צווישן די עכסט דיקלעכע און סובסטאַנציעל וויכטיקע פאַר אונדזער לעבן. עלעמענטאַרע בחוש־פילונגען, ווי שמעקן, פאַרזוכן, אָנרירן, אַריינגערעכנט די פיזישע דערשיינונגען פון געשלעכט, עקזיסטירן בלויז אין קערפּער אַליין. די קאָמפּליצירטע שפּירונגען וועלכע מיר שליסן איין אונטער דעם נאָמען פון ווייטיק געפינען זיך אינגאַנצן אין קערפּער, און קיין זאַך אין דער וועלט מאַכט ניט דעם איך אַזוי שאַרף, אַזוי אויס־שליסלעך באַוואוסטזיניק פון זיך זעלבסט ווי ווייטיק...

דער צווייטער עקסטראַאָרדינאַרער אונטערשייד צווישן דעם קערפּער און אַל־דאָס איבעריקע פון דער וועלט ליגט אין דער דירעקטער געהאָרכזאַמקייט פון דעם קערפּער צו דעם ווילן, צו דעם פאַרלאַנג וועלכער ווערט באַגלייט מיט אַן אָנשטרענג. אין דעם גאַנצןברייטן אוניווערסום, ווי מיר קענען אים, איז ניטאָ בנמצא דער פּיטצלסטער אָביעקט מחוץ פון אונדזער גוף וועלכער זאָל ווערן באַווירקט דירעקט פון אונדזער ווילן אָן דער אַריינמישונג פון אַ קערפּערלעכער אַגענטור״(14).

מיר ווייסן פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין אונדז גאַנץ ווייניק, נאָך ווייניקער ווייסן מיר וועגן דעם גאַנצן ענין „אונדז״. די איך־פיזישע און איבערהויפּט די איך־גייסטיקע אָרגאַניזאַציע איז אומבאַגרייפלעך מיטן שכל, מיטן פאַרשטאַנד, מיטן אינטיואיטיוון אינסטינקט און אומאויפנעמלעך מיט די חושים, אָבער זי איז דאָ, זי פונקציאָנירט, זי עקזיסטירט. און דער איך אַליין איז דער אָרגאַניזירער און דער אָרגאַניזירטער. עס איז אַן איך־זעלבסט־אָרגאַניזאַציע אין וועלכער דער אָרגאַניזאַטאָר, דער אָר־גאַניזירטער און די אָרגאַניזאַציע אַלס אינסטיטוציע איז איין און די זעל־ביקע זאַך און די זאַך איז אַ פּערזאָן. דער איך איז ניט קיין סוביעקט פון ווויסן און דערקענען, דערקענטעניש און דערוויסעניש איז בנוגע דעם עיקר סוביעקט, דעם דערקענער און דערוויסער, דעם ווייסער און קענער, ניט שייך. ער איז אַ סוביעקט פון גלויבן. און דער איך איז אַ סכיקייט

וועלכע איז אַן איינקייט. ער איז דער אינעווייניקסטער רבים און ער איז דער אינעווייניקסטער יחיד. ער איז דער אָפּשלאָג פון אַלע אונדזערע וויסנשאַפטלעכע השגות און אין דער זעלביקער צייט איז ער דער איינציקער וועלכער ניט נאָר באַשטעטיקט זיי נאָר דינט אַלס מוסטער פאַר זייער פאָרמירונג.

„מיר... אַנטדעקן אַז אונדזער פּערזענלעכער זעלבסט איז דער רעגולאַטיווער מקור פון אַלע געזעצן אונטער וועלכע נאַטירלעכע און פילבאַרע עקזיסטענץ מוז געפינען איר קורס, און אויף אַזאַ שטייגער ווערן באַציאונגען פון אַ ווען וואָס, לויט זיין עצם-מהות נאָך, שטייגט אַריבער אַלע די שינויים פון דער בלויזער נאַטירלעכער וועלט, אַריבערלעבנדיק אַלע אירע מעגלעכע קאַטאַסטראָפעס און באַזאָרגנדיק איר מיט אַ יסוד פאַר איר פאָרטזעצונג אין נייע מאָדוסן און אונטער נייע אומשטענדן״(14-א). אָבער ער אַליין געפינט זיך לגמרי מחוץ פון דעם וויסן-תחום, ער געהערט אין געביט פון טיפן אומקווינקלדיקן גלויבן. אינעווייניק, אין מענטשנס לפני ולפנים, אין זיין געהיימנישפולן במסתרים, אין זיין הייליקסטן קדשי קדשים געפינט זיך דער קוואַל פון ריינער אמונה, פון דער אמונה וועלכע איז אַבסאָלוט, וועלכע לאָזט קיין ספק צו זיך ניט צו בשום-אופן, וועלכע איז פונקט אַזוי און קען בשום-אופן אַנדערש ניט זיין, סיידן דער „אַנדערש״ ווערט אַן ״אַזוי״ און דעמאָלט קען עס ווייטער „אַנדערש״ ניט זיין. אין איך איז דער מקור פון בשלימותדיקן גלויבן, דעם גלויבן וואָס אַלץ מער געלייטערטער און אויפגעקלערטער ער ווערט אַלץ טיפער און איינגעגלויבטער ווערט ער. דער איך איז דער גלויבן אַליין בפועל-ממש, דער איך איז דער עצם-מהות פון גלויבן.

„דער גאַנצער שטרייט פאַר עקזיסטענץ פון דעם זעלבסט קען אויסגעקעמפט ווערן ביי דעם דאָזיקן פונקט. די חושים-פּערצעפּציע איז די אַרענע וואו דער זעלבסט זעט צו ערשט אויף אַן אַנטשלאָסענעם אופן אַז מ׳זאָל זיין אַנוועזנהייט פילן. ווייטערדיקער שטודיום קען אַנטדעקן אַנדערע פאָרמען פון זיין אַקטיוויטעט און העלפן צו באַשטימען זיין ריכטיקן כאַראַקטער, אָבער די צוגעגעבענע באַווייזע פאַר זיין עקזיסטענץ וועלן פּשוט בלויז פאַרפעסטיקן דעם גלויבן וועלכער איז שוין עטאַבלירט אויף זיכער״(15).

די ערשטע אָפּנבאַרונג איז די אַנטפּלעקונג פון ענאָ, די דעמאָנסטראַציע פון פאַראַנענזיין פון אַן אייגענעם זעלבסט, די עקזיסטענץ פון המשך, פון אידענטיטעט, די אַנדערקענונג פון ווידערהאָלונג און שטענדיקער פאָרטזעצונג אַן איבעררייסונגען, אַן אָפּשטעלונגען, אַן וועלכע-ניט-איז הפסקים פון זיך אַליין, פון אייגענעם איך.

אַט־די גרויסע ראשיתדיקע התגלות איז די דערפינדונג אַז עס איז דאָ אַ בונד, אַ ברית־בין־הבתרים, אַ צוזאַמענהאַנג צווישן די שטיקלעך און ברעקלעך וועלכע שטעלן צונויף דעם מענטשנס קערפּער און זעל, און מאַכן פון אַט־די פראַגמענטן עפּעס גאַנצעס, אָרגאַנישעס הן אין ביאָלאָגישן און הן אין פּסיכאָלאָגישן זינען.

פון ערשט ראַנגיקער חשיבות איז די אַנטדעקונג אַז עס איז דאָ אַ פאַרהעלטעניש וועלכע קניפּט צוזאַמען דעם מענטשנס פאַרשיידענע אַק־ציעס, כאַאָטיש־צעוואָרפענע מעשים און מאַכט פון זיי אַ סיסטעמאַטישן אויפפיר מיט אַן אויסגעהאַלטענעם, פאַראַנטוואָרטלעכן אויפפירער.

„איך פיל אַז איך בין אַ כאַמעלעאָן, אַ קאַלײדעסקאָפּ, אַ פּראָטעאין־באַשעפעניש פייאיק צו בייטן־זיך, צו פּאָלאריזירן אין יעדער מעגלעכער פאַסאָן, פּליסיק, היוצא פאַרהוילן אפילו אין מיינע מאַניפעסטאַציעס, ניט־דערבייזייענדיק אפילו אין מיינע רעפּרעזענטאַציעס. איך קוק זיך צו, ווי דאָס וואָלט געווען אַ מאָלעקולאַרע קעסלגרוב וועלכע רופט זיך אָן אינדיווידועלעס לעבן. איך פאַרמאָג פּערצעפּציעס און באַוואוסטזיין פון דעם דאָזיקן מעטאַמאָרפאָזיס, פון דעם דאָזיקן אומווידערשטעגדלעכן פלוס פון עקזיסטענץ, וועלכער קומט פאָר אין מיר; איך פיל אַז אַלע שטיקלעך פון מיין וועזן איילן פאַרביי, באַנייען זיך, מאָדיפיצירן זיך, אַלע טראָפּנס פון מיין טייך, אַלע שטראַלן וועלכע ווערן פּראָיעקטירט פון מיין כוח פון אינדיווידואַליטעט"(16).

און דער כאַמעלעאָן, און דער שטראָם ווערט דער סאָלידסטער שטאַרקסטער, האַרטסטער פעלזנשטיין פון אונדזער אידענטיטעט דורך אַן אַקציע פון אמונה. אַט־די מילי־מיליאָנען טראָפּנס, שטראַלן ווערן איין אחד און זיי פליסן אַרויס פון אינדיווידואַליטעט וועלכע איז צעמענטירט מיט גלויבן, וועלכע איז די סאַמע פאַרקערפּערונג און פאַרזעלונג פון ריינער און פולמאַסיקער אמונה.

„קען זיך אַליין" (סאָקראַטעס). גנאָטי סעאַטאָן.

אַנשטאָט דעם דערקענען זיך אַליין, דערקענען דיין זיך־זעלבסט שטעלן מיר אַוועק אַן אַנדער שפּרוך וועלכער איז טיפער, געזונטער און גייט נענטער צו די וואָרצלען פון עצם איכהייט און דאָס איז „גלויב אין זיך". עס איז אוממעגלעך צו קענען זיך, מחמת פאַרן קענען און דערקענען מוז דאָך שוין זיין אַן איך אַ דערקענטער. און דער איך דער דערקענטער איז ניט אידענטיש מיט דעם איך דעם דערקענער, פאַרן אַקט פון דער־קענטעניש.

עס איז אַזוי מעגלעך צו דערקענען זיך, ווי עס איז מעגלעך צו פאָטאָגראַפירן דעם פאָטאָגראַף מיט דעם פאָטאָגראַפירער. וויפיל מאָל

איר זאָלט אים ניט אָראָפּנעמען ווען דאָך סוף כל סוף בלייבן אַ פאָטאָ־גראַף און אַ פאָטאָגראַפירער וועלכער איז ניט פאָטאָגראַפירט געוואָרן. זיך דערקענען מוז ווערן אַ זיך־דערקענונג אַ זעלבסט־דערקענונג און זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַ זאַך וואָס איז אינגאַנצן פאַרשיידן פון דערקענונג אַלס אַזעלכע וועלכע האָט אַ דערקענער און אַ דערקענטן, אַנטהאַלטן די צעשפּאַלטונג אָן וועלכער קיין דערקענונג קען ניט זיין בנמצא. זעלבסט־באַוואוסטזיין איז דער עצם באַוואוסטזיין וועלכעס איז בשום־אופן ניט באַוואוסט.

„מיר האָבן פאָרמולירט די אידייע אַז אין יעדן אינדיווידוּאום איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַלטנדיקע אָרגאַניזאַציע פון מענטאַלע פּרינציפּן, וועלכע מיר רופן אָן עגאָ. דער דאָזיקער עגאָ נעמט אַריין באַוואוסטזיניקייט און ער קאָנטראָלירט די דערנענטערונג צו מאָטיליטעט דאָס הייסט צום אַרויסשיק פון די אויפרעגונגען אין דער דרויסן־וועלט אַריין"(17).

די עכסט גרונטאָוונע באַהויפּטונג און וויכטיקסטע אַקציע איז די וועלכע באַשטייט אויף דעם אַז עס איז דאָ אַ צוזאַמענשייכות וועלכע שלייפט איינס־מיט־דאָס אַנדערע אַלע וואַריאירנדיקע און זיך־ווידערשפּרעכנדיקע זיך־אָפּשלאָגנדיקע באַוואוסטזיינצושטאַנדן און פאַרמירט פון דעם געמיש און געווימל עפּעס פּסיכיש גאַנצעס, אַ זעלן־אחד, אַ נשמה־און־גוף באַ־העפטונג, אַ קערפּער־און־נפש צוזאַמענפּאָרונג — אַ פּערזענלעכקייט. און דאָס ווערט געטאָן און קען געטאָן ווערן בלויז אין כוח פון דעם זעלבסט־גלויבן, זעלבסט־איינגעגלייבקייט, זעלבסט־באַגלויבטזיניק זיין.

„... זעלבסט־באַוואוסטזיין, דאָס איז באַוואוסטזיין פון זעלבסט, האָט מען גענומען באַטראַכטן אַלס דעם מהות פון פּערזענלעכקייט.

דער אויסדרוק „זעלבסט־באַוואוסטזיין" איז וואַרשיינלעך געשאַפן געוואָרן אין איינגלאַנד, וואו מיר געפינען אַז לאָק און אַנדערע שרייבער פון זיין צייט האָבן עס געברויכט"(18).

אויב ניט אַנשטאָט זעלבסט־באַוואוסטזיין וואָלטן מיר, לכל־הפחות, פּאַראַלעל מיט דעם רעקאָמענדירן איינצופירן דעם אויסדרוק זעלבסט־איינגעגלויבטקייט, זעלבסט־גלויבן. דער איך, די פּערזענלעכקייט איז מער זעלבסט־גלויביק ווי זעלבסט־באַוואוסט. דער הויפּט־שטריך, דער סאַמע עצם מהות פון אַ פּערזענלעכקייט איז ניט אַזויפיל איר זעלבסט־באַוואוסט־זיין, אַ ענין וואָס איז שטאַרק פּראָבלעמאַטיש, ווי איר זעלבסט־גלויביק־זיין, זעלבסט־באַגלויבט זיין.

„עס זיינען דאָ פילאָזאָפן וועלכע בילדן זיך איין אַז מיר זיינען אין יעדן מאָמענט אינטים־באַוואוסטזיניק פון דעם וואָס מיר רופן אָן אונדזער זעלבסט; אַז מיר פילן זיין עקזיסטענץ און זיין פאָרטזעצונג אין עק־

זיסטענץ, און מיר זיינען זיכער, אויף יענער זייט פון באַוויז דורך אַ דעמאָנסטראַציע, סיי אין זיין שלימותדיקער אידענטיטעט און סיי אין זיין איינפאַכקייט... צום־אומגליק זיינען אַלע די דאָזיקע באַהויפּטונגען קעגן דער סאַמע דערפאַרונג וועלכע דאַרף עס איינטענהן פאַר זיי. מיר פאַר־מאָגן קיין שום אידייע ניט וועגן דעם זעלבסט אין דעם שטייגער ווי עס ווערט דערקלערט... עס מוז זיין אַ באַשטימטע אימפּרעסיע וועלכע זאָל אַרויסרופן אַ באמת ווירקלעכע אידייע... אויב וועלכע עס איז אימ־פּרעסיע רופט אַרויס די אידייע פון זעלבסט מוז די דאָזיקע אימפּרעסיע בלייבן כסדר די זעלביקע דורך דעם גאַנצן קורס פון אונדזער לעבן, מחמת דער זעלבסט דאַרף עקזיסטירן אויף דעם דאָזיקן אופן. אָבער עס איז ניטאָ אַזאַ שטענדיקע און אומענדלעכע אימפּרעסיע. ווייטיק און פאַר־גניגן, אומעט און פרייד, ליידנשאַפטן און פילונגען פאָלגן נאָך איינע די אַנדערע, און זיי עקזיסטירן קיינמאָל ניט אויף־אַמאָל... בנוגע מיר אַליין, ווען איך טרעט אַריין אויף דעם אינטימלעכסטן שטייגער אין דאָס וואָס איך רוף מיין זעלבסט, שטויס איך זיך אַלע מאָל אָן אויף איין באַזונדערער פּערצעפּציע אָדער אויף אַן אַנדערער פון היץ אָדער קעלט, ליכט אָדער שאָטן, ליבע אָדער האַס, ווייטיק אָדער פאַרגעניגן. איך קען קיינמאָל ניט כאַפּן מיין זעלבסט אין וועלכער עס איז צייט אָן אַ פּער־צעפּציע, און איך קען קיינמאָל גאָרניט באַאָבאַכטן אויסער אַ פּערצעפּציע. כל־זמן מיינע פּערצעפּציעס זיינען באַזייטיקט פאַר אַ שטיקל צייט, ווי אין אַ טיפן שלאָף, אַזוי לאַנג ווייס איך פון זיך ניט, און מ׳קען זאָגן באמת אַז איך עקזיסטיר ניט. און ווען אַלע מיינע פּערצעפּציעס וואָלטן באַזייטיקט געוואָרן דורך טויט, און איך וואָלט קענען ניט טראַכטן, ניט פילן, ניט זען, ניט ליבן, ניט האַסן נאָך דעם פאַנאַנדערפאַל פון מיין קער־פּער, וואָלט איך אינגאַנצן געווען פאַרניכטעט, איך קען אפילו ניט באַ־גרייפן וואָס מער וואָלט זיך געפאָדערט אַז ס׳זאָל פון מיר ווערן „גאָרניט מיט גאָרניט". אויב אימיצער, נאָך אַן ערנסטער און אומפּאַראָאור־טיילהאַפטער איבערלעבונג, דענקט אַז ער האָט אַן אַנדער השגה מכוח זיך זעלבסט, מוז איך זיך מודה זיין אַז איך קען מיט אים ניט אַרגומענטירן. אַלץ וואָס איך קען אים דערלויבן איז אַז, מעגלעך, ער איז פּונקט אַזוי גערעכט ווי איך בין, און אַז מיר זיינען פונדאַמענטאַל פאַרשיידן אין דעם פּרט. אפשר, קען ער שפּירן עפּעס אַזוינס וואָס איז איינפאַך און המשכדיק און וואָס ער רופט זיין זעלבסט; הגם איך בין זיכער אַז אַזאַ פּרינציפּ איז אין מיר ניטאָ. אָבער לאָזנדיק אָן אַ זייט עטלעכע מעטאַ־פיזיקער פון דעם סאָרט, וואָלט איך וואָגן צו באַהויפּטן בנוגע די איבעריקע פון דער מענטשהייט אַז זיי זיינען גאָרניט חוץ בלויז אַ בינטל אָדער אַ

קאָלעקציע פון פאַרשיידנאַרטיקע פּערצעפּציעס וועלכע פאָלגן נאָך איינע נאָך די אַנדערע מיט אַן אומבאַמערקבאַרער שנעלקייט און געפינען זיך אין אַ תמידיקער פליסונג און באַוועגונג. מיר קענען ניט אַ דריי טאָן אונדזערע אויגן אין קאָפּ און אונדזערע פּערצעפּציעס זאָלן זיך דערביי ניט ענדערן. אונדזער געדאַנק איז נאָך מער וואַריאירנדיק ווי אונדזער ראיה, און אַלע אונדזערע איבעריקע חושים און פיאיקייטן טראָגן ביי צו אָט־דער ענדערונג. עס איז אויך ניטאָ בנמצא אַזאַ כוח פון דער נשמה וועלכע זאָל פאַרבלייבן דער זעלביקער אומגעענדערט אפילו פאַר איין מאָמענט. דער שכל איז עפּעס אַ מין סאָרט טעאַטער, וואו פאַרשיידענע פּערצעפּציעס איינע נאָך די אַנדערע מאַכן זייערע אַרויסטרעטונגען, גייען פאַרביי, קערן זיך אום, גליטשן זיך אַוועק און מישן זיך אויס אין אַן אומענדלעכער וואַריעטעט פון פּאָזעס און סיטואַציעס. דאָ איז וואַרשיינלעך ניטאָ קיין איינפאַכקייט אין איין צייט, קיין אידענטיטעט אין אַן אַנדער צייט, ניט געאַכטעט אויף אונדזערע נאַטירלעכע נטיות זיך איינצובילדן די דאָזיקע איינפאַכקייט און אידענטיטעט. דער פאַרגלייך מיטן טעאַטער דאַרף אונדז ניט פאַרפירן. זיי זיינען בלויז נאָכפאָלגנדיקע פּערצעפּציעס וועלכע שטעלן צוזאַמען דעם שכל. מיר פאַרמאָגן אויך ניט די ווייטסטע השגה מכוח דעם פּלאַץ וואו די דאָזיקע פילונגען ווערן פאַרגעשטעלט אָדער מכוח דעם שטאָף פון וועלכן זיי ווערן צוזאַמענגעשטעלט״(19).

יום איז געטרעכט ווען ער אַרגומענטירט קעגן די יעניקע פילאָזאָפן וועלכע ווילן אָנכאַפּן דעם איך ביי די פּיאַטעס און אים דעמאָנסטרירן, באַווייזן, ברענגען ראיות און אָנצייגן טאַטלעך זיין פאַראַנענזיין. ער איז אָבער לחלוטין ניט געטרעכט ווען ער שלאָגט אָפּעט די אידייע פון דער גאַנצקייט, פון דער אחדות און יחוד פון דעם איך. אָפּפרעגן די פאַלשע שפּינוועבסיקע אַרגומענטאַציעס זייערע איז מכל־וכל ניט דאָס אייגענע ווי אָפּפרעגן די איכהייט, דעם יחוד פון זעלבסט, דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין.

דער איך איז ניטאָ בנמצא. פאַרוואָס ? ווייל מ׳קען אים בשום אופן וועגן ניט כאַפּן, טאָקע אים אַליין בכבודו ובעצמו, ניט זיינע פאַרשטייער, זייע שטעלפאַרטרעטער, זיינע במקומס, זיינע טיילן, זיינע פּערצעפּציעס, זיינע טואונגען, זיינע אויפפירונגען, וועלכע מ׳קען יע דערטאַפּן. אָבער אים דעם אדון הגדול אַליין קען מען ניט פאַקן. פונדעסטוועגן מוז יום צוגעבן אַז אַמאָל ווערט ער יע נייגעריק און דעמאָלט בליקט ער אַריין אין זיין אינערלעכקייט, ער ווערט אַ מין „הציץ״, כאָטש ניט קיין „נפגע״. יום איז זיך מודה אַז ער קוקט אַריין אין זיין לפני ולפנים, אין זיין פּסיכישן פּרדס. אָבער ער פאַרזיכערט אונדז אַז ער גייט אַריין בשלום

און קומט אַרויס בשלום, אָבער אַן „אומגלויביקער״, ער זוכט, נישטערט און געפינט גאָרניט אַזעלכעס אויף וואָס ער וואָלט געקענט אָנווייזן מיטן פינגער און זאָגן אָט איז דער בעל־דבר אַליין, אָט איז דער כביכול, דער איך.

די פראַגע איז אָבער ווער איז דאָס דער יעניקער עזותניק, דער יעניקער חוצפּהניק וואָס וואַגט אַריינצוקוקן אין די במסתרים פון זיין אייגענעם קדשי־קדשים, וואַרפן אַן אויג הינטערן פרגוד? איז דאָך עס ווייטער דער זעלביקער איך אַליין, וועלכער גייט אַרום זיך זוכן און קען זיך אַליין בשום־אופן ניט געפינען. ווי אַזוי קען מען גאָר אַזאַ זאַך באַגרייפן? מ׳קען עס טאַקע ניט באַגרייפן. אין דעם מוז מען גלויבן. און יום גלויבט ניט ווייניקער פון אַנדערע.

דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין איז אומאָפּפרעגבאַר, מחמת עס איז אַ גלויבן, אַן אמונה זאַך, אַן איינגעגלויבטקייט וועלכע דערלאָזט ניט קיין שום אַרגומענטאַציע קעגן זיך אָדער פאַר זיך. די איינציקע כלי־זיין וועלכע מ׳קען נוצן קעגן דעם זעלבסט־באַגלויבטזיין איז צווייפל. אָבער זעלבסט־באַגלויבטזיין לויט זיין עצם־מהות נאָך שליסט אויס אַלע מיני ספקות, ווייל ער זעצט פאָראויס די אָפּוועזנהייט ניט־דער־בייזייאיקייט פון דעם צווייפלער. פונקט אַזוי ווי מ׳קען ניט אָנהויבן מיט אַ נעגאַטיוו, מחמת עס וואָלט ניט געווען וואָס צו נעגאַטיווירן, עס וואָלט ניט געווען וואָס צו פאַרלייקענען, פאַרניינען. אַזוי קען מען ניט אָנפאַנגען מיט זעלבסט־צווייפל. מחמת דער וואָרט זעלבסט וואָלט דאָך אָנצייגן אויף אַ פּאָזיטיוו, און דאָ וואָלט זיך באַקומען אַ מאָדנע סתירה פון א פּאָזיטיוון נעגאַטיוו. יום קען זיך אויף אַ גאַנץ געלונגענעם אופן פּרובירן אָפּליי־קענען דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין. ער וועט באַווייזן אַז דער זעלבסט אַלס אַזעלכער איז ניט באַוואוסטזיניק. ער קען אָבער גאָר ניט טאָן מיט זעלבסט־באַגלויבטזיין. אַרגומענטאַציע איז דאָ אימפּאָטענט, אומווירקזאַם. עס איז ניט אַן ענין פון אורטיילן, עס איז אַן ענין פון רייגער אמונה, זעלבסט־גלויבן. נעגאַציע אָדער צווייפלונג קען דאָ גאָרניט טאָן, מחמת זיי וואָלטן מוזן צוגעבן די עקזיסטענץ פון דעם זעלבסט בכדי צו שאַפן אַ נעגאַטאר אָדער אַ צווייפלער, וועלכער וואָלט מוזן ווערן אַ זעלבסט־נעגאַטאר אַ זעלבסט־צווייפלער. אַזוי־אַרום וואָלט אַריינקומען דער זעל־ביקער זעלבסט הגם דורך דער הינטערשטער טיר און ער וואָלט אָנלייגן אַ רעכט ביסל אומזיסטן וועג.

יומס אַרגומענטאַציע, די שווערע אַרטילעריע וועלכע ער געברויכט קעגן דער גאַנצקייט, אחדות און יחוד, אייניקייט און איינציקייט פון זעלבסט איז ניט ווערט קיין איין שאָס פּולווער.

אייגנטלעך וואָס טוט יום ווען ער אַרגומענטירט קעגן דער רעאַ־ליטעט פון דעם זעלבסט ?

בכדי עס בעסער צו פאַרשטיין דאַרף מען זיין „ראַציאָנאַליזירונג" פּלפּול אַרויסנעמען פון דעם ענגן קרייז וועלכער האָט צו טאָן מיט דער נשמה פון יחיד פון דער איינצלנער פּערזענלעכקייט איינצלנער אינדיווי־דואַליטעט וועלכע איז באמת אַן אינערלעכער ציבור — און דאָס אייגנט־לעך באַווייזט יום ניט־ווילנדיק, ניט אויסנזייענדיק און ניט תופס־זייענדיק די קאָנסעקווענצן וועלכע דאַרפן געצויגן ווערן פון זיינע אַנטי־אינדיווי־דואַליסטישע ראיות — אַן אינעווייניקסטע געזעלשאַפט, און עס אַריבער־טראָגן אין אַ ברייטערן קרייז וועלכער האָט צו טאָן מיט די פאַרהעלטענישן וועלכע ווערן געשפונען צווישן יחיד און ציבור, צווישן דעם איינצלנעם און דער געזעלשאַפט. אַ יחיד איז אַ פסיכאָלאָגישע געזעלשאַפט, אַן אינער־לעכער ציבור, אַ פסיכישער רבים, אַ געזעלשאַפט איז אַן איבער־אָרגאַ־נישער יחיד.

די פראַגע איז די אייגענע: איז דער ציבור עפּעסווירקלעכעס, אָדער עס איז בלויז אַ פיקציע, אַן איינבילדונג, אַן אַבסטראַקציע, אַ גענעראַליזאַציע אָדער אוניווערסאַליזאַציע; און בלויז דער יחיד, דער סאָציאַלער אַטאָם איז אַליין דער בפועל־ממש פון דער געזעלשאַפט? דער ענטפער איז געגעבן געוואָרן פון אַלע פאַרשער אויף דעם געביט, און וועגן דעם פירט זיך ניט מער כמעט קיין שום שקלא־וטריא, אַז דער ציבור איז עפּעס ממשותדיקעס און ער איז, בנוגע אנטשטייאונגס צייט, קודם צום אויפקום פון יחיד. דער איינצלנער באַקומט זיך פון ציבור אַרויס דורך אַן אַנאַליטישן פּראָצעס. דער ציבור איז ניט קיין סינטעז צוזאַמענקלייב פון אומאָפּהענגיקע יחידים, ווי די פאַרשטייער פון דער „נאַטירלעכער שולע" האָבן זיך איינגעשמועסט און האָבן דעריבער אויס־געטראַכט אַ ספּעקולאַטיווע טעאָריע מכוח סאָציאַלע אָפּמאַכונגען אין וועלכע יחידים האָבן אַריינגעטראָטן און אויף וועלכע די געזעלשאַפט האָט זיך לכתחילה געבויט.

„איך גלויב אַז מיר הערן איצטער ניט אַזויפיל פון דעם (אורשפּרינג־לעכן קאָנטראַקט) ווי פאַרדעם. די אומצעשטערבאַרע פּרעראָגאַטיוון פון דער מענטשהייט נויטיקן זיך ניט אין דעם אַז מ׳זאָל זיי אונטערשטיצן מיט אַ זאַמדיקן פונדאַמענט פון אַ פיקציע"(20).

„בנוגע דער דאָזיקער און אַנדערע פיקציעס איז, אפשר, געווען אַ צייט ווען זיי זיינען געווען נוצלעך... אָבער דער סעזאָן פון פיקציע איז שוין אַריבער"(21).

„מיר קענען ניט גלויבן, מיט אַנדערע טעאָרעטישע שרייבער, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ צייט ווען עס איז ניט געווען בנמצא אַזאַ זאַך ווי אַ געזעלשאַפט; און אַז די אינדיווידן, פון אימפּולס פון שכל, אָדער דורך דעם געפיל פון זייערע הצטרכותן און שוואַכקייט, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ ברייטער פלאַך און האָבן אַריינגעטראָטן אין אַן אָלערערשטן קאָנטראַקט און האָבן אויסגעקליבן דעם העכסטן מענטן וואָס איז דאָרטן געווען אַלס זייער הערשער. דער דאָזיקער באַגריף פון דער אַקטועלער עקזיסטענץ פון אַ נאַטור־צושטאַנד איז צו ווילד אַז מ׳זאָל עס קענען אָננעמען אין ערנסט; און אויסער דעם געפינט ער זיך פשוט אין ווידערשפּרוך צו די אַנטדעקטע באַריכטן פון דעם פּרימיטיוון אָנהויב פון דער מענטשהייט"(22).

דער ציבור איז עפּעס אַ גאַנצעס. דער יחיד וועלכער באַטראַכט זיך אַלס אומאָפּהענגיק און זעלבסטשטענדיק צו אַ געוויסער מאָס, וואַקסט אַרויס פון ציבור דורך אַ פּראָצעס פון סעגרעגאַציע, פון פאַנאַנדערשיידונג. דער איינצלנער איז אַ פּראָדוקט פון הויכער עוואָלוציע.

דאָס אייגענע איז אמת בנוגע דעם איך, דעם יחיד אין זיינע שייכותן צו זיינע אונטער־יחידים, זיינע „אינערלעכע אינדיווידן". דער זעלבסט אַלס עפּעס גאַנצעס איז קודם צו אַלע זיינע באַזונדערע אינערלעךיחידימשע פּערצעפּציעס, חושים־פילונגען און שכל־פאַרשטענדענישן. זיי שיילן זיך אַרויס דורך אַן אַנאַליטישן פּראָצעס פונקט ווי ער אַליין אַלס עפּעס גאַנצעס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון דעם ציבור אַרויס. ער, דער יחיד, איז לגבי זיי, זיינע אייגענע פּערצעפּציעס, פילונגען, רעגונגען, אַנונגען, באַוואוסטזיין־צושטאַנדן וועלכע פאָלגן איינע נאָך די אַנדערע, אַ ציבור און זיי זיינען זיינע נייע אויפקומענדיקע יחידים וועלכע נעמען זיך באַהויפּטן אַלס אַזעלכע און ווילן זיך כלומרשט איינשמועסן אַז זיי זיינען דער אמתער ממש, דער ריכטיקער מאָנאַליטישער „יש" און ער איז אַ „קאָלעקציע" אַ געזאַמל, אַ צונויפקלייב, אַ „בינטל", ווי יום דריקט זיך אויס. אָבער ווען מ׳פרעגט ווי אַזוי פאַרמירט זיך דער איך אַלס אַזעלכער, וויבאַלד מ׳קען אים ניט תופס־זיין מחוץ פון זיינע אַקטיווע איינצלנע אויסערונגען אין וועלכע ער אַלס אַ גאַנצער איז ניט איינגעשלאָסן, קען ניט זיין אָבזאַרבירט, פאַרטונקט ביזן ניט־אַרויסזען? אויף דעם קען בלויז גילטן איין ענטפער, דער איך ווערט געשאַפן פון זעלבסטבאַגלויבטזיין, דער זעלבסט איז אַ זעלבסט־שאַפונג, אַ זעלבסט־איכונג און איז אַן אמונה־זאַך, אַן איינגעגלויבטקייט. אויף דעם שלימותדיקן זעלבסטבאַגלויבטזיין ריכטעט זיך אויף אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין וועלכעס נעמט קיינמאָל ניט אַרום דעם גאַנצן איך, דעם גאַנצן זעלבסט, ווייל באַוואוסט־

זיין מיינט האלבירונג און עס קומט אַרויפגעזעצט אויף דעם פונדאַמענט פון זעלבסט-גלויבן, זעלבסט-באַגלויבטזיין וועלכעס שאַפט און פאַסט אַרום דעם גאַנצן זעלבסט און לאָזט אַהין קיינעם און קיין זאַך ניט צו, מחמת דער גלויבן איז אַן אמונה שלמה, אַן אַבסאָלוטער גלויבן אָן קיין שום ספק. און דאָס, אָט־די איינגעגלויבטקייט, איז דער יסוד פון אַלע יסודות און דער עיקר פון אַלע עיקרים אין דער מענטשלעכער פסיכיק און אין דער מענטשלעכער וועלט־אויפפאַסונג. עס איז אַ גלויבן אין זיך און אַ שאַפונג פון זיך־זעלבסט, אַ קרעאַציע פון זעלבסט־באַגלויבטזיין, פון אַן אחדות און יחוד, פון אַן אייניקייט און איינציקייט. און דערנאָך פון דעם דאָזיקן צענטער, פון דעם צרורא דלעילא, פון דעם פסיכישן פאָקוס טיילן זיך אַרויס די באַזונדערע זעלן־צושטאַנדן, באַוואוסטזיין־מצבים, די קלייניקע יחידימלעך פון דער אינערלעכער געזעלשאַפט, דער אינדיווידואַליטעט.

„דער פינאַלער רעזולטאַט פון יומס אַרגומענטן קומט צו דעם: אַזוי ווי מיר נוצן דעם נאָמען גוף פאַר דער סומע פון דערשיינונגען וועלכע שטעלן צוזאַמען אונדזער קערפערלעכע עקזיסטענץ, פונקט אַזוי געברויכן מיר דעם נאָמען נשמה פאַר דער סומע פון דערשיינונגען וועלכע קאָנ־סטיטואירן אונדזער מענטאַלע עקזיסטענץ; און מיר זיינען ניט מער באַרעכטיקט אין לעצטן פאַל ווי אין ערשטן משער־צו־זיין אַז דאָ איז עפּעס פאַראַן מערער ווי בלויז פענאָמענען וועלכע ווערן באַצייכנט מיט דעם דאָזיקן נאָמען"(23).

אַלץ רעכט, אָבער יום און האקסליי לאָזן אַרויס פון געדאַנק איין וויכטיקן פונקט און דאָס איז, אַז אַ נאָמען־געבן בנוגע דער דאָזיקער דערשיינונג איז ניט קיין פוסטער ענין, איז ניט קיין ווערטער־שפּילעריי, מחמת דער נאָמען וועלכער באַצייכנט דאָס גאַנצע איז באמת בכוח צו שאַפן די אחדותדיקייט וועלכע מיר זוכן און געפינען, ווייל מיר גלויבן אין דעם, און דער נאָמען זאָגט עדות וועגן אונדזער גלויבן. דאָ רירן מיר אָן דעם געביט פון מאַגיק, וועלכע האָט צוגעשריבן אומגעהויערע כוחות צו נעמען. בנוגע פסיכאָלאָגישע דערשיינונגען זיינען „נעמען", אַנטרופּעלאָגישן, אַפּעלאַציעס גאַנצע ישן, גאַנצע ממשותדיקע קעגנשטאַנדן. אַ נאָמען איז אַ פסיכישער שעפערישער כוח. דאָס איז דער כוח פון שם פון וועלכן די מיסטיקער, נאַכריידנדיק אָדער איבערקייענדיק וואָס די מאַגיקער האָבן אַרויסגעשפּויגן, האָבן געמאַכט אַזאַ ווען. דער שם איז אַ וועזן, אַן עצם־מהות בנוגע אַזעלכע דעליקאַטע „מאַטעריעס" ווי אחדות און יחוד פון דער איכהייט, פון דער זעלבסטהייט.

„דאָס אַלץ איז נאָך אַ טעררא אינקאָגניטאָ. די ראָלע פון שפּראַך אַלס אַ וועלט־אָרגאַניזירנדיקע מאַשינעריע איז נאָך ניט אויסגעפאָרשט. אַלגעמיינע לינגוויסטיק איז נאָך לגמרי אַ נייע פעלד (קראַטשי). זייער ווייניק מענטשן פאַרדעכטיקן אַז שפּראַך, אַז אַנאַמאַטאָלאָגיע איז דער פּערטער צווייג פון מעטאַדאָלאָגיע, וועלכע פאַסט אַרום מאַטעמאַטיק, לאָגיק און עפּיסטעמאָלאָגיע. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אַנטוישט אין מאַגיק, אין דער מאַגישער פאָרמולע האָבן מיר אויך אויפגעהערט צו גלויבן אַז „אין אַנהויב איז געווען דאָס וואָרט". און דעריבער האָט געטהע געזאָגט: „אַם אַנפאַנג וואַר די טאַט". דער וואָרט איז געוואָרן אַסאָציאירט מיט ווערבאַליזם און סכאָלאַסטיציזם־דאָגמאַטיזם. אָבער די צוויי שפּרוכן זיינען איינער דעם אַנדערן ניט סותר. און אין אַנהויב זיינען טאַקע געווען ביידע זאַכן, אַקציע (מאַגיק, אינדוסטריעלע קונסט, פּרימיטיווע טעכניק) און דער וואָרט (נאָמען־געבונג, מיטאָלאָגיע, פּרימיטיווע וויסנ־שאַפט"(24).

דער ציטירטער מחבר רעדט וועגן מאַגיק בכלל, וועגן שפּראַך אַלס וועלט־בויער, אַלס העלפער אין פּראָצעס פון אַרויסצויבערן אַ קאָסמאָס פון כאַאָס אַרויס. די חשיבות און ווירקזאַמקייט פון וואָרט וואַקסט אויס צו אַן אין־לשערדיקער הויכער דרגא ווען מיר ווענדן אים אָן צו ענינים פון גייסט, צו זעלנצושטאַנדן. דאָ, אין דעם דאַזיקן נשמה־תחום אָן דעם כישוף פון וואָרט איז דער עצם קעגנשטאַנד, די סאַמע דערשיינונג ניטאָ בנמצא. ווייל מיר האָבן ניט דעם נעץ אָדער ווענדקע מיט וואָס איר אַרויסצופאַנגען פון אייביקן שטראָם פון דער תמידיקער פאַרווירעניש. דער וואָרט, דער נאָמען, דער שם באַווייזט אָט־דעם אומגלויבלעכן וואונ־דער.

און דער איך וועלכער איז אַ זאַך פון ריינעם גלויבן, פון זעלבסט־באַגלויבטזיין, האָט זייער אַ סך צו טאָן מיטן נאָמען, מיטן שם וועלכער מאַכט אים פון עפּעס פליסיקעס, איילנדיקעס, פאַרביילויפנדיקעס און זיך אַרויסמאַכנדיקעס — אַ זאַך וואָס איז סאָליד, אָפּגעגאָסן אין פורעם פון שטענדיקייט און זעלביקייט, אין פורעם פון פּערמאַנענץ און ווידערהאָלונג וועלכער איז דער וואָרט, דער זעלביקער נאָמען ווערט געברויכט אַלע מאָל צו באַצייכענען די אייגענע זאַך. דער איך און זעלבסט ווערט אָן איך און זעלבסט אַ דאַנק דעם זעלבסט־באַגלויבטזיין. און דער נאָמען העלפט צו פאַרפעסטיקן דעם סיי־ווי־סיי פעסטיקסטן גלויבן אין זיך, אין זעלבסט, אין איך.

„אַז די פאַרשיידענע סאָרטן פון עמפּירישן באַוואוסטזיין מוזן זיין צוזאַמענגעבונדן אין איין זעלבסט־באַוואוסטזיין איז דער סאַמע ערשטער

און סינטעטישער פונדאַמענט פון אונדזער גאַנצן דענקען״(25).

אָבער אונטער דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין וואָס „איז דער סאַמע ער־שטער און סינטעטישער פונדאַמענט פון אונדזער גאַנצן דענקען״ ליגט דער ערשטער גרונטאָוונער בעטאָנענער יסוד און דאָס איז דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבן פון אונדזער פּסיכישן זיין דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין וואָס קומט פאַר דאָס דענקען, מחמת עס שאַפט דעם דענקער, דעם איך און זעלבסט אַליין וועלכער איז ניט באַוואוסט, קען ניט זיין באַוואוסט אַלס אַ גאַנצער און באַוואוסטזיין קען בלויז באַלייכטן אַ טייל פון אים, און זיין אַ סעקונדערע פונקציע און אַטריבוט זיינער. דער סאַמע ערשטער פונדאַמענט פון אונדזער גאַנצן יש איז די אַנטדעקונג, די באַשאַפונג פון איכהייט, פון זעלבסטהייט וועלכע איז אַ איך־באַגלויבטזיין, אַ זעלבסט־באַגלויבטזיין. אַט־דער גלויבן איז דער אורשפּרינגלעכער, אַלערערשטער שאַפנדיקער און אָרגאַניזירנדיקער כוח וועלכער ווערט מאַניפעסטירט אין מענטשן, אוניווערסום אין דעם באַשטאַנד, אין דעם קיום. דער גאָרער באַשאַף און באַשטאַנד איז אַ זעלבסט־באַשאַף און איך באַשאַף וואָס טויכט אַרויף פון אַ זעלבסט־באַגלויבטזיין.

און דאָס איז דער אמתער יסוד פון ריינער אמונה.

III

דער פאָרעלטערן־קולט און דער קינדער־קולט צוזאַמענגעשמאָלצן

.1

דער אבות קולט איז איינע פון די עלטסטע אָדער אַלערערשטע פאָרמען פון די עכט־פרימיטיווע רעליגיעס.

„דער אַבות־קולט ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט אַ הויך־ספּעציפישע דיסטריבוציע. מ׳קען אים געפינען אין מערקעוודיקער אַנטוויקלונג צווישן פּרימיטיווע פעלקער בלויז אין באַשטימטע געגנטן. ער כאַראַקטעריזירט די רעליגיע פון די באַנטו נעגערס און פון אַ סך פון די מאַלאַנעזישע שבטים. מ׳קען דעם קולט אויך געפינען אין געוויסע טיילן פון אַזיע... צווישן ציוויליזירטע פעלקער זיינען, פאַרשטייט זיך, די כינעזער און יאַפּאַנער די קלאַסישע עקזעמפּלאַרן פון פאַרעלטערן־קולט... ביי די באַנטו פעלקער קענען מיר געפינען די בעסטע אילוסטראַציע פון אבות־פאַרגעטערונג אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס״(1).

„ביי די פידזשיאַנער, ווי נאָר די באַליבטע עלטערן ווערן נפטר פאַרנעמען זיי גלייך אַ פּלאַץ צווישן די פאַמיליע־געטער. אהלס אָדער טעמפּלען ווערן אויפגעריכטעט צו זייער אָנדענקען״... ביי די מאַליי־פּאָלינעזער איז דאָס אייגענע, חוץ דעם וואָס צוזאַמען מיט דעם פשוטן אבות־קולט עקזיסטירט ביי זיי אַ קולט פון וייטע פאַרעלטערן וועלכע זיינען געוואָרן גאָטהייטן... די סומאַרטאַנער האַלטן בכבוד, דערפירנדיק עס כמעט צום פּונקט פון אַ קולט, די קברים און גייסטער פון זייערע פאַרשטאָרבענע פאַרעלטערן. דאָס אייגענע איז אין אַפריקע... ביי די בהילן, די בגהייען, די קארענער, די כאַנדן געפינען מיר פאַרעלטערן־פאַרגעטערונג. די רעליגיע פון די סאַנטאַלן באַזירט זיך אויף דער משפחה... יעדע הויזגעזינד דינט צו די גייסטער פון זייערע אבות... בנוגע די כאַנדן — די מער אויסגעצייכנטע עלטערן פון שבט, מיט זיינע אָפּצווייגונגען אָדער פאַנאַנדערטיילונגען, ווערן אַלע דערמאָנט פון די פּריסטער. זייער הייליקייט וואַקסט מיט דער ווייטקייט פון דעם פּעריאָד פון זייער טויט״(2).

עלעמענטן פון אבות־קולט געפינען מיר אין דער ביבל, אין דער דרייאיקער פאָרמולע פון אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב, וועלכע

זיינען לכתחילה געווען ניט דער אלהים פון אברהם, נאָר דער אברהם־אלהים, דער יצחק־אלהים.

„וואָרים דו ביסט אונדזער פאָטער, ווייל אברהם ווייסט אונדז ניט און ישראל דערקענט אונדז ניט, דו יהוה ביסט אונדזער פאָטער, אונדזער אויסלייזער, דאָס איז דיין נאָמען פון אייביק־אָן״(א).

דער פסוק זאָגט עדות, אַז דער נביא וויל געבן צו פאַרשטיין זיינע צוהערער אָדער מגילה־לייענער אַז זיי דאַרפן זיך אָנטזאָגן פון די אבות וועלכע זיינען געווען פאַרצייטנס און זיינען שוין מער ניטאָ, און אַריבערטראָגן זייער פולער אומגעטיילטער לאָיאַליטעט צום פאָטער־אויסלייזער, יהוה.

די פאַטריאַרכן, אַלס גרינדער פון די ערשטע משפחות פון וועלכע די צוועלף שבטים, די בני ישראל, שטאַמען אָפּ, זיינען לכתחילה אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דעם אלהים.

„דער אלהים פון אברהמען, דער אלהים פון יצחקן... ער הייסט אַזוי ווייל די אבות זיינען געווען אין דער בחינה פון דער מרכבה (רייטוואָגן) צו אים געבענטשט־איז־ער און זיי ווערן בטל און אַריינגענומען אין זיין ליכט״(ב).

נאָר מיט דער אויסקריסטאַליזירונג פון דעם יהוה־באַגריף, מיט דער פאַרטיפונג פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע זיינען זיי אַראָפּ פון פּיעדעסטאַל און צו דעם „אלהים״ איז צוגעטראַכט געוואָרן די אינטערפּרעטאַציע „פון״ פאַר דעם „אלהי״, אַז דאָס זאָל מיינען דער אלהים פון אברהם, און ניט דער אברהם־אלהים.

און מיט דעם דערקלערט זיך פאַרוואָס דער אידישער געזעץ לייגט אַזאַ געוויכט אויף פאָטער־מוטער כבוד־אָפּגעבונג.

„יעדער איינער זאָל מורא האָבן פאַר זיין מוטער און זיין פאָטער״, גיב אָפּ כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער״, „דיין פאָטער״ — דאָס איז דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער, „דיין מוטער״ — דאָס איז די שכינה; דאָס מורא האָבן מיינט אָפּהיטן די פאַרבאָטן „טו־ניט״; כבוד־אָפּגעבן מיינט אָפּהיטן די אָנזאָגונגען „טו״(ג).

„עס שטייט געשריבן: „האַלט ערלעך יהוה״ (משלי ג׳, ט׳) און עס שטייט געשריבן: „האַלט ערלעך דיין פאָטער און דיין מוטער״ (שמות כ׳, י״ב, דברים ה׳, ט״ז). עס שטייט געשריבן: „יהוה דיין אלהים זאָלסטו פאַרכטן״ (דברים י׳, כ׳) און עס שטייט געשריבן: „יעדערער זיין מוטער און זיין פאָטער זאָל פאַרכטן״ (ויקרא י״ט, ג׳). דער פסוק האָט צוגעגליכן פאָטער און מוטער־רעספּעקט צום רעספּעקט פון אויבערשטן, און פאָטער־מוטער־פאַרכט צו דער פאַרכט פאַרן אויבערשטן(ד).

„פאָטער און מוטער כבוד איז אָנגעלעגטער ביי דעם הייליקן־גע־בענטשט־איז־ער ווי זיין אייגענער כבוד, וואָרים עס שטייט געשריבן: האַלט ערלעך יהוה פון דיין פאַרמעגן (משלי ג׳, ט׳), אויב דו האָסט אַ פאַרמעגן גיסטו לקט, שכחה און פאה... קאָרמעסט אָרימעלייט, גיסט טרינ־קען דאָרשטיקע... אויב ניט — ביסטו פטור. אָבער בנוגע פאָטער און מוטער כבוד־אָפּגעבן ווערט געזאָגט: „האַלט ערלעך דיין פאָטער און מוטער״, האַלט ערלעך אויף יעדן פאַל, סיי ווען דו ביסט פאַרמעגלעך, סיי ווען דו ביסט ניט פאַרמעגלעך, אפילו ווען דו גייסט אַרום איבער די הייזער״(ה)

„בשעת דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט געזאָגט: „איך... און עס זאָל ניט זיין״... האָבן געזאָגט די נאַציעס פון דער וועלט: „פאַרן אייגענעם כבוד נעמט ער זיך אָן״. ווי נאָר ער האָט געזאָגט: „האַלט בכבוד דיין פאָטער און מוטער״ האָבן זיי זיך איבערגעלייגט און האָבן אָנגענומען די ערשטע אָנזאָגונגען״(ו).

„עס איז אַ „טו־געבאָט (אַ מצוות־עשה) אַז מ׳דאַרף אָפּגעבן כבוד פאָטער און מוטער און מ׳זאָל האָבן פאָרכט פאַר זיי. און מ׳דאַרף זיין זייער אָפּגעהיט אין זייער כבוד און מורא, וואָרים זייער ערע איז גע־גליכן געוואָרן צו דער ערע פון אויבערשטן, ווי עס שטייט געשריבן: „רעספּעקטיר דיין פאָטער און דיין מוטער״; און עס שטייט געשריבן: „רעספּעקטיר יהוה פון דיין פאַרמעגן״; און בנוגע פאָרכט פאַר זיי שטייט געשריבן: „יעדערער זאָל מורא האָבן פאַר זיין מוטער און פאָטער״. און בנוגע פאָרכט פאַרן רבונו־של־עולם איז געזאָגט געוואָרן: „יהוה, דיין אלהים, זאָלסטו פאָרכטן״. און די געלערנטע האָבן געזאָגט: „דריי שותפים זיינען דאָ אין מענטשן, דער אויבערשטער און דער פאָטער און די מוטער״. ווען אַ מענטש גיט אָפּ כבוד זיין פאָטער און מוטער, זאָגט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער: „איך פאַררעכן עס זיי פּונקט ווי איך וואָלט וואוינען צווישן זיי און זיי וואָלטן מיך ערלעך געהאַלטן״(ז).

„מ׳דאַרף אָפּגעהיט זיין אין כבוד־אב־ואם און אין מורא־האָבן פאַר זיי. וואָס הייסט מורא? דער זון זאָל ניט שטיין אויף זיין פאָטערס אָרט אין דער פאַרזאַמלונג פון די זקנים אָדער פון זיינע חברים, אָדער אויפן אָרט וואָס איז באַשטימט פאַר זיין פאָטער צום דאַוונען און ער זאָל זיך ניט זעצן אויף זיין פאָטערס אָרט ביים טיש אין שטוב. ער טאָר ניט ווידערשפּרעכן זיין פאָטערס רייד, ניט באַלאַנסירן זיינע רייד אין זיין פאָטערס אָנוועזנהייט, אפילו ניט זאָגן: „מיר געפעלן דעם טאַטנס רייד״. און ער זאָל זיין פאָטער ניט אָנרופן ביי זיין נאָמען ניט ביי זיין לעבן און ניט נאָכן טויט. נאָר ער זאָל זאָגן: „מיין האַר פאָטער״.

ווען ס׳טרעפט זיך אַז זיין פאָטערס נאָמען איז ווי אַן אַנדערנס נאָמען — דאַרף ער ענדערן יענעמס נאָמען.

ווי ווייט דאַרף גיין דאָס מורא־האָבן פאַר זיי? ווען דער זון איז אָנגעטאָן אין טייערע מלבושים און ער זיצט אַן שפּיץ פון אַ פאַרזאַמלונג און עס זיינען געקומען זיין פאָטער און מוטער און האָבן צעריסן אויף אים זיינע קליידער און האָבן אים געשלאָגן אויפן קאָפּ און אים געשפּיגן אין פּנים אַריין — זאָל ער זיי ניט פאַרשעמען, נאָר ער זאָל שווייגן און ער זאָל זיך „פאָרכטן פאַרן קעניג פון די קעניגן וועלכער האָט אים אַזוי באַפוילן״(ח).

דער אבות־קולט איז אַ פּועל־יוצא פון דער רעאַליזאַציע פון זעלבסט אין זיין פאָראויסגייאונג און נאָכפאָלגונג, פאָראויסקומענשאַפט און נאָכקומענשאַפט. עס איז די פאַרווירקלעכונג פון איך אין זיין צונויפקייטלונג פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט דער קעגנוואַרט אַריינגעמענדיק דעם איך פון דער גרופּע, פון דעם סאָציאַלן אַגרעגאַט. אַט־דער פאַרעלטערן־קולט, די אבות־פאַרגעטערונג מיינט אויך די פאַרערלעכונג פון דער אַנטדעקונג פון געדעכעניש אויף אַ גרויסן, מער אָדער ווייניקער, מאַסשטאַב, פון זכרון־קראַפט אַלס איינע פון די וויכטיקסטע פייאיקייטן מיט וועלכע דער מענטש איז באַשאַנקען. און אין דעם טאַקע ווייזט זיך אַרויס קלאָר אַז מיטן וואוקס פון זעלבסטום קומט צום בולטן אויסדרוק דער איינביל־דונגס־כוח. אויך דער שכל, דער פאַרשטאַנד ווערט, אַ דאַנק דעם זעלבסט־אויסברייטער און איך־פאַרטיף, דייטלעכער אויסגעשיילט פון די שאָלעכצן פון די חושים־עמפינדונגען, ערשטמינוטיקע דורכלעבונגען.

„גיי אַרויס פון דיין לאַנד, פון דיין געבורטספּלאַץ און פון דיין פאָטערס הויז צו דעם לאַנד וועלכן איך וועל דיר ווייזן״(ט). מיינט אַן איבעררייס פון טראַדיציע, אַן אָפּזאָג פון תרחן וועלכער איז געשטאָרבן אין חרן און אַלס אַ פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט ער געדאַרפט, לויט דעם פאַרשטיין פון יענער צייט, ווערן אַ היילִיקטום. דער חומש נעמט אברהמען אַרויס פון זיין אַרומגעבונג און אויף אַזאַ אופן שאַפט ער דעם באָדן פאַר אַ נייעם אָנהויב פון אָנפאַנג. דער חומש אַנטזאָגט זיך צו ציען אַ געראַדע ליניע פון סאָמע ראשית פון אָפּשטאַם.

„הערט זיך צו צו מיר איר צדק־נאָכיאָגער, יהוה זוכער, קוקט זיך צו צום פעלזנשטיין פון וועלכן איר זייט אַרויסגעהאַקט געוואָרן און צו דער בויערונג פון ברונעם פון וועלכן מ׳האָט אייך אַרויסגעגראָבן, קוקט זיך צו צו אברהמען, אייער פאָטער, און צו שרהן, אייער געווינערין, וואָרים „איינער״ האָב איך אים גערופן״(י).

„איינער“ מיינט „דער ערשטער“ האָב איך אים גערופן, פון אים הויבט זיך אָן צו פלעכטן די גרויסע און לאַנגע קייט. ער איז דער נייער פונקט און די פרישע ריכטונג פון וועלכער די ליניע, אַ דאַנק דינאַמישע פּראָצעסן, איז געצייכנט געוואָרן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט און אויסגעהאַלטנקייט.

אַברהם איז דער ערשטער — האָט ער דען ניט פאַרמאָגט קיין גענעאָלאָגישן בוים אויף וועלכן ער, ווי אַ פרי, איז אויסגעוואָקסן און צייטיק געוואָרן און פון וועלכן, דערנאָך, ער איז אַראָפּגעפאַלן? וואו איז דען תרח זיין פאָטער? וואו זיינען די תרחשע טראַדיציעס, די פאַרגעטערונג פון די אבות, פון די עלטערן און אורעלטערן פון אברהמען? דער חומש וואַרפט זיי אָפּ, און בויט די אָפּשטאַם-לערע אויף אַן אויס-געקליבענער פּערזענלעכקייט, וועלכע הויבט אָן מיט זיך, פון זיך אַליין און די פאַרדינסטן פון וועלכער זיינען דערוואָרבענע ניט איינגעבוירענע, בירושה-איבערגעקומענע און פון טראַדיציע-איבערגעקומענע. די אויס-דערוויילטקייט פון אברהמען ליגט אין זיין כאַראַקטער, אין זיין מוסטער-האַפטן אויפפיר, אין זיינע מעשים טובים. אברהם ברעכט די געטשן פון תרח זיין פאָטער. און די לעגענדע אָדער היסטאָרישער פאַקט האָט פאַר דורות געדינט און וועט פאַר לאַנגאָניקע דורות דינען אַלס מעורר נאָכצוטאָן אָט-די גייסטיקע העלדנטאַט און זיין איקאָנאָקלאַסטיש געשטימט און זיך ניט לאָזן גיין כסדר אין די אויסגעטראָטענע וועגן פון די עלטערן און אורעלטערן.

און תורת-משה פאַרקירעוועט פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט, און פון דער פאַרערונג פון דערמאָנעניש גייט דער חומש אַריבער צו דער פאַרערלעכונג פון דער דערוואַרטעניש. די ביבל שטעלט די צוזאָגונגען אויפן חשבון פון דער צוקונפט וועלכע איז פאַרקניפּט מיט דער פאַרגאַנגענהייט אַ סך העכער פון די זכרונות. אברהם, יצחק און יעקב פיגורירן ניט בלויז אַלס פּאַטריאַרכן, אַלס זיילן פון עבר-בנין, נאָר אַלס די יעניקע צו וועמען אַ הבטחה איז געגעבן געוואָרן און די הבטחה, דער הייליקער צוגעשוואָרענער צוזאָג דאַרף געהאַלטן ווערן. „בכדי אויפ-צוריכטן דאָס וואָס יהוה האָט געשוואָרן צו דיינע עלטערן“(י״א). „אום אויפצוריכטן די שבועה וואָס איך האָב געשוואָרן צו אייערע עלטערן“(י״ב).

„און יהוה האָט געזאָגט: צי וועל איך פאַרהוילן פון אברהמען וואָס איך גיי טאָן, און אברהם וועט דאָך ווערן צו אַ גרויס און מעכטיק פאָלק און עס וועלן זיך בענטשן מיט אים אַלע פעלקער פון דער ערד, וואָרים איך קען אים צוליב דעם וואָס ער זאָל אָנזאָגן זיינע קינדער און

זיין הויזגעזינד נאָך אים און זיי וועלן היטן דעם יהוה־וועג צו טאָן גערעכטיקייט און גערעכט״(י״ג).

דער בונד מיט אברהמען ווערט געשלאָסן ניט אין דעם זכות פון זיינע אבות. דאָס האָט דאָך ניט געקענט פּאַסירן. ווייל אברהם איז דאָך אַ פּיאָנער אין יה־קולט. דער בונד ווערט געשלאָסן אין זכות פון זיינע קינדער צוליב דעם „וואָס ער וועט אָנזאָגן זיינע קינדער און זיין הויזגעזינד נאָך אים״...

אַזוי אַרום ווערט אַ בריק אַריבערגעוואָרפן פון עבר צום עתיד, פון עלטערנסעלטערן־קולט צו דעם קינדסקינדער־קולט. „און איך וועל אויפ־שטעלן מיין בונד צווישן מיר און דיר און דיין זאָמען נאָך דיר צו זייערע דורות, אַן אייביקייטס־בונד״(י״ד).

דער פּאָמפּעדיקל פון חומש־ראָמאַנטיציזם וויגט זיך און זיין אמפּלי־טודע שווינגט פון דעם „ווי ער האָט געשוואָרן צו דיינע עלטערן״(ט״ו) צו דעם „די אַנטדעקטע צו אונדז און צו אונדזערע קינדער ביז־אייביקייט״(ט״ז).

„האָט געזאָגט רבי מאיר: בשעת די אידן זיינען געשטאַנען פאַרן באַרג סיני צו נעמען די תורה, האָט ער געזאָגט צו זיי: איך שווער איך וועל אייך געבן די תורה, אָבער ברענגט מיר גוט־הייסער אַז איר וועט זי האַלטן און איך גיב זי אייך. האָבן זיי געזאָגט צו אים:

— רבונו של עולם, אונדזערע אבות וועלן זיין אונדזערע גוט־הייסער. האָט ער געזאָגט צו זיי:

— אייערע אבות דאַרפן אַליין האָבן אימיצן אַז ער זאָל פאַר זיי גוט־הייסן... אייערע אבות — איך האָב וואָס אויסצוזעצן קעגן זיי. אָבער ברענגט מיר ראַיעלע גוט־הייסער און איך גיב זי אייך אַוועק.

האָבן זיי געזאָגט צו אים:

— רבונו של עולם, אונדזערע נביאים וועלן פאַר אונדז גוט־הייסן.

האָט ער געזאָגט:

— איך האָב וואָס אויסצוזעצן קעגן זיי, ברענגט מיר ראַיעלע גוט־הייסער...

האָבן זיי געזאָגט:

— אונדזערע קינדער וועלן פאַר אונדז גוט־הייסן.

האָט געזאָגט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער:

— אָט אַזוי, זיי זיינען זיכער ראַיעלע גוט־הייסער, פון־זייערטוועגן וועל איך זי אייך געבן״(י״ז).

דאָ אין דעם דיאַלאָג וואָס ווערט געפירט צווישן רבונו של עולם און די אידן ווערט איבערגעגעבן די אידייע פון איבערגאַנג פון דעם אבות־קולט צו די קינדער־פאַרערונג.

„גיט מיר גוט־הייסער וועלכע זיינען מיר גאָרניט שולדיק... האָבן זיי געזאָגט צו אים: ווער זיינען עס די וועלכע זיינען דיר גאָרניט שולדיק? האָט ער געזאָגט צו זיי: דאָס זיינען די עופעלעך. גלייך אויפן אָרט האָבן זיי אים געבראַכט עופעלעך פון די מוטערס־בריסט און זייערע שוואַנגעריקע פרויען. און די בייכער פון די מוטערס זיינען געוואָרן ווי גלאָז און זיי האָבן געזען דעם הייליקן־געבענטשט־איז־ער פון די בייכער אַרויס און זיי האָבן גערעדט מיט אים אָט־די עוברים וועלכע האָבן נאָך קיין ליכט ניט געזען. האָט געזאָגט צו זיי דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער: ווילט איר זיין גוט־הייסער פאַר אייערע עלטערן, און אויב זיי וועלן ניט מקיים־זיין די תורה וועט איר זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי? האָבן זיי געזאָגט: יע. האָט ער צו זיי געזאָגט: בין איך יהוה דיין אלהים? האָבן זיי געזאָגט: יע. האָט ער געזאָגט צו זיי: דו וועסט ניט האָבן קיין אַנדער אלהים פאַר מיין געזיכט? האָבן זיי געזאָגט: ניין. און אַזוי אויף יעדער זאָגונג האָבן זיי אים געענטפערט אויף ניט — ניט און אויף יע — יע. האָט ער געזאָגט צו זיי: פון אייער מויל אַרויס גיב איך זיי די תורה ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „פון דעם מויל פון עופעלעך און זויגלינגס האָסטו פאַרפונדעוועט שטאַרקייט“, און עס איז ניטאָ קיין אַנדער שטאַרקייט חוץ דער תורה, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: יהוה וועט געבן זיין פאָלק שטאַרקייט“(י״ח)...

דער הויפטשטריך פון דער ביבל איז פראָפעטיזם. וואָס איז די קווינט־עסענץ פון פראָפעטיזם? דאָס איז די לערע מכוח דער פערפעקטירונג פון דער צוקונפט. דאָס איז אויך דער פאַרלאַנג צו ברענגען אונדז נאָענט צו דער צוקונפט. און דאָס איז אויך דער אָנשטרענג אַריינצו־טראָגן די ליכטיקע צוקונפט, אירע העלע פערספעקטיוון און דרייסטע שאַנסן און וואַגזאַמע מעגלעכקייטן גלייך אויף־אַן־אָרט אין דער שווערער קעגנוואַרט אַריין. אין דער פינצטערניש פון דעם היינט אָנצינדן די זון פון דעם מאָרגן. אין דער צעטומלעניש און געפילדער פון דעם איצט אַריינוועבן די אויסגעהאַלטענע סימעטריע און האַרמאָניע פון דעם ווייטן און ממילא אידעאַלן „שפעטער־צו“.

„און עס וועט זיין ווען דיין זון וועט דיך פרעגן מאָרגן אַזויצוזאָגן“(י״ט).

די ביבל פאַרקניפּט אירע האָפענונגען מיט דעם אויפגאַנג פון דעם מאָרגן, מיט דעם אויפלייכט פון דער צוקונפט, מיט דער אויפשטראַלונג פון דעם צוקונפט־דור. די ביבל צייגט אַרויס אַזאַ וואַרימען געפיל

פאַר דער יוגנט. און די ביבל איז שטרענג אויסגעהאַלטן אין אַט־דעם פּרט ווי אין אַ סך אַנדערע. דער אַלטער דור שטאַרבט אין מדבר, אין איבערגאַנג. און אפילו משה אַליין שטאַרבט מיט זיי. ווער טרעט אַריין אין דאָס צוגעזאָגט לאַנד? די נייע אויפגעקומענע גענעראַציע. די ביבל לייגט גלייך פון אָנהויב־אָן די ווינקלשטיינער פון איר פוטוריסטישער געביידע, פון דעם גראַנדיעזן בנין פון אידישער נבואה.

„און דו וועסט זאָגן צו דיין זון אין יענעם טאָג אַזוי־צו־זאָגן"(כ').

„ער היט גנאָד פאַר טויזנטער דורות"(כא).

פון די פאַר ציטירטע זאַצן זעט מען באַשיינפּערלעך אַז די ביבל האַלט איר אויג אָנגעשטעלט אויף דער ווייטסטער צוקונפט. די ביבל איז אַ צוקונפטס־בוך און איז פאַרנומען מיט דער אויספורעמונג פון אַ נייעם צוקונפטס־מענטשן.

בכלל איז דער ספר־הספרים איגאַנצן פוטוריסטיש, אפילו אין זיין עטימאָלאָגיע.

„און עס וועט זיין אַז ער וועט דיך ברענגען"(כ"ב).

„און עס וועט זיין אַז איר וועט קומען אין דאָס לאַנד וואָס יהוה וועט אייך געבן"(כ"ג).

„און עס וועט זיין אַז עס וועלן זאָגן צו אייך אייערע קינדער"(כ"ד).

די ביבל געברויכט כסדר דעם עתיד. און זי טוט עס ניט דערפאַר וואָס העברייאיש האָט ליב דעם דאָזיקן טעמפּוס און פאַרציט אים פאַר אַנדערע. נאַר, מיר וואָלטן זאָגן, להפך, די העברייאישע שפּראַך האָט ליב די דאָזיקע פוטור־צייט־פאָרמע מחמת דעם וואָס דאָס בוך־פון־די־ביכער, דער הויפּטווערק פאַרפאַסט אין דעם דאָזיקן לשון איז געשריבן געוואָרן פאַר דער צוקונפט מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה צו העלפן שאַפן אַ פוטור־טיפּ, אַ נייעם מענטשן, אַ מענטשן ביי וועמען די עתיד־פאַר־שטעלונג איז אַזוי קאָנקרעט און נאָך קאָנקרעטער ווי די קעגנוואַרט. דער ספר־הספרים איז אַ בוך וואָס איז פול מיט צוזאָגונגען, פון סאַמע אָנפאַנג ביזן רעכטן סוף. עס איז מלא־וגדוש אָנגעפּיקעוועט מיט ברכות־הבטחות און תוכחות־סטראַשונקעס וועלכע געהערן צו דער ווייטער צוקונפט. אין דער ביבל ווערט געמאַכט דער גרויסער פּרואוו אויסצובילדן ד'עם אמתן פוטוריסט. און ווען דער טיפּ וואָלט געשאַפן געוואָרן, און דאָס איז עס טאַקע וואָס די ביבל באַצוועקט, וואָלטן מיר ניט דאַרפן דעם אויסקלער פון אַ „יענער וועלט" מיר וואָלטן פאַרמאָגט די דורכאויס קלאָרע אמתע עולם־הבא אין דעם פּשט פון אַ פוטור־וועלט, אַ וועלט פון דער פוטוריטעט.

„יעדער איד האָט אַ חלק אין דער וועלט וואָס וועט קומען"(כ"ה), מחמת דעם וואָס מיט זיינע מעשים, מיט זיין עקזיסטענץ אַלס איד, מיט זיין

אויפפיר אַלס אַ פאַרפאָלגטער און אַ גערעכטער, העלפט ער איינפירן דעם צוקונפטס־צושטאַנד, און אַזוי אַרום לינדערט ער און פאַרקירצט די צייט פון די חבלי־לידה, די געבורטס־ווייען פון דער געשיכטע.

„און עס וועט זאָגן דער לעצטער דור, איירערע זין וועלכע וועלן אויפ־שטיין נאָך אייך״(כ״ו).

„בכדי עס זאָל וויסן דער לעצטער דור, קינדער וואָס וועלן געבוירן ווערן וועלן אויפשטיין און דערציילן צו זייערע קינדער״(כ״ז).

„בכדי איר זאָלט דערציילן צום לעצטן דור״(כ״ח).

דער חומש, ווי די גאַנצע ביבל, באַמיט זיך פאַרן לעצטן דור, ער נעמט אין אַנבאַטראַכט די באַדערפעונישן פון יענע וואָס וועלן ערשט קומען און באַטרעטן די אַוואַנסצענע פון דער געשיכטע, און אַזוי דער־פירט ער אונדז צו דער הויכער דרגא פון פראָפעטיזם. איז עס ניט מערק־ווירדיק וואָס די נביאים זיינען זייער ווייניק פאַרנומען מיט די פאַר־ציילונגען און באַזינגונגען פון אַ רומרייכער פאַרגאַנגענהייט, נאָר זיינען כמעט אויסשליסלעך אַריינגעטאָן אָדער אין באַשרייבונגען פון זייער קעגנ־וואָרט און פאַראויסשילדערונגען פון דער נאָנטער אָדער וויטסטער צוקונפט. און אַזוי־אַרום טראָגן די אידישע פראָפעטן אַריבער דעם גראַ־וויטאַציע־פונקט פון דעם עבר און הווה אין דעם עתיד אַריין.

און וואָס פאַר אַ ביטערע איראָניע, אַז גראַדע דער דאָזיקער בוך, אַ גייסט־קינד פון דער גרויסער און ליכטיקער צוקונפט, אַ טרוים, אַ פאַרשפרעך פון אַ צוקונפט מיט אַזאַ הימל־הויכן שוואונג פון נבואה זאָל האָבן געפאַלן אַ קרבן פון דאָגמאַטיזם, קאָנסערוואַטיזם, ריטואַליזם און סכאָלאַסטיציזם פון דעם ערגסטן סאָרט.

2.

„די פאַנטאַזיע פון פאָעטן האָט אָוועקגעשטעלט דעם גאָלדענעם צייטעלטער ביי דער וויגעלע פון דער מענטשלעכער ראַסע, צווישן דער אומוויסנהייט און די גראָבקייטן פון די ערשטע צייטן. עס וואָלט זיך אַ סך בעסער געפּאַסט ווען זיי שיקן אָפּ אַהין דעם אייזערנעם צייטעלטער. דער גאָלדענער צייטעלטער פון דעם מענטשלעכן מין איז ניט הינטער אונדז, נאָר פאָראויס. ער געפינט זיך אין דער פאַרפולקומענונג פון דעם סאָציאַלן סדר״ (סען סימאָן).

דער אַלטערטימלעכער גריך־פאָעט מיט זיין פאַנטאַסטישער גאָלדען־צייט, זיין גלויבן אַז דער גליקזעליקייטס־צושטאַנד איז געווען אַ שטיק ווירקלעכקייט וועלכע האָט באַלאַנגט צו דער ווייטער, לאַנג צוריק פאַר־

לאָפּענער, פאַרגאַנגענהייט ; און דער אידישער נביא מיט זיין פאַר־ערונג, פון דער צוקונפט, זיין גלויבן אַז די גאולה, די אויפריכטונג פון דער מענטשהייט איז אַ זאַך פאַר דעם עתיד — שטעלן פאַר מיט זיך צוויי אויסערונגען פון צוויי וועלט־אַנשויאונגען, זיינען צוויי מאַניפעסטאַציעס פון צוויי פאָרמען פון זעלבסט־פאַרמירונג. זיי רעפרעזענטירן צוויי שטופן פון איכטום־בילדונג.

גרופן, אָדער אַגלאָמעראַציעס פון וועלכן עס איז סאָרט, פאַרמאָגן אַ פאַרגאַנגענהייט. און בשעת די פאַרגאַנגענהייט פון יחיד איז קורץ אין דויערונג, אָרים אין פּאַסירונגען, פּאַסט אָרום בלויז אַ קליינטשיקן פעריאָדל פון צייט, איז די פאַרגאַנגענהייט פון דער סאָציאַלער גרופּע גרויס אין אויסשפּרייט און צעלאָז. זי גייט אַראָפּעט צו די סאַמע הינטערוויילעכטסדיקע מרחקים. זי איז פאַרטונקט אין די געדיכטע נעפּלען פון די גרויע צייטעלטערס. אָט־די פאַרגאַנגענהייט אַקומולירט זיך, אין דער פאָרם פון אַזוי גערופענעם סאָציאַלן קאַפּיטאַל, אַ גרויסע צאָל פון מנהגים, טראַדיציעס, וויסענישן און גלויבערייען. דער וואוקס פון קולטור און ציווילזאַציע באַטייט אַ פאַרגעסער פון אָנגעזאַמלטער עשירות אין פעלד פון סאָציאַלער דערפאַרונג, אַ פאַרמערונג פון אוצרות אָנגעפילט מיט אינצידענטן, פרעצענדענטן און געשעענישן.

„...מיר דאַרפן אָנהויבן מיט טעמפּאָראַלער סוקסעסיע אַלס עפּעס אויפגעפאַסטעס אין דעם וואָס מיר רופן אָן „די שיינבאַרע קעגנוואַרט“, דאָס הייסט אַ קורצע פעריאָדע פון צייט. אַזוי אַז די פּאַסירונגען וואָס פאַרלויפן אין איר משך קענען אויפגענומען ווערן צוזאַמען... בזה־האופן דערווערבט מען זיך די אידייע פון „פריער“ און מ׳קען פאַרשטיין אונטערן וואָרט פאַרגאַנגענהייט אַ „פריער פון אָט־דאָס“ וואו „דאָס“ איז דאָס וואָס געשעט“(3).

עס איז ניט שווער תופס־צו־זיין אַז די פאַרגאַנגענהייט איז אַ קעגנ־וואַרט וואָס האָט זיך שוין אָפּגעקילט, פאַרגליווערט געוואָרן. עס איז אַ קעגנוואַרט וואָס האָט איבערגעלאָזן, אין דעם זכרון פון דער גרופּע, שליאַדעס פון פּאַסירונגען, שפּורן פון געשעענישן, וועלכע ווערן פאַר־קערפּערט אין וואָרט און אין טאַט, אין לעגענדעס, מעשיות, פאָלקלאָר אין פאָלקסווענן, פאָלקס־הנהגות.

די זקנים, די ישישים, די אַלטע לייט, די שיווע בערד זיינען עס געווען די שומרים פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיי זיינען די לעבעדיקע מצבות אַוועקגעשטעלט אויף די קברים פון אַלטערטום. די פאַרערונג וואָס מ׳שענקט דער פאַרגאַנגענהייט איז אַ קולט־פאַרערלעכונג פון זקנה,

פון בכבודיקן עלטער. מחמת די אימפּערסאָנירונג פון דעם עבר איז דער אַלטער דור.

„הגם סיאיאַ אָדער מאַטטאַ מיינען באמת טאַטע אָדער זיידע, קענען אָבער די טערמינען געברויכט ווערן אין אַדרעסירן יעדן אַלטן מאַן. כּמו כן ווערט יעדע אַלטע פרוי אָנגערופן קריאַממאַ אָדער אַטטאַ, מחמת די דאָזיקע ווערטער ווערן אָנגעווענדט ווי כבוד-טיטולן"(4).

„אפילו יונגעלייט ווערן אַדרעסירט מיט די שמייכלענדיקע טיטולן „דיעדושקאַ". די סטאַראַ־אַבריאַדצעס (די אַלט-גלויביקע) ווי אויך די רוסן פון דער צייט פון פּאַר פּיאָטער דעם גרויסן, פּונקט ווי אונדזערע אָרטאָדאָקסישע אידן, פלעגן ניט גאָלן און אפילו ניט שערן זייערע בערד. מחמת דאָס וואָלט זיי מאַכן אויסזען אינגער. און יונגשאַפט האָבן זיי פאַראַכטעט. די באָרד זייענדיק דער סימבאָל פון עלטער איז אויך געווען אַ צייכן פון בכבודיקייט"(5).

„די איינגעבוירענע פון טאררעס ים־איינג רעספּעקטירן זייערע אַלטע לייט און נעמען אָן זייערע מיינונגען און אַנטשלוסן"(6).

„צווישן די קורנאַי ווערט עלטער געהאַלטן אין גרויס רעספּעקט און אַ מענטשנס אויטאָריטעט וואַקסט מיט דעם אָנזאַמל פון זיינע יאָרן"(7).

„די איינגעבוירענע פון ניי גינייע ווייזן אַרויס אַ רעכט ביסל רעס־פּעקט צו זייערע אַלטע לייט"(8).

גרויס איינזעעניש־האָבן מיט די אַלטע לייט געפינט מען ביי די איינגעבוירענע פון פאָרמאָזאַ(9), טאָנגאַ(10), די איינו(11), די באַ־טאקן (12), די איינגעבוירענע פון סומאַטראַ, פון בענגאַל(13). דעם זעלביקן פענאָמען קען מען געפינען ביי די מערסטע פון די איינגעבוירענע געמיינדעס פון אַפריקע(14). די עסקימאָסן רעספּעקטירן עלטער(15). די צפון־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר זייערע אַלטע לייט(16).

„אין אַ דאָרף ניט ווייט פון דער שטאָט צאיאַקא (אין דרום מעקסיקע), ווען עס באַווייזט זיך אַן אַלטער מאַן, אַ זון פון זייערע אַמאָליקע האָרן, נעמען די דאָרפסלייט אַראָפּ פאַר אים זייערע היטלען, קושן אים די הענט מיט גרויס צערטלעכקייט, רופן אים דאַאַדע (טאַטע), און בלייבן אַזוי שטיין בגילוי־ראש ביז ער פאַרשווינדט פון זייערע אויגן"(17).

„די פּאַטאַגאָניער האָבן דרך־ארץ פאַר אַלטע לייט"(18).

„אין יעדער משפחה צווישן די פיוגיאַנער, איז אַ וואָרט אַרויסגע־זאָגט פון אַן אַלטן מאַן אָנגענומען ווי אַ געזעץ, ווי אַ חוק ולא יעבור. די יונגע האָבן קיינמאָל ניט די חוצפה אָפּצופרעגן זיין אויטאָריטעט"(19).

אידענטישע מנהגים הערשן ביי די איינגעבוירענע פון דרום אַמע־ריקע(20).

די פאַרקערפּערונג פון דער צוקונפט איז דער אויפקומענדיקער, אַנקומענדיקער דור. אָבער ער שטעלט פאַר מיט זיך די צוקונפט בלויז אַלעגאָריש, פיגוראַטיוו. זיי, די יוגנט, קומען ניט צו אונדז אין טאָל אַראָפּ פון געבירגיקע צוקונפטס־לענדער. עס איז מער ניט ווי אַ השערה אַז זיי וועלן, מסתמא, אָדער אויף געוויס, אונדז אַלעמען, וועלכע געהערן צום פאַרדעמדיקן דור, אַריבערלעבן און אויף אַזאַ שטייגער וועלן זיי אַריינוואַקסן אין אַ וויטערן צייט־פּעריאָד.

נאָכמער, זייער אומבאַהאָלפנקייט, נעבעכדיקייט, אָפּהענגיקייט פון דער אַלטוואַרג מוז דינען אַלס אַן אָנצייג פון דער שוואַכקייט פון יונגקייט. און דער אומשטאַנד האָט געוואָרפן אַן אומגינסטיקע רעפלעקסיע אויף דער פוטוריטעט וועלכע זיי האָבן סימבאָליזירט מיט זייער וועזן. זייער צושטאַנד האָט אין אונדז ניט געקענט אַרויסרופן געפילן פון אָפּשיי, ערנפאָרכט צו דאָס העט־וויטע אין צייט, צו דאָס אָקאָרשט־אַרויסשפּראָצנ־דיקע, צו דאָס אויפקומענדיקע, צו דער דעמערונג פון דעם מאָרגנדיקן טאָג. אויסער דעם איז טאָקע די צוקונפט מער אַבסטראַקט ווי די פאַר־גאַנגענהייט. מחמת, נאָך אַלעמען, וואָס איז אַ צוקונפט? עס איז עפּעס וואָס ווערט ערשט דערוואַרט, בלויז אַנטיציפּירט, בשעת די פאַרגאַנ־גענהייט איז עפּעס וואָס מ׳האָט שוין דורכגעלעבט.

„דורך דער עמפּונדענער דרגא פון אויסבלייכונג קען מען אונטער־שיידן דאָס פריערדיקע און שפּעטערדיקע אין דער שיינבאַרער קעגנוואַרט און אַזוי טאָקע פילן־בחוש טעמפּאָראַלע סוקסעסיע״(21).

די פאַרגאַנגענהייט איז אַ סומע פון איינדרוקן וועלכע בלייבן אויס, בליאַקעווען אָפּ, ווערן אַקראַמאַטיש מיט דער פּראַלאָנגאַציע פון צייט, מיט דעם צוריקטרעט פון איר אָנפאַנג. פונדעסטוועגן איז דאָך אָבער פאַרט געווען אַ צייט, ווען זי איז געווען פול מיט בלוט, האָט פּולסירט מיט אַקטועלן לעבן. בשעת די צוקונפט איז מער ניט ווי אַ מין פאַראויסגעפיל, אַ פאָרשטעלונג־וועגפאַרלויף, עפּעס אַ סאָרט פאַראויסאיינבילדונג, פאָלג־לעך מוז זי זיין אַ גרויסע מפונקת, דעליקאַט, אויסגעאיידלט, אויסגעצערטלט, קוים וואָס דאָס לעבט.

און עס איז גאַנץ נאַטירלעך וואָס דאָס פאַרגאַנגענהייט־באַוואוסטזיין איז קודם אין צייט צו דעם צוקונפט־באַוואוסטזיין.

די אַלטע חכמים, די געראָנטן, די מעשיות־דערציילער, די באַלאַדן־רעציטירער, די בקיאים אין הלכות טראַדיציע, די וויסער פון דער מסורה, די באַזיצער פון די רייכע און וויט־צוריק־דערגרייכנדיקע דער־

פאַרונגען — אָט־די מענטשן האָט מען רעספּעקטירט, געהאַלטן טייער און אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

„דער סטאַדע־אינסטינקט, וועלכער איז תמיד אויפן צד פון דער מערהייט און דער הערשנדיקער מאַכט, האָט אַלע מאָל צוגעגעבן איינ־פלוס צו עלטער און האָט אַרויסגעצייגט אַ קלאָר מערקזאַמע פּניה צו געשיכטע, שפּרוך־קלוגשאַפט און פאָלקלאָר און קעגן יוגנט, איינגעגלויבט־קייט און אונטערנעמונג, צו גונסטן פון עלטער און פאָרזיכטיקייט, דער אומגעדענקלעכער ווייזהייט פון דער פאַרגאַנגענהייט און אפילו אַנציי־נערדיקן באַרמאטשן פון אַן עבר־בטל... ווען מיר דערמאָנען זיך ווי ווייניק דער מענטש אין אַקטועלער פּראַקטיק ווייזט זיך אַרויס צו זיין מסוגל צו געברויכן זיין פאַרשטאַנד, ווי ווייניק ער פּראָפּיטירט אַקטועל פון דערפאַרונג, כאָטש די דאָזיקע פּראַזע איז אַלע מאָל ביי אים אין מויל, זעען מיר באַשיינפּערלעך אַז עס מוז זיין אַ פּסיכאָלאָגישער טעם פאַר דער דאָמינירונג פון אַלטן דור, עפּעס וואָס מוז זיין דעטערמינירטיוו צו זיין גונסטן, אינגאַנצן מחוץ פון זיינע פאַרדינסטן און פייאיקייטן, ווען ער קאָקונרירט מיט דער יוגנט... מיר גיבן פּרעפערענץ אַלטע ריכטער, אַלטע יוריסטן, אַלטע דאָקטוירים, אַלטע גענעראַלן... מיט צו־פרידנקייט צאָלן מיר דעם פּרייז וואָס די אומעלאַסטיציטעט פון די דאָזיקע צייטיקע מוחות פאָדערן גאַנץ אָפט פון אונדז״(22).

אין זייער זוכן פון אַן אַרויסגאַנג, אַן אַנטרינונג פון די שרעקן און גרוילן, לאַסטן און הכבדות, צרות און פורעניות פון דער קעגנוואַר־טיקער צייט, האָבן די פאַרצייטיקע פעלקער אַלע מאָל מיט פרומקייט זיך געווענדט צו דער פאַרגאַנגענהייט, דאָרטן האָבן זיי אויסגעקוקט פאַר הנהלה, אינסטרוקציעס, נוצלעכע עצות. זיי זיינען געווען זיכער אַז אין אָט־דעם שאַצקאַמער, אין דעם קאָלאָסאַלן שפע פון רעקאָרדירטע פּרע־צענדענטן וועלן זיי, אָן קיין ספק, געפינען עפּעס וואָס וועט זיך פּאַסן און טויגן פאַר זייער סיטואַציע. זיי זיינען געווען איינגעגלויבט אַז דאָרטן וועלן זיי קריגן אַן ענטפער צו זייערע פראַגן. אין אַנדערע ווערטער, זיי זיינען געלאָפן פון דעם זונפאַרשרפטן מדבר, פון דעם איצטיקן וויסטן מאָמענט, צו דעם גרינעם מחייהדיקן און בליענדיקן אָאַזיס, וועלכער האָט צו זיי געוואונקען אַזוי פריינטלעך, האַרצלעך פון די סאַגעס, לידער אַרויס, פון די פאַרשריבענע און גלאָריפיצירטע גע־שיכטעס, פון דער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס לאַנד פון זייערע אבות, ווי דער גאָט פון זייערע עלטערן, האָט אַלעמאָל געדינט פאַר זיי אַלס אַ מקום־מקלט, אַ באַשיץ־אָרט און באַשירם־

פעסטונג, און, אין צוגאב, אלס א קוואל פון ישועה, פון טרייסט און נחמה וועלכער האט זיי זעלטן אנטוישט.

מער ווי דאס. די קעגנווארט איז דאך דאס לעבן אליין, איז דאך דאס דאזיין אין לייב און ביין. און פון דעם האט זיך דער באגריף פון צייט ניט געקענט ארויסוויקלען. די לעצטע איז געבארן געווארן פון דער פארגאנגענהייט. זי איז אנטשטאנען פון דער געשעעניש־אבסטראהירונג, געשעענישן וועלכע האבן זיך שוין אוועקגעקייקלט, זיינען געווען און זיינען שוין מער ניטא דא, פאסירונגען וועלכע זיינען פארלאפן, איבער־לאזנדיק הינטער זיך בלויז אן אריינפרעס פון צוושאומענע דערמא־נענישן, וועלכע זאגן, אז עפעס האט פאסירט אבער וואס געדענקען זיי ניט. צייט איז ארויסגעקומען פון די ביידע עקסטרעמע פונקטן, פון דעם היינט און דעם נעכטן, ווען מ׳נעמט זיי ביידן און מ׳לייגט זיי אוועק זייט־ביי־זייט און מ׳פארגלייכט זיי. ווען די קעגנווארט און די פאר־גאנגענהייט ווערן געהאלטן צוזאמען און ווערן בשעת מעשה גוט בא־טראכט, ערשט דעמאלט טרעט די צוקונפט אריין. די צוקונפט איז א פאדעם וואס וויקלט זיך ארויס פון דער פארגאנגענהייט־שפולקע און באוועגט זיך אין דער ריכטונג פון דער קעגנווארט, דעריאגנדיק די לעצטע און דערנאך אריבעריאגנדיק איר. א קאנקרעטע צוקונפט איז א קעגנווארט אבסערווירט פון דעם פארגאנגענהייט־ווינקל. פון דעם שידוך און זיווג פון דער פארגאנגענהייט און קעגנווארט קומט ארויס די צוקונפט אלס כשר קינד.

ווען איינער נעמט דערגרונטעוווען די פארגאנגענהייט, טויכט ארונ־טער אין אירע טיפענישן, פארבאהאלט זיך אין דער געדיכטעניש פון די פארשלאפענע וועלדער פון דער געוועזנהייט און פאראיבערקייט, און פון דארט ארויס, פון דעם דאזיקן במסתרים, צילעוועט ער א בליק, ווי א פייל, גלייך אין הארצן פון דער קעגנווארט, דעמאלט אנטדעקט ער די ערשטע שעמעוודיקע רויטליכונגען פון דער צוקונפט.

די פארגאנגענהייט איז דער בכור, דער ערשטגעבוירענער פון צייט. און אלס אזעלכער איז ער פארערט געווארן פון די אלטע לייט. די פארגאנגענהייט איז דער סך־הכל פון די לעבנס־דערפארונגען, די לעקציעס וואס דער בארימטער לערער גיט. די פארגאנגענהייט איז א געוועלב־סייף וואו אלע ווערטן פון עמפיריק ווערן אויפגעהאלטן און אפגעהיט.

און ווען די קעגנווארט פלעגט ווערן אומדערטרעגלעך, אדער עפעס אן עת־צרה האט זיך געטומען, ווי א כמארע, אנרוקן אויף דער געמיינדע,

אויפן קהל, דעמאָלט האָבן זיך אַלע אויגן אַ קער געטאָן צו דעם זקן און חכם אַלס צו דעם מקור פון אויסלייזערישער אינפאָרמאַציע.

„ביי די יעגער־נאַציעס, ווי דהיינו די איינגעבוירענע שבטים פון צפון אַמעריקע, איז עלטער דער איינציקער יסוד פאַר ראַנק און פרע־צעדענט. ביי זיי איז „פאָטער" אַן אָנרופעניש פון אַ העכערן; „ברודער" פון אַ גלייכן און „זון" — פון אַ נידעריקן"(23).

„אויטאָריטעט ביי די ווילדע, איבערהויפט אין געגנטן וואו די סאָציאַלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך זייער ווייניק אַנטוויקלט, צענטערט געוויינטלעך אין עלטערע לייט. אין דעם אַנדאַמאַנזאַן דאָרף איז ניטאָ קיין אָרגאַניזירטע רעגירונג, קהלשע ענינים ווערן רעגולירט דורכאויס פון אַלטע לייט, מענער און פרויען. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און מנהג ברענגען דערצו אַז די אינגערע מיטגלידער פון דער געמיינדע זאָלן רעספעקטירן די עלטערע און זיך אונטערוואַרפן אונטער זייערע אַנטשיידונגען. זיי (די זקנים און זקנות) גיט מען די בעסטע און גרעסטע פּאָרציעס פון שפּייז"(24).

„אין אַט דיביידע געגנטן (מאַלאַנעזיע און אויסטראַליע) ווערט אויטאָריטעט ספּעציעל אויסגעאיבט פון די עלטערע לייט פון דער גע־זעלשאַפט, שאַפנדיק אַ רעגירונגס־פאָרם וועלכע מ'קען אָנרופן געראָנטאָ־קראַטיע. מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן דער עקסאַקטער נאַטור אָדער פונקציאָנירונג פון דער זקנים־גרופּע, אָבער עס איז קיין ספק ניט אַז דאָס איז ניט אַ קערפּערשאַפט וועלכע איז פאָרמעל קאָנסטיטואירט, אָדער אָפּגעטיילט פון די איבעריקע פון דער געזעלשאַפט דורך אַ שאַרף מערק־זאַמע ליניע. אין מאַלאַנעזיע הענגט איר מיטגלידערשאַפט אָפּ, אין אַ סך פאַלן, פון דעם בייזווילינדיקן מאַגישן כוח, וועלכן די אַלטע לייט זיינען פאַררעכנט צו באַזיצן... די זקנים פאַרמאָגן אַן אומבאַגרעניצטע אוי־טאָריטעט"(25).

„די דאָזיקע אַזוי גערופענע מנהיגים זיינען אין אַלגעמיין עטלעכע מענטשן, וועלכע צוליב זייער גבורה אין קריג, פעסטקייט פון כאַראַקטער, אָדער אַנדערקענטער קלוגשאַפט ווערט זיי געגעבן רשות אַנצוגיין מיט זייער פירערשאַפט בנוגע אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום שבט"(26).

„אין דער אַלמאַכט פון מנהגים ליגט אַ צווייטע לייזונג פון דער פראַגע מכוח דער אויטאָריטעט פון זקנים. זיי זיינען באַקאַנט מיט די הרגלים, געוואוינהייטן פון די פאָרעלטערן"(27).

דער פּרימיטיוור מענטש האָט געמאַכט אַן אָנפראַגע ביי זיין זקן און חכם ווי אַזוי מ'האָט רעאַגירט אויף דער דאָזיקער צרה אין פריער־דיקע פאַלן, ווי אַזוי איז דער פעלער פאַרריכט געוואָרן, אויף וועלכן אופן

זיינען די צאַרנדיקע און צעברוגזטע געטער איבערגעבעטן געוואָרן, פאַרגיטיקט געוואָרן. וועלכע מאָסרעגלען האָט מען דעמאָלט אָנגענומען. זקנה און חכמה זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס סינאָנימען. ווייל ווייזהייט קלוגשאַפט האָט געמיינט ווייסהייט, פערזענלעכע און קאָלעקטיווע דער־פאַרונגען וועלכע זיינען מעמאָריזירט געוואָרן פון די עלטערע מיטגלידער פון דער געגעבענער סאָציאַלער גרופּע.

„ביי אַלע סעמיטישע שבטים האָט די רעגירונג זיך געפונען אין די הענט פון אַלטע לייט אָדער פון איין זקן. דאָס איז געווען אַ נאַ־טירלעכער פּועל־יוצא פון דעם כבוד וועלכן מ׳האָט אָפּגעגעבן אַלטע לייט. דער אַראַבישער טערמין פאַר פירער איז ביז אויף היינטיקן טאָג פאַרבליבן „שייך״ וואָס באַטייט „אַלטער מאַן״. אין אַלטן טעסטאַמענט איז דאָ אַ שלל אָנצייגענישן אַז אין דעם איינגעאָרדנט לעבן פון ישראל האָט די פאַרוואַלטונג פון די שטעט זיך געפונען אין די הענט פון די זקנים. די זקנים אַלס הערשער ווערן דערמאָנט מער ווי אַ הונדערט מאָל (למשל, דברים 2, 3, 4, 21). אַז די דאָזיקע פאָרמע פון רעגירונג איז געווען באַוואוסט צווישן די סעמיטן פון בבל זעט מען פון דעם קאָנטראַקט וועלכער דערמאָנט די „שטאָט פון זקנים״ אַלס דעם קוואַל פון אויטאָריטעט. ענלעכע צייגעניש גיט אונדז דער קאָדעקס פון האממוראבי, אין וועלכן סיבו, אָדער שיווע, מענטשן מיט גרויע האָר ווערן זייער אָפט דערמאָנט אַלס עדות״(28).

„כבוד־אָפּגעבן אַלטע לייט פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער תלמודישער עטיק. „ווער איז זיכער מיט עולם־הבא? דער ווער עס האַלט ערלעך אַלטע לייט״ (בבא בתרא י, עמוד ב׳).

„די פליכט האָט קיינע באַגרעניצונגען פון ראַסע אָדער רעליגיע. מ׳דאַרף עס פּראַקטיצירן אפילו בנוגע גוים (קידושין, ל״ג, עמוד א׳).

„די חכמי התלמוד האָבן פאַרגעשריבן באַשטימטע רעגלען פאַר זייער באַהאַנדלונג. מ׳דאַרף זיך אויפשטעלן פאַר זיי, מ׳דאַרף זיי באַ־גריסן מיט דרך־ארץ... מ׳דאַרף זיי אַדרעסירן מיט רעספּעקט און ענט־פערן מיט אַפּשיי (קידושין ל״ב, א׳, ל״ג, א׳).

„אַ זקן אַ רמאי דאַרף מען אויך כבוד־אָפּגעבן מחמת וויפיל צרות זיינען אַריבערגעגאַנגען איבער אים (קידושין ל״ג, עמוד א׳) (29).

„על פּי דין דאַרף מען זיך אויפשטעלן פאַר יעדן זקן״(כ״ט).

„כבוד־אב שפּרייט זיך שטופּנווייז אויס און נעמט אַריין אַנדערע אויסער די עלטערן, אַלע זקנים וועמענס דערפאַרונג און קלוגשאַפט עס ווערט אָפּגעשאַצט... דער אימפּעראַטאָר בכבודו ובעצמו, אומגע־אַכטעט אויף זיין געטלעכן כאַראַקטער, האָט געהן גרויס דרך־ארץ פאַר

דער דערפאַרונג פון דעם זקן מיניסטער, דעם יאַפּאַנישן משותלח״(30).

„אויב דאָס איז געווען דער פאַל אין דעם פּרימיטיוון פּעריאָד, על אחת כמה וכמה אַז דאָס וואָלט זיין אַזוי ווען די אַנטוויקלונג פון אבות־קולט, אונטער דער כינעזישער השפּעה, און די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט האָט נאָך מוסיף־געווען צו דעם אינסטינקט און דרך־ארץ פאַר זקנים און האָט אים צוגעגעבן אַ מער באַשטימטע מאָראַלישע באַטייטונג״(31).

„אַ דערינערונג פון אַמאָליקן סטאַטוס פון די זקנים האָט זיך פאַרזאַמט אין דעם געברויך פון וואָרט פּרעסביים „געזאַנדטער״. דער געברויך פון דעם טערמין טאָ פּאַטריאַ אויסצודריקן מיט דעם „דאָס אַלטע געזעץ״. „דער דרך פון די אבות״ איז אָפּגעלייטעט פון דער יעניקער צייט ווען די זקנים פון דעם שבט גאַראַנטעס זיינען געווען די שאַצקאַמערן פון דער הייליקער טראַדיציע אָדער די אינסטיטוציעס פון דער געמיינדע...

דאָס איז געווען אַן אַקטועל־אָפּעראַטיווער פאַקט אין ספּאַרטאַ, וואו די גערוסיאַ פון אַכט און צוואַנציק אַלטע לייט פון איבער זעכציק, אין צוזאַמענווירקונג מיט די צוויי קעניגן, איז געווען דער אָפּהיטער פון מנהג המדינה. און „אין פאַל ווען דאָס פאָלק האָט שלעכט אַנטשידן האָט דער סענאַט און די קעניגן אָפּגעוואָרפן זייער אַנטשיידונג״. די קאָנסטיטוציע פון ספּאַרטאַ איז געווען אין דעם הינזיכט אַן איבערבלייב פון דער יעניקער צייט ווען אַן אָליגאַרכיע פון אַלטע לייט האָט אַנטשידן אַלע ענינים פון באַטייט, און האָבן אינגאַנצן אויסגעשלאָסן די אינגערע מענטשן, וועלכע אין אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (אַפּעללאַ אָדער אַנגאָראַ) האָבן בלויז געהאַט דאָס רעכט אַנצונעמען אָדער אָפּצוואוואַרפן באַשטימטע פאַרשלאָגן ניט האָבנדיק קיין רשות זיי צו פאַרריכטן אָדער צו דיסקרטירן וועגן זיי (Thuc. I, 87) ״(32).

אין צייטן ווען דער שבט איז געשטעלט געוואָרן פון דער מערכה פאַר שווערע נסיונות, אין שעהן פון גזרות און חרמות וואָס האָבן באַפאַלן דעם ציבור, פלעגט זיך פלעכטן גאַנץ געשמאַק די לעגענדע מכוח דער פאַרגאַנגענהייט, פלעגט זיך שפּינען דער סיפור־המעשה וועגן די רום־פולע טעג פון גליקזעליקייט און געבענטשקייט. אין די עת־צרה־צייטן וועלכע זיינען געווען אָפּגעשטעמפּלט מיט פּחדנות, קליינמוטיקייט, אין די טעג צעפרעסענע פון ווערים־שפלות, פאַרראַט, בגידה, פראַנט־אַנטלויפונג, פלעגט זיך וועבן דער פאַנטאַסטיש גאָלדענער פאַדים מכוח די גבורים, העלדן פון פאַרצייטן, די בני־אלהים, די גרויסע ריזן פון קוראַזש, מוט און טוגנט, די וואונדער־צייגער, די באַזיצער פון די לייבן־הערצער

און טויבנגעמיטער. טיילווייז פלעגט די שפינערײַ אָנגיין אַלס אַן אַנטרײַבונגס־מעכאַניזם, טיילווייז איז עס געברויכט געוואָרן אַלס אַ קוואַל פון אינספּיראַציע, אַלס אַזאַ מין געטראַנק, אַ שיקוי־לעצמותיך, מיט וועלכן מ׳האָט אָנגעטרונקען און געוועקט דעם גייסט פון די וועלכע האָבן זיך געוואַקלט. דאָס האָט געשטאַרקט זייערע זיך־טרייסלענדיקע הענט. דאָס האָט געהויבן זייער מוט, אַרײַנגעגעבן אין זיי קאַמפּסלוסטיקייט, איבערגעבנקייט און געטרײַשאַפט. צרות, פורעניות האָבן זשערמינירט דורך דאָס געזעץ פון קעגנזאַץ, די לעגענדע מכוח אַמאָליקע גוטע, וואונדערבאַרע צײַטן.

אָט־דאָס איז דער שטעג וועלכן עס האָבן געטראָטן אַלע האַלבע געטער, די פּראָווידענטישע פּערזענלעכקייטן. אָט־דאָס איז די ענגע טיר דורך וועלכער זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין מענטשלעכן באַוואוסטזײַן. אויף דעם שטייגער האָט זיך געשטאַלטעט די מיטאָלאָגיע מיט אירע אויסטערלישע עפּיזאָדן, עקסטראַוואַגאַנטע אַקציעס, מיט אירע גוזמאות מכוח די גבורות פון די שמשונס און הערקולעסן וועלכע זײַנען שיר ניט פאַרפאָרן אין אַלמעכטיקייט אַרײַן.

.3

דער ערשטער פּרינציפּ פון מיטאָלאָגיע, אַז די פאַרגאַנגענהייט שטייגט אַריבער אין אַלע הינזיכטן די קעגנוואַרט, באַזירט זיך אויף דער זעלבסט־פאַרשטענדלעכער טאַטזאַך, וואָס די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט איז געווען בעסער, רײַכער, באַקוועמער פון דעם איצטיקן מאָמענט אָדער צײַט־פּעריאָד. כל־זמן דער מענטש איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַן „אוכל ואינו עושה“, אַ קאָנסומענט וועלכער לעבט אויף אַלדעם פאַרטיקן, פלעגט ער אויסשעפּן די רײַכטימער פון „הימל און ערד“, מטל השמים ומשמני ארץ. ער איז געווען ווי אויף קעסט בײַ דער מוטער־ערד. ער האָט זיך גענערט משולחן גבוה, פונם צוגעגרייטן טיש פון אויבערשטן.

למשל, די טײַכן זײַנען געווען פול מיט פיש פון כל המינים שהוא. פישער זײַנען אָנגעקומען. זיי האָבן געבראַכט זייערע נעצן. זיי האָבן געפאַנגען וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט. זיי זײַנען פאַרטיק געוואָרן און זײַנען אַוועק. נאָך זייער אָפּשייד־נעמונג זײַנען די טײַכן געבליבן אָרימער, די נאַטור־רײַכטימער פאַרצערט, פאַרטאַכלעוועט פון מענטשן. אַ קרקע בתולה, אַן אומבאַרירטער געגנט איז געווען אַ געבענטשטער געגנט, פול מיט שפע. מחמת מענטש דער זולל־וסובאניק האָט ניט באַוויזן דאָרטן צו זײַן און האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעפרעסן, אויפגענאַשט, אָפּגעלעקט און חרב־ומוחרב געמאַכט.

דער טאָל איז באַוואַקסן מיט גרינע מחיהדיקע גראָזן. די גאַמאַדן פּיהאַדעווער קומען אַן מיט זייערע צאָלרייכע טשערעדעס און זיי עסן אָפּ אַלץ אויף־רייך.

נו, וואו איז איצטער די רייכקייט פון לאַנד? ניטאָ מער, עס איז געווען און אַוועק מיטן אָנקום פון די טויזנטער הונגעריקע מיילער און זשעדנע מאַגנס.

עס איז געווען בלויז איין אָרט וואוהין מ׳האָט געקענט גיין זוכן און דאָרטן געפינען עשירות, שפע און דער דאָזיקער אָרט איז געווען דאָס לאַנד פון עבר. מ׳האָט געמוזט פּיליגרימען אויף צוריקוועגס צו יענע גליקלעכע טעג ווען דאָס לאַנד איז נאָך ניט געווען באַזעצט און די נעוויקסן פון לאַנד נאָך ניט פאַרצערט. דאָס איז דער וועלט־געמעל פון אַ ריינעם קאָנסומענט. געברויך, קאָנסומפּציע מיינט די פאַרניכטונג פון אָנגעקליבענע זאַפּאַסן. און דעריבער איז די אידייע פון רייכקייט, פון פולקייט אַלע מאָל געווען אומאָפּרייסבאַר אַסאָציאירט מיט דעם ווייטן עבר.

מיט דעם טאָקע דערקלערט זיך פאַרוואָס די פאַרצייטיקע מענטשן האָבן אַנטוויקלט די לערע אָדער וויזיע מכוח דעם גאָלדענעם צייטעלטער ווען דער איבערפול־האָרן איז געווען אָנגעפילט מיט אַלדאָס גוטס ביזן ראַנד און נאָך מיט אַ קויב און איבערצוגיסן זיך.

„און דעם ערשטן צייטעלטער האָבן זיי גערופן דעם גאָלדענעם צייטעלטער. פון אַרבעט זיינען זיי געווען פריי, אַלע פאַרגעניגנס האָבן זיי זיך פאַרגונען. די צייט־צרות האָבן זייער פרידן ניט געקענט שטערן. ווען זיי זיינען געשטאָרבן, אָדער עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז זיי שטאַרבן, האָט עס אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך אַוועקגעגאַנגען פון דאַנענט אין אַן אָנגענעמען טרוים. ערגער פון ערשטן איז געווען דער אָנגעקומענער צווייטער צייטעלטער, וועלכן די הימל־קינדער האָבן אַ נאָמען געגעבן דער זילבערנער צייטעלטער. די טוגנטן פון דער גאָלדענער ערע זיינען פאַרשוואונדן. די נאַטור איז געוואָרן שוואַכער ווי זי איז פאַרדעם געווען. אין דער פולער קראַפט פון קערפּער מוזן די שטערב־לעכע דעם טויט קריגן און מענטשלעכע חכמה האָט אַ פּנים ווי זי וואָלט פאַרוועלקן״(33).

„דער גאָלדענער צייטעלטער איז געווען דער ערשטער, ער איז געווען אַן געוואַלד, אַן הערשאַפט, מיט גלויבן און אמת האָט ער זיך אויסגעצייכנט. און דעמאָלט זיינען ניט געווען קיינע שטראָפן און קיין שרעק; און קיינע סטראַשנדיקע געזעצן איינגעקריצטע אין מעש זיינען דעמאָלט ניט געווען; און קיין רחמים־בעטנדיקע קניענדיקע תפוסים האָבן

ניט געציטערט פאַרן בליק פון זייער צאָרנדיקן ריכטער... אין פולער צופרידנקייט און אומשעדלעכער רו האָבן זיי פאַרבראַכט זייערע גליק־זעליקע טעג, די נאָך־פרייע ערד האָט פון אייגענעם ווילן (ניט געריסן מיט אייזערנע אַקערס) געגעבן אַלע סאָרטן פרוכט. באַנוגנדיק זיך מיט נאַטורס אומגעצוואונגען שפּייז האָבן זיי געקליבן יאַגעדעס אין די וועלדער... און... די זשאַלודעס וועלכע יופּיטערס צעשפּרייטע דעמבעס האָבן געשאָנקן. עס איז געווען כסדר פרילינג; וואַרעמע זעפירן האָבן געבלאָזן איבער שמייכלענדיקע בלומען וועלכע האָבן געדייט אומגעפלעגטערהייט און אָן אומגעמיסטיקטע האָט די ערד אָן שהיות געבאָרן קאָרן, און יעדן יאָר האָט זי באַנייט די גאָלדענע זאַנגען. מיט מילך און נעקטאַר זיינען די טייכן געווען פול און געלער האָניק האָט געטריפט פון די גרינע אולמע־ביימער...

נאָך פאָלגנדיקע צייטן דעם זילבערנעם צייטעלטער דערזע. ער איז בעסער פון מעש, אָבער ערגער פון גאָלד. דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן זומער, האַרבסט און ווינטער. און פרילינג איז בלויז געווען איינער פון די סעזאָנען פון יאָר. די זון מאַכט דורך איר יערלעכן קורס. די גוטע טעג ווערן קירצער, און די שלעכטע לענגער. די לופט נעמט ברענען פון היץ און שטיקעניש, די פליגלען פון ווינט ווערן באַהאָנגען מיט שניי און אייז. און ציטערדיקע שטערבלעכע ווערן אַריינגעטריבן אין וואוינונגען, זיי זוכן שוץ פון דער גרויזאַמקייט פון הימל. אַט־די וואוינונגען, דעמאָלט, זיינען געווען היילן אָדער הוטעס מיט געפלאָכטענע וויטשעס אַרומגעצוימט, און פון מאַך זיינען געווען זייערע געלעגערס. דעמאָלט האָבן אַקעראייזנס, פאַר זריעה, די פרוכטבאַרע מעזשעס געשניטן און אָקסן האָבן געפּראַצעוועט צום ערשטן מאָל אונטער דעם יאָך״(34).

„בעפאָר יופּיטערס הערשאַפט האָט קיינער ניט נעטשעפּעט דעם פרידלעכן באָדן, בלויז גראָז און גרינס זיינען מזבחות געווען. קיינע צאָמען האָבן די פעלדער ניט צעשיידט; קיינע צייכנס, קיינע מחיצות האָבן ניט אונטערשיידט די ליטיגאַציע־קרקעס: אַלץ האָט געהערט צו אַלעמען, און די פרוכטבאַרע ערד איז געווען פריי צו געבן איר אומדערוואַרטע געבורט״(35).

„ווי גוט איז עס געווען ווען סאַטורן האָט געוועלטיקט איבער דער ערד: ווען מענטשן האָבן ניט געוואוסט פון קיינע שיפן, קיינע רייזעס, קיין שווערד, קיין מלחמה; ווען עס איז ניט געווען קיין שלעכטס ניט פאַרן מענטשן און ניט פאַר דער חיה; קיינע פאַרמאַכטע טירן; קיינע שטיינמערקענדיקע אָפּגרעניצונגען; ווען דעמבעס האָבן געטריפט מיט האָניק, און סטאַדעס האָבן געבראַכט פולע אייטערס אומגעפלעגטערהייט״(36).

„זיי (די איינגעבוירענע) האָבן ניט געהאַט קיינע געזעצן און קיין רעגירונג Sine legibus, sine imperio“(37).

„זיי האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן אַרומרינגלען זייערע שטעט מיט ווענט, די נאַטורס לאַנדשאַפט איז געווען אַ פרייער שליאַך; דער אַל־געמיינער שפּייכלער האָט פאַרזאָרגט די מענטשהייט; רחבותדיק האָבן זיי געלעבט און זיך געגערט. די ווילדע ערד האָט פאַנאַנדערגעעפנט איר פרוכטבאַרן בוזים מיט גרויס שפע“(38).

„די ערשטע גוטע ראַסע פון מענטשן זיינען געווען חברים פון די געטער, זיי זיינען געווען אויפגעטראַגן מיטן הימל, גאָלד און גייץ האָט זיי ניט באַהערשט“(39).

דער באָדן איז געווען פרוכטבאַר, די אַזיערעס האָבן זיך געווידמעט מיט פיש. דער וואַלד האָט געשוויבלט־און־געגריבלט מיט יאַגד־חיות. אָבער דאָס איז געווען, איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט... איצטער גייען מיר באַרג אַראָפּ, ווערן אָרימער פון טאָג צו טאָג, די שמאָלץ־גרוב רינט אויס, די רענדלעך אין דעם לעגענדאַרן טייסטער נעמען זיך אויס.

די לערע מכוח דעם חטא פון אדם הראשון, דער פאַל פון ערשטן מענטשן, די תחילתדיקע זינד, איז אַן אָפּשפּיגל פון דעם פאַקט וואָס די וועלט ווערט אויסגעוועפּט און עס איז אַ רעפלעקסיע וועלכע איז אָנגע־ווענדט געוואָרן צו דעם מענטשנס נשמה. דאָס איז אַ באַדויערונג און אַ באַשרייבונג פון אומשולדיקייט־פאַרלוסט. דאָס איז אַ באַצייכענונג און באַקלאָגונג פון דער טרויעריקער טאַטזאַך וואָס די פרישקייט פון דער מענטשלעכער זעל איז שוין מער ניטאָ, וואָס די איינדרוק־אויפנעמקייט פון מענטשן ווערט פאַרטעמפּט, אַלץ ווערט פאַרצווערגט, פאַרקלענערט; די ביימער, די טייכן, די קרקע און מענטש בתוכם, הן זיין קערפּער און הן זיין זעל. אַלץ ווערט אָפּגעטראָגן, ווערט אָפּגענוצט, אויסגעריבן ביזן לעצטן פאָדים. דער קאָנסומענט, עקזיסטענץ, אָדער דער געברויכער־מענטש פרעסן אַלץ אויף.

די פאַרערונג פון דער פאַרגאַנגענהייט איז די אידעאָלאָגיע פון געברויכער, פון דעם וועלכער ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס קומט אָפּ, אָבער עס קומט ניט צו, אַז ער דערנענטערט זיך צו אַ קאַטאַסטראָפע, צו אַ דורכפאַל, אַן איינבראָך, אַז מיט יעדן טריט און שריט וואָס ער מאַכט קומט ער אַלץ נעענטער און נעענטער צו דעם שוואַרצן תהום, צו דער פאַטאַלער גרוב. דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון דעם וואָס לעבט אויפן חשבון פון אַ פאָנד וועלכער האַלט אין איין רעדוצירן זיך. דער פחד פאַר דער אומגעזיכערטער און אומפאַרזאָרגטער צוקונפט הויערט אי־בער אים, פאַרטונקלט דאָס ליכט פאַר זיינע אויגן. דער אָנקומענדיקער

טאָג סטראַשעט אים מיט דער אויסזיכט פון פאַרבלייבן מיט לײדיקע קעשענעס; דער לעצטער אונטערשפּאַר פון זײן װאָוילזײן צעבראָכן, דער לעצטער שינדל פון דאַך װאָס איבער זײן קאָפּ אָװעקגעטראָגן פון די בײזע װינטן װאָס בושעװען אַרום אים.

„עס איז געזאָגט געװאָרן (פון ספּענגלערן) אַז די גרעקאָ־ראָמאַנער זײנען ניט געװען מסוגל צו האָבן אַ באַגריף פון צײט, צו קוקן אױף זײער עקזיסטענץ װי אױף עפּעס װאָס איז אױסגעשפּרײט אין צײט. זײ האָבן עקזיסטירט בלױז פאַרן אַקטועלן מאָמענט. איך בין גענײגט צו טראַכטן אַז דער דיאַגנאָזיס איז ניט פּינקטלעך, אָדער, לכל־הפּחות, אַז ער מישט צוזאַמען צװײ זאַכן. דער גרעקאָ־ראָמאַנער האָט געליטן פון אַן אומגעװײנטלעכער צוקונפט־בלינדקײט. ער זעט ניט די צוקונפט, פּונקט װי יענער װאָס איז פאַרבן־בלינד זעט ניט רױט. אָבער, פון דער אַנדערער זײט, לעבט ער אײנגעװאָרצלט אין דער פאַרגאַנגענהײט. אײדער ער טוט עפּעס איצטער, מאַכט ער אַ טריט אױף־צוריק... ער זוכט אױס אין דער פאַרגאַנגענהײט אַ מאָדעל פאַר דער קעגנװאַרטיקער סיטואַציע, און אױסגעשטאַטעט מיט דעם גײט ער זיך אַ װאַרף אין די כװאַליעס פון אַקטואַליטעט באַשיצט און פאַרשטעלט מיט דעם טױכער־מלבוש פון דער געװעזנהײט. לכן איז זײן גאַנצער לעבן, אַזױ צו זאָגן, אַ מין װידערלעבן. אַזױ איז דער מענטש פון דעם אַרכאַאישן שניט, און אַזױ זײנען די פאַרצײטיקע אַלע מאָל געװען. אָבער דאָס הײסט מכל־וכל ניט אַז זײ האָבן ניט קײן חוש פאַר דער צײט. דאָס צײגט בלױז אױף אַן אומפולן „כראָניזם״, אַן אַטראָפיע פון דער צוקונפט, היפּערטראָפיע פון דער פאַרגאַנגענהײט״(40).

„דער פאַרצײטיקער און דער הײנטיקער מענטש בײדע זײנען פאַר־נומען מיט דער צוקונפט, אָבער דער ערשטער װאַרפט אונטער די צוקונפט אונטער דעם רעזשים פון דער פאַרגאַנגענהײט, בשעת מיר שענקען מער אױטאָנאָמיע צו דער צוקונפט, צו דאָס נײע, אַלס אַזעלכע. אַט־דער אַנטאַגאָניזם, ניט אין זײן נאָר אין פאַראױסצוכט, באַרעכטיקט אונדז אין קװאַליפיצירן דעם הײנטיקן, דעם מאָדערנעם מענטשן אַלס אַ פוטוריסט און דעם פאַרצײטיקן מענטשן אַלס אַרכאַאיזירער. עס איז אַן אָפּנבאַרנדיקער פאַקט, אַז קוים כאַפּט זיך דער אײראָפּײער אױף און ער באַהערשט זיך, הױבט ער גלײך אָן צו רופן זײן עקזיסטענץ אַ „מאָדערנער פּעריאָד״. װי עס איז באַקאַנט „מאָדערן״ מײנט נײ, דאָס װאָס פאַרנײנט דעם אַלטערטימלעכן מנהג. שױן בײם סוף פון זיבעטן יאָרהונדערט האָט מען גענומען שטעלן דעם טראָפּ אױף מאָדערניטעט. און דװקא אין יענע פראַגן װעלכע האָבן שאַרף פאַראינטערעסירט יענע

צייטן האָט מען געקענט הערן, צום ביישפּיל, פון devoito moderno אַ מין אַוואַנגאַרד פון מיסטישער טעאָלאָגיע"(41).

פונקט ווי די פאַרגאַנגענהייט-פאַרערונג איז די אידעאָלאָגיע פון דעם קאָנסומענט אַזוי איז די צוקונפט-פאַרערונג, די טעאָריע פון פּראָגרעס און עוואָלוציע, דער אָפּטימיסטישער וועלט-געמעל פון דעם צו־פרידענעם פּראָדוצענט, וועלכער פּטרט ניט, צעטרענצלט ניט זיינע שווער דערוואָרבענע רייכטימער, נאָר שטרענגט זיך אָן מיט כל הכוחות זיי צו פאַרגרעסערן.

„פּראָגרעס איז אַ נייע אידייע. אין אַ געזעלשאַפט פון ווילדע געפינען מיר איר ניט. באמת, די סאַמע אַטמאָספערע פון פּרימיטיוון לעבן שיקט זיך ניט מיט דעם געדאַנק מכוח אויסבעסערונג. אין משך פון גרעסטן טייל פון דאָס וואָס מיר רופן פּאַרציייטיקע ציוויליזאַציע זיינען געווען זייער ווינציק פעלקער וועלכע האָבן גענומען אָן אינטערעס אין דער מעגלעכקייט פון פּראָגרעס, און די מערהייט פון זיי וויזט אויס צו זיין פּעסימיסטיש אין זייער אינטערפּרעטאַציע פון דער מענטשלעכער אַסאָסיאַציע"(42).

„דער וואָרט „פּראָגרעס" אין דעם מאָדערנעם זינען איז געברויכט געוואָרן פון לוקרעציוס, אַ ראָמאַנישער שרייבער פון ערשטן יאָרהונדערט ב. ק. „פּראָגרעס" הייסט בוכשטעבלעך גיין פאָראויס. זיין היפּוך איז „רעטראָגרעסיע", גיין צוריק. לוקרעציוס האָט געגלויבט אַז בדרך־כלל דינט די עוואָלוציע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַלס עקזעמפּלאַר פון פּראָגרעס"(43).

„פּראָגרעס איז ניט אויטאָמאַטיש, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ענדערונ־גען ווערן געמאַכט אין צייט ניט פון צייט, ווי מארליי האָט געזאָגט מיט יאָרן צוריק"(44).

היינט צו טאָג האָט דער מענטש זיך ניט מיט וואָס איבערצונעמען, אָבער נעכטן האָט ער נאָך ווייניקער גרונט געהאַט פאַר באַרימעריי און שטאָלצירונג; און דער מאָרגן, איז ער זיכער, אויף וואָס ער דופּעט זייער שטאַרק, וועט אים ברענגען מער און מער דעראָבערונגען מיט וועלכע ער וועט זיך קענען גרויסן. דער מענטש איז אין אָן אַרויפשטייג, האַלט אין אָן אַרויפקום. ער קלעטערט אויף אַ לייטער אַלץ אַרויף און אַרויף. דער פּראָדוצירער פאַרבייט דעם אויסשליסלעכן קאָנסומער. דער קאַרגער אָפּשפּאָרער פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דעם פּזרן... מענטשן אָרדענען זיך איין, ווערן מיושב. נייע מאָדוסן פון לעבן אַנשטייען. אַג־ריקולטור טרעט אַריין מיט אַ ברייטן פּראָנט. קוואַליפיצירטע מלאכות ווערן פאַרשפּרייט. דער קולט וויזט זיין פּנים. האַנטווערקעריי נעמט

שאַפן נייע קעגנשטאַנדן. זייערע רעסורסן אין פאַנאַנדערלויף פון דער־פאַלג זעען אויס צו זיין אומדערשעפלעך. עס שאַפט זיך דער איינדרוק אַז זיי פאַרקערפערן די מעגלעכקייט פון אַ תמידיקן אומאונטערבראַכענעם פּראָדוקטן־פאַרגרעסער דורך פלייס און אינדוסטריע, דורך אָנשטרענג און אויפטוערישקייט. און ווי גרויס איז עס געווען די באַוואונדערונג און אָנטציקונג ווען עס איז געמאַכט געוואָרן די אָנטדעקונג אַז מענטש אַליין, נים די שטיק לאַנד וועלכע ער באַזיצט, נישט די לאַנקעס אויף וועלכע ער פּאַשעט זיינע בהמות, נישט די טייכן און די וועלדער, נאָר בוכ־שטעבלעך ער אַליין בכבודו ובעצמו מיט זיין „יגיע־כפיו" איז געוואָרן אַ קוואַל פון עשירות. ער איז אַ פּראָדוצענט און אַ רעפּראָדוצענט. ער פּראָדוצירט און רעפּראָדוצירט זיין אַרבעטס־קראַפט, און אויף אַזאַ שטייגער שאַפט ער, ווי דער כביכול אַליין, נייע אָביעקטן. ער עפנט אויף נייע וויסטעס, דאָבוואוועט נייע געלעגנהייטן, ער איז מחדש חידושים, טוט אויף נייסן. און דער מענטש ווערט זייער ענטוזיאַסטיש איבער זיינע אויפטוענישן. ער דערגייט אַז ער פאַרמאָגט אַ באַזונדער כוח פון וואַקסן, פון גרעסער ווערן. וואָס איז שייך קוואַנטיטעט האָט ער שוין לאַנג אַריבערגעיאָגט זיינע פאַרעלטערן. ער האָט פאַרטונקלט דעם גלאַנץ און שיין פון די ראשונים, פון די פריערדיקע דורות. קוואַליטאַטיווע אויסגעצייכנטקייט, עקסעלענץ, זאַמט זיך נאָך ערגעץ וואו אין לעגענדעס, טראַדיציעס און אַלטע סאַגעס. אָבער ער נעמט זיי איצטער נים אַזוי ערנסט. הגם דאָס איז נאָך אַלץ מאָנאָפּאָליזירט פון די פאַרצייטיקע העט־וויים צוריקגייענדיקע דורות ווען עס האָבן געלעבט די ריזן וואָס אין לאַנד, די אנשי־השם.

דער מענטש ווערט אַ קולטיוואַטאָר, אַ שאַפער פון קעגנשטאַנדן. ער אַקערט זיין שטיקל פעלד, ער פערטיליזירט עס. זי גיט אים תבואה, גרינסן, גרייטעכצער. ער פלאַנצט בוימער, קוסטעס, וואָרצלען. ער „פאַר־דינט מער ווי ער קען „פאַרברויכן". ער שפּאָרט אָפּ. ער פאַרזאָרגט זיך מיט אַן איבעפּלוס. דער אָרימער פון־האַנט־צום־מויל באַלעבאַטישקייט־פיר איז שוין אָפּגעשאַפט.

דער מענטש באַזיצט פרייע צייט וועלכע ער ווידמעט צו דער אויס־בעסערונג פון זיינע פּרימיטיווע געצייג. די געבורטס־ראַטע יאָגט אַריבער דעם טויט־אָפּצאָל. פּראָדוקציע שטייגט אַריבער קאָנסאָמפּציע. אַ לוי־טערע פּערספּעקטיווע איז געוואונען. אַ שלייער ציט זיך אין דער ווייטער צוקונפט אַריין. האָפענונג רויטלט דעם מענטשנס אויסקוק. דער מאָרגן וועט זיין בעסער פון נעכטן און פון היינט.

פאַר אַ לאַנגן פעריאָד האָבן די דאָזיקע צוויי קעגנזאַצן, די פאַר־ערונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און די אַנטציקונג פאַר דער צוקונפט געוואוינט זייט־ביי־זייט, אין שלום און שלוה. דער מרחקים אין צייט איז אידעאַליזירט געוואָרן. ביידע שלוסן ווערן פאַרגעטערט. דאָס לאַנג־פאַרגאַנגענע און דאָס אַנקומענדיקע האַלדזן זיך אין איין טייער געהאַל־טענער וויזיע, אַ נייע מיטאָלאָגיע נעמט אַרויסוואַקסן. אָבער די דעאיפי־קאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט האַלט איר אָרט, איבט אויס איר ממשלה איבער די מוחות. די קעגנוואַרט טרעט אָפּ, ווערט פאַרטריבן... די פאַרגאַנגענהייט ווי אויך די צוקונפט ווערט אויסגעדוכט, פאַעטיזירט, באַצירט און באַחנט מיט אויסטערלישקייט.

די צוקונפט נאָך אַ לאַנגער פעריאָדע פון ראַנגלען זיך, געווינט די אויבערהאַנט איבער דער פאַרגאַנגענהייט.

„...אָבער אַ סך מעכטיקער ווי פון דער פאַרגאַנגענהייט ווערט דער פאַרשטאַנד באַאיינפלוסט פון דער צוקונפט. די ערשטע לאָזט איבער נאָך זיך בלויז אַ פערצעפציע פון דערמאָנעניש, בשעת די לעצטע שטייט פאַר אונדז מיטן טעראָר פון גיהנום און די גליקזעליקייט פון גן־עדן... די קעגנוואַרט איז אין העכסטן גראַד פראַזאַאיש, שוין פאַרטיק, דעטער־מינירט, קען ניט געענדערט ווערן, איז פאַרענדיקט, איז אָפּגעהאַקט, אויסשליסלעך. אין דער קעגנוואַרט פאַלט די איינבילדונג צוזאַמען מיט דער רעאַליטעט... אָבער די צוקונפט דאָס איז דאָס קעניגרייך פון פאָע־זיע, פון אומבאַגרעניצטער מעגלעכקייט און צופאַל. — די צוקונפט קען געמאַכט ווערן לויט מיינע פאַרלאַנגען אָדער שרעקן; זי איז נאָך דערוייל ניט אונטערגעוואָרפן דעם שטרענגען שיקזאַל פון אומפאַרענ־דערלעכקייט; זי הויערט נאָך אַלץ צווישן עקזיסטענץ און ניט־עקזיסטענץ, הויך איבער דער דורכשניטלעכער רעאַליטעט און אַנטאַפּלעכקייט"(45).

די צוקונפט פאַרמאַגט אַ גרעסערן פאַרמעסט און לייגט פאַר גרעסערע יכולתן פאַר דער קרעאַטיווער לייכט־פליגלדיקער איינבילדונגס־קראַפט. די צוקונפט איז אַ קינד פון פאַנטאַזיעס. זי איז פריי פון די באַגרעניצונגען פון רעאַליטעט. זי טראָגט אויף זיך קיין יאָך ניט. זי גייט ניט אין שפּאַן אַנגעדוגעוועט, איינגעדייקסלט און אַנגעלייצעוועט און איינגעצוימט. זי איז ניט אַריינגעקלעמט אין ענגן צירקל פון געשעעניש וועלכע האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַסירט.

די פאַרגאַנגענהייט איז פרייער ווי די פאַרשקלאַפטע קעגנוואַרט. אָבער זי קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט דער צוקונפט וועלכע האָט צו איר דינסט אַ גרעסערן אויסוואַל פון לייוונטן און אוזאַרן, מער אויסטראַכ־טערישע קאָלירן, אַ בעסערע פּאַליטרע. מחמת די לעצטע איז לגמרי

אַבסטראַקט, ריין אַנטיציפּאַטיוו. די צוקונפט איז אַ פּראָדוקט פון דער־פינדערישקייט און גאונישן איינפאַל, וועלכער ציינט זיך אַרויס אין דעם מענטשלעכן פּאַבולע־אינסטינקט, און לעגענדע־פאַרציילונג געלוסטעכץ.

ווייטער, די צוקונפט־פאָרמירונג האָט נאָך אַ גרויסע מעלה לגבי דער פאַרגאַנגענהייט־קריסטאַליזירונג און דאָס איז איר אייגנשאַפט צו זיין עפּעס אַזוינס וואָס ווערט ערשט דערוואַרט. עס איז ניטאָ קיין שטעג וועלכער זאָל אונדז קענען פירן צוריקווײלעכטס צו אונזער עבר, אָבער עס איז זיכער דאָ אַ גערעדער דרך־המלך וועלכער פירט אונדז גלייך אין דער צוקונפט אַריין.

„דאָס איז די הויפּט־מעלה און דיסטראַקציע פון דעם מענטשן וואָס ער קען לעבן די קעגנוואַרט אין ליכט פון דער צוקונפט, צושניידן און צומעסטן זיין לעבן אין איינקלאַנג מיט זיינע האָפענונגען און אידע־אַלן"(46).

פון דעם פאַרגאַנגענהייט־ברונעם אַלץ וואָס מיר זיינען אימשטאַנד צו שעפּן פון דאָרטן איז זכרונות, מעמוארן, בשעת, בנוגע דער צוקונפט טראָגן מיר אין האַרצן די ליכטיקע האָפענונג אַז מיר זיינען ביכולת איר צו געשטאַלטן און פורעמען לויט די מוסטערן וועלכע מיר האָבן אויסגעטרוימט און אין וועלכע מיר האָבן פאַרקערפּערט אונדזערע ראַזע, פול־מיט־בטחון און גלויבן, אַנטיציפּאַציעס.

אַזויאַרום ברענגט די ליכט פון דער קעגנוואַרט און ווערט פאַרצערט פוןביידע עקן.

„עס איז די אָנפירנדיקע אידייע, וועלכע דריקט זיך אויס אין ספּענסערס קאָנצעפּציע מכוח דעם מאָדערנעם פּראָגרעס און צוגאַנג צו אַן אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע. עס איז אָט־די אידייע וועלכע ווערט כסדר איבערגעחזרט און וועלכע ליגט אין זיין טעאָריע וועגן די עקלעזיאַסטישע אינסטיטוציעס אַלס פאָרמען דורך וועלכע די הערשאַפט פון דער פאַרגאַנגענהייט קריגט איר עקספּרעסיע. דאָס איז די פונדאַ־מענטאַלע קאָנצעפּציע אויף וועלכער ער האָט אויסגעבויט זיינע פּרינציפּן פון פּסיכאָלאָגיע, אין וועלכע — יומס אידייע ווערט געפירט אַביסעלע ווייטער — דער תוך פון דעם מענטשלעכן שכל ווערט באַטראַכט אַלס פּשוט פאַרבונדן מיט די איבערגעלעבטע דערפאַרונגען אָדער פון יחיד אָדער פון דער ראַסע. אָבער, ווי מיר זעען עס איצטער, קען דער כאַ־ראַקטער פון דער עוואָלוציאָנערער פּראָגרעס־דראַמע אין אונדזער ציווי־ליזאַציע מער ניט באַטראַכט ווערן פון מענטשלעכן אינטעלעקט אַלס עפּעס וואָס ווערט דאָמינירט פון אַזאַ הערשנדיקן פּרינציפּ. עס איז, ווי מיר זעען, דער מיין, ניט פון דער רעלאַציע פון דער קעגנוואַרט

צו דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר פון דער רעלאַציע פון דער קעגנוואַרט צו דער צוקונפט, צו וועלכען אַלע איבעריקע מיינען זיינען סובאָרדינירט, און וועלכער קאָנטראָלירט אַלע אולטימאַטיווע טענדענצן פון דעם פּראָ־גרעס־פּראָצעס אין וועלכן מיר לעבן"(47).

„ניט צו דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר צו דער צוקונפט אָט צו וואָס אונדזער פּאָזיציע אין דער קעגנוואַרט האָט הויפּטזעכלעך איר פאַרהעל־טעניש. עס איז דער פּרינציפּ פון פּראָיעקטירטער עפיציענץ אין סאָציאַלן פּראָגרעס צו וועלכן אַלע אַנדערע פּרינציפּן מוזן שטיין אין אַ פאַרהעל־טעניש פון סובאָרדינאַציע"(48).

די פאַרגאַנגענהייט שטעמפּלט אָפּעט די קעגנוואַרט, און די צו־קונפט, אויף איר אייגענעם חשבון, פאַרפאַרבט, פאַרפּוצט די קעגנוואַרט אַזוי אַז זי זאָל ווערן מסוגל צו דינען אַלס צוגרייטונגס־סטאַדיע פאַר דעם עתיד־אָנקום. „דאָס קעניגרייך פון הימל קומט ווי אַ גנב ביי דער נאַכט און דעריבער זייט וואַכזאַם, קוקט זיך אַרום", דאָס איז דער קלאַסישער אויסדרוק פון אַ קעגנוואַרט וועלכע איז באַהויכט פון דעם צוקונפטס־אָטעם, באַטויט מיט דער פרישקייט פון אַ מאָרגנדיקן אויפקום. עס איז אַ „קעגנוואַרט", אַ וואַרטן און אָפּוואַרטן און דערוואַרטן דאָס וואָס וועט צו אונדז אָנקומען פון אַנטקעגן איבער.

דעם אָרט פון דעם שיוון לאַנג־בערדיקן פּאַטריאַרך האָט איצט פאַרנומען דער אָראַקל, דער קרישטאָל־זעער, דער וואָרזאָגער, דער רואה, דער חוזה, דער פאָראויסזעער און פאָאויס־זאָגער.

אָנשטאָט פון דער לעגענדע, פאַרגאַנגענהייט שילדערונג און דער־ציילונג קומט די צוקונפט־מאָלונג און בילדערונג.

די צוקונפט מאַרשירט פאָראויס, די פאַרגאַנגענהייט טרעט איר אָפּעט דעם וועג, ווערט בלייך אומבאַטייטלעך לגבי דער ערשטערס גדלות און רחבות, דרייסט און פאַרנעם. אַ נייע מיטאָלאָגיע ווערט גע־שאַפן, די מיטאָלאָגיע פון דער צוקונפט. אָבער די מיטאָלאָגיע פון דער צוקונפט איז מער קיין מיטאָלאָגיע ניט, עס איז אַן אידעאַלאָגיע אָדער אידעאָלאָגיע.

„מיר אייראָפּייער האָבן אַלע מאָל גראַוויטירט כלפּי דער צוקונפט און מיר פילן אַז דאָס איז די צייט־דימענסיע פון מערסטער סובסטאַנץ, די יעניקע וועלכע הויבט זיך אָן פאַר אונדז ניט מיט דעם „נאָכדעם" נאָר מיט דער „איידער"(49).

אַ נייער גלויבן פּלאַקערט אויף. אַלץ איז מעגלעך אין דער צו־קונפט. קיינע שליוזעס, קיינע אָפּהאַלטונגען, קיינע זאַסטאַווקעס קענען ניט

אפשטעלן דעם אלמעכטיקן שטראם פון דעם גרויסן, גראנדיעזן עתיד־אויסגוס.

די פאזיציע פון דעם פארצייטיקן העלד איז איצט פארנומען פון דעם ווייטן יורש, דעם אפשפראצלינג וועלכער געפינט זיך לעת־עתה אין נעבעלער דיסטאנץ.

„און א ריטעלע וועט ארויס פון ישיס שטאם און אן ארויסשפראץ פון זיינע ווארצלען וועט פרוכט ברענגען״(ל׳)... „און עס וועט זיין אין סוף אין ענד פון די טעג״ — דאס איז די באליבטסטע פארמולע פון נבואה. ניט דער אנהויב איז וויכטיק, נאר דער סוף, דער ענד, די פולפילונג, דער סיום, דער שלוס, די קאנסומאציע. דער פינאל איז דער קרוין, דער כתר־מלכות, אויפן קאפ פון מלך וועלכער הייסט אויפטו. און דער גן־עדן התחתון, און דער גאלדענער צייטעלטער און דער איבערפלוס־הארן ווערן אריבערגעפירט פון איין פלאץ אויף א צווייטן, פון איין ספערע אין א צווייטער, אין א בעסערער, וועלכע גיט מער פרייהייט דער פאנטאזיע און איז אומענדלעך אין איר העט־ווייטקייט. דער אנהויב פארמאגט ערגעץ־וואו אן אויסגאנגספונקט, א ראשית, א תחילת, אן אנ־פאנג, אבער דער סוף איז גאר אן א סוף, האט קיין אויסלאז ניט, קיין סיום ניט, עס איז די דיסטאנץ פון אלע ווייטע דיסטאנצן, דער מרחק פון אלע מרחקי־מרחקים. און משיחיות, דער אפאטעאזיס פון דער צוקונפט, די אידייע פון פראגרעס אין איר פראטאטיפ באווייזט זיך אין איר גאנצער פראכט און כבוד.

מעסיאניזם — גרויס אפטימיזם, פראגרעסיזם, אידעאליזם מיט אלע זיינע פארשיידענע שולן און לערעס איז מער ניט ווי אן אפלייטונג פון משיחיות, א דעריוואציע פון מעסיאניזם, א מאדערניזירטע פארמע פון דערלייזונג־גלויבן, אומגעאכטעט אויף דעם וויסנשאפטלעכן אנשטעל פון די הייניטיקע סאציאל־רעוואלוציאנערע דאקטרינען. מעסיאניזם איז א סאציאל־פוטוריסטישע מיטאלאגיע, עס איז אן עקזאלטירטע נבואה וועגן די גלאררייכע טעג וואס וועלן ערשט מארגן־מארגן אנקומען, אראפקומען צו אונדז.

נבואה, פראפעטיזם, איז א ראמאנטיציזם פון דער צוקונפט, עס איז אן אנטיציפאטיוויזם. און ווען דער דאזיקער קוואל, דער מעין־הישועה האט זיך געעפנט האט ער געשפרודלט און געפאנטאנעוועט מיט אן אומגעהויער גבורה מיט מיידלשע עלעמענטן־כוחות.

„און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אין אקעראייזנס און זייערע שפיזן אין שניידמעסער, א פאלק צו א פאלק וועט ניט טראגן מער קיין שווערד און זיי וועלן זיך מער ניט לערנען מלחמה־האלטן״(ל״א).

„און עס וועט וואוינען אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ טיגער מיט אַ ציגעלע וועט ליגן, און קאַלב, און לעמפּערט, און געשטאָפּט-בהמה וועלן זיין צוזאַמען, און אַ קליין קינד פירט זיי. און קו און בער פּאַשען זיך, צוזאַמען ליגן זייערע קינדער, און לייב, ווי רינד, וועט עסן שטרוי, און זויגליגג וועט זיך שפּילן אויפן לאָך פון אטטער, און אויפן הייל פון באַזיליסק וועט אַן אָנטוואוינטער זיין האַנט שטרעקן. זיי וועלן ניט טאָן קיין שלעכטס, און וועלן ניט פאַרדאַרבן אין דעם גאַנצן באַרג פון מיין הייליקייט, וואָרים דאָס לאַנד איז פול מיט וויסן פון יהוה ווי דאָס וואַסער דעם ים דעקט צו"(ל"ב).

4.

דער אמתער פוטוריזם, דער פּראָפעטיזם באַהויפּטעט מער ווי דאָס פּאַרוואָס דער באַגרעניצטער שכל, דער איינגעצוימטער פאַרשטאַנד קען ליפערן דאַטא און טעמים. פּראָפעטיזם שעפּט זיין זיכערקייט פון אַ צו־קונפטס-געפיל, אַ מין עתיד־חוש. די פאָראויסשפּירונג, די אינטואיטיווע פאָראויסזעאונג פאַרזיכערט אַז געוויסע אויפטועונישן זיינען מעגליך, הגם דער געפּענטעטער אינטעלעקט, פאַרניינט די דאָזיקע יכולתן און ברענגט גאַנצע הויפנס ראיות צו באַווייזן די אוממעגלעכקייט פון דער־וואַרטעטן דערפאָלג.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן טרעפט גאַנץ אָפט אַז דאָס קינד, דער נאַר, דער גלויביקער, ווייזט זיך אַרויס צו זיין נענטער צום אמת, צו דעם קרעאַטיוון אמת, ווי דער חכם, דער אויפגעקלערטער, דער דענקער מיט זיין פאַרשטאַנענער און אַרומגעפּאַרקענטער קלוגשאַפט, וועלכע פונדאַ־מענטירט זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט און אָריענטירט זיך אין דער קעגנ־וואַרט, איז אָבער שטאָק-בלינד בנוגע דער צוקונפט, און ממילא קען זי שוין אויך, פאַר־איין וועגס ניט זען ווי געהעריק די פאַרגאַנגענהייט און תופס-זיין און אָפּשאַצן, לויט זייער ווערט, די טענדענצן און פּאָטענציאַלן וועלכע ליגן אין דער קעגנוואָרט, מחמת זי זעט ניט די זאַמען, די געהיימע שפּראָצונגען וועלכע זיינען לעת-עתה פאַרהוילן פון אויג, וועלן זיך אָבער באַלד אַנטפּלעקן.

פוטוריזם איז איינע פון די שענסטע מתנות, פון די וויכטיקסטע פייאיקייטן מיט וועלכע דער מענטש איז אויסגעשטאַטעט. פוטוריזם איז דער כישרון צו צייכענען ליניעס און זיי אָוועקציען ווייט-ווייט אין די מרחקים אַריין, הענגען בריקן איבער תהומות, פּראָיעקטירן, פּלאַנעווען און אַנטיציפּירן.

אָט־די זיכערקייט, אָט־דער גלויבן אַז דאָס פאַרלאַנגטע און גע־גאַרטע, דאָס פּערפעקטע אָדער בלויז ראַדיקאַל־בעסערע וועט דערגרייכט ווערן, קען דערגרייכט ווערן, מוז, סוף כל סוף, דערוואָרבן ווערן — אָט־די אינטואיטיווע קראַפט איז דער עכט כאַראַקטעריסטישער שטריך פון נביאות. די אייגנשאַפט באַקעמפט ניט דעם ראַציאָנאַליזם, פירט ניט קיין קריג מיטן אינטעלעקטואַליזם, אין זיין העכערער באַצייכענונג, נאָר מיט דעם לעצטנס מיסברויכונג. ראַציאָנאַליזם ווען ער ווערט מיס־ברויכט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ הונט וועלכן מ׳האַלט אויפן קייט פון קורצזיכטיקייט, מיט דער בייזער אַבזיכט אים אָנצורייצן אויף אַלע נייע אויסזיכטן און אים הייסן בילן, באַפאַלן, אַטאַקירן און ניט אַריינלאָזן נייע פאָרמען און אינהאַלטן, וועלכע קלאַפּן אין די טירן, רייסן זיך דורך די פענצטער.

ניט ראַציאָנאַליזם און אויך ניט אינטואיטיוויזם, נאָר אַנטיציפּאַ־טיוויזם איז דער סימן־מובהק פון נביאישן באַגרייפונגס־כוח. אָבער אַלע מענטשן, די פּשוטסטע בשר־ודמס באַזיצן דעם דאָזיקן טאַלאַנט, הגם ניט אין אַ הויכן קאָעפיציענט. די הערשנדיקע קראַפט אין נביאישער מענטאַליטעט איז דער חוש הראיה און דער חוש השמיעה פאַר דער צו־קונפט, פאַר די עתיד־יכולתן.

די קעגנוואַרטיקייט וועט מיט דער צייט אָפּגעשוואַכט ווערן און די צוקונפטיקייט וועט איר קאָנטראָלירן. די פאַרגאַנגענהייט קוקט אויס פאַר ווידערגעבורטן, פאַר אָפּלעבעכצן, אָפּפרישונגען. די צוקונפט דאָס איז דער נאָרמאַלער, געזונטער צושטאַנד, דער העכסט רעאַליסטישער בליק איז דער צוקונפטבליק. פּסיכאָלאָגיש גענומען איז דערוואַרטונג שטאַר־קער פון עמפינדונג.

אַנטיציפּאַטיוויזם וועט געבן אַ נייע ריכטונג צו אַלע אַקציעס פון די מענטשן. ער וועט וואַרפן אַ נייעם ליכט אויף דער רעאַליטעט־וועלט וועלכע איז אַלע מאָל באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ וועלט וועלכע ווערט גענומען אין דער קעגנוואַרט. דער מענטש אַלס חיה, אַלס אַ לעבעדיק וועזן געפינט זיך אין אַן איבערגאַנגס־צושטאַנד. דער מענטש האָט נאָך ניט פאַרשלאָסן זיין קרייז פון אַנטוויקלונג, ער האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זיין קאַריערע. ער איז נאָך ניט קאַנאָניזירט, זיין וואָרט האַלט ערשט אין צייכענען זיך און ציען זיין שטרעבונגס־ליניע, ער האָט דאָך אָקאָרשט־וואָס פאַרלאָזן זיין אַרויסגאַנגס־פּינטל.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן מכוח דער נאַטור. זי איז ניט קיין פאַרשלאָסענע, פאַרגליווערטע סומע פון דערשיינונגען, וועלכע מ׳האָט אונדז געגעבן בלויז אויף שמירה, אָפּצוהיטן און ניט אָנרירן, ניט מינערן

און ניט צוגעבן. די נאַטור איז בלויז אַ זאָמען, אַ זריעה, אַ קערנדל וועלכער ליגט אין מוטערלייב פון אַלדאָס־מעגלעכע, פון קרעאַציע. און זי וועט נאָך ערשט אויסוואַקסן, אַרויספּויזשן פון דער אונטערערד און נעמען שפּראָצן, וואַקסן אויף גוטע וואונדער ביז זי וועט, ווי אַ געוויקסיקע דעמבע דעם הימל אונטערשפּאַרן מיט איר פאַרריסענעם קאָפּ.

„...דער מענטש הייסט אַ גייער ניט קיין שטייער, און ער דאַרף גיין פון שטופע צו שטופע און ניט בלייבן שטיין אויף איין שטופע״(ל״ג).

דער מענטש האַלט אין רעכטן מיטן פון אַ האַדעווונגס פּראָצעס. און דער דאָזיקער רגש, אָט־די שפּירונג פון וואַקסן, פון אייגענעם צער־גידול־בנים איז דער שטאַרקסטער אויסזעץ קעגן דער דאָמינאַציע פון דער קעגנוואַרט און דער פאַרגאַנגענהייט.

אָט־די בייגונג, אונדזער אַזוי צו זאָגן, וואַקסן מיטן קאָפּ אין דער צוקונפט אַריין, אונדזער שלאָגן וואָרצלען אין „הימל״ אַנשטאָט אין דער ערד, אונדזער גאַרן און לעכצן נאָך דעם וויטן עתיד, אונדזער בענקען נאָך דער וועלט וואָס דאַרף ערשט אַנטשטיין, אונדזער פאַרלאַנגען עולם־הבא — איז דער ערשטער שוואַכער סימפּטאָם פון אונדזער פוטור־ריזם, פון אונדזער מסוגלקייט, אין אַ געוויסער מאָס, צו לעבן מיט דער צוקונפט, אין דער פוטוריטעט. דאָס איז דער אינאַרטיקולירטער צוזאָג פון נבואהישן כישרון וועלכער וואַרט אויף אונדז ערגעץ וואו פאַר־הוילן אין די טיפע שפּאַלטן פון די עתיד־בערג.

דער שטודיום פון געשיכטע, פון פּרימיטיווער קולטור, פון אַרכע־אָלאָגיע און פּאַלעאָנטאָלאָגיע מאַכט קלאָר אַז אונדזער קעגנוואַרטיקער איך האַלט אין איין וואַקסן. מיר זיינען ניט צופרידן מיט דער צעטיילונג וועלכע מ׳האָט אַריינגעטראָגן אין דעם באַגריף פון צייט. עפּעס אַפּנים ווי צייט וואָלט געהאַט באַשטאַנען פון אַ לאַנגער ליניע, פון אַן אומענדלעכן המשך, און מיר, מיט אונדזער קעגנוואַרט, זיינען מער ניט ווי איין פּינטל אויף דער ליניע, איין רינגעלע אין דער אומענדלעכקייט. מיר זיינען מער ווי דאָס. מיר ווילן און קענען באַלעבן, אָפּטשוכן די פאַרגאַנגענהייט, איבערלעבן זי אַ צווייטן מאָל פון סאַמע אָנהויב. און דער פאַרלאַנג מחיה־מתים צו זיין די פאַרגאַנגענהייט בכדי מיר זאָלן זי דורכלעבן, בכדי אונדזער לעבן זאָל וואַקסן אויף־קאַריק, זאָל אָפּערירן רעטראָגראַ־דיש, איז דער טרייב־פעדער, דער כוח וועלכער צווינגט אונדז צו אונ־טערנעמען די דאָזיקע רעסורעקטיווע אַרבעט און מיר ווערן באַשאַנקען פאַר אונדזער מי מיט אַ באַפרידיקונגס־געפיל. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. מיר ברייטערן אויס אונדזער קעגנוואַרט. מיר פאַרגעסערן און

שפּרייטן אויס אונדזער איך, אונדזער זעלבסטהייט, מיר פּאַראייניקן אונדזער זעלבסט מיט אַלע עפּאָכן וועלכע ליגן הינטער אונדז אין צייט.

די קרעאַציע און נעגאַציע פון צייט, אָדער דאָס עטאַבלירן פון צייט און איר בייקומען,ביידע געפינען זיך אין אונדזער כוח פון זכרון. די געדעכעניש ברענגט צוריק מיט גרייט לעבעדיקייט לאַנג פאַרבייגעגאַנ־גענע צושטאַנדן, לאַנג דערפאַרענע און לאַנג אָפּגעווישטע מצבים פון באַוואוסטזיין. דאָס אייגענע פּאַסירט אין חלום. אַ טרוים אָנדערקענט ניט קיין כראָנאָלאָגיע אָדער ריכטיקע רעגיסטרירונג פון צייט־דויער. אַ גאַנצער לעבן קען דורכגיין אין אַ מינוט צייט בשעת אַ חלום.

געשיכטע איז דער זעלביקער זכרון נאָר פון דער אומה, פון דער מענטשהייט, גענומען אין דעם ברייטן זינען פון וואָרט. געשיכטע איז דערמאָנעניש. און געשיכטע האַנדלט איינצייטיק אויף צוויי זייטן, מיט איין האַנט עטאַבלירט זי דעם באַגריף פון צייט, מיט דער הילף פון אַנאַלן, כראָניקעס, אָבער מיט דער צווייטער האַנט פאַרניכטעט זי די סאַמע השגה פון צייט.

מיר לייענען קלאַסיקער. מיר לערנען פאַרצייטיקע ספרים. מיר פּאָרשן אויס און, אפילו, גראָבן אויס אויסגעלאָשענע ציוויליזאַציעס. מיר זוכן אויס, מיר עקספּלאָרירן אויסגעגאַנגענע, אָפּגעלעבטע קולטורן. און אויף אַזאַ שטייגער זאַפּן מיר אַריין אין זיך, זויגן אַריין, ווערן דורכ־געדרונגען און דורכגענומען פון די אַלטערטום־קולטורן. מיר רעסטאַוו־רירן די אַלטע צייטן, מיר באַזעלן די פאַרגאַנגענהייט און באַפעלן איר צו לעבן צווישן אונדז זייט־ביי־זייט מיט אונדזער קעגנוואַרט. און אַזוי־אַרום פאַרשטאַרקן מיר אונדזערע כוחות, פאַרפעסטיקן אונדזערע מעג־לעכקייטן, מיר עפענען טיר און טויער פאַר אונדזער אַריינבליק אין אַנדערע וועלטן.

אַזוי פירט זיך אויף דער עגאָ בזעיר אנפּין, אויף אַ קליינעם מאַס־שטאַב. מיר לעבן מער ווי אין דער קעגנוואַרט. מיר פאַרמאָגן אַ פאַר־גאַנגענהייט. און אָט־די פאַרגאַנגענהייטס־דערפאַרונג פאַרבט אָפּ אַלע אונדזערע קעגנוואַרטיקע דורכלעבונגען. די וועלט ווי זי איז, וועלכע איז אַרום אונדז, פּאַסן מיר אויף ניט אַזוי ווי מיר וואָלטן איר געהאַט אויפגעפאַסט, געזען, געפילט, פאַרזוכט, געהערט, געשמעקט און פאַר־שטאַנען, אין פאַל אונדזערע פאַרדעמדיקע דערפאַרונגען, די פורעמס און טיפן פון קולטור און ציוויליזאַציע, וואָלטן פלוצלונג אָפּגעווישט געוואָרן ניט איבערלאָזנדיק קיין שפּור אין אונדזער זכרון. אַזאַ פּאַטאַ־ליטעט קען קיינמאָל ניט פּאַסירן און עס איז אויך ניט, זעלבסטפאַרשטענד־לעך, ווינטשנסווערט. אָן דער הילף פון אַפּערצעפּטיווע מאַסן און

אַסאָציאַציעס זיינען מיר ניט אימשטאַנד צו האַנדלען פּסיכאָלאָגיש אָדער לאָגיש. דער עבר גיט קאָליר און פאָרם צו אַלע אונדזערע שפּירונגען און עמפּינדונגען.

„וועגן אידייען אַסאָסיאַציע. עס איז צו זען אַז עס איז פאַראַן אַ פאַרקניפּונגספּרינציפּ צווישן די פאַרשיידענע מחשבות אָדער אידייען פון פאַרשטאַנד און אַז, אין זייער דערשיינונג צום כוח-הזכרון אָדער איינבילדונגסקראַפט, ברענגען זיי אַריין איינע די אַנדערע מיט אַ געוויסער מאָס פון מעטאָד און רעגולאַריטעט... און זאָגאַר אין אונדזערע ווילדסטע שווערמערייען, וואָס רייד איך, אפילו אין אונדזערע חלומות, קענען מיר געפינען, ווען מיר רעפלעקטירן, אַז אונדזער פאַנטאַזיע לויפט ניט הענדום-פּענדום, נאָר אַז דאָרטן איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג וועלכע האַלט אָן צווישן די דיפערענטע אידייען וואָס פאָלגן איינע נאָך דער אַנדערער"(50).

„אַזויאַרום, פילע פּרעזענטאַציעס, וועלכע האָבן געהאַלטן קרוב צום אַרויפשטייגן, ווערן פאַרהאַלטן אויף דעם מעכאַנישן שוועל... אָבער נאָך אַ קורצער צייט טרעטן זיי אַרויס מיט זייערע אַסאָציאַטן אין דעם ריטם וועלכער ווערט באַשטימט דורך צוזאַמענשמעלוצנג און קאָמפּליצירטקייט"(51).

„אויב דער פאַמיליאַרער קעגנשטאַנד, וועמענס פּרעזענטאַציע איז געקומען נאָענט צום אַרויסטרעטן, שטעלט זיך ווידער פאָר, דעמאָלט הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון אַפּערצעפּטירנדיקער אָבזערוואַציע.

„ער פאַנגט אָן, מחמת די רעפּראָדוצירטע פּרעזענטאַציע, וועלכע איז אפשר שוין צוריקגערופן געוואָרן צום באַוואוסטזיין דורך דער פאַרדעמדיקער עקספּעקטאַציע, אַנטשטייט איצטער גאַנץ פריי, און בשעת זי פאַראייניקט זיך מיט דעם וואָס טראָגט אַ סימילאַרן כאַראַקטער, פאַרשטופּט זי מיט שטאַרקייט אויף צוריק דאָס וואָס איז דיססימילאַר. אַט-די רעפּרעסיע פון אונדזערע אידייען, וועלכע צו דער אייגענער צייט פּרעזענטירן זיך מיט ניט וויניקער שטאַרקייט, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַפּערצעפּטירנדיקער אָבזערוואַציע. אין אַט-דעם באַשטייט די אַרויסהויבונג, באַפרייאונג און איזאָלירונג פון דעם אויפמערקזאַמקייטס-קעגנשטאַנד און דאָס אַרויסטיילן אים פון זיינע אַסאָציאַטן און אַרומגעבונג"(52).

„די אַפּערצעפּטיווע פּרעזענטאַציע איז ניט פּשוט און דער גאַנצער רעזולטאַט הענגט אָפּ פון איר סטרוקטור צוזאַמען מיט די פאַרשמעלצונגען אויף וועלכער די סטרוקטור האַלט זיך"(53).

„שוואַכערע קאָנצעפּטן... טרעטן אַריין אין באַוואוסטזיין, זיי ווירקן ווי מעוררים אויף די דאָזיקע מאַסן... און זיי ווערן אויפגענומען און אַפּראָפּריאירט פון זיי, פּונקט ווי אין דעם פאַל פון נייע חושים-אימפּרע-

סיעס. די אַפּערצעפּטירטע קאָנצעפּטן זעצן ניט פֿאָרט זייער אַרויפשטייגן אָדער אַראָפּזינקען לויט זייערע אייגענע געזעצן, נאָר זיי ווערן געשטערט אין זייערע באַוועגונגען דורך די מעכטיקערע מאַסן וועלכע פֿאַרטרייבן דאָס וואָס איז קעגן זיי, הגם עס מעג זיין גענויגט אַרויפצוטויכן; און בנוגע דאָס וואָס איז ענלעך צו זיי, כאָטש עס האַלט קרוב צום זינקען, גיבן זיי עס אַ נעם אויף און אַמאַלגאַמירן מיט זיך... די אַפּערצעפּטיווע מאַסע קען, אין איר ריי, ווערן אַפּערצעפּטירט פֿון אַן אַנדער מאַסע"(54).

„יעדע סיסטעם, אָדער אַ גרופּע פֿון אַט־דעם סאָרט, ווערט אין פּסיכאָלאָגיע אָנגערופֿן אַן „אַפּערצעפּטיווע מאַסע", מחמת עס איז אַ קאָלעקציע פֿון אידייען וועלכע זיינען צוזאַמענגעבונדן דורך אַן אַלגע־מיינעם כלל אָדער סכעמע, וועלכע דיקטירט דעם שטאַנדפּונקט פֿון וועלכן די פּערצעפּציע וועט נעמען איר פּלאַץ, אויף וויפֿיל דאָס באַהאַנדלטע סיסטעם איז אַקטיוו... און אין דער אַקציע פֿון יעדער אַפּערצעפּטיווער מאַסע, אויף־וויפֿיל זי דעטערמענירט מחשבה דורך דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿון דאָס סיסטעמאַטישע גאַנצע מער איידער דורך דער איזאָלירטער אַטראַקציע וועלכע ווערט אויסגעאיבט פֿון איין איינס אויף דעם צווייטן, האָבן מיר אַ ביישפּיל פֿון אָרגאַניזאַציע אַלס עפּעס וואָס איז כנגד אַסאָציאַציע"(55).

אָבער דאָס שעפּט וווייט ניט אויס דעם פּסיכישן פּראָצעס. עס זיינען דאָ „אַפּערצעפּטיווע מאַסן", עס איז אמת. אין ס'רוב פּסיכאָלאָגיעס איבן זיי אויס אַ טיראַנישע מאַכט. עס זיינען אָבער אויך דאָ „אַנטיציפּאַטיווע ענערגיעס" און אין אַ טייל פּסיכאָלאָגיעס ניט נאָר זיי פּאַראַליזירן די ווירקונג פֿון די אַפּערצעפּטיווע מאַסן נאָר זיי זיינען זיי גובר, שטייגן זיי אַריבער, און שאַפֿן די נשמות פֿון די פּראָפֿעטיש געשטימטע פּערזענ־לעכקייטן, פֿון די גאונים וועלכע וויליאַם דזשיימס דעפֿינירט אַלס די יעניקע וועלכע זיינען בכוח צו שאַפֿן נייע אַסאָסיאַציעס.

קרעאַציע אַלס אַ שעפּערישער כוח עפֿנט אויפֿעט נייע קוואַלן. און די נייע זיינען אַלע מאָל שטאַרקער, פּרוכטבאַרער פֿון די אַלטע. און קרעאַציע האָט באַשאַפֿן פֿון דעם עבר און דעם הווה — דעם עתיד. ווען מיר חייהן־אָפּ די פֿאַרגאַנגענהייט און בשעת מעשה לעבן מיר אין דער קעגנוואָרט, דעמאָלט דערשפּירן מיר די קעגנוואָרט אַלס אַ צוקונפֿט. די דעראײנערונג האָט באַשאַפֿן די שעפּערישע איינבילדונגסקראַפֿט. ווען מיר שטייען קינסטלעכערוויז, אַזוי צו זאָגן, אויף דער באַזע פֿון דער פֿאַר־גאַנגענהייט, ערשט דעמאָלט באַטראַכטן מיר די קעגנוואָרט אַלס צוקונפֿט, אַן אַנטאַפּנדיקע פֿוטוריטעט, אַלס אַ ממשותדיקן עתיד. און אַזויאַרום

האַלטן מיר ביידע צושטאַנדן אין קאָפּ. די קעגנוואַרט און די פאַרגאַנגענהייט גיבן אונדז די אַנצוהערעניש מכוח אַנטיציפּאַציע.

און אַט אויף דער שטופּע פון אַנטוויקלונג הערט דער מענטש אויף צו זיין בלויז אַ מעמאַריסט. ער ווערט אַ פוטוריסט, טאַקע ניט קיין פּאַסעאַיסט, נאָר אַ פוטוריסט.

פוטוריזם דאַרפן מיר האָבן פאַר אויפטואונגען אום גובר צו זיין די קעגנוואַרט מיט אירע באַגרעניצונגען. און עגאָ מאַכט אַ טריט פאַראויס אין זיין זעלבסט־באַשטימונג דורך דעם אַריינפיר פון אַזאַ עלעמענט וועלכער שטייט אינגאַנצן, בשלימות, צו זיין דינסט, וואַרטנדיק פאַר זיין קנעט און קניפּ ווי די לייםַ פאַרן טעפּער. און עגאָ האַלט זיך מער אויף דער צוקונפט ווי אויף דער פאַרגאַנגענהייט, הגם ער פאַרלאָזט קיינמאָל ניט דעם באָדן פון דער געשיכטע, פון זכרונות. מעמאָריזאַציע, מנעמאָניזאַציע איז דער אמתער פאָטער־מוטער פון פּראָיעקטיוויזם, פון אַנטיציפּאַטיוויזם.

און פונקט ווי אין דער באַשאַפונג פון דער פשוטער פּרימיטיווער פאָרמע פון דער צוקונפט אַרבעט די קעגנוואַרט מיט דער פאַרגאַנגענהייט צוזאַמען, אַזוי אויך אין דער צוזאַמענשטעלונג און קאָנסטיטואירונג פון עולם־הבא, פון דעם ווייטן עתיד, פון אידעאַליזם, איז היסטאָריזם אַ וויכטיקער מיטהעלפער. דאָס בייקומען און אונטערגראָבן פון אַן אַנשטאַלט הויבט זיך אָן מיט דער אויספאָרשונג פון איר טראַדיציע, פון איר געשיכטע. היסטאָריזם און אַנטיציפּאַטיוויזם קאָאָפּערירן און אַסיסטירן איינער דעם אַנדערן.

ווען מיר שטודירן די פאַרגאַנגענהייט, די מרחקימדיקע פעריאָדן פון דער געשיכטע, פון דער וועלט היסטאָריע באַגרייפן מיר די אידייע פון אַנטיציפּאַציע. מיר ווערן דרייסט און בראַוו, מיר ווערן דורכגענומען מיט דעם געדאַנק פון אַלמאַכט, פון אַלמעגלעכקייט. מיר באַהויפּטן און באַיאָען די ווייטסטע צוקונפט. און די גרעסטע וואַגזאַמסטע אויפטועניש־פּראָיעקטיוויטעטן זעען אויס ווי שפּענדלעך וועלכע ווערן געטראָגן אויפן קאַם פון אַ כוואַליע אין אַ צעבושעוועטן ים פון יכולתן און דערגרייכונגען.

לאָמיר באַטראַכטן די ערשטע שטופן, לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן וואָס טיפער, וואָס ווייטער פון דער קעגנוואַרט מיט אירע קאָנוועניענציאָנאַליטעטן וועלכע האָבן זיך אַריינגעוואָקסן אין איר, לאָמיר אַוועקוואַנדערן צו די העט־וויטליגנדיקע פעריאָדן פון דער מענטשלעכער געשיכטע און אויפנעמען איר אין דער גאַנצער מיזעראַבליטעט אירער, אין איר גאַנצער דלות, נויט און דחקות. און דעמאָלט פּרובירן מאַכן אַ פאַרגלייך, ציען אַ ליניע צווישן דער קעגנוואַרט און דער ווייט־פאַררוקטער פאַרגאַנגענהייט —

דאָס וועט אונדז, ווי פון זיך אַליין, אַוועקטראָגן אין דעם עתיד־שבעתיד און וועט אָנצינדן אין אונדז דעם פייערדיקסטן גלויבן אין די צוקונפט־מעגלעכקייטן.

די עפענונג פון די לויטערסטע פערספעקטיוון פאַר דער מענטש־הייט איז אַ פראַגע בלויז פון אָנשטרענג, פון פלייסן און סטאַרן־זיך. די „יאָרן" אַלס אַזעלכע, אַלס שטיקער צייט, טוען גאָרניט אויף, זיי קענען ניט קאָנטריבוטירן צו דער אויספירונג פון אונדזערע אידעאַלע אַמביציעס. דאָס אַלץ ווערט געטאָן פון עגאָ, פון מענטשן וועלכער איז אַ טייל און אַ גאַנצעס פון דער איכהייט און זעלבסטהייט. און דאָס מקרב־זיין דעם קץ, דאָס פאַרקירצן פון דעם דויער, ליגט אין אונדזער רשות, אין דעם רשות פון עגאָ. דער פראָדוקציע און רעפּראָדוקציע־ציקל ווערט לייכט פאַרשנעלערט און פאַרקירצט דורך דעם פאַרגרעסער פון דער פּראָדוק־טיוויטעט און אויפטועריי אין דיסטריבוציע און אויסטויש. דאָס אייגענע בנוגע אידעאַלן. צוקונפטן קענען ווערן קעגנוואַרטן, און די צייט פון זייער הכשרה און הכנה קען פאַרקירצט ווערן. דער סוד פון קפיצת־הדרך איז אָפן.

און דער שטודיום פון היסטאָריע העלפט אונדז אין דעם. מחמת די פאַרגאַנגענהייט, די טיפע אָנדערקענונג פון דעם עבר, איז אַלע מאָל אַ גוטע באַפרוכטבאַרערין, פערטיליזירערין פון באָדן, אַ דערוויקערין פון דער זריעה פון די אידעאַלן וועלכע דאַרפן ערשט אויפגיין אין דער ווייטער צוקונפט. היסטאָריע ווייזט אונדז דעם לאַנגן און שווערן וועג וועלכן מיר האָבן שוין דורכגעגאַנגען, און אויף אַזאַ שטייגער, אין אַן אומדירעקטן אופן, גיט זי אונדז די זיכערקייט, די איינגעגלויבטקייט אין אונדזערע פייאיקייטן און זאָגט אונדז אַז מיר זיינען בכוח צו מאַכן פאַרשריט און דורכגיין גרויסע מהלכס. און דער קעגנוואַרטיקער עגאָ ווערט וואָס אַ גרעסערער פּאַסעאיסט אַלץ אַ גרעסערער פוטוריסט. קעגנוואַרט און פאַרגאַנגענהייט זיינען צוויי צוגרייטער פון דער צו־קונפט, זיי לייגן דעם פונדאַמענט אויף וועלכן דער צוקונפט־טעמפל וועט אַרויפגעבויט ווערן — און אָט די פוטור־בוימייסטעריי איז דאָך אונדזער צוועק און כוונה. און דאָס איז טאַקע דער נוצן וועלכן מיר האָבן פון געשיכטע־שטודיום. עס איז ניט קיין צופאַל וואָס די ביבל וועלכע הויבט אָן מיטן אָנהויב פון אַלע אָנהויבן איז דער יעניקער ספר וועלכער פריי־דיקט פּראָפעטיזם און אַנטוויקלט אַן עסכאַטאָלאָגיע.

די ערשטע טעג פון באַשאַף רופן אַרויס אין דמיון אַ פאָרשטעלונג וועגן די לעצטע טעג. דאָס פאַרטיפן זיך אין די מעמקים פון די פאַר־צייטיקע געשעענישן, דאָס אַראָפּלאָזן זיך אין די תהומות פון דער

געוועזנהייט שאַפט אַן אַנטציקונג און אַ בענקונג נאָך דער ווייטסטער צוקונפט, נאָך דעם אָפּגערוקטן עולם-הבא, לעתיד-לבוא.

דער שווערפּונקט ווערט אַריבערגעטראָגן פון דעם נעכטן צו דעם מאָרגן. דער נייער אויסקוק איז ברייטער, ליכטיקער, אַנטהאַלט מער צוזאָגונגען, העכערע מעגלעכקייטן, טיפערע דערוואַרטונגען, מער פרייהייט פאַר דעם פאַנאַנדערשפּיל פון די כוחות וואָס ליגט פאַרוויקלט אין עגאָ, אין מענטשן אַלס אַ טייל פון דער איכהייט. אַנטיציפּאַציע איז די גרעסטע גבורה וואָס דער מענטש באַזיצט, מחמת אַט-דער אַטריבוט איז דער גרעסטער און דער עכט-אויפטוערישער באַשטאַנדטייל פון עגאָ.

געשיכטע דאַרף ווערן שטודירט, און וואָס מער אַלץ בעסער, אָבער בלויז פון דעם שטאַנדפּונקט פון פוטוריזם. פוטוריטעט-פלעגונג דאַרף זיין דער צוועק און ציל פון היסטאָריע. נבואה, פאַראויסוועלן, פאַראויספילן דאַרף ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון דער מענטשלעכער פּסיכיק פּונקט ווי דער כוח-הזכרון איז עס געוואָרן. זכרון איז דער חוש פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און נבואה איז דער חוש פאַר דער צוקונפט. די פאַרגאַנגענהייט, דאָס איבערגעלעבטע, איז אַ טייל פון דער צוקונפט, איז דער פאָטער און מוטער פון דעם וואָס-וועט-ערשט-קומען, און דער זכרון איז דער פּראָגעניטאָר פון נבואה. און דאָ געפינט די פאַרגאַנגענהייט איר רעכטפערטיקונג. זי קויפט אויס אירע זינד דורך איר באַהויפּטונג פון דער צוקונפט.

דער נייער מענטש, דער פּראָפעטישער מענטש איז אַ פוטור-מענטש. און וויפיל מיר ווייסן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט אַ טויזנט מאָל מער האָבן מיר געדאַרפט וויסן מכוח אונדזער צוקונפט. אין אונדזער באַוואוסטזיין דאַרפן מיר, און וועלן, זיך אַ קער טאָן מיטן פּנים צו דער מזרח-זייט פון דער צוקונפט. און די פאַרגאַנגענהייט דאַרף שטודירט ווערן אַלס אַ דיסציפּלין פון אינספּיראַציעס. מ'דאַרף גיין דורך דער פאַרגאַנגענהייט מיט דעם גלויבן און פאַרשטיין אַז דאָ שפּרייזן מיר דורך אַ פעלד וועלכע איז פאַרזייט מיט צוקונפט-זאָמען. דאָס דורכגעלעבטע און לאַנגדערפאַרענע דאַרף דינען אַלס אַ מעורר, אַלס אַ סטימולאַנט פון אונדזערע ווייטסטע און דרייסטסטע דערוואַרטונגען. די מאכלים פון דעם עבר דאַרפן בלויז זיין ווי פאַרשפּייזן, אַפּעטיט וועקער פון אַנטיציפּאַציעס.

צו פאַראויסזען די צוקונפט מיינט צו מייסטערעווען דעם עתיד, צו צושניידן די קלייד פאַר דער וועלט וועלכע וועט ערשט קומען. ניט מיר, מענטשנקינדער, זיינען אין רשות פון דער צוקונפט, נאָר די צוקונפט איז אין אונדזער רשות. די צוקונפט וועט ווערן אונדזער מעשה-

ידינו להתפאר. מיר פֿאַרנעמען זיך ניט מיט אַ פּאַסיווער פֿאָראויסאַנונג, פֿאָראויסשפּירונג פֿון דעם עתיד. וואָס מיר טוען איז אַקטיווערהייט פֿאָראויסוועלן. מיר פּראָדזשעקטירן די שטראַלן פֿון דעם ווייטן עבר און פֿון דער קעגנוואַרט אַרויס אין דער ווייטער צוקונפט אַריין.

דאָס פּראָבלעם מכוח דער מעגלעכקייט פֿון פֿאָראויסזען די צוקונפט, די עכסט קאָמפּליצירטע שאלה פֿון סאָציאָלאָגיע און אינדיווידואַלאָגיע, ווערט געלייזט אויף דעם אופן: ניט פֿאָראויסזיכט אַליין נאָר געפּאָרט מיט פֿאָראויסוועלן. די אַנטיציפּאַטיווע קלאָרזעאונג איז אַ פּועל־יוצא פֿון אַ שטאַרקן חשק, פֿון אַ פֿעסטן פֿאַרלאַנג און ווילער, וועלכער שרעקט זיך ניט פֿאַר קיין מכשול, פֿאַר קיין שטערעניש, און קיין דורכפֿאַל קען אים ניט ביינגן. די צוקונפט דאַרף שטיין פֿאַר אונדז „ווי אַ קנעכט פֿאַר זיין האַר".

די אידעאַלן וועלכע ווערן פֿאָרמולירט פֿון די בעסטע מוחות און הערצער פֿון דער מענטשהייט ווייזן אַז דער מענטש נעמט ווערן אַ פֿוטור־טיפּ, אַן אַנטיציפּאַטאָר. און זיך אַליין דאַרפֿן מיר דערציען אַלס טרעגער פֿון די ליכטיקסטע אידעאַלן, אַלס די יעניקע וועלכע דאַרפֿן פֿאַרווירקלעכן אַלע אונדזערע סובלימע פֿאַרלאַנגען און באַגערונגען. מיר דאַרפֿן לעבן און אָטעמען אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון גלויבן אין דער צוקונפֿט, אין אַ קעגנוואַרט וועלכע ווערט פֿוטוריזירט, אין אַן אַטמאָספֿערע וועלכע איז אָנגעפּילט מיט פּראָפֿעטישן עטער. טויזנטער צייטעלטערס, מיליאָנען יאָרן דאַרפֿן שטיין ווי לעבעדיקע פֿאַר אונדזערע אויגן. און מיר דאַרפֿן לעבן אין זיי, אין דעם עולם־הבא, אין די צוקונפֿט־צושטאַנדן. און דורכזאַפּן אַלע אונדזערע חושים, אַלע אונדזערע פּערצעפּציעס מיט „די אַנטיציפּאַטיווע ענערגיעס" צו קאָנטרבאַלאַנסירן „די אַפּערצעפּטיווע מאַסן" וועגן וועלכע הערבארט האָט אַזוי טיף און פֿאַרשטענדלעך געשריבן. און ערשט דעמאָלט וועלן מיר האָבן אַ נייעם מענטשן, אַ פּראָפֿעטישן טיפּ, אַ בן־הנביאים, אַ מענטשן וועלכער וועט אַרויסגיין פֿון דער צוקונפֿט, און ניט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

היינט צו טאָג איז דער דורכשניטלעכער מענטש ניט קיין קינד פֿון דער צוקונפֿט, נאָר פֿון דעם ווייטסטן עבר. די מענטשן זיינען קנעכט פֿון די פֿאַרפֿלאָסענע פּאַזן. זיי זיינען איבערפֿול מיט דעגענעראַטיווע מאַטעריאַלן, דעקאָמפּאָזירנדיקע שטאָפֿן, וועלכע ווילן ניט אַוועק פֿון דער וועלט און האַלטן זיך אויף אין דער סאָציאַלער סביבה ווי איבערגעוואַלד. דער איד, דער פּראָפֿעטישער טיפּ לעבט אין דער קעגנוואַרט אויף דעם חשבון פֿון די צוקונפֿט־מעגלעכקייטן. און זיינע באַגריפֿן, זיינע געפֿילן

שטעלן זיך צוזאַמען פון אַנטיציפּאַטיוון, פון דעם „ואלי דבר יגונב״, עפּעס אַ בשורה, אַן אָנזאָג באַמבלט זיך ביי אים אין געהירן.

דער מענטש פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אַ געטצנדינער, ער דינט און פאַרערלעכט דאָס טויטע, דאָס אָפּגעלעבטע, דאָס פאַרגליווערטע, דאָס סטאַטישע. דער פּראָפּעטישער טיפּ איז צוגעפּאַסט צו דער צוקונפט און ער וועט נעמען לעבן, אַנשטאַט וואָס אין דער קעגנוואַרט, אין דער צוקונפט דורך אַנטיציפּאַציע. ער וועט זיך דערציען אויף־דאָס־ניי, זיך איבערגעשטאַלטן, איבערפורעמען זיין פסיכיק, און איר געשטאַלטן אַזוי אַז זי זאָל ציען איר יניקה פון דעם עתיד, פון דעם גלויבן אין ריינעם שאַפן, אין די קרעאַטיווע כוחות און שעפערישע פּאָטענצן וואָס זיינען איינגע־וואָרצלט אין מענטשן, אין זיין נשמה.

אַן אמתער פוטוריסט איז אַ „פּרעזענטיסט״. מחמת די צוקונפט ווען זי איז רעאַליזירט אין מחשבה, אין באַוואוסטזיין, ווערט זי אַ ווירק־זאַמער פאַקטאָר דאָ־גליַיך אין דער קעגנוואַרט. די פוטוריטעט אַלס פו־טוריטעט עקזיסטירט ניט. זי עקזיסטירט אַלס אַ קעגנוואַרט פון אַ הויכער מדרגה. פונקט ווי די פאַרגאַנגענהייט האָט איר קיום אין זכרון, ווערנדיק אַ שטיק פון הווה, אַן אויסברייטערונג פון אונדזער לעבן, פון אונדזער איך, פונקט אַזוי איז דער עתיד ער האָט אַ קיום אין נבואה, אין פאַר־אויס־רעאַליזירונג.

אונדזער לעבן אין דער קעגנוואַרט מוז ווערן אילומינירט, באַלויכטן און באַשיינט פון די עתיד־זאַמען פון דער צוקונפט. מיר דאַרפן פאַר־אויס־פאַרווירקלעכן די צוקונפט־צושטאַנדן, און אויף אַזאַ אופן זיי אַריינ־פירן צו זיך אין שטוב אַריין, אין צימער פון דעם הווה־איצט.

5.

אַנטיציפּאַטיוויזם איז אַ קרעאַטיווע דיסציפּלין. דאָגמאַטיזם, טראַ־דיציאָנאַליזם זיינען בלויז קאָנסערוואַטיווע סיסטעמען און מעטאָדן. מיר קענען ניט איבערגעשטאַלטן אונדזער פאַרגאַנגענהייט, אָדער די פאַר־גאַנגענהייט פון אונדזערע אבות־אבותינו. און ווען מיר וואָלטן עס גע־פּרואווט צו טאָן אָדער געוועז בכוח עס צו באַווייזן, דעמאָלט וואָלט די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט, איבער וועלכער מיר מייסטערעווען, מיט וועלכער מיר עקספּערימענטירן, אויטאָמאַטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוקונפט, איבערפורעמונג, איבערשאַפונג ווי שאַפונג און מאַכונג זיינען אונטער־נעמונגען וועלכע געהערן אויסשליסלעך אין דעם געביט פון דער צוקונפט.

אַן אַקטיוועד, אויפטועדישער מענטש איז אַ טיפּ מענטש וועלכער באַלאַנגט צו דעם נעענטערן אָדער ווייטערן עתיד, און ער איז באַשאַנקען מיט אַ קרעאַטיווער קראַפט, מעג עס זיין אין דער מינימאַלסטער מאָס. און וואָס מער דער מענטש ווערט קולטורעל, ענערגעטיש, אונטערנעמעריש, פּראָדוקטיוו אַלץ מער מוז ער נעמען אַריינוואַקסן מיט זיין פּסיכאָלאָגיע אין דער צוקונפט, אַלץ נעענטער קומט ער צו צום פאַרשטאַנד פון פּראַגמאַטיזם. מחמת ער ווערט אַליין אַ פאַרקערפּערונג פון אַקטיווע אַקטועלע דערוואַרטונגען, אַנטיציפּירונגען. צו אונטערנעמען הייסט צו פאַראויסזען די רעזולטאַטן. פוטוריזם, אַנטיציפּאַטיוויזם איז פאַראויסזעאונג און פאַראויסנעמונג. צו פאַראויסזען מיינט צו פאַרהיטן די טעותן וואָס דער מענטש איז עלול צו מאַכן, צו אויסמיידן די גריבער אין וועלכע מ'קען אַריינפאַלן, צו וויכן פון די גרייזן מכשולים. פוטוריזם איז דעריבער דער מקור פון אידעאַליזם אין לעבן, אין אויפפיר פון אַ סאָציאַלן אָדער אינטעראינדיווידועלן כאַראַקטער. אידעאַליזם מיינט די פאָרמולירונג פון אידעאַלן, דאָס פליסן זיך זיי צו פאַרווירקלעכן, דורכצוזעצן. אידעאַליזם באַזאָפּטיקט און נערט אַלע צווייגן פון מענטשלעכן וויסן און קענען. אידעאַליזם איז בלויז אַן אַנדער וואָרט פאַר אַנטיציפּאַטיוויזם. מעכאַניק האָט איר אידעאַל, פיזיק פאַרמאָגט איר אידעאַל, פיזיאָלאָגיע קען זיך אָבער ניט באַגיין אָן איר אידעאַל וועלכער באַשטייט אין שאַפן דעם פּערפעקטן מענטשלעכן קערפּער. פּסיכאָלאָגיע לויכט מיט איר אידעאַל — דאָס פּערפעקטע, שלימותדיקע מענטשלעכע באַוואוסטזיין. און דאָס איז מער ווי דאָס, וואָס די וויסנשאַפט אין דעם פיליסטערישן באַגרעניצטן זינען פון דעם טערמין, קען צולאָזן. דאָס איז פּראַפּעטיק, אַלס אַ פּרינציפּ וועלכער דרינגט דורך אַלץ, גאָר און גאַנץ. עס איז פוטוריזם־פּראַפּעטיזם.

נביאות, פּראַפּעטיזם איז ניט הוילע פּאַסיווע פאַראויסזעאונג. עס איז גיכער פאַראויסבערענגונג, דאָס אַריינבנעמען, דאָס איינפירן צוקונפטס־שטייגערס, צוקונפטסצושטאַנדן. דער ערשטער טריט פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג איז די אויסשפּרייטונג, די אויסשטריכונג, אויסמאָלונג פון דער צוקונפט, פון די אידעאַלן. יעדע היסטאָרישע אויפגאַבע נעפינט אַלע אָמל די כוחות וועלכע פאָדערן זיך פאַר איר דורכזעצונג. מיר זיינען תמיד בכוח צו פאַרשאַפן זיך די מיטלען וועלכע זיינען אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַר דער דערגרייכונג פון אונדזערע הויכע צילן. עס איז מער ניט ווי אַ פראַגע פון אַנשטרענג, פון זיך אַ כוח־אָנטאָן. עס איז אַן אַרויסרוף צו פּוילקייט אין אַלע זיינע פאָרמען און געשטאַלטן. דער פוילאַק, די פאַרשלאָפענע בריה, דער קום־איך־ניט־היינט־קום־איך־מאָרגן איז דער גרעסטער שונא פון זיך אַליין און פון דער צוקונפט.

פוטוריזם, פּראָפּעטיזם פאָדערט אַ דרייסט, אַ גייסטיקע עזות, אַ גרויסן גלויבן, אַ פאַרגעפיל און אַ פאַראויסבליק וועלכע זיינען בכוח צו נעמען דאָס אַלץ־מעגלעכע און דאָס אַלץ־דערגרייכבאַרע און עס מאַכן אויסזען אַזוי ממשותדיק אַזוי מיטן־האַנט־אַנצוטאַפּנדיק ווי דאָס וואָלט שוין לאַנג געווען דערגרייכט און דערוואָרבן און תורת־משה, די דערלייזונגס־לערע איז אַן אַנטיציפּאַטיוויסטישעס, ניט ראַציאָנאַליסטישעס, סיסטעם. די ביבל אַנטהאַלט אין זיך אַ פוטוריסטישע, ניט פּרעזענטיסטישע, מעטאָדאָלאָגיע. אַ „אידישער" איד איז קיין פּאַסעאיסט און ניט קיין פּרעזענטיסט, נאָר אַ פוטוריסט, אַן אידעאַליסט, אַ פּראָפּעטיסט. אידישקייט איז נבואה, איז פּראָפּעטיק. צו זיין אַ איד מיינט נעמען די צוקונפט, אַן אַנטיציפּירונג און איר מאַכן פאַר אַ דבר שברגש, פאַר אַ געפיל־זאַך און אַ פאַרשטענדעניש־ענין.

נבואה־אַנטיציפּאַציע איז ניט קיין פּאַסיווער, פּערצעפּטיווער כוח, נאָר אַן אַקטיווער אַגענט. נבואה־אַנטיציפּאַציע איז ניט אַ פאַראויסזאָגונג פון געשעענישן, פון אַ סעריע פון פּאַסירונגען וועלכע וועלן זיך פאַנאַנדער־וויקלען פאַר אונדזערע אויגן, אַלס ספּעקטאַטאָרס, אַלס גלאַט אַזוי זיך אינדיפערענטע צוקוקער און אומפּאַראינטערעסירטע באַאָבאַכטער — נבואה־אַנטיציפּאַציע איז די סאַמע קרעאַציע פון דער צוקונפט. דער נביא איז אַן אַקטיווער, טעמפּעראַמענטפולער טוער. און זיין פאַראויס־זאָגונג פון דער צוקונפט איז אַליין אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר, אַ קאָנסטי־טוענט, איינער פון די שעפערישע כוחות, דער סך־הכל פון וועלכע מאַכט, שאַפט די צוקונפט. דער אמתער „זעער", חוזה, איז דער פּעולה־דיקער „טוער", דער ראַיעלער מאָדעלירער פון דער צוקונפט, דער גע־שטאַלטער פון דעם עתיד. און דער נביא באַטייליקט זיך אין דער אַקציע פון אַריינפירן דעם צוקונפט־צושטאַנד דורך זיין פאַרלאַנג, זיין באַגער און, איבערהויפּט, דורך זיין געדאַנק־געפיל און וואָרט־כוח פון פּראָפּעצייאונג, פון חזון־זעאונג און וויזיע־מאָלונג.

אַ נביא איז מער ווי אַ פּראָפעט וואָס באַטייט אויף גריכיש אַ „פאַראויסזאָגער". אַ נביא איז אַן אַקטיווער אַגענט פון פוטוריזם. ער איז אַ „ברענגער" אין דעם בוכשטעבלעכן פשט פון וואָרט, ער איז מקרב דעם קץ, ער מאַכט נענטער דעם סוף, ער מאַכט נענטער דעם עתיד און אַזויאַרום איז ער באַהילפיק אין איינפירן, פאַרווירקלעכן דעם אחרית־הימים.

פּראָפּעטיזים, אַנטיציפּאַטיוויזם איז אַ סיסטעם פון קענטעניש און אַקציע. מחמת אמתע דערקענטעניש איז אַקטיוו. צו דערקענען די וועלט מיינט צו שאַפן און באַפרוכפּערן די וועלט. „די וועלט איז באַשאַפן

געוואָרן דורך צען אַגענטן: קלוגשאַפט, פאַרשטענדעניש, וויסן, קראַפט, באַפעל, גבורה, גערעכטיקייט, געריכט, גנאָד און דערבאַרמונג״(ל״ד). צו דערקענען זיך אַליין מיינט זיך זעלבסט צו עטאַבלירן זיך זעלבסט צו באַשטימען. גנאָסאָלאָגיע איז ניט קיין פּאַסיוועס סיסטעם פון בלויזער אָבסערווירונג. נאָר ווי יעדעס סיסטעם האָט עס אַ חלק אין דער קרעאַציע און אויסשטאַטונג פון דער וועלט, פון קאָסמאָס אַלס אַ גאַנצן. אַ דער־קענטעניש טעאָריע אַקטואירט, באַאיינפלוסט און קאָנסטרואירט אונדזער פאַרשטאַנד און חושים. און אויף אַזאַ אופן מאַכט זי זיי איבער, גיסט זיי אָפּעט אין נייע פורעמס. פוטוריזם באַזירט זיך אויף אַ פּראָצעס פון וואַקסן, פון פאַנאַנדערוויקלען זיך און זיך באַשאַפן. פילאָזאָפיש גענומען זיינען אַלע צוקונפטצושטאַנדן שוין פאַראַן איינגעוויקלטערהייט אין דעם סאַמע אָנפאַנג פון אָנהויב. אין דעם ערשטן זאָמען ליגן פּאַרטאַיעט אַלע צוקונפטיקע וועלדער און פעלדער. אונדזער עובדא באַשטייט בלויז אין העלפן זיי זיך אַרויסצושיילן, עקסטערנאַליזירן, מסייע זיין זייער אַנטפּלע־קונג און איבערגאַנג פון פּאָטענציאַליטעט צו אַקטואַליטעט, מאַכן פון זייער בכוח אַ בפועל.

דער הויפּטפּרינציפּ פון פּראָפּעטיזם איז די כל־יכולדיקייט די אַל־מעגלעכקייט. און דער צוועק און ציל פון נבואה איז די עמאַציאָנאַליזאַ־ציע און ראַציאָנאַליזאַציע און אַזוי אַדורך רעאַליזאַציע פון אַט־דער אַל־יכולת.

דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד, די חושים, ווי אַלץ וואָס אַרום דעם מענטשן, פאַרמאָגן זייער „איז״ און זייער „באַדאַרף־צו־זיין״ וועלכער איז דער „עס קען זיין״ און דער „וועט זיין״. מחמת אמתע רעאַליטעט איז מאָראַלע רעאַליטעט, אַ ריינע, דורכאויסיקע אידעאַליטעט. ווי עס באַ־דאַרף צו זיין אַזוי וועט עס זיין און אַלס אַזעלכעס איז עס דער רעאַל, דער אמתער „איז״, דער „איז״ דורכגעטריבן דורך דער ראַטאַרטע און אויסגעלייטערט אין דעם טיגל פון מאָראַל, פון דעם „ווי־געהערט־צו־זיין״. דער צוקונפטיקער „איז״ איז, אין תוך גענומען, דער עכט רעאַ־ליסטישער „איז״. מחמת דער פשוטער „איז״ איז בלויז אַן אָפּדוקט, אַן אילוזיע, אַ פאַרבלענדעניש, אַ שפּיצל אָפּגעשפּילט פון און אויף דער מענטשלעכער קורצזיכטיקייט. און אין אַזעלכע אײדעלע ענינים שפּילט איבערציַיגונג אַ גאָר וויכטיקע ראָל. פאָרמולירונג, קאָנקרעטיזירונג, איינ־געגלויבטקייט אין צוקונפטיקן „איז״ איז מער ווי הוילע ספּעקולאַציע, זעלבאויסגוס און פוסטע ווינטשעניש, דאָס איז אמתע אויפטואונג, אמתע שאַפונג. ווייל די צוויי קאַטעגאָריעס, דאָס געוואונטשענע און דאָס מעג־לעכע, זיינען באמת איין זאַך. וואָס עס איז ווינטשנסווערט איז מעגלעך.

און וואָס איז מעגלעך איז געווען אַמאָל ווינטשנסווערט. עס איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך אָדער אַ צוזאַמענשטויס צווישן די דאָזיקע צוויי צושטאַנדן. זיי זיינען ניט אַ טעזיס און אַנטיטעזיס. דער רעאַל איז בלויז אַ קאָנקרעטיזירטער אידעאַל. דער אידעאַל איז בלויז אַן אַנטיציפּירטער רעאַל, דער רעאַלער רעאַל. די צוקונפט איז פון גרעסערער חשיבות איידער די פאַרגאַנגענהייט, ווייל די ערשטע איז אַ קרעאַטיווער אונטערנעם אַ שעפערישער פאַרמעסט. און בלויז ווען פאַרגליכן מיט דעם ריינעם אַבסטראַקטן אידעאַל האָט מען אַ רעכט צו בראַנדמאַרקן דעם רעאַל, דעם דורכגעגאַנגענעם אידעאַל, וועלכער איז שוין לאַנג געווען קאָנקרעטיזירט, אַלס אַ האָקוס־פּאָקוס, אַן אָפּנאַר פון שכל־אויג.

דער צוקונפטיקער צושטאַנד איז ניט מער ווי אַן אַרויפשטייג, אַ שטאַפּל־אַרויף, אַ טרוים ווייטער, טיפער, העכער, וועלכער וועט זיין מער אידעאַליש און מער רעאַליש ווי די פאַרדעמדיקע צושטאַנדן. און די פאַראויסגייענדיקע סטאַדיע פון אַנטוויקלונג און שאַפונג וועלכע מיר רופן אַן אילוזיע איז סטיגמאַטיזירט אַלס אַזעלכע ניט אין איר עצם־מהות, נאָר אין איר פלאַטשיק פאָרם און איבערפלאַך, ווען זי ווערט אויפגענומען אין אַ ניט־ריכטיקער פערצעפּציע מיט אַ פאַלשער אינטערפּרעטאַציע פון וועלכער זי פאַלט אַ קרבן. און ערשט ווען די פוטוריטעט נעמט זיך אַרויסשיילן און צוקומען נאָענט צו קאָנקרעטע קאָנצעפּציעס און אַריינבליקן אין פענצטער פון באַוואוסטזיין און מאָנען בקול־רם איר אָרט ביים טיש פון דער גרויסער רעאַליטעט, דער אַלמעגלעכקייט — דעמאָלט ערשט, ניט פאַרדעם, ווערט די פאַראיבערגעגאַנגענקייט פאַרוואָרפן מיט צונעמעניש־זידלערייען.

דער פאָרצוג וואָס מ׳גיט דער פוטוריטעט, דער אַנטיציפּאַציע איבער דער סענסאַציע איז אַ טייל פון דער אַקטיווער מאַכט פון קרעאַציע וועלכע וואָרצלט אין דעם מענטשנס פסיכיק און אין דער וועלטס פיזיק, און עס איז געוואָרן אַ געזעץ פון פסיכאָלאָגיע וואָס זאָגט אַז עקספּעקטאַציע איז אַנציענדיקער, שפּאַנענדיקער ווי רעאַליזאַציע. און דאָס האָט טאַקע געקראָגן זיין אָפּגעגאָסענעם אויסדרוק אין פאָלקס שפּרוך „דער ערב שבת איז גרעסער פון שבת“, וואָס מיינט אַז די דערוואַרטונג, די הכנות וואָס מען מאַכט צו באַגעגענען דעם שבת זיינען מער אָנרעגנדיק, רייצנדיק, אויפוועקנדיק ווי די באַגעגעניש, קבלת־שבת, אַליין. די פוטוריטעט, בזה־האופן, ווערט די אמתע קעגנוואָרט, וואָרים אַנטיציפּאַציע מיינט נעמען אַ צוקונפט־צושטאַנד און איינפלאַנצן אים אין רעכטן מיטן פון אַ קעגנוואָרט. און אַזוי אַרום דערהויבן און קאָנקרעטיזירן, פאַרממשותן מיר דעם עתיד, ווייל ער קריגט דאָך צוויי אַספּעקטן, ער איז סיי אַ קעגנוואָרט

און סיי אַ צוקונפט. אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן שטייגער ווערט דורכגעזעצט אַ צוזאַמענגוס, אַ פאַרשמעלצונג פון צוויי „דימענסיעס" און שטימונגען־אויפפאַסונגען, אַ נייער טיפּ מענטש ווערט געשאַפן און אַ צוקונפטיקע־קעגנוואַרט און אַ קעגנוואַרטיקע־צוקונפט וועלכע איז בשעת מעשה אויך אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט ווערט אויסגעבילדעט. עס ווערט פאַרמירט אַ („היה־הווה־ויהיה") „געוועזן־איז־וועטזיין" אַלס איין צייטשניט, אַלס אַ סינטעטיש־פּסיכאָלאָגישער באַגריף, אַלס אַ נייע מעטאָדאָלאָגיע פון פּאַסירונגען דערקענטעניש, פון פּראָצעסן־אויפנעמונג און דורכפילונג. „היה, הווה ויהיה" אין איין סעקונדע(ל"ה). די קעגנוואַרט וועלכע וויגט אין איר שויס דאָס קינד־פאַרגאַנגענהייט ווערט שוואַנגער מיט דער צוקונפט, געבאַרט איר און לעבט אַליין אין דעם זכות פון דער לעצטער, וועלכע ווערט אַן אינטעגראַלער טייל פון איר אַליין.

ניט דאָס געפיל און דער אינטעלעקט ווי ער „איז" נאָר ווי ער „דאַרף זיין" איז, פאַר דעם פּראָפעטיקער, דער פאַרלעסלעכער וועגווייזער, דער גוטער מדריך, דער ראַיעלער פירער, דער אמתער אויטאָריטעט. און דער מקור פון „באַדאַרף־צו־זיין" איז דער פאַרגעפיל פון מעגלעכער פּערפעקציע, אַ פאַרשפּירונג וועלכע אַ געהיימער פּראָדזשעקטאָר וואַרפט אויפן וואַנט פון זעלבסט־באַגלויבטזיין און זעלבסט־באַוואוסטזיין. סיי דער „איז" און סיי דער „באַדאַרף־זיין" זיינען פּראָדוקטן פון פּראָפעטיק. „עס איז געווען", „עס איז" און „עס וועט זיין" וועלכעס איז אַ „באַדאַרף־צו־זיין" זיינען איין צייט־דוראַציע, איין צייט־פאַרלויף וועלכער ווערט אויפגענומען און רעפלעקטירט אויף־איין־מאָל אַלס עפּעס גאַנצעס, אַלס איין המשך וועלכער ווערט רעאַליזירט אין איין מאָמענט. און דאָס קומט גאַנץ נאָענט צו דער פעסטשטעלונג פון צייט אַלס אייביקייט, אַלס איבער־צייט.

פּראָפעטיק אידעאַליזירט דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, נעמט אים ניט ווי ער איז, ווי ער אַנטפּלעקט זיך אין דער קעגנוואַרט, אויך ניט ווי ער איז געווען, ווי ער האָט זיך מאַניפעסטירט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ווי ער וועט זיך אָפּנבאַרן, דעמאָנסטרירן, נתגלה־ווערן אין דער ווייטער צוקונפט, ווען אַלע זיינע זאָמענס, אַלע זיינע זריעה־קערנדלעך וועלן האָבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פול־געוויקסיקע צמחים, פלאַנצונגען, ווען פון אַלע זיינע ניסעלעך וועלן ווערן דערוואַקסענע וועלדער פול מיט נוס־בוימער. אַט דעם צוקונפטיקן פאַרשטאַנד, דעם הויכן שכל, גיט פּראָפעטיק די אויטאָריטעט צו ווערן דער פירער פון דעם מענטשן, און צו שאַפן נאָר די מענטשנקינדער געזעצן פון הנהגה. יעדער איד, אַלס איד, איז אַ פּראָפעטיקער, איז אַן אַנטיציפּאַטיוויסט. און אידישע הנהגה,

גענומען אַלס אַ גאַנצע, דער אויפפיר פון דעם אידישן קיבוץ אַלס אַ כלל, איז געריכטעט מיט זיין שאַרפן פונקט כלפּי די צוקונפט־צושטאַנדן מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה צו פאַרגיכערן און דערלייכטערן זייער אָנקום, זייער אַריינפיר. פאַר פּראָפעטיקער איז ניט דער פאַרשטאַנד פון נעכטיקן טאָג און ניט דער פאַרשטאַנד פון היינטיקן טאָג, נאָר דער פאַרשטאַנד פון דעם טאָג וואָס וועט ערשט קומען — דער טורעם אויף וועלכן זיי הענגען אויף אַלע שילדן פון העראָאישער אויפמערקזאַמקייט — און דאָס איז דער אַלגעמיינער „געבאָט" פון נבואה.

דער מענטש איז ניט דאָס וואָס ער איז, נאָר וואָס ער קען זיין, וועט זיין און דאַרף זיין. די הויפּטזאַך איז די אַנטיציפּאַציע פון דעם מענטשנס מעגלעכקייטן. און די אַנטיציפּאַציע איז אַ קרעאַטיווער פּראָצעס, אַ פּאָזיטיוו־קאָנסטרוקטיווע אַקטיוויטעט. אַנטיציפּאַציע אַלס אַ וועלט־מענטש־באַנעם שאַפט אַנטיציפּאַציע אַלס דיסציפּלין, אַלס מעטאָדאָלאָגיע, אַלס אַ טעכניק. פּראָפעטיזם שאַפט אַ דיסציפּלין־פּראַפּעטיק.

6.

דער גריכישער פאַטאַליזם און פּעסימיזם נעמט זיך פון דער העלעניסטישער באַציאונג צו דער וועלט. די העלענער האָבן געקוקט אויף זיך, בנוגע צו דעם קאָסמאָס, אַלס קאָנסומענטן, אַלס געברויכער וועלכע פאַרצערן די וועלט און נעמען ניט קיין אַקטיוון איינטייל אין איר אויפבויאונג, אויפהאַלטונג, באַשאַפונג און קאָנטראָלירונג, אָרגאַניזירונג.

„די ערד האָט ליב דעם שפּריצרעגן" און „דער סובלימער עפּיר ליבט": און דער אוניוועורסום האָט ליב צו טאָן דאָס וואָס דאַרף באַלד זיין. איך זאָג דעריבער צו דעם אוניוועורסום אַז איך ליב ווי דו ליבסט"(58).

„ווי אַ חזיר איז דער וואָס אויף זיין בעט אין שטילקייט באַקלאָגט די שטריק אין וועלכע ער איז געבונדן. און פאַרשטיי אַז בלויז צו דעם בעל־חי וועלכער איז אַ בעל־שכל איז געגעבן געוואָרן רשות נאָכצופאָלגן מיטן אייגענעם ווילן דאָס וואָס פּאַסירט; אָבער פּשוט נאָכצופאָלגן איז אַ נויטווענדיקייט וועלכע איז אַרויפגעצוואונגען אויף אַלעמען"(57).

דער שיקזאַל דער פאַרחתמעטער דעטערמינירט די טואונגען פון מענטשן און פון דער וועלט און עס איז ניטאָ קיין שום אויסזיכט אויף אַנטרינונג. דער שכל איז געגעבן געוואָרן דעם בר־דעת נאָר אויף דעם אַז ער זאָל אים געברויכן אויף נאָכצופאָלגן, מקבל זיין דעם גזר־דין און זיך אונטערוואַרפן, זיך אונטערגעבן און ניט רעווען און ניט קוויטשען ווי אַ דבר־אחר ווען דער קיילער איז אים דן מיט די ארבע מיתות פון

בית־דין אין שלאכטהויז. רעזיגנאַציע איז דער שפּיץ פון ראַציאָ, איז דער סוד פון חכמה. ווייל ווידערשטאַנד אַרויסווייזן וועט ניט העלפן. אַן אייזערנע נויטווענדיקייט איז אַרויפגעצוואונגען אויף אַלץ און אַלעמען. און מ׳קען זיך ניט באַרן. איז עס דען אַ חידוש וואָס דער גריך איז געווען פּעסימיסטיש געשטימט, און ווען ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון דעם קאָשמאַר פון דעטערמיניזם, פון חוק־ולא־יעבור, פון דער דראַגאָנישער באַצווינגונג פון די אומשטענדן, פון דעם פלוס פון די געשעענישן איבער וועלכע ער האָט קיין דעה ניט געהאַט, קיין קאָנטראָל ניט געקענט אויסאיבן, ווען ער איז אַנטלאָפן פון דער אומבאַרמהאַרציקער אומפאַרמיידלעכקייט — האָט ער זיך געלאָזט לויפן צוריקווילעכטס, צום אָנהויב פון אַלע אָנהויבן, ווען אַלץ איז נאָך געווען יונג, פריש און ניט פאַרגליווערט, אָפּגעגאָסן אין האַרטע פאָרמען וועלכע לאָזן ניט צו קיינע שינויים.

דער איד האָט געהאַט פונקט אַ פאַרקערטע באַציאונג צו דער וועלט. ער האָט געקוקט אויף זיך אַלס אַ פּראָדוצענט, אַלס דער יעניקער וואָס שאַפט די מעשה־בראשית, מאַכט די וועלט, בעסערט איר אויס, האַלט איר אויף, און ממילא האָט ער זיך אויסגעשליפן אַ לויטערן קוק אויף זאַכן און טואונגען, אויף דערשיינונגען און פּראָצעסן. ער איז געווען האָפענונגס־פול ווי דער פּראָדוצירער. און דער איד האָט געטראָגן אין זיין האַרצן און אין זיין געהירן אַ כמעט אומגלויבלעכן אָפּטימיזם, אַ גרויסן בטחון אין דעם אַז אַלץ גייט צו בעסער

„און אויף דעם שטייגער האָבן פאַרטייטשט אונדזערע פאַרצייטיקע דעם פּסוק „דור לדור ישבח מעשיך” (תהלים, קמ״ה, ד׳) דור צו דור וועט פאַרבעסערן דיינע מעשים, דאָס איז פון לשון שבח־קרקעות”(ל״ו).

„אין מזל לישראל”(ל״ז) אַ איד גלויבט ניט אין פאַטום, אין מערכה־פאַראויסבאַשטימטקייט. דער איד־פּראָפּעטיקער האָט געקוקט מיט שטאָלץ און זיכערקייט אויף דער אָנקומענדיקער צוקונפט. ווייל ער האָט ניט געלעבט אויפן חשבון פון דער פאַרגאַנגענהייט און פאַרגאַנגענהייט־פאַר־זינסטן, פון דאָס אָפּגעשפּאָרטע, אָנגעזאַמלטע, נאָר אויף דער רעכענונג פון דער צוקונפט, פון עולם־הבא, פון דער וועלט וואָס וועט נאָך ערשט אָנקומען, און וועלכע ער גייט ערשט שאַפן פון־דאָס־ניי. מחמת די אַלטע וועלט האָט דאָך אויך קיינער ניט באַשאַפן נאָר טאַקע ער אַליין, אָדער זי איז באַשאַפן געוואָרן אין זיין זכות, דורך זיין זעלבסט־באַגלויבט־זיין, דורך דעם קאָלאָסאַלן כוח פון איך־באַוואוסטזיין, און די איך־קאָנ־צעפּציע, דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין איז אַנטוויקלט און פאַרטיפט געוואָרן דורך ישראל.

„און איצט אַזוי האָט געזאָגט יהוה דיין געבוירער, יעקב, און דיין באַשעפער, ישראל" (ישעיה מ"ג, א') רבי פּנחס אין דעם נאָמען פון ראובן (האָט געזאָגט): דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו זיין וועלט: וועלט מיינע, וועלט מיינע, איך גיי דיר זאָגן ווער עס האָט דיך באַשאַפן, ווער עס האָט דיך געמאַכט, יעקב האָט דיך באַשאַפן, ווי עס שטייט געשריבן, דיין געבוירער־יעקב און דיין באַשעפער־ישראל"(ל"ח).

„האָט געזאָגט רבי ברכיה: הימל און ערד וואָלטן ניט באַשאַפן געוואָרן ווען ניט צוליב דעם זכות פון ישראל ווי עס שטייט געשריבן: „בראשית ברא אליהם" און דער אָנפאַנג איז ישראל ווי ער האָט געזאָגט, „ישראל איז הייליק צו יהוה, ער איז דער אָנפאַנג פון זיין תבואה" (ירמיה, ב', ג') (ל"ט).

אונדזערע חכמים האָבן געלערנט: צוליב יעקבן עקזיסטירט די וועלט, און אויב דו וועסט זיך וואונדערן: ס'טייטש, צוליב אַברהמען עקזיסטירט זי דאָך, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „בהבראם" (בראשית ב', ד') לייענט ניט בהבראם, נאָר באברהם"? איז דער ענטפער: צוליב יעקבן עקזיסטירט אברהם, ווי עס שטייט געשריבן: „אַזוי האָט געזאָגט יהוה צו די הויזגעזינד פון יעקבן וועלכער האָט אויסגעלייזט אברהמען" (ישעיה כ"ט, כ"ב) און פון אייביק־אָן פלעגט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער בויען וועלטן און זיי חרב מאַכן; ווי נאָר יעקב איז אָנגעקומען, זיינען די וועלטן פערפעקטירט געוואָרן פון אים און זיי זיינען ניט חרב געוואָרן ווי פאַרצייטן, דעריבער שטייט געשריבן: אַזוי האָט געזאָגט דיין געבוירער יעקב און דיין שעפער ישראל" (דאָרט מ"ג, א') (מ').

„אַזוי ווי אַלע זיינען מסכים אַז צום אָנהויב איז געווען כאָאָס (וואָס מיינט אויכעט אויפן דעק געפינט זיך נאָך אַלץ עפּעס אַ מין כאָאָס), שטעלט זיך די פראַגע: ווער האָט אָרגאַניזירט און אָרגאַניזירט דעם כאָאָס? ווער האָט אים סיסטעמאַטיזירט און קלאַסיפיצירט?

דער איינציקער לאָגישער ענטפער צו דעם איז: די יעניקע וועלכע סיסטעמאַטיזירן אים איצט.

ווער זיינען זיי?

גיב אַ קוק אויפן באַרג ווילסאָן. ווער איז דאָרטן פאַרנומען מיט דער אַרבעט פון קלאַסיפיצירן דעם אוניווערסום? דער אַסטראָנאָם. זיי מוסיף צו אים דעם פילאָזאָף, וועלכער איז אַלע מאָל געווען פאַרנומען מיט קלאַסיפיקאַציע, אָרגאַניזאַציע פוןביידן, סיי פון דער וויסנשאַפט און סיי פון דער וועלט.

ווער האָט געטאָן די דאָזיקע אַרבעט ביים סאַמע ראשית? די וועדן רופן זיי „רישיס". זיי זיינען די ערשטע דערפינדער פון זאַכן און געצייג,

זיי זיינען די פורעמער פון געשעענישן און פּראָצעסן, מאַכער פון רוים, צייט, צאָל, א. אַ. וו., פון לשון, אין אַ וואָרט, די וועלט־בויער, די ערשטע אַסטראָנאָמען, פילאָזאָפן. זיי זיינען עס די מאַגיקער־מיטאָלאָגן. די ערשטע אַסטראָנאָמען האָט מען גערופן אַסטראָלאָגן (מאַגיקער) און דער ערשטער פילאָזאָף איז געווען אַ מיטאָלאָג. נאָך פאַרדעם? איז עס געווען דער פּרימיטיווער מענטש־מענטשהייט. עס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין ספּעציאַליזאַציע. יעדער איינער איז געווען מאַגיקער־אַסטראָלאָג און מי־טאָלאָג. יעדער איינער האָט זיך באַטייליקט אין דער וועלט באַשאַפונג. עס איז דער מענטשמענטשהייט וועלכע האָט אָנגעהויבן צו קלאַסיפיצירן, צו אונטערשיידן, — באמת, צו דערפינדן, — דאָס ענלעכע פון דאָס ניט ענלעכע, קודם־כל צו פאַנאַנדערפלאָנטערן זיין אייגענעם קערפּער און שכל פון דעם קנויל פון דעם אוניווערסאַלן תהו־ובהו, און דערנאָך צו סעגרעגירן, אָפּשיידן (אנאקסימענדער) עס, באַגרעניצן (פּאטאנאר־ווהייטהעד), מאַכן „איינשניטן" אָדער „שניידונגען" (ווהייטהעד אין Process and Reality אויסשניצן זאַכן־פּאַסירונגען פון דעם אייגענעם־זעל־ביקן נעפּל־כאַאָס וועלכער איז געווען אַרום אים און אין אים, אין זיין קערפּער און פאַרשטאַנד. אָט די „באַגרעניצונג" (אין די ווערטער פון ווהייטהעד אין זיין Principle and Reality) פון אָביעקטן האָט דער מענטש, מעגלעך, אָנגעהויבן צו באַצייכענען אָן שפּראַך, מיט שטומע צייכנס (טארד, ריבאָ). אָבער, לאַנג דערנאָך, האָט דער מענטש־מענטשהייט דערפונדן די שפּראַך אַלס אַן ערשט ראַנגיקן וועלט־קלאַסיפיצירער. דע־מאָלט האָט ער געגעבן נעמען צו אָביעקטן, פלאַנצונגען, חיות א. אַ. וו. דאָס איז ניט געווען גלאַט־אַזוי נאָמען־געבונג, נאָר אַן אָנווענדונג פון דער וועלט־שערעלע, די שפּראַך, אין דער אַרבעט פון צושערען זאַכען און געשעענישן פון דער אורשפּרינגלעכער צעמישעניש, און די באַשאַפונג פון דער וועלט האָט זיך איצט אָנגעהויבן אויף אַן אמתן. אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק, וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע האָבן די דאָזיקע אַרבעט אונ־טערגעטריבן"(58).

דער ציטירטער אויטאָר שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט אַז דער כאַאָס איז דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבן, אָדער ריכטיקער האָט גאָר קיין אָנהויב ניט געקענט האָבן מחמת אָנהויב מיינט צייט. בשעת דער חומש און די מדרשים פאַרטיידיקן דעם בליק אַז אפילו כאַאָס איז אויך באַשאַפן געוואָרן. און דער באַשאַף איז אַ פּראָצעס פון זעלבסט־קריסטאַליזירונג, איך אויסערונג. די קאָנסאָלידאַציע פון איך־באַגלויבטזיין און דערנאָך איך־באַוואוסטזיין ברענגט מיט, איז אַ גורם אין דער סאָלידיפיקאַציע פון דער וועלט. און אַזוי ווי ישראל, דער ייד, דער יוד, איז דער סימבאָל

און דערפינדער אָדער אַנטוויקלער פון דער איך־השגה, דער פּאַרטיפּער פון דער זעלבסט־קאָנצעפּציע דעריבער אַטריבוטירט דער מדרש דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף צו ישראל.

„ניט ווי די דאָזיקע איז דער טייל פון יעקבן, וואָרים ער איז דער באַשעפער פון אַלץ"(מ"א).

מחמת דער וועלט־באַשאַף איז אַן איך־באַשאַפונג, אַ זעלבסט־באַגלויבטזיין־אַקציע, און ניט מער.

און פון דעם דאָזיקן וועלט־באַנעם קוועלט אַרויס דער אומבאַגרייפלעכער אידישער אָפּטימיזם, דער גרויסער גרעניצלאָזער גלויבן אין דער צוקונפט פון מענטש און וועלט.

„וואָס מיינט בויער? רבי יוחנן האָט געזאָגט: דאָס זיינען די געלערנטע וועלכע זיינען פאַרנומען מיט דעם אויפבוי פון דער וועלט"(מ"ב).

„ווער עס פאַרנעמט זיך מיט לערנען די תורה העלפט בויען די וועלט וואָרים דורך דער תורה איז געבויט געוואָרן די וועלט און איז אויסגעבעסערט געוואָרן"(מ"ג).

„ווען די אידן באַשעפטיקן זיך מיט לערנען די תורה האַלט זיך אויף די וועלט"(מ"ד).

„זעקס זאַכן זיינען געווען פאַר דעם וועלט־באַשאַף... אַז די תורה איז געווען פון וואַנעט ווייסן מיר? ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „יהוה האָט מיך איינגעקויפט אין אָנהויב פון זיין וועג", אַז די אידן זיינען געווען פאַר דער וועלט פון וואַנעט ווייסן מיר? ווייל עס איז געזאָגט געוואָרן: „געדענק דיין געמיינדע וואָס דו האָסט געקויפט פון פאַרדעם" (תהלים, ע"ד, ב')"(מ"ה).

„עס איז בלויז די זינד וואָס מאַכט אַן אונטערשייד צווישן אייך און אייער אלהים" (ישעיה נ"ט, ב'). רבא האָט געזאָגט: ווען זיי וואָלטן זיין צדיקים וואָלטן זיי באַשאַפן די וועלט, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, „עס איז בלויז אייערע זינד וועלכע מאַכן אַן אונטערשייד צווישן אייך און אייער אלהים"(מ"ו).

„ווען עס וואָלט אין זיי ניט געווען קיין זינד וואָלט קיין אונטערשייד ניט געווען"(מ"ז).

די איינריידעניש פון דעם אונטערשייד דאָס איז די זינד וועלכע שאַפט, בילדט אויס, מאַכט די מחיצה. דער פולער איך, דאָס פולע זעלבסט־באַגלויבטזיין, איך־באַוואוסטזיין איז דער וועלט־באַשאַפער.

„מיט צוויי און דרייסיק שטעגן... האָט געקריצט, יה, יהוה צבאות, דער אלהי־ישראל... דער אלהי־ישראל, ישראל איז דאָך נאָך ניט געווען באַשאַפן? נאָר דער געדאַנק פון ישראל איז געווען פריער פון אַלץ,

ווי עס איז געזאָגט געוואָרן „בראשית ברא“ און דער אָנפאַנג איז „ישראל“(מ״ח).

דאָס ישראל באַוואוסטזיין, דער איד־באַוואוסטזיין איז געווען פאַר דעם וועלט־באַשאַף, און אלהי־שראל מיינט אין ספר יצירה, וועלכער רעכנט דעם „אלהי־ישראל“ אַלס אַ באַזונדער שם אַ גלייכבאַרעכטיקטן מיט יהוה, יה, דער אלהים וואָס איז ישראל.

„רבי אליעזר האָט געזאָגט: ווען דער הייליקער געבענטשט־איז־ער האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער איר אַוועקגעשטעלט אויף איין יסוד און צדיק (דער גערעכטער) איז זיין נאָמען, און אָט־דער צדיק איז דער קיום פון דער וועלט“(מ״ט).

לכן, ישראל, דער איד אַלס דער שאַפער און קולטיווירער פון זעלבסט־באַגלויבטזיין און איך־באַוואוסטזיין האָט באַשאַפן די וועלט... און ישראל האַלט אין איין פּראָדוצירן, פאַבריצירן די וועלט. ישראל האַלט אויף די וועלט דורך דער תורה, מצוות און מעשים טובים. דאָס הייסט גערעכטיקייט האַלט די גאַנצע וועלט, עטיק, מאָראַל איז דער יסוד פון אוניווערסום. דער צדיק, דער גערעכטער און גערעכטיקער, איז אַלטן און נייעם אויסטייטש פון וואָרט, דער קאָנסאָלידירער פון זעלבסט, דער אינטעגרירער פון איך איז דער זייל אויף וועלכן עס האַלט זיך דער קאָסמאָס. דערפאַר טאָקע איז דער אידישער אויסקוק אַזוי לויטער. דער איד האָט אַ זיכערע, שטאַלצע, אָפּטימיסטישע באַציאונג צו דער וועלט. די באַציאונג אַנטשפּרעכט זיין צושטאַנד פון אַ פּראָדוצענט און זי געפינט זיך דעריבער אין קעגנזאַץ צו דעם פאַרכמאַרעטן און פאַרכמורעטן, פאַרפינצטערטן און פאַרחושכטן שטאַנדפּונקט פון קאָנסומענט, דעם גריך.

7.

אָט־די צוויי שטאַנדפּונקטן, אַ חוץ דעם, שטעלן נאָך פאַר מיט זיך צוויי אויפפאַסונגען פון איכהייט. איין פאָרם פון זעלבסטום זויגט די ברוסט פון דערמאָנעניש, נערט זיך מיטן מילך פון זכרונות, קוויקט זיך און לאַבט זיך מיט דער קולטיווירונג פון אַ פּייאיקייט וועלכע, לויט איר עצם־מהות, רופט צוריק און רוקט זיך, מעשה־ראַק, אויף־קאַריקוועגס, לעבט אָפּעט, פרישט אָפּעט די פאַרגעסענע פאַסירונגען, רעסטאַווירט פאַרגאַנגענע געשעעניש, געפינט און וועקט אויף פון שלאָף די אַנגעוואָרענע און פאַרחלומטע גענעראַציעס, געווינט צוריק פאַרלוסטן און באַהאַנדלט זיי ווי זיי וואָלטן געווען היינט־צו־טאָגעדיקע, לעבעדיקע, ווירקנדיקע פאַקטאָרן אין אונדזער סביבה.

די אַנדערע פאָרמע פון זעלבסטום נעסט זיך אין שויס פון אַ שעפערישער אַנטיציפּאַציע, קרעאַטיווער איינבילדונג, יצירהדיקער אָפּדוכטונג און עקזאַלטירטער, אינספּיריטער, פּראָפעטישער דערוואַרטונג.

אין תורת משה, און אפשיטא שוין אין די שריפטן פון די נביאים, דאָמינירט דער צוזאָג, די הבטחה, די פאָראויסזעאונג, דער פּראָספּעקטיוו, דער פאָראויסבליק, ניט דער רעטראָספּעקט, דער צוריקבליק. כאָטש דאָס געדענקען איז זייער ווייט פון צו זיין פאַרנאַכלעסיקט. דער חומש פלעגט און צערטלט מיט גרויס זאָרגפעלטיקייט דעם געדעכעניש-טאַלאַנט.

מיר וועלן ברענגען בלויז אייניקע שטעלן:

„געדענק וואָס עס האָט דיר געטאָן עמלק"(נ').

„דו זאָלסט געדענקען אַז אַ שקלאַף ביסטו געווען אין מצרים"(נ"א).

„און דו זאָלסט געדענקען דעם גאַנצן וועג וואָס עס האָט דיך געפירט יהוה, דיין אלהים"(נ"ב).

„און עס וועט זיין צו איך פאַר אַ צייכן אויפן האַנט און אַן אָנדענק צווישן די אויגן"(נ"ג).

„געדענק דעם טאָג פון שבת צו הייליקן אים"(נ"ד).

„און איר זאָלט געדענקען אַלע געבאָטן פון יהוה"(נ"ה).

„בכדי איר זאָלט געדענקען און טאָן אַלע געבאָטן מיינע"(נ"ו).

„עס איז אַן אָנדענק צו די קינדער פון ישראל"(נ"ז).

„און איך וועל געדענקען מיין בונד מיט יעקבן, און מיין בונד מיט יצחקן און אויך מיין בונד מיט אברהמען וועל איך געדענקען"...(נ"ח).

„און איך וועל געדענקען פאַר זיי דעם בונד פון די ערשטע"(נ"ט).

און איר וועט זיך דערמאָנען פאַר יהוה אייער אלהים"(ס').

„און זיי וועלן זיין פאַר איך אַן אָנדענק פאַר דעם געזיכט פון אייער אלהים, איך יהוה בין אייער אלהים"(ס"א).

„בכדי דו זאָלסט געדעקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגאַנג פון לאַנד מצרים אַלע טעג פון דיין לעבן"(ס"ב).

„געדענק די טעג פון דער אייביקייט, באַטראַכט די יאָרן פון דור און דור, פרעג דיין פאָטער און ער וועט דיר פאַרציילן, דיינע אַלטע לייט — און זיי וועלן דיר זאָגן"(ס"ג).

„אין יעדן דור איז דער יחיד מחויב צו קוקן אויף זיך ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „און דו זאָלסט דערציילן דיין זון אין יענעם טאָג אַזוי צו זאָגן, דעריבער האָט יהוה עס געטאָן צו מיר בשעת איך בין אַרויס פון מצרים" (שמות י"ג) (ס"ד).

„אין יעדן דור דאַרף דער יחיד זיך צייגן ווי ער וואָלט אַליין געהאַט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים־פאַרשקלאַפונג, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „און אונדז האָט ער אַרויסגעצויגן פון דאָרטן"... און דערפאַר האָט באַ־פעלן דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער אין דער תורה: „און דו זאָלסט געדענקען אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט, דאָס הייסט אַזוי ווי דו אַליין וואָלסט געהאַט געווען אַ קנעכט און דו ביסט אַרויס פריי און דו ביסט אויסגעלייזט געוואָרן"(ס"ה).

דורך דאָס געדענקען ווערט עטאַבלירט די פולקומע אידענטיפי־קאַציע, ער און די פאַרדעמדיקע פאַרצייטיקע דורות בילדן דעם זעלביקן איך.

„דער פאַקט פון זכרון איז אומדערקלערבאַר אָן דער פאַראויס־זעצונג פון אַ שכל וועלכער איז מער פון אַ סומע פון נאָכפאָלגנדיקע באַ־וואוסטזיין־צושטאַנדן"(59).

די זכרון־טאַטזאַך פאָדערט אַ מער אָדער ווייניקער פאַרמירטן עגאָ. און די דאָזיקע עגאָ־פאַרמירונג, ווידער, פאָדערט פון איר זייט אַ מער אָדער ווייניקער גוט־פונקציאָנירנדיקן זכרון. אַזוי אַז עס באַקומט זיך אַ קעגנזייטיקע ווירקונג. דער זכרון העלפט שאַפן דעם איך, דער איך שאַפט דעם זכרון, ווייל זכרון און איך געפינען זיך אין אַ קעגנזייטיקער שייכות. אויף העברייאיש אַ מאַנצביל הייסט „זכר". די פאַרבינדונג פון זון און פאָטער איז באַזירט אויף דעם געדענקען, אויף דעם זכרון.

„ער הייסט זכר דאָס איז פון לשון זכר געדעכעניש וואָס ער האָט געדענקט...(ס"ו).

די פאַרבינדונג פון די זכרים, פון פאָטער צום זון איז געבויט אויפן זכרון, אויף אַ דערינערונג, אויף אַ מנעמישער פאַרשטעלונג. און דער־פאַר איז טאַקע די געדעכעניש אַזוי וויכטיק. אַ מענטש איז אויף אַזויפיל מאַן אויף וויפיל ער איז אַ געדענקער. אָן געדעכעניש, אָן זכרון וואָלט ער גאָר קיין מענטש קיין זכר ניט געווען.

איינע פון די מיטלען צו שאַפן די אידענטיפיקאַציע איז דאָס נאָמען־געבן פון די פאַרשטאָרבענע פאַרעלטערן.

„דעם גלויבן, אַז אַ ניי־געבאָרענער איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ פאַרפאָטער אָדער פאַרמוטער וועלכע זיינען צוריקגעקומען אויף דער ערד, קען מען געפינען כמעט איבער דער גאָרער וועלט. די אידייע, פאַרשטייט זיך, העגנט אָפּ אָן דער ענלעכקייט פון די מיטגלידער פון דער זעלביקער משפחה אין נאָכפאָלגנדיקע גענעראַציעס. און דאָס איז דער באַזיס פאַר דער טשיקאַווער טעאָריע פון וועלכער עס האַלטן דער אַרונטאַ שבט אין צענטראַלער אויסטראַליע בנוגע שוואַנגעריק־ווערן, און

ביי די צפונדיקע שטאַמען פון דעם זעלביקן קאָנטינענט ווערט יעדער ניי־געבוירענער פאַררעכנט פאַר אַן אינקאַרנאַציע אָדער רעאינקאַרנאַציע פון די גייסט־קינדער וועלכע זיינען איבערגעלאָזן געוואָרן פון די ווייטע פאָרעלטערן.

די טהלינקעטן פון צפון־אַמעריקע האָבן געגלויבט אַז דער גייסט האָט די פרייע ברירה צוריקצוקומען צום לעבן, און געוויינטלעך באַזעצט ער זיך אין דעם קערפּער פון אַ קרובה און פאַרנעמט זיך מיט דער פאָרמירונג פון דער נשמה פון דעם קינד. אויב דאָס קינד איז געראָטן אין פאַרשטאָרבענעם פריינט אָדער קרוב וועלכן מ׳דערקענט באַלד, גיט מען אים אַ נאָמען נאָך יענער פערזאָן"(60).

„ביי אויפהויבן די טויטע האָבן זיי געמיינט געבן אַ נאָמען נאָך דעם וואָס איז אַוועק אויפן עולם־האמת, דעם יעניקן וואָס, לויט אַלע מיינען און צוועקן, איז אַ רעאינקאַרנאַציע פון דעם נפטר. מחמת על־פּי די פּרינ־ציפּן פון דער פילאָזאָפיע פון די ווילדע מענטשן איז דער נאָמען אַ לעבעדיקער טייל, אויב ניט די נשמה פון דעם מענטשן.

ביי די לאַפּן, ווען אַ פרוי איז געוואָרן מעוברת און האָט געהאַלטן קרוב צו ווערן אַ געווינערין, פלעגט איינער פון די פאַרשטאָרבענע אור־עלטערן קומען צו איר אין חלום און אַנטפּלעקן צו איר וועלכער מת וועט צוריקגעבוירן ווערן אין עופעלע און וועמענס נאָמען דאָס קינד דאַרף דעריבער קריגן. אויב די פרוי האָט אַזאַ חלום ניט געזען, פלעגט דער טאַטע אָדער איינער פון די קרובים דאַרפן אויסגעפינען דורך צויבער־טרעפעריי דעם פּאַסיקן נאָמען פאַר דעם ניי־געבוירענעם און האַלטן אַ ישוב־הדעת מכוח דעם ענין מיט דעם מכשף. ביי די כאָנדן ווערט די געבורט געפייערט אויף דעם זיבעטן טאָג נאָך דעם קימפּעט דורך דעם וואָס מ׳מאַכט אַ סעודה פאַרן פּריסטער צו וועלכער דער גאַנצער דאָרף ווערט איינגעלאַדן. בכדי צו באַשטימען דעם נאָמען פון קינד וואַרפט דער פּריסטער אַריין עטלעכע רייז־קערנער אין אַ טאַס פון וואַסער, דער־מאָנענדיק ביי יעדן קערנדל אַ נאָמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם פאָרפאָטער אָדער פאָרמוטער. פון דער באַוועגונג פון דעם זאָמען אין וואַסער און פון די באַאָבאַכטונגען געמאַכט אויף דער פערזאָן פון עופעלע, דערקלערט דער פּריסטער ווער פון די אורעלטערן האָט זיך צוריק באַוויזן אין קינד, און דער ניי־געבוירענער אין אַלגעמיין, לכל־הפּחות, צווישן די צפונדיקע שבטים, קריגט דעם נאָמען פון יענעם פאָרפאָטער. ביי די יאָרובן ווי נאָר אַ קינד ווערט געבוירן, באַוויזט זיך אויף דער סצענע דער פּריסטער פון איפאַ, דער גאָט פון צויבער־טרעפעריי, און ער לאָזט וויסן וועמענס אורעלטערנס נשמה איז צוריקגעבוירן געוואָרן אין עופעלע.

ווי נאָר דאָס ווערט באַשטימט זאָגט מען אַן די עלטערן אַז דאָס קינד דאַרף אין אַלע הינזיכטן נאָכטאָן די מאַניערן און שטייגערס פון לעבן פון דעם עלטער־פאָטער אָדער עלטער־מוטער וועלכער אָדער וועלכע באַלעבט און באַזעלט דאָס קינד... און דער עופּעלע טראָגט געוויינטלעך דעם נאָמען פון דעם וועלכער איז צוריקגעבוירן געוואָרן אין אים״(61).

דאָס זיינען די בעסטע מיטלען, צו וועלכע פּרימיטיווע מענטשן האָבן זיך געקענט דערטראַכטן, צו בילדן די אייניקייט, די פאָרטזעצונג פון שבט און זיין אידענטיטעט.

דער חומש וואָרנט שטאַרק קעגן דער זינד פון שכחה, פאַרגעסעריי, אַ זינד וואָס וואָלט צעשפּליטערן די איכהייט, די פּערזענלעכקייט פון ציבור און וואָלט צערייסן די קייט פון די דורות, די שלשלת פון די יוחסין און איבערלאָזן איינצלנע צעוואָרפענע רינגעלעך וועלכע וואָלטן זיך פאַרלירן אין ים פון צייט, אין ווירוואַר פון די כסדר זיך־ענדערנדיקע פּאַסירונגען.

„טאָמער ועסטו פאַרגעסן״(ס״ז).

„און עס וועט זיין אויב פאַרגעסן ועסטו פאַרגעסן״(ס״ח).

„און דיין האַרץ וועט הויך ווערן און דו וועסט פאַרגעסן יהוה דיין אלהים, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים״(ס״ט).

דער מהות פון אידישן פּראָפעטיזם, די קווינטעסענץ פון אידישער נבואה איז דער אַבסאָלוטער גלויבן אין דעם אַז עס איז דאָ אַ זיכערע מעגלעכקייט צו פאַרריכטן אַלע פעלערן, אויסצופילן אַלע חסרונות, פאַר־גיטיקן אַלע בייזן, האַרמאָניזירן אַלע דיססאָנאַנסן, און נאָך מער אַז אַט־די מעגלעכקייט וועט ווערן פון אַ בכוח אַ בפועל־ממש, אַן אַקטואַלי־טעט אין דער צוקונפט, וועלכע, לויט איר עצם טבע נאָך, מוז אויפגעפּאַסט ווערן אַלס עפּעס פּערפעקטעס.

און משה־רבנו טראָגט דעם טיטל פון איניציאַטאָר פון דער דאָזיקער פוטור־קאָנצעפּציע. הגם, לויט דער מסורה, האָט ער קיינמאָל זיך ניט פאַרנומען מיט נביאות־זאָגעריי אין דעם אָנגענומענעם פשט פון וואָרט „נבואה״, מיינענדיק אַנטיציפּירן די צוקונפט, און מאַכן אַ דעטאַליזירטן, מער אָדער ווייניקער, אַנטוואורף פון די פּאַסירונגען וועלכע וועלן ערשט אַ סך שפּעטער־צו זיך פאַנאַנדערוויקלען, פאָרקומען, פאַרלויפן.

„אַלע נביאים האָבן געקוקט דורך אַ מאַטע ספּאַקטיוו... משה האָט געקוקט דורך אַ קלאָרע ספּאַקטיוו... משה איז דער פאָטער פון קלוגשאַפט, דער פאָטער פון די נביאים״(ע׳).

„משה דער פאָטער פון חכמה, דער פאָטער פון די נביאים״(ע״א).

זיין רעכט צו הייסן פּרינץ פון נבואה, אָדער טאַטע פון די נביאים האָט משה רבנו כשר פאַרדינט מיט דעם וואָס ער האָט איינגעפירט ניט

נאָר דאָס יהוה־פּאַרשטיין, נאָר אויך די נייע אויפפאַסונג פון יהוה אַלס דער שאַלטער און וואַלטער פון די צוקונפטיקע מערכות, אַלס געשטאַלטער און פורעמער פון די וויטסטע עתיד־שיקזאַלן. אָט די אויפפאַסונג ווערט אויסגעדריקט אין דער באַצייכענונג פון יהוה אַלס אהיה אשר אהיה, „איך וועל ווערן דער ווער איך וועל ווערן" אָדער „איך וועל זיין דער ווער איך וועל זיין"(ע"ב).

אויף אַזאַ אופן ברענגט משה אַריין, לויט דער חומש טראַדיציע, אַ נייע השגה וועגן איכטום, וועגן זעלבסט־באַגלויבטזיין. ער האָט אַריבער־געפירט דעם שווערפונקט פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט, פון דעם אבות־קולט צו דעם קינדער־קולט, פון דער פאַרערונג פון דער איבערגעלעבטער געוועזנהייט צו דער פאַרערלעכונג פון די אַנטיציפּירטע מעגלעכקייטן, צו דער דעאיפיצירונג פון די שעפערישע פּאָטענציאַליטעטן וועלכע עפענען זיך פאַרן מענטשן אַלס אַנטדעקער, פאָרשער, דערפינדער, אויסלייזער — שעפער. דער חומש לייגט אַוועק דעם פונדאַמענט פאַרן גראַנדיעזן בנין פון אידישער נבואה.

„„דאָס זיינען די מצוות, דאָס ווייזט אַז קיין נביא וועט גאָרניט אויפטאָן קיין שום נייס פון איצטער־אָן, נאָר מ'האָט זיי פאַרגעסן און די נביאים זיינען געקומען און זיי צוריק באַגרינדעט"(ע"ג).

און דער דאָזיקער פילאָזאָפישער און פּראַקטישער פוטוריזם ווערט קורץ געפאַסט מיט איין וואָרט, מיט דעם נאָמען פון יהוה אַלס „אהיה אשר אהיה" און „אהיה".

„די דאָזיקע זיינען די שמות וועלכע מ'טאָר ניט אָפּמעקן ווען מ'שרייבט... אהיה אשר אהיה"(ע"ד).

„אהיה אשר אהיה" איז אַ שם, און דער תרגום אונקלוס זעצט עס ניט איבער, ווייל דאָס איז אַ פּריוואַטער נאָמען פון יהוה, עס איז אַ כינוי פון שם המפורש.

„און די דאָזיקע זיינען די זיבן שמות: דער שם פון דאָזיין, און דער שם פון האַרשאַפט און אל, אלוה, שדי, צבאות און אַנדערע זאָגן אַז אויך אהיה אשר אהיה"(ע"ה).

„דער הייליקער שם „אהיה אשר אהיה" וועלכער איז דער יסוד „פון אַלץ און דער עיקר פון אַלץ און דער וואָרצל פון אַלץ"(ע"ו).

פוטוריזם און אַקטיווער אידעאַליזם איז כמעט איינע און די זעלביקע זאַך. מחמת אַן אַקטיווער אידעאַל אַלס אַזעלכער איז אַ קינד פון דער פוטוריטעט, פון דעם וויטערן איכטום. עס איז ניטאָ קיין בריק וועלכער זאָל פירן איבערן תהום פון זמן אויף־צוריק פון דער קעגנוואָרט, אָבער עס איז דאָ אַ בריק וועלכער פירט פון דער קעגנוואָרט פאָראויס. די טייכן

פון כראַנאָס, ווי טייכן בכלל, פליסן אַלע אין איין ריכטונג, מיט דעם אונטערשייד וואָס די צייט־וואַסערן פליסן אַרויף־שטראָם, באַרג־אַרויף צו דער צוקונפט און ניט אַראָפּ־שטראָם צו דער פאַרגאַנגענהייט.

די עקספּאַנסיע פון דער איכהייט און די אויסברייטערונג און פאַר־טיפונג פון דעם איך־קוק איז מאַניפעסטירט אין דעם איבערגאַנג פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפט.

אין ספר שמות, ווי אין גאַנצן חומש, זיינען בײדע שטאַנדפּונקטן פאַרטראָטן מיט אַן איבערגייג אויף דעם צד פון דער צוקונפט. אין ירמיה ווערט געמאַכט אַ דרייסטער פאַרזוך אָפּצוואַרפן די פאַרגאַנגענהייט און זיך שטעלן מיטן פנים צו דער צוקונפט און שליסן אַ גאָר נייעם בונד „ניט ווי דער בונד וואָס איך האָב געשלאָסן מיט זייערע עלטערן״(ע״ז). אָבער דער חומש גייט אויף זיינע ביידע פיס, אויפן עתיד און אויפן עבר. די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט ווערן ביידע געברויכט. דער אלהי אברהם יצחק ויעקב גייט האַנט אין האַנט מיט דעם יהוה פון דער צוקונפט וועלכער ווערט דעפינירט אַלס דער אהיה אשר אהיה, דער „איך וועל ווערן דער ווער איך וועל ווערן״.

און ווי אומגעהויער באַלערנדיק איז דער פסוק: „און ער האָט געזאָגט: „איך בין דער אלהים פון דיין פאָטער, דער אלהים פון אברהמען און דער אלהים פון יצחקן און דער אלהים פון יעקבן״. דאָ ווערט אַנטוויקלט די דאָקטרין פון עגאָ נאָר פון איין זייט, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער פאַרגאַנגענהייט. עגאָ איז דער פאָטער, עגאָ איז די דערינערונג, עגאָ איז דער אלהים. דער כוח פון זכרון, די ווידער־געבורט פון פאַרגאַנגענע צושטאַנדן, די צוריקרופונג פון פאַרשוואונדענע סיטואַציעס, די אַרויסנעמונג פון די פּאַסירונגען פון אונטער דעם אַש פון פאַרגעסנהייט און דאָס אַריינבלאָזן אין זיי אַ נייעם ברי און גלי — די דאָזיקע פייאיקייט ווערט געשעצט זייער הויך, אָט־דער כשרון ווערט פאַרגעטערט.

ביי דעם פול־אַנטוויקלטן אינדיווידו איז אָט־די באַגאַבטקייט צו באַ־לעבן דאָס לאַנג־איבערגעלעבטע און אָפּגעלעבטע איינע פון זיינע נאַטירלעכע פייאיקייטן. אָבער דאָס איז ווייט ניט דער פאַל מיט דעם פרימיטיוון מענטשן. ביי דעם לעצטן נעמט די דאָזיקע באַשאַנקענקייט זיך ערשט אַרויספּיקן פון דעם מאָמענט־שאָלעכץ, זיך אַרויסלושטשען פון די פּלעווועלעס פון דאָס פאַרביילויפיקע. עס קען ניט זיין בנמצא אַ פאַנאַנדערגעוויקלטער זעלבסט סיידן עס איז פאַראַן אַן אָפּהיט און אויפ־האַלט, אַ קאָנסערווירונג און פּרעזערווירונג פון איבערגעלעבטע דערפאַ־

רונגען. אָן דעם דאָזיקן בוימאַטעריאַל קען די זעלבסטהייט בשום־אופן ניט אויפגעריכט ווערן.

און אָט־דער כוח פון אויפזאַמלען אַלע באַזונדערע שטראַלן פון דער פסיכיק און זיי קאָנצענטרירן אין איין פאָקוס, זיי צונויפנעמען און קאָנדענסירן אין ברענפונקט פון געדאַנק, אָט די צומצענטרשטרעבנדיקע פּאָטענציע פון איכהייט ווערט אפּאָטהעאָזירט, דערקלערט פאַר דעם קוואַל פון קדושה. אויף דער דאָזיקער שטופע פון אַנטוויקלונג ווערן די פאַר־עלטערן, די אבות, פאַררעכנט פאַר אמתע געטער. זעלבסטהייט ווערט געפורעמט דורך דעם כסדרדיקן דורות־לויף, דורך דעם אומאָפּשטעלבאַרן גענעראַציע־בייט. און זעלבסטהייט אויף דער דאָזיקער דרגא באַטייט די גאַנצקייט, די צוזאַמענגעבונדנקייט פון שבט, זיין פאָרשטעלן מיט זיך איין קאָלעקטיוון איך, מחמת דער איך פון שבט איז קודם אין צייט צו דעם איך פון יחיד, וועלכער אַנטשטייט דורך אַן אַנאַליטישן פּראָצעס, דורך דיפערענציאַציע. און ערשט נאָכדעם ווי דער איך פון יחיד האָט זיך דורכגעריסן צום אויסדרוק, דעמאָלט נאָר ווערט דער שבט־אָרגאַניזם אויפגעבויט אויף אַ סינטעטישן אופן. לכתחילה איז ער געווען אַן אינטעגראַל, אַ מאָנאָליט, איין שטיק. און דער איינצלנער איך האָט זיך פון שבט־איך אויסגעשיילט, זיך פון אים אָפּגעזונדערט. דעריבער ווי נאָר די דיפערענציאַציע און סעפּאַראַציע ווערט דורכגעזעצט אַזוי גלייך באַווייזט זיך די צוריקפירנדיקע טענדענץ צו אינטעגרירן די אָפּגעטיילטע אָרגאַנען, די גלידער־יחידים און אויפשטעלן פון־דאָס־ניי די אומבאַרירטע גאַנצקייט, די אינטעגריטעט פון שבט, פאָלקסטום.

8.

לאָמיר זיך בעסער צוקוקן צום דיאַלאָג און זען וואָס דער חומש וויל אונדז לאָזן הערן.

„און משה האָט געזאָגט: ווער בין איך אַז איך זאָל גיין צו פרעה און איך זאָל אַרויסציען די קינדער פון ישראל פון מצרים אַרויס״(ע״ח).

משה שטעלט די לערע פון איכהייט אונטער אַ פראַגע־צייכן. וואָס ער פרעגט איז צי מ׳קען אָפּפירן מיט אַ דאָקטרינע וועלכע באַזירט זיך אויסשליסלעך אויף דער פאַרגאַנגענהייט, אויף דער פאַרלאָפענהייט און איר פרובירן אָנווענדן מיט דערפאַלג, ווען עס האַנדלט זיך מכוח אויפ־טאָן וויכטיקע זאַכן אין דער קעגנוואַרט און אין דער צוקונפט.

„באמת עס איז ניטאָ פיליכט קיין גרעסערער וואונדער אין דער גאַנצער געשיכטע פון גייסט ווי דער וועלכער אַנטפּלעקט זיך אין דעם

דאָזיקן זאַץ. אַן אורשפּראַך, וועלכע טרעט אַרויס אָן קיין שום פילאָזאָפיע, שטאַמלט דאָ דאָס טיפסטע וואָרט פון דער גאַרער פילאָזאָפיע... איך בין דער איך בין״... דער זייענדיקער״(62).

אַזאַ דערהויבענע און כשר־פאַרדינטע רעקאָמענדאַציע ווערט געגעבן פון הערמאַן קאהן דעם דאָזיקן דיאַלאָג פון חומש וועלכער אַנטהאַלט דעם געזונדסטן קערן פון דער גאַנצער אידישער פילאָזאָפיע. און דאָך, איך ווייס ניט פאַרוואָס, סיידן ער איז פאַרפירט געוואָרן פון די אַנגענומענע איבערזעצונגען, האָט ער ניט פינקטלעך פאַרטייטשט דעם „אהיה אשר אהיה״ און דאָ, וואו עס האַנדלט זיך וועגן דער קווינטעסענץ פון אידיש־קייט, מוז מען זיין פינקטלעך אין איבערזעצן די העברייאישע ווערטער. „אהיה אשר אהיה״ מיינט „איך וועל זיין דער ווער איך־וועל־זיין״ אָדער „איך וועל ווערן דער ווער איך וועל ווערן״. און איך האָב מורא אַז די אומפינקטלעכקייט האָט גורם געווען דערצו אַז הערמאַן קאהן אין זיין לויב פון דעם גייסטיק גראַנדיעזן דיאַלאָג האָט ניטווילנדיק אַריינגעמישט אַ טראָפּן פון אונטערשעצונג. „אַן אורשפּראַך וועלכע טרעט אַרויס אָן קיין שום פילאָזאָפיע״... „כאָטש דאָס איז גאָך קיין פילאָזאָפיע ניט איז עס אָבער זיכער פאַרנונפט אין דעם אורזין פון וואָרט״(63).

נאַטירלעך אויב מ׳פאַרשטייט אונטערן וואָרט „פילאָזאָפיע״ שול־פילאָזאָפיע מיט אַן אויסגעאַרבעטער טעכנישער טערמינאָלאָגיע קען מען מיט אַ גרינגען געוויסן זאָגן אַז דער חומש האָט קיין פילאָזאָפיע ניט. ער באַדאַרף עס ניט. אָבער אויב מ׳מיינט אמתע פילאָזאָפיע, פאָרמולירונג פון ערשטע פּרינציפּן, דעמאָלט פאַרמאָגט דער חומש און, אוודאי שוין, די מדרשים אַ הויך־דורכגעטראַכטן טיף־דורכגעפילטן פילאָזאָפישן וועלט־און־מענטש־באַנעם. דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן די וועדן, די אופּאַנישאַדן, און אפילו דעם „בוך פון די טויטע״. זיי ווייזן אַרויס אַן אומגעווייינטלעך געלונגענע פאַרטיפונג אין דער זעל פון מענטשן און פון דער וועלט און אַ דראַנג צובאַשכלן דעם סך־הכל פון דערשיי־נונגען וועלכע נעמען אַריין דעם מאַקראָקאָסמאָס און מיקראָקאָסמאָס.

דער חומש אַנטהאַלט אַן אויסגעאַרבעטע פּסיכאָלאָגישע פילאָזאָפיע. דער חומש בויט זיין וועלט און מענטש־פאַרשטיין אויף דעם שכל אַליין, פּשוט דערפאַר ווייל עס איז ניט געשאַפן געוואָרן פאַר דעם געברויך פון אַן ענגן קרייז פון געשולטע דענקער, פאַר אַקאַדעמיקער, חרטומים, מאַגיקער, פּריסטער וועלכע ווערן איינגעווייט אין די „מיסטעריעס״ פון דענקען און אַרגומענטירן, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק. „דבר אל בני ישראל״... איז דער שליסל־וואָרט פון חומש און זאָגט עדות אַז די ביבל איז געמיינט געוואָרן צו ווערן אַ פאָלקס־בוך. „רייד צו די קינדער פון

ישראל״, צו אַלע קינדער פון ישראל. און דעריבער איז די ביבל הויפּט־זעכלעך פּסיכאָלאָגיש, יעדנפאַלס מער פּסיכאָלאָגיש ווי לאָגיש. די חומש־קלוגשאַפט איז ניט וויניקער, נאָר דווקא מער פון דער שול פילאָזאָפיע. און אין דעם ליגט טאַקע דער כּוח פון תורת משה און פון אמתער רעליגיע. עס איז אַ פּסיכאָלאָגישע גבורה וועלכע באַזירט זיך אויף איך־קלוגשאַפט, זעלבסט־באַגלויבטזיין און איך־ליבשאַפט.

„איך בין דער וועלכער קען ניט אַנדערש אָנגערופן ווערן נאָר „איך בין״(64).

„דער איך בין״ פאַרטונקלט די קלוגשאַפט פון חומש, פאַרפלאַטשיקט די טיפזיניקייט פון דער ביבלישער מענטש און וועלט השגה.

„איך וועל זיין דער ווער איך וועל זיין״ אָדער „איך וועל ווערן״ „אהיה״ אין דער גאָר ווייטער צוקונפט. דערווייל בין איך כמעט כביכול גאַרניט דאָ בנמצא. „אין יענעם טאָג וועט יהוה זיין איינער און זיין נאָמען איינער״(ע״ט).

„הער, ישראל, יהוה איז אונדזער אלהים״ אויף דער וועלט, „יהוה איז איינער״ אין דער צוקונפט־וועלט, און אַזוי טאַקע זאָגט ער „און יהוה וועט זיין אַ קעניג איבער דער גאַנצער ערד, אין יענעם טאָג וועט יהוה זיין איינער און זיין נאָמען איינער״ (זכריה י״ד)(פּ׳).

אין יענעם טאָג וועט יהוה זיין... דערווייל איז „שכינתא בגלותא״, די שכינה איז אין גלות, צעשפּליטערט, ניט אַנטפּלעקט אינגאַנצן, ניט נתגלה געוואָרן ווי־געהעריק. די ביבל איז אַ צוקונפט־בוך געבויט אויף אַנטיציפּאַציעס, פאָראויס זעאונגען און פאָראויסזאָגונגען. און יהוה הייסט אַן אהיה, אַן איך וועל זיין, אין דער צוקונפט, ניט אין דער קעגנוואַרט. די יהוה־לערע אַלס אַזעלכע איז אַ נבואה, אַ פּראָפעצייאונג, אַ פאָראויסבלי־קונג, אַ פאָראויסגלויבונג, אַ זעלבסט־פאָראויסבאַגלויבטזיין.

„גאָט איז דער איך וועלכער באַטייט דעם זייענדיקן״(65).

„דער „אהיה אשר אהיה״ איז אַ צוקונפטיקער איך־באַוואויסטזיין, ער באַטייט דעם „וועט זייענדיקן״, דעם „וועט־ווערנדיקן״ „ושבת עד יהוה... ושב יהוה... את שבותך״(פּ״א). „און דו וועסט זיך אומקערן ביז יהוה... און יהוה וועט אומקערן דיין געפאַנגענשאַפט... דערווייל איז דער שם ניט פול, דאָס איך־באַגלויבטזיין ווי אויך דאָס זעלבסט־באַוואויסטזיין איז ניט רעאַליזירט אין זיין פולן כּוח, עס איז צעשפּאָלטן, צעברעקלט.

„כּל זמן די אידן זייענען אין גלות איז דער הייליקער שם ניט פולקו־מען״(פּ״ב).

דער עצם־עיקר פון חומש איז דאָס וואָס עס האָט צו טאָן מיט אַ פוטורי־טעט, מיט פּראָפעטיק, מיט אַ פאָראויסונג, אַ פאָראויס־דענקונג און אַ

פּאַראויסשפּירונג, אַ פּאַראויסראַציאָנאַליזירונג און אַ פּאַראויסעמאַציאָנאַ־ליזירונג.

פאַר גרויסע מעשים, פאַר אינספּירירטע חידושים פאַדערט זיך אַן איכ־הייט, אַן עגאָ פון דער פוטוריטעט. דער עבר, דער אויפלעב פון פאַר־קלונגענעם רום און ליבּ, צעמענטירט אָביעקטן און פּאַסירונגען וועלכע זיינען באַהאַלטן ניט אין מוטער־לייב, אין דער געווינעריגס־טראַכט, נאָר באַגראָבן אין פראַכט פון קברים. און דערפאַר אַלס ענטפער צו משהס פראַגע קומט דער צוזאָג פון אַ פאַרברודערונג פון עבר און עתיד, אַ צו־קונפט וועלכע הויבט איר קאָפּ־צווייג וואָס העכער אין הימל אַריין, וואָס טיפער אירע וואָרצלען זיינען אַריינגעוואַקסן אין דעם באָדן פון דער פאַר־גאַנגענהייט. און די דאַזיקע קאָמבינירונג פון עבר און עתידצושטאַנדן, אָט־די פאַרבינדונג פון די אַוועקגעגאַנגענע און אָנקומענדיגע עלעמענטן איז די פּאַסיקע מעטאָדע וועלכע דאַרף אָנגעווענדט ווערן דאָרטן וואו עס האַנדלט זיך מכוח דער פאַרמולירונג פון אַ אידעאַל וועלכער איז אַ טייל פון דעם גאַנצן זעלבסט־פּאַראויסבאַגלויבטזיין.

„ויאמר כי אהיה עמך וזה לך האות די אנכי שלחתיך”(פ״ג). „און ער האָט געזאָגט, וואָרים דער אהיה איז מיט דיר, דער פוטור־צושטאַנד פון זעלבסטהייט, דאָס זעלבסט־פּאַראויסבאַגלויבטזיין, און דאָס איז דער צייכן אַז איך (עגאָ) האָב דיך געשיקט”. איך איז דער שם המפורש. און דער דאָזיקער ענטפער מאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף משהן, וועלכער פירט אַן אינערלעכן דיאַלאָג, און אַרגומענטירט אין אַ דועט. אָבער ער פרעגט ווייטער. ער איז ניט אינגאַנצן באַפרידיקט מיט דער תשובה וואָס ער האָט געקראָגן. ווייל דער „אהיה”־געדאַנק איז נאָך ניט קלאָר און איבער־צייגנדיק גענוג אַרויסגעבראַכט און אין די נאָכפאָלגנדיקע עטלעכע פּסוקים ווערט אויסגעאַרבעט דער סינטעז פון דער איכהייט. דער זעלבסטום פון די פּאַטריאַרכן ווערט צוזאַמענגעקניפּט מיט דעם איכטום פון די קומענדיקע דורות. אייביקייט נעמט אַריין אין זיך ביידע סופן פון צייט. די פאַרלאָפענע געוועזנהייט וועלכע האָט איבערגעלאָזן בלויז שליאָדן אין זאַמד פון געדעכעניש און די פּאַראויסגעבליקטע, אַנטיציפּירטע צוקונפט וועלכע פּראָיעקטירט זיך ערשט, וואָרפט איר סילועט אויפן האָריזאָנט, ווערן צוזאַמענגעשלאָסן, צונויפגעגאָסן, צונויפגעשמעלצט. די קייט פון גענעראַציעס רינגלט־זיך, שנירלט זיך און גייט אַזוי אַריבער פון דעם וואָס איז שוין געוועזן צו דעם וואָס דאַרף נאָך ערשט קומען.

„אָט קום איך צו די קינדער פון ישראל און איך וועל זאָגן צו זיי, „דער אלהים פון אייערע עלטערן האָט מיך געשיקט צו אייך”, און אַז זיי וועלן פרעגן: „וואָס איז זיין נאָמען?” וואָס זאָל איך ענטפערן? און

אלהים האָט געזאָגט צו משהן: אהיה אשר אהיה, איך וועל זיין דער וועך איך וועל זיין. און ער האָט געזאָגט: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער ישראל: „איך וועל זיין" האָט מיך געשיקט. און אלהים האָט ווייטער געזאָגט".(פ"ד).

עס איז כדאי צו באַמערקן אַז אין דעם דאָזיקן פּאַסאַזש געברויכט ניט דער פּאַרפאַסער דעם שם יהוה, נאָר באַנוגנט זיך אין שילדערן דעם דועט, דעם דיאַלאָג מיטן אלהים, משה דער איש־אלהים פירט אַ געשפּרעך, אַרגומענטירט, און ווערט האַלבירט, דער איש וואָס אין משהן איז זיך מתווכח, דעבאַטירט מיט דעם אלהים וואָס אין משהן און אַזוי מאַכט ער זיך קלאָר די סיטואַציע און די פילאָזאָפיע פון דער סיטואַציע. אלהים איז בלויז די פּאַרניינונג פון כאַאָס. אָפּנים ווי דער אויטאָר וואָלט אונדז וועלן געבן אָנצוהערן אַז דורך דער קאָמבינירונג פון דער פּאַר־גאַנגענהייט מיט דער צוקונפט, ווערט דער פּרינציפּ פון איכהייט עטאַב־לירט, און דער יהוה טויכט אַרויף.

די קומענדיקע דורות און די יעניקע גענעראַציעס וועלכע זיינען שוין לאַנג־לאַנג געווען און אַוועקגעגאַנגען ווערן פּאַרבונדן דורך דער אומזיכטבאַרער זיך־איינִיקייט, דער גאַנצער זעלבסטהייט פון שבט. און דער אינדיווידועלער מיטגליד פּאַרדאַנקט זיין עקזיסטענץ דעם צווייפאַכיקן כוח פון מעמאָריזאַציע און אַנטיציפּאַציע.

די אַוועקגעגאַנגענהייט און די צוקומענהייט, די אבות און די יורשים, די פּאָרעלטערן און די קינדסקינדער, אַלע צוזאַמען גיבן אַריין לעבן אין אים, בלאָזן אַריין אַ לעבעדיקן אָטעם אין די לונגען פון זיין זעלבסט־באַגלויבטזיין און איך־באַוואוסטזיין. ער איז דער פאָקוס פון די שטראַלן וועלכע עמאַנירן פון דער ביאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער זון.

„און אלהים זאָגט ווייטער צו משהן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינ־דער פון ישראל: „יהוה, דער אלהים פון זייערע עלטערן"... דאָ גע־ברויכט שוין דער חומש דעם שם, דעם טערמין יהוה, די באַצייכענונג פון דער פולער איכהייט, פון דעם פולן זעלבסט־באַגלויבטזיין און זעלבסט־באַוואוסטזיין, וועלכע ער האָט שוין באַוויזן צו פיקסירן אין דער פּאַרגאַנ־גענהייט און אין דער צוקונפט. ער האָט שוין באַהעפט די אבות מיט די ווייטסטע גענעראַציעס פון אָפּשטאַם און בזה־האופן האָט ער געפורעמט דעם גרויסן זעלבסט פון לעבן. ער ווידערהאָלט דעם טיטל וועלכער ווערט געברויכט פון משהן גלייך פון אָנהויב אין זיין פראַגע, דעם אלהים פון די אבות, דעם אלהים פון די עלטערן, וואָס מיינט אייגנטלעך דער אלהים, די אבות, אָבער ער גיט צו דעם שם פון יהוה, ער שיקט עס פאָראויס

פאַר דעם אלהים פון די פאָרעלטערן. און עס איז באַלערנדיק וואָס ניט „משה" און ניט דער „אלהים" וועלכע פירן דאָ דעם גערדאַנקען־געש־שפרעך געפלאָכטן פון פראַגעס און ענטפערס באַשטייט אויף דעם געברויך פון „אהיה" „איך וועל זיין" אָדער „איך וועל ווערן" אָדער „אהיה אשר אהיה", איך וועל זיין דער ווער איך וועל זיין. ווייל „אהיה" און „אהיה אשר אהיה" איז מער ניט ווי אַ דערקלערונג, אַן אויסטייטש און דינט בלויז ווי אַ מין עמפליפיקאַציע, אינטערפּרעטאַציע פון יהוה, אַ פאַנאַנ־דערשיפרירונג פון יהוה, פון עגאָ, אָנווייזנדיק די צוקונפטס־צוקונפט אַלס אַ צוגאָב, אַ הוספה צו דער געוועזנהייט און איצטיקייט.

„אזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישראל: „יהוה, דער אלהים פון אייערע עלטערן, דער אלהים פון אברהמען, דער אלהים פון יצחקן און דער אלהים פון יעקבן האָט מיך געשיקט צו אייך. דאָס איז מיין נאָמען אויף אייביק און דאָס איז מיין אָנדענק פון־דור־צו־דור"(פ"ה).

אייביקייט קען מען ניט אויפפאַסן אָן דעם קלאָרן באַגריף וועגן דעם דריטן צייט־טייל, דער צוקונפט, דער שטענדיקער אומאויפהערלעכער פאָרטזעצונג. אָבער אַן אָנדענק קען, נאַטירלעך, עקזיסטירן אָן דער צו־קונפט. אַלץ וואָס געדעכעניש דאַרף האָבן אום זיך צו באַהויפּטן איז אַ קעגנוואַרט און אַ פאַרגאַנגענהייט.

זעלבסטהייט איז דער פּרינציפּ פון דערמאָנעניש, דער קולט פון די אבות, פון דער פאַרגאַנגענהייט דערגאַנצט מיט דער אַנטיציפּירונג־דער־וואַרטונג, דערפילט מיט דעם קולט פון דער נאָכקומענשאַפט און אַריינגע־פאַסט אין דעם רעאַל פון דער קעגנוואַרט. און דאָס איז די דרייאייניקייט פון יהוה, היה, הוה ויהיה, אָדער ריכטיקער הייתי, הווה ואהיה, דער איך בין געווען, איך בין און איך וועל זיין, אָדער איך בין געוואָרן, איך ווער און איך וועל ווערן, עס איז אַ זעלבסט־באַגלויבטזיין דורכגעפירט דורך דער קעגנוואַרט, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, אַ איצט־זעלבסט־באַ־גלויבטזיין, אַ פאַרדעם־זעלבסט־באַגלויבטזיין און אַ נאָכדעם, אַ פאַראויס־זעלבסט־באַגלויבטזיין.

און דער ציטירטער אינערלעכער געדאַנקען־דיאַלאָג באַלייכט די אַנטדעקונג פון עגאָ, פון דעם איך, דעם זעלבסט פון מענטש און דער וועלט. דאָ ווערט פעסטגעשטעלט די איכהייט אַלס קעגנזאַץ, אָדער סובלי־מירונג, אַריבערשטייגונג און אויסלייטערונג, פון געטשאַפט. די ווייטע דורות פון דער געוועזנהייט, דער אלהים פון די אבות, די אבות אַלס אלהים, פאַרבינדן זיך מיט די ווייטע דורות פון דער וועט־קומענהייט, די קינדס־קינדער אַלס אלהים, און זיי בילדן צוזאַמען איין קאָנטינואום פון דעם

זעלבסט װעלכער שטעלט צוזאַמען דעם שטאַם. און די דאָזיקע גאַנצקײט איז יהוה, דער אנכי פון ישראל.

אין דעם ציטירטן קאַפּיטל פון שמות װערט פאַנאַנדערגעװיקלט דער הױפּט־יסוד פון זעלבסטהײט. און דער מחבר געברױכט דעם אלהים אַלס װעבער פון דעם בונד, אַלס שפּינער פון דער פאַרהעלטעניש.

IV

אני יהוה, איך בין יהוה

.1

„און אֶלהים האָט גערעדט צו משהן און האָט געזאָגט צו אים: אני יהוה"(א'). „איך בין יהוה" מיינט איך איז דער פּרינציפּ פון יהוה, פון דעם כביכול, פון רבונו־של־עולם.

„דעריבער זאָג די קינדער ישראל: אני יהוה"(ב'). איכהייט איז יהוה. די קאָנצעפּציע פון איכהייט דאָס איז דער יהוה־באַגריף.

„אני יהוה"(ג). איך, עגאָ איז יהוה. דער זעלבסט דאָס איז די השגה און מהות פון שם, פון יהוה. אני, אנכי זיינען די נעמען פון יהוה. זיי פאַרטייטשן דעם שם, דעם יהוה. די גריכישע איבערזעצונג פון יהוה קוריאָס איז אומגעלומפּערט, און גרייזיק.

פילאָן ליפערט דעם ערשטן זיכערן פאַל פון דער איבערזעצונג פון דעם שם (יהוה) מיט דעם גריכישן וואָרט „קוריאָס", „האַר"(1).

פילאן איז געווען צופיל העלעניזירט ריכטיק תופס צו זיין דעם עצם מהות פון תורת־משה. אויסער דעם איז ער דאָך אויסן געווען געבן צו פאַר־שטיין די העלענער די ביבלישע לערע. דערפאַר טאַקע האָט ער, אָן אַ בייזער כוונה, פאַרגרייזט די ביבלישע פילאָזאָפיע־עגאָסאָפיע און די ביבלישע עטיק דורך דער אומפּיקנטלעכער איבערזעצונג פון דעם שם יהוה וואָס איז דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער אידישער וועלט און מענטש אויפפאַסונג.

„דעם שם יהוה האָבן זיי איבערזעצט „דער האַר" קוריאָס. דעם העברייאישן באַטייט האָט מען אינגאַנצן פאַרהוילן"(2).

דער ציטירטער מחבר דריקט זיך אויס צו מילד. דער באַטייט פון העברייאישן וואָרט יהוה, אין וועלכן די גאַנצע קווינט־עסענציע פון דער פילאָזאָפיע פון חומש איז קאָנצענטרירט, איז מער ווי פאַרהוילן געוואָרן, עס איז צעקרימט און צעלאָמט געוואָרן. עס איז אַריינגעפירט געוואָרן דורך דער גרייזיקער איבערזעצונג אָן אָפּשטויסנדיקע קאָנאָטאַציע פון הערשאַפט, אָן השגה וועלכע איז קווידער די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון דער מענטשהייט, די יעניקע וועלכע קעמפן קעגן שררות, קעגן דער צעטיילונג אין האַרן און קנעכט. און די איבערזעצונג האָט געבראַכט

דערצו אַז אַ פיינטשאַפט צו דער ביבל זאָל אַרויסגערופן ווערן אין יענע קרייזן וועלכע האָבן אָנגעפירט און פירן אָן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן די פּאַרפּעסטיקטע אינסטיטוציעס און פּאָזיציעס פון די „הארן". אַ פאַלשע אַסאָסיאַציע פון אידייען און ווערטער האָט זיך געפּאַרעמט און זי האָט געשעדיקט די ביבל אין מער ווי אין איין פּרט. אנכי איז דער טייטש פון יהוה, ניט „האַר".

„עס איז געזאָגט געוואָרן: „אנכי יהוה דיין אלהים". האָט געזאָגט רבי נחמיה: וואָס עפּעס „אנכי"? דאָס איז עגיפּטישער לשון... עס האָט געזאָגט דער הייליקער־געבענטשט־איז ער, איך גיי ריידן מיט זיי אין דער עגיפּטישער שפּראַך, אנכי, און דער קדוש־ברוך־הוא האָט טאַקע אַזוי אָנגעהויבן: אנכי (איך) יהוה דיין אלהים"(ד׳).

„עס וואַרפט אַ נייעם ליכט אויף די פיל־דיסקוטירטע אַלטערנאַטיווע פּאַרמען פון דעם וואָרט אנכי און אני, דער ערשטער איז אַ כנעניש פּאַרם, בשעת דער צווייטער (וועלכער געהערט הויפּטזעכלעך צו תורת־כהנים) איז אַ פּאַרצייטיקער העברייאישער עקוויוואַלענץ פּאַרן שם־הגוף"(3).

„און עס איז דאָ אַ „יוד" וואָס עס איז דער סימן פון דער ערשטער פּערזאָן, פון דעם וואָס רעדט פאַר זיך אַליין, פּונקט ווי דער אלף אין־אָנהויב (אשמר, א־פקד). און אפשר האָבן זיי עס געטאָן דערפאַר ווייל דער צענדליק איז גלייך צום איינס... און דאָס איז דאָ אין וואָרט ידי, (מיין האַנט רגלי (רגל אַ פוס, רגלי מיין פוס)"(ה׳).

דער „יוד" איז אין העברייאיש דער צייכן פון דעם צענדליק און פון דעם „מדבר־בעדו", פון דער ערשטער פּערזאָן. און אני באַטייט אַ נעגאַציע מיט אַ סופיקס וועלכער באַצייכנט די ערשטע פּערזאָן, איך.

„אני" (איך)באַשטייט פון די בוכשטאַבן „אין" (גאָרניט)"(ו׳).

„אני" איז אַ זעלבסט־פאַרניינונג וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ זעלבסט־באַיאָונג. „אני" בוכשטעבלעך פאַרטייטשט מיינט גאָרניט־מיין, דער גאָרניט וואָס איז איך און מיין. אין — גאָרניט, י— איז די באַ־צייכענונג פון איך. דאָס איז אַ נישטיקייט וואָס איז פאַרקערט געוואָרן אין אַ פּערזענלעכקייט.

„די וועלט איז געווען אין אָנהויב בלויז אַ גייסט (אַטמאַן) אין דער פּאָרם פון אַ פּערזאָן. אַרומקוקנדיק זיך האָט ער ניט געזען קיין זאַך אויסער זיך. צוערשט האָט ער געזאָגט: „איך בין". פון דאַנעט נעמט זיך דאָס וואָרט „איך"(4).

דער איך קומט אַרויס פון גאָרניט, ער איז אַ „יש מאין", פון „אין" ווערט „אני".

2.

לאָמיר עפענען די ביבל און איבערלייענען דעם ערשטן זאַץ:
„בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ"...

דער אָנפאַנג האָט געבוירן דעם אלהים. אלהים איז דער לשון רבים, די מערצאָל פון וואָרט אל, אַל, אל, וועלכע מיינען „צו", „ניט", „קראַפט", גבורה. אלהים מיינט דער מאָדוס פון באַציאונגען, דער מוסטער און רעגולאַטאָר פון פאַרהעלטענישן, דער מאָדעל און קווינטעסענץ פון שייכותן. דעם פסוק דאַרף מען, לויט אונדזער פאַרשטיין, אויסטייטשן אַזוי: דער אָנפאַנג האָט געבוירן די פאַרהעלטעניש, רוים און דעם צענטער. „שמים" מיינט אין העברייאיש „הימל", אָבער בוכשטעבלעך באַצייכנט עס דעם „דאָרטן" „שם" אין מערצאָל — „ים" איז אַ סופיקס וועלכער באַשרייבט זוגות, פאַרלעך אָדער פילע.

„וועגן וואָרט „שמים" וועלכער איז אַן אַרויסשניט פון „שם" — דאָרטן"(ז').

„האָט געזאָגט רב יצחק דער זון פון סימון: „זאָל ווערן אָוונט", שטייט ניט געשריבן, נאָר „עס איז געוואָרן אָוונט" ויהי ערב, פון דאַנעט איז צו דרינגען אַז עס איז געווען אַ צייט-אָרדענונג נאָך פון פריער"(ח').

דאָס איז די באַמערקונג דערקלערונג וועלכע די פאַרצייטיקע אידישע פילאָזאָפן האָבן געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן אויף דעם פּאַסאַזש פון בראשית. צייט און צייט-סדר, אַ כראָנאָלאָגיע, אַן אָנהויב און סוף, אַ באַשטימטער צייט-פלוס, אַ פריער און שפּעטער איז נאָך געווען פון פאַרדעם. אַן דעם קען מען דאָך ניט „אָנהויבן", ווייל אַן צייט וואָלט דאָך קיין „בראשית", קיין „אָנפאַנג" ניט געקענט זיין. און פון אָט דער דאָזיקער צייט איז אַרויסגעוואַקסן דער אָרט און שייכותן, דער „מקום", דער אלהים, וועלכער הייסט גאַנץ אָפט אין די מדרשים „שמים" און דעריבער הייסט ער אויך „מקום", „אָרט", רוים. ווייל „שמים" האָבן זיי געטייטשט „דאָרטנס", און „דער אָרט" ווערט אַ „דאָרט". אויסערדעם איז דאָ נאָך פאַראַנען אַ צווייטער וואָרט און קלאַנג-פאַרוואַנדשאַפט, שם און שם, און פון שם וועלכער איז אַ שם האָט זיך באַקומען דער נאָמען „מקום" צו באַצייכענען מיט אים דעם אלהים, ווי די מדרשים און גמרא טוען אַזוי אָפט.

אַ סך ליכט אויף דער השגה וואַרפן די הימנס פון די וועדען, וועלכע אין אַ היבש צאָל פונקטן קומען צו גאַנץ נאָענט צו דער ביבלישער אויפפאַסונג. על־כל־פנים זיינען די וועדען אַ סך נענטער צו דער ביבלישער פילאָזאָפיע ווי די גריכישע מיטאָלאָגישע געטשנדינערישע השגות וועלכע

האָבן, צו אונדזער גרויסן צער און אומגליק, אַזוי באַאיינפלוסט די אינטער־פרעטאַציע פון דער ביבל, פון תורת־משה.

מיר וועלן ציטירן איין הימן:

„זמן (צייט), דער אָגער, לויפט מיט זיבן לייצעס (שטראַלן), טויזנט־אויגנדיק, עלטערלאָז, רייך אין זוימען. די זעערס, טראַכטנדיק הייליקע געדאַנקען, קריכן אויף אים אַרויף. אַלע וועזנס (וועלטן) זיינען זיינע רעדער. מיט זיבן רעדער טוט דער זמן (צייט) רייטן, זיבן ראָד־נאַפּן פאַרמאָגט ער, אומשטערבלעכקייט איז זיין אַקס. ער טראָגט אַהער אַלע די דאָזיקע וועזנס (וועלטן). זמן (צייט), דער ערשטער גאָט, איילט זיך איצט פאַר־אויס. ער האָט זיכער געבראַכט אַהער אַלע וועזנס (וועלטן). ער האָט זיכער אַרומגעפּאַסט אַלע די דאָזיקע וועזנס (וועלטן). זיינענדיק זייער פאָ־טער איז ער געוואָרן זייער זון. באמת, עס איז ניטאָ קיין אַנדער קראַפט, העכער פון אים. זמן (צייט) האָט געמאַכט געבוירן צו ווערן העט־יענע הימלען. זמן (צייט) האָט אויך (געמאַכט געבוירן צו ווערן) די דאָזיקע ערדן. דאָס וואָס איז געוועזן און דאָס וואָס וועט זיין, געטריבן פון זמן (צייט), שפּרייט זיך פאַנאַנדער. זמן (צייט) האָט באַשאַפן די ערד. אין זמן (צייט) ברענט די זון. אין זמן (צייט) זיינען אַלע וועזנס. אין זמן (צייט) קוקט די אויג זיך אַרום. אין זמן (צייט) איז דער שכל פיקסירט. אין זמן (צייט) איז דער אָטעם (פיקסירט). ווען זמן (צייט) קומט אָן פרייען זיך אַלע ברואים.. פון זמן (צייט) האָבן זיך די וואַסערן גענומען. פון זמן (צייט) (האָבן זיך גענומען) די בראהמא (גייסטיקע עקזאַלטאַציע) די טאַפּאַס (שעפערישער דראַנג), די געגנטן (פון רוים, פון מקום). האָבנדיק באַזיגט די וועלט און די העכסטע וועלט און די הייליקע (ריינע) וועלטן (און) זייערע הייליקע אָפּטיילונגען, האָבנדיק, דורך די מיטלען פון בראַהמאַ (גייסטיקע עקזאַלטאַציע), באַזיגט אַלע וועלטן. זמן (צייט), דער העכסטער גאָט איילט זיך, באמת פאַראויס.

פון אים (זמן) ווערט אָט־דער (אוניווערסום) אַרויסגעדרונגען, פון אים איז ער געמאַכט געבוירן צו ווערן און אויף אים איז ער (אוניווערסום) געגרינדעט. זמן (צייט) באַשאַפט אַלע יצורים. און זמן (צייט) פון אָנ־פאַנג (האָט באַשאַפן) דעם האַר פון אַלע באַשעפענישן; דער זעלבסט־עקזיסטירנדיקער קאַסיאַפּאַ און די טאַפּאַס (שעפערישער דראַנג) זיינען פון זמן (צייט) געבוירן געוואָרן"(5).

אין דעם ציטירטן הימן, „אַ תפלה צו קאַלאַ (צייט)", פון דער אַטהאַרוואַ־וועדא, איז דער געדאַנק קלאָר: פון אָנפאַנג איז געוועזן אָנ־פאַנג, צייט. פון צייט איז אַרויס רוים. פון זמן, פון בראשית איז אַרויס דער „מקום", דער אלהים.

„בראשית ברא אלהים“ „בראשית“ איז פאָטער און מוטער“...(ט׳).

און דער פסוק פון חומש מיינט עס טאַקע, נאָר אַז די פאַרצייטיקע חכמים האָבן געוואָלט דעם ריכטיקן באַטייט פאַרהוילן, זעט מען באַשיינ־פערלעך פון דער ווייטערדיקער ציטאַטע:

„אַ מעשה מיט תלמי, דעם קעניג, וואָס האָט אויפגעזאַמלט צוויי און זיבעציק זקנים און האָט זיי אַריינגעלאָזט אין צוויי און זיבעציק הייזער און האָט זיי ניט אַנטדעקט צוליב וואָס ער האָט זיי פאַרזאַמלט; און ער איז אַריין צו יעדן איינעם באַזונדער און האָט זיי געזאָגט: שרייבט מיר אָן די תורה פון משהן אייער רבין. האָט דער הייליקער־געבענטש־איז־ער אַריינגעגעבן אין האַרצן פון יעדן באַזונדער אַ געדאַנק און זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט אויף איין מיינונג, און זיי האָבן געשריבן פאַר אים „אלהים ברא בראשית“, דער אלהים האָט באַשאַפן (געבוירן) דעם בראשית“(י׳).

אויף דעם מאַכט רש״י: „ער זאָל ניט זאָגן אַז בראשית איז דאָרטן שוין געווען... און דער ערשטער (בראשית) האָט באַשאַפן דעם צווייטן (דעם אלהים)“

די בעלי התוספות גיבן צו: „און אונדז זעט אויס, אַז די גריכן האָבן געוואוסט אַז מ׳דאַרף אַלעמאָל שטעלן דעם באַשעפער צום־אָנהויב און דעריבער אויב זיי וואָלטן געשריבן בראשית פאַרדעם, וואָלט ער (דער קעניג) געזאָגט, זיי זיינען צוויי אויטאָריטעטן, און דער ערשטער וואָרט איז דער ערשטער בורא, און אלהים איז דער צווייטער, מחמת דעם האָבן זיי עס איבערגעשטעלט“.

זיי האָבן צעקאַליעטשעט דעם פסוק און פאַרדרייט דעם פשט. און דאָס איז סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גריכישער איבער־זעצונג בכלל.

אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן בנוגע אַנדערע זאַצן פון חומש, ווי, דהיינו, אָנשטאָט איבערצוזעצן ווי עס שטייט געשריבן „אין זייער צאָרן האָבן זיי דערהרגעט אַ מענטשן און אין זייער מוטווילן האָבן זיי צעמזיקט אַן אָקס, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט „אין זייער צאָרן האָבן זיי דערהרגעט אַן אָקס און אין זייער מוטווילן האָבן זיי צעבראָכן אַ קאָריטע“ (זע דאָרטן אין גמרא מגילה).

3.

בכלל זיינען די אידישע געלערנטע געווען קעגן איבערזעצונגען, וועלכע אַנטבלויזן מיסטעריעס וואָס זיי האָבן געהאַלטן אַז עס איז בעסער צו פאַרהוילן. זיי האָבן מורא געהאַט אַז די דאָזיקע הויכע און הייליקע סודות

זאָלן ניט אַריינפאַלן צו אומווערדיקע, אומפאַרשטענדלעכע מענטשן אין די הענט און זיי ווענן עס מיסברויכן, שלעכט אויפפאַסן, פאַלש אויס־טייטשן.

„די איבערזעצונג פון די נביאים האָט יונתן דער זון פון עוזיאל געזאָגט פון מויל פון חגי, זכריה און מלאכי, און ארץ ישראל האָט אויפ־געציטערט פיר הונדערט מייל אויף פיר הונדערט מייל. איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט: „ווער איז עס דער יעניקער וואָס האָט אַנט־דעקט מיינע געהיימענישן צו די מענטשנקינדער?" האָט זיך אַוועקגע־שטעלט יונתן דער זון פון עוזיאל אויף זיינע פיס און האָט געזאָגט: „איך בין דאָס דער יעניקער וואָס האָט אַנטדעקט דיינע געהיימענישן צו די מענטשנקינדער. עס איז אָפן און באַוואוּסט פאַר דיר אַז ניט צוליב מיין אייגענעם כבוד האָב איך עס געטאָן און ניט צוליב דעם כבוד פון מיין פאָטערס הויז, נאָר צוליב דיין כבוד האָב איך עס געטאָן, בכדי עס זאָלן זיך ניט פאַרמערן קריגערייען אין ישראל". און ער האָט נאָך גע־וואָלט אַנטדעקן די איבערזעצונג פון די כתובים. איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת־קול און האָט געזאָגט: „זאָל דיר שוין זיין גענוג"(י').

און די איבערזעצונגען איבערהויפּט די גריכישע, די סעפּטואַגינטא, האָבן טאַקע פאַרגרייזט און פאַרגרעבט און, טיילוויז, פאַרגעטשט דעם חומש. אין דעם אומגעלונגענעם פאַרזוך איבערצוגיסן תורת־משה און די נביאים פון דעם העברייאישן געפעס אין דעם גריכישן אַריין האָט זיך מאַניפעסטירט דער צוזאַמענשטויס פון צווי קולטורן, וועלכע זיינען ווייט איינע פון דער אַנדערער ווי מזרח פון מערב. די גריכישע שפּראַך מיט איר גאַנצער רייכקייט און בויגעוודיקייט האָט ניט פאַרמאָגט קיין פּאַסיקע ווערטער פאַר אלהים און יהוה. און דער אלהים איז פאַרטייטשט געוואָרן „טעאָס" און יהוה „קוריאָס" און די איידלסטע אַבסטראַקטע השגות פון חומש זיינען הײדעניזירט געוואָרן(י"א).

4.

„ווי אין דעם פאַל מיט אלהים, מיר מוזן נויטווענדיקערוויז צוגעבן אַז דער גאָר ערשטער מיין פון וואָרט איז אונדז ניט באַקאַנט אויף זיכער"(6).

„דער נאָמען אל איז דער עכסט פאַרברייטעסטער פון אלע שמות פון דער גאָטהייט. ער ווערט געברויכט אין באַבילאָניש, אַרמעניש, פיני־ציאַניש, העברייאיש און אַראַביש, איבערהויפּט, זיד־אַראַביש. אַזוי אַרום איז צו זען אַז עס באַלאַנגט צו דעם פּרימיטיוון סעמיטישן לשון איידער

ער איז מאָדיפיצירט געוואָרן אין דיאַלעקטן... אַ יש־אומרים האָבן אָנגעוויזן אויפן שרש „אלה" אָדער אַ וואָרט פאַרבונדן מיט דער פּרעפּאָזיציע „אל"־צו"(7).

אלהים איז דער ערשטער היפּאָסטאַז פון דעם כל־יכול דאָס איז דער מאָדוס פון רעלאַציעס.

„און דער נאָמען אלהים איז דער נאָמען פון דער אייגנשאַפט פון גבורה און איינגעצוימטקייט און דעריבער איז ער אויך בגימטריא פון הטבע, נאַטור"(י"ב).

פון אלהים גייט דער חומש אַריבער צום יהוה.

„דער שם יהוה איז אויך וואַרשיינלעך אַ פּאַרצייטיקער נאָמען... דאָס געפינען פון דעם דאָזיקן שם, אָדער עפּעס ענלעכעס צו אים אין אַסיריש קען מען ניט אָננעמען פאַר געוויס. דער וואָרט איז אַ פּרעהיס־טאָרישער, און זיין אָפּלייטונג מוז פאַרבלייבן אומזיכער"(8).

„דער וויכטיקסטער פּונקט, פונדעסטוועגן, איז דאָס וואָס דער נאָמען פון דעם מערב־סעמיטישן גאָט אי אָדער יה (יאָ) געפינט זיך אין צוויי אַראַבישע נעמען... איצט, איינזעענדיק אַז דער העברייאיש וואָרט יהוה געפינט זיך אין פּריוואַטע נעמען בלויז אַלס יו, יה אָדער יהו, און אַז משה זאָגט בפירוש אַז יהוה איז אַ נייער נאָמען (שמות ו',ג')... זיינען מיר באַרעכטיקט צו ציען די פאָלגנדיקע דעדוקציעס: ערשטנס, אַז יהו אָדער יה זיינען די פריערדיקע פאָרם און ניט די שפּעטערדיקע פאַר־קירצונג פון יהוה; און צווייטנס, אַז דעמאָלט האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ קאָנקרעטער פאָרם אידייען וועלכע זיינען געוועזן גאַנגבאַר נאָך פון די טעג פון אברהמען און אַ נייע באַטייטונג איז צוגעשריבן געוואָרן צו דעם פּאַרצייטיקן נאָמען"(9).

„עס איז אַ פּריאָרי שווער צו גלויבן אַז אַ נאָמען וואָס ווערט גע־האַלטן אַזוי הייליק, ווי דער שם יהוה איז געוועזן ביי די אידן, זאָל מען נעמען און פאַרקירצן"(10).

דערפאַר מוזן מיר טאַקע זאָגן אַז יה איז ניט קיין פאַרקירצונג פון יהוה, נאָר, להיפוך, יהוה איז אַ צוזאַמענשטעל פון צוויי ווערטער פון יה און וה.

„דעם טעטראַגראַמאַטאָן (דעם שם פון די פיר אותיות) אָנגעשריבן אין דער קלינשריפט געפינט מען אין די נעמען פון פאַרשיידענע קעניגן און פּרינצן וועלכע פיגורירן אין די אַסירישע כראָניקעס פון צווישן 850 און 700 פאַר ק. די ראשיתדיקע פאָרמע איז יה אָדער יה און די שפּעטערדיקע פאָרם איז יהו, יו אָדער יאָ... אין די באַבילאָנישע דאָקומענטן... וועלכע געהערן בערך צו די יאָרן פון 464 ביז 404 ב. ק.

געפינט זיך אַ צאָל אידישע נעמען. אין דעם איז די ראשיתדיקע יהו"(11).

„עס זיינען דאָ טייערע נעמען פון הייליקן־געבענטשט־איז־ער, ווי דהיינו, אהיה, יה יהו"(י"ג).

„פונקט ווי דער ערשטער „ה" אין יה איז צוזאַמען מיטן „יוד" און מ׳באַדאַרף זיי ניט שיידן אַזוי אויך דער וה זיינען איינס"(י"ד).

„פון־אינעווייניק איז דער יו"ד ה"א וא"ו ה"א"(ט"ו).

„און דאָס איז אין דער מיסטעריע פון איך"(ט"ז).

יהוה — יה־וה, יה איז די ערשטע פערזאָן, אויף גריכיש און לאַטין איז ע ג אָ אין ענגליש I אין פראַנצויזיש je אין דייטש א י ך, אין רוסיש י אַ (יה). „יה" ווערט געברויכט אין תהלים אין דער אומאיבערטרעפלעכער ליריק פון די הללויהס, וועלכע באַטייטן, „הללו — לויבט, יה — דעם איך", די ערשטע פערזאָן.

„רב זאָגט אַז הללו יה זיינען צוויי ווערטער. רב יוחנן זאָגט הללויה איז איין וואָרט"(י"ז).

„הללו יה, עס איז אַ מחלוקת פון רב און שמואל. איינער זאָגט: הללו יה, צוויי ווערטער; און דער צווייטער זאָגט: הללויה (איין וואָרט). דער וואָס זאָגט הללו־יה איז דער יה אָפּגעטיילט און מ׳טאָר אים ניט אָפּמעקן"(י"ח).

„און מ׳טאָר אים ניט אָפּמעקן דעם וואָרט יה, ווייל עס איז הייליק"(י"ט).

יה איז דער שם, יה מיינט דער איך.

„און עס איז איבעריק צו זאָגן „יה", וועלכער איז אַ שם פאַר זיך אַליין מחמת דעם וואָס אַט דער שם איז אַ טייל פון שם המפורש"(כ׳).

„אויב ער האָט געשריבן „אל" פון „אלהים", „יה" פון שם אָדער ער האָט אָנגעשריבן דעם שם „יה", טאָר מען עס ניט אָפּמעקן"(כ"א).

יהוה באַצייכנט דעם העכסטן איך, דעם איך פון איך, דעם עצם מהות פון זעלבסטהייט, וועלכע איז דער איך־ער, דער איך וועלכער נעמט אַריין דעם ער, אַלע פערזאָנען.

„אַלע שמות זיינען אָנרופענישן לויט די האַנדלונגען וועלכע געפינען זיך אין דער וועלט, אָבער ווען דו קוקסט זיך צו צו זיין פאַראַנענזיין און עס איז איינפאַכער פון יעדער אָקציע קענסטו בשום־אופן ניט האָבן קיין אָפּגעלייטעטן שם, נאָר איינעם אַן אמתן אָנצוצייגן זיין פאַראַנענזיין. און מיר פאַרמאָגן ניט קיין איין שם וועלכער איז ניט אָפּגעלייטעט נאָר בלויז דעם יוד ה"א וא"ו ה"א וועלכער איז דער שם המפורש"(כ"ב).

היה אין העברייאיש איז דער טייטש „זיין", עקזיסטירן וואָס מיינט בוכשטעבלעך איבערזעצט זיך־איכן, זיך־זיכן. „זיין"־עקזיסטירן מיינט

עפּעס אויסערלעכעס, דאָזיין איז די דריטע פּערזאָן, עפּעס אָביעקטיווע, אויסערליכעס. די דאָזיקע זיינען ניט קיין אידישע השגות. עקזיסטענץ מיינט פילאָלאָגיש: „עקס" — אויס, אַרויס, פּאָרט, סיסטא־זעצן, סטא־שטיין, עקזיסטירן, עקזיסטענץ שאַפט דעם באַגריף פון אַ דרויסנדיקן אָביעקט. אין העברייאיש איז עס הויה, אַ איכונג, עפּעס אינערלעכעס, סוביעקטיווע.

„און פיליכט ציגט ער אָן, (יהוה) לויט דער שפּראַך, וועלכע מיר קענען היינט זייער ווייניק, און לויט דעם אַרויסרייד, וועגן דעם פּרינציפּ פון רעאַליטעט"(כ"ג).

לויט דעם ביבלישן פאַרשטיין איז דאָס גאַנצע דאָזיין אַ דאָמיין, מחמת די גאַנצע עקזיסטענץ, דער קיים הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט דער ערשטער פּערזאָן, מיטן אייגענעם סוביעקט, מיט דער זעלבסט־באַשטימונג פון איכהייט.

דער פאַרצייטיקער גריך האָט אַנטדעקט דעם קאָסמאָס, דעם סדר וועלכער איז אַרויסגעקומען פון כאַאָס, פון תהו־ובהו.

דער פאַרצייטיקער איד, דער עברי, וועמענס פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע איז פאַרטראָטן אין חומש, האָט אַנטדעקט אָדער געשאַפן די איכהייט, דאָס איך־באַגלויבטזיין, דעם אינעווייניקסטן אחד, דעם מיקראָקאָסמאָס וועלכער איז דער אמתער מאַקראָקאָסמאָס, דעם סדר און די גאַנצקייט און איינציקייט אין דעם פּסיכאָלאָגישן תהו־ובהו, אין דעם כאַאָס פון דער זעל.

און דער רבונו־של־עולם אין ערשטן קאַפּיטל פון ספר בראשית ווערט אויפגעפאַסט בלויז ווי אַ בייקומען פון אַן אויסשליסלעכער נעגאַציע. דער אַלאומפאַסנדיקער נעגאַטיוו ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָזיטיוו. און פאַרהעלטענישן ווערן עטאַבלירט. און אל (על) האָט אָנגעהויבן צו באַטייטן און באַצייכענען אַ כוח, אַ מאַכט, אַ גבורה. אל ווערט דער סימבאָל פון צונויפגעבונדנקייט, צוזאַמענהאַלט. שפּעטער צו אין דריטן קאַפּיטל איז דער כביכול באַצייכנט מיטן וואָרט יהוה צוזאַמען מיט אַלהים.

.5

ווי לייענט מען דעם וואָרט יהוה? ווי איז יהוה באַנקודהט?

„און די עצם זאַך וואָס די צוויי פונקטירונגען בייטן זיך אין איין וואָרט, הויבט אויף ספקות בנוגע דער ריכטיקייט פוןביידן. די צווייטע פונקטירונג זאָגט אויף זיך עדות אַז זי איז ניט די ריכטיקע פונקטירונג פון דעם דאָזיקן וואָרט. מחמת די דאָזיקע פונקטירונג קען גאָר ניט זיין אין דעם דקדוק פון דער שפּראַך"(כ"ד).

די נקודות פון וואָרט „יהוה“ וועלכע זיינען די יעניקע פון אלהים זיינען ווילקירלעך אַוועקגעשטעלט געוואָרן, אָדער מיט דער כוונה צו פאַרהוילן דעם אמתן זין פון וואָרט, און בכדי מ׳זאָל אים ניט אַרויס־ריידן, ניט לייענען ווי ער איז באמת געשריבן געוואָרן און באַדאַרפט געלייענט ווערן.

„רבי יעקב דער זון פון אחא האָט געזאָגט: עס ווערט געשריבן מיט אַ י׳ און אַ ה׳ (יה) און עס לייענט זיך מיט אַ י׳ ד׳ “(כ״ה).

„רב נחמן דער זון פון יצחק האָט געזאָגט: די וועלט איז ניט ווי יענע וועלט, אויף דער וועלט ווערט עס געשריבן מיט אַ י׳ ה׳ און געלייענט מיט אַ י׳, ד׳, אָבער אויף יענער וועלט (לעולם הבא) איז עס (דער שם) איין זאַך, עס לייענט זיך מיט י׳, ה׳ און עס שרייבט זיך אַזוי.

רבי אבינא האָט געפרעגט „דאָס איז מיין נאָמען פאַר דער וועלט און דאָס איז מיין אָנדענק צו די דורות“? (אָפּנים אַז דער נאָמען איז ניט דער אייגענער וואָס דער אָנדענק, ווי שיקט זיך עס?) האָט געזאָגט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער: ניט ווי איך ווער געשריבן אַזוי ווער איך געלייענט, איך שרייב זיך מיט אַ י׳, ה׳ און לייען זיך מיט אַ י׳, ד׳ “(כ״ו).

מ׳זעט קלאָר אַז די חכמים האָבן ניט געוואָלט אַז מ׳זאָל אַרויסריידן דעם וואָרט ווי ער איז געשריבן.

„דער וואָס רעדט אַרויס דעם שם מיט זיינע בוכשטאָבן פאַרלירט זיין חלק־עולם־הבא“(כ״ז).

„אויף חנניהן דעם זון פון תרדיון איז נגזר געוואָרן אַ גזר פון שרפה דערפאַר וואָס ער האָט אַרויסגערעדט דעם שם מיט זיינע בוכשטאָבן“(כ״ח).

„ווייל ער האָט געלייענט דייטלעך די בוכשטאָבן פון שם המפורש ווי זיי וואָלטן געווען איינפאַכע אותיות פון גלאַט אַזוי ווערטער, און דאָס טאָר מען ניט טאָן“(כ״ט).

„צען מאָל פלעגט דער כהן גדול דערמאָנען דעם שם אום יום־כיפור... די וואָס זיינען געווען נאָענט, פלעגן פאַלן אויף זייערע פנימער, די וואָס זיינען געווען ווייט, פלעגן זאָגן: געבענטשט איז דער נאָמען פון זיין ערנקעניגרייך אויף אייביק און אייביק. סיי די און סיי יענע פלעגן זיך ניט רירן פון דאָרטן ביז ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן... צום אָנפאַנג האָט ער עס געזאָגט מיט אַ הויכער שטים, אַז עס האָבן זיך פאַרמערט די פאַרשייטע, האָט ער עס געזאָגט מיט אַ נידעריקן קול. רב טרפון האָט געזאָגט: איך פלעג שטיין צווישן מיינע ברידער, די כהנים, אין שרענגע און איך האָב צוגעבויגן מיין אויער צום כהן־גדול צו און איך האָב אים געהערט אַז ער פאַרשלינגט עס אין דעם געזאַנג פון די

כהנים. פון־אָנפאַנג האָט מען דעם שם איבערגעגעבן יעדן מענטשן. אַז די אויסגעלאַסענע האָבן זיך פאַרמערט, האָט מען אים איבערגעגעבן בלויז צו ראַיעלע מענטשן״(ל).

„האָט געזאָגט רבה בר בר חנה, רב יוחנן האָט געזאָגט: דעם שם פון פיר בוכשטאַבן (יהוה) גיבן די געלערנטע איבער צו זייערע תלמידים איין מאָל אין וואָך, און אַנדערע זאָגן: צוויי מאָל אַ וואָך. האָט געזאָגט רב נחמן דער זון פון יצחק: עס זעט אויס ווי דער וואָס זאָגט אַז איין מאָל אַ וואָך, ווי עס שטייט געשריבן (שמות, ג׳) דאָס איז מיין נאָמען פאַר דער וועלט, לעולם, „לעלם״ שטייט געשריבן, צו פאַרהוילן. רבא האָט געוואָלט עס לערנען אין זיין שעור האָט אים געזאָגט יענער אַלטער: „עס שטייט געשריבן „לעלם״, צו פאַרהוילן. רב אבינא האָט געפרעגט: עס שטייט געשריבן „זה שמי״ „דאָס איז מיין נאָמען״ און עס שטייט געשריבן „זה זכרי״ „דאָס איז מיין אָנדענק״? דער הייליקער געבענטשט־איז־ער האָט געזאָגט: ניט ווי איך ווער געשריבן אַזוי ווער איך געלייענט, איך ווער געשריבן מיט אַ י׳ און אַ ה׳ און איך ווער געלייענט מיט אַן א׳ און אַ ד׳. די רבנן האָבן געלערנט: צום אָנפאַנג פלעגט מען דעם שם פון צוועלף בוכשטאַבן איבערגעבן יעדן מענטשן. ווען עס האָבן זיך פאַרמערט די אויסגעלאַסענע, פלעגט מען אים איבערגעבן בלויז צו די באַשיידענע צווישן די כהנים, און די באַשיידענע צווישן די כהנים פלעגן עס איינשלינגען אין דעם געזאַנג פון זייערע ברידער די כהנים. מיר האָבן געלערנט, רבי טרפון האָט געזאָגט: איין מאָל בין איך אַרויף נאָך מיין מוטערס ברידער צום דוכענען און איך האָב צו־געלייגט דעם אויער צום כהן גדול און איך האָב געהערט אַז ער שלינגט איין דעם שם אין דעם געזאַנג פון זיינע ברידער די כהנים״(ל״א).

„דאָס (דער שם) איז אויסגעשפּראָכן געוואָרן פון הייליקע לעפצן אין הייליקע אויערן אַריין, אין אַ הייליקן פּלאַץ״(12).

עס איז קלאָר אַז מ׳האָט ניט געוואָלט פּאָפּולאַריזירן די אויסשפּראַך פון וואָרט יהוה. אַמאָל האָט מען עס יע אויסגעזאָגט, די חכמים צו זייערע תלמידים, צו די כהנים וועלכע האָבן געברויכט דעם שם אין דוכענען, צו דעם כהן גדול, וועלכער האָט אים אַרויסגערעדט אין בית־המקדש יום־כיפור צען מאָל דורכן טאָג. אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער האָט מען עס גענומען צוריקהאַלטן פון עולם און אפילו פון די כהנים, בכדי עס זאָל ניט קומען צו אַ פאַרשוועכונג אָדער מיסברויכונג. עס איז שווער צו זאָגן וואָס האָט באַצוואונגען זיי צו פאַרבאַהאַלטן דעם אַרויס־רייד פון שם. מעגלעך אַז זיי האָבן ניט געוואָלט אַז די זאַך זאָל וואָכעדיק ווערן, מעגלעך אַז זיי האָבן מורא געהאַט אַז די מיינוג פון וואָרט וועלכע

גייט צוזאַמען מיט דער ריכטיקער אויסשפּראַך וועט ניט פאַרשטאַנען ווערן און צו גראָב אויסגעטייטשט ווערן, אָדער אפשר, טיפער, דערפאַר וואָס זיי האָבן גערעכנט אַז דער שם קען ניט זיין פול בשעת דאָס פאָלק ישראל ליידט צרות, איז פאַרפאָלגט און מ'קען דעם שם ניט אַרויסריידן, מחמת ער געהערט ניט צו אונדזער צייט, ער געהערט צו יענע גליקזעליקע און הערלאַישע צייטן פון דער ביבל, ווען ישראל איז געווען אַ דערפאָלג, האָט טריאומפירט איבער זיינע שונאים די געטשנדיגער. איצטער אָבער איז די שכינה אין גלות, פאַרטונקלט, פאַרפגימהט כביכול ווי די לבנה, און דער שם פאַסט זיך דאָ ניט. עס איז מערקווירדיק אַז דער תלמוד האָט ניט געברויכט די נעמען פון יהוה, וועלכע ווערן געברויכט אין דער ביבל, נאָר ער האָט אַליין געשאַפן זיינע אייגענע כינויים וועלכע זיינען אויסגערעכנט צו געבן עפּעס אַ השגה אָבער בשום־אופן ניט די השגה, וועלכע די ביבל גיט. „מקום", „אָרט, „שמים", דער „אַלטער" „עתיק־יומין", „רחמנות", „דער וואָס האָט געזאָגט און אַ וועלט איז אַנטשטאַנדן", דער שאַפער פון דער וועלט, „דער הייליקער געבענטשט־איז ער" א. ד. ג.

.6

און עס איז אויך מעגלעך אַז זיי האָבן ניט אויסגעזאָגט דעם אַרויסרייד פון שם ווייל זיי האָבן באמת געגלויבט אַז אין וואָרט אַליין, אין דער פּשוטער קאָמבינאַציע פון קלאַנגען, — ניט אין דער פאַרטיפונג פון דער קאָנצעפּציע, אין דער אויפפאַסונג און ריכטיקער אויסטייטשונג און אינהאַלט־אַנפילונג פון דעם באַגריף וועלכער איז פאַרבונדן מיטן שם, — אין דער אויסערונג פון וואָרט ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ מיסטעריעזער און גוואַלדאַוונער כוח וועלכער קען אויסגענוצט ווערן צו גוטן און צו בייזן. און דערפאַר טאָרן עס שלעכטע מענטשן ניט וויסן, ווייל זיי וועלן אַנטאָן היזקים, פאַראורזאַכן שאָדן, גורם זיין שלעכטס, זיי וועלן ניט וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט דער מאַכט וועלכע זיי באַזיצן. אַפּנים, ווי אַ קינד ניט לאָזן זיך שפּילן מיט פייער, מחמת עס איז סכנת־נפשות.

„און דו זאָלסט אויפן געדאַנק אפילו ניט אַרויפלאָזן די נאַרישקייטן פון די קמיעות־שרייבער און וואָס זיי זאָגן און וואָס דו וועסט געפינען אין זייערע אַבערגלויבישע ספרים וועגן די שמות וועלכע זיי פאַרבינדן און וועלכע האָבן קיין שום באַדייט ניט; זיי האָבן זיי אָנגערופן שמות און זיי באַהויפּטן אַז מ'דאַרף זיי האַלטן אין קדושה און טהרה און אַז אַ מענטש קען מיט זיי טאָן וואונדער; צו די אַלע זאַכן זיך ציצוהערן

פאַסט ניט פאַר אַן אויפגעקלערטן מענטשן און אפשיטא שוין גלויבן אין דעם״(ל״ב).

און דאָס איז טאַקע געווען דער שטאַנדפּונקט פון אַמאָליקע פּרימי־טיווע מענטשן.

„פּונקט ווי דער אַנטלאָפענער ווילדער מענטש זאָגט ניט אויס זיין נאָמען, מחמת ער האָט מורא אַז כישוף־מאַכער וועלן עס אויסנוצן צו טאָן אים שלעכטס, אַזוי שטעלט ער זיך פאָר אין זיין פאַנטאַזיע אַז זיינע געטער מוזן מסתמא אויך האַלטן זייערע נעמען פאַר אַ וויכטיקן סוד, מורא־האָבנדיק אַז אַנדערע געטער אָדער אפילו מענטשן זאָלן זיך ניט דערוויסן די מיסטישע קלאַנגען און אַזוי־אַרום זיין בכוח צו צויבערן מיט זיי.

זיי האָבן געגלויבט אַז דער יעניקער וועלכער באַזיצט דעם אמתן נאָמען באַזיצט דעם סאַמע עצם מהות פון אַ גאָט אָדער פון אַ מענטשן, און ער וואָלט געקענט צווינגען אפילו אַ גאָטהייט צו פאָלגן אים, ווי אַ קנעכט געהאָרכט זיין האַר. דעריבער טאַקע איז באַשטאַנען די גאַנצע קונסט פון דעם מאַגיקער אין אַרויסקריגן פון די געטער די אָפּנבאַרונג פון זייערע הייליקע נעמען און בכדי צו דערגרייכן אָט־דעם צוועק איז פאַר אים קיין זאַך ניט צו שווער געווען״(13).

„רבי חנינא און רבי אושעיא האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם „בוך פון באַשאַפונג״ און זיי האָבן באַשאַפן אַ קאַלב פון אַ דריי־יאָריקן עלטער און זיי האָבן איר אויפגעגעסן״(ל״ג).

„זיי האָבן באַשאַפן אַ קאַלב דורך דעם וואָס זיי האָבן געפלאָכטן די בוכשטאַבן פון שם״(ל״ד).

„רבא האָט באַשאַפן אַ „מענטשן״ (אַ גולם), האָט ער אים אָפּגע־שיקט צו רבי זעירא, האָט דער לעצטער גערעדט צו אים און ער (דער גולם) האָט אים ניט געענטפערט. האָט ער (רבי זעירא) געזאָגט צו אים: דו ביסט פון די חברהניקעס, קער זיך אום צו דר׳ערד״(ל״ה).

„ער האָט באַשאַפן אַ מענטשן דורך דעם ספר יצירה... דורך דאָס פלעכטן פון די בוכשטאַבן פון שם״(ל״ו).

אין אַלטערטום שם האָט באַטייט דער עצם מהות, די עסענץ פון דעם אָביעקט וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען. דאָס איז געבליבן אין אונדזער שפּראַך, אויך, ווען מיר זאָגן אַז „דער מענטש האָט אַ גרויסן נאָמען״... ער האָט זיך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען...

„איך ווייס דעם נאָמען פון דעם שטאַנג מיט די געשניצטע עקן: „טעמען רוי״ פליסט פון דעם אצבע־אלהים פון אזיריס (דאָס איז זיין נאָמען) איך ווייס דעם נאָמען פון די צוויי שטיקער האָלץ וועלכע האַלטן פעסט

„האָקנס פון ראַס אבות" (איז דער נאָמען פון איינעם). איך, טאָקע איך, ווייס די קאַנאַטן וועלכע זיינען אויף דעם שטאַנג מיט די געשניצטע עקן. „די קאַנאַטן פון דעם האַר פון דער מענטשהייט" (איז זייער נאָמען). איך ווייס דעם נאָמען פון דעם טיש; „הענט פון איזיס" (איז זייער נאָמען). איך ווייס דעם נאָמען פון זיינע שטריק; „דער שטריק פון גאָט, דעם בכור" (איז זייער נאָמען). איך ווייס דעם נאָמען פון דעם קאַנאַטן־קנויל; „קאַנאַטן קנויל פון טאָג" (איז זיין נאָמען). איך ווייס דעם נאָמען פון די פייגל־יעגער און פון די פישער־לייט; „אַקערו־געטער, אבות פון ראַ" (איז זייער נאָמען). איך ווייס די נעמען פון די טעמענו, „פאַרעל־טערן פון סעב" (איז זייער נאָמען)"(14).

דער נאָמען מיינט דאָ די קווינט־עסענץ, דאָס סאַמע וועזן, דער תוך און שורש פון דעם עצם קעגנשטאַנד.

7.

וואָס באַטייט דער שם יהוה, דער הייליקסטער, פריוואַטסטער נאָמען פון קדוש־ברוך־הוא? ווי מיר האָבן עס שוין אויסגעטייטשט אביסל פריער, יהוה באַטייט עגאָ, איך, און איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי זילבן, יה־איך, וה־ער, די אידענטיפיצירונג פון דעם איך מיט דעם ער.

„אשירה ליהוה כי גאה גאה... עזי וזמרת יה, ויהי לי לישועה. זה אלי ואנוהו, אלהי אבי וארוממנהו. יהוה איש מלחמה, יהוה שמו".

„איך וועל זינגען צו יהוה (עגאָ) ווייל גרויסן טוט ער גרויסן... מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז יה (דער איך) און ער איז מיר געווען צו הילף. ער איז מיין מאַכט און איך וועל אים באַהיימען (איך וועל אים מאַכן צו וואוינען איר מיר)"(ל"ז).

„עס האָט געזאָגט רבי משה הכהן דער ספרדי: „עס שטייט מיט אַ קמץ וזמרת, זיין פשט איז „וזמרתי", מיין געזאַנג, „וזמרתיה" מיינט מיין געזאַנג"(ל"ח). „וזמרת" מיינט „געזאַנג", „יה" מיינט איך, „זמרת־יה" מיינט מיין געזאַנג, דאָס אייגענע ווי מ'וואָלט זאָגן: „דער געזאַנג איז איך".

„כי עזי וזמרת יה יהוה — ויהי לי לישועה"(ל"ט). „זמרת יה" מיינט „מיין געזאַנג", „געזאַנג־איך" באַטייט „מיין געזאַנג". זייער מעגלעך אַז דער „י" אין אַלע סופיקסן וועלכע ווייזט אויף אָנגעהעריקייט צו דער ערשטער פּערזאָן איז באמת אַ פאַרקירצונג פון „יה". „עס איז קלאָר אַז עס איז זייער שווער צו ציען אַ ליניע צווישן דאָס וואָס אַ מענטש רופט „איך" און דאָס וואָס ער רופט, פשוט מיינע"(15).

אין ישעיה איז דער פּסוק דייטלעכער, ער שטייט ווי ער האָט, אפּנים, געדאַרפט שטיין. דער מגיה און רעדאַקטאָר פון חומש האָט אַרויסגע־לאָזט דעם וואָרט „יהוה", אָדער דערפאַר וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם פּסוק, אָדער ער האָט ניט געוואָלט אַז אַנדערע זאָלן אים פאַרשטיין, און אים האָט אויסגעזען דער „יהוה" דאָ צו זיין איבעריק, ווייל דער „יה" שטייט דאָך שוין פאַר אים און אַנשטאָט אים. אָבער אין ישעיה איז פאַרבליבן דער „יהוה" און עס מיינט קלאָר: „מיין שטאַרקייט און דער געזאַנג־איך (מיין) איז יהוה"... „יה" מיינט איך.

„גאָט איז דאָס איך"(16).

„יה" איז די ערשטע שעפערישע פּערזאָן. „י" איז דער סימן פון דעם „מדבר־בעדו" פון דעם וואָס רעדט פאַר זיך. דער „ה" איז דער צייכן פון ווייבלעכקייט, פון אייביקער פּרוכפּערקייט, שעפערישקייט. אל דאָס אייגענע וואָס אַל, איז די נעגאַציע, די פאַרניינונג, דער צושטאַנד וואָס איז קודם צו יהוה, צו דעם איך־ער, צו עגאָ. עס איז די פאַרניינונג פון תהו־ובהו, דער אָנפאַנג פון באַשאַף, די קאָנסטיטואירונג פון רעלאַציעס. „ער איז מיין אל און איך וועל אים באַוואוינען", דעמאָלט וועל איך אַן איך־ער ווערן, אַן עגאָ, „דער אלהים פון מיין פאָטער און איך וועל אים דערהויבן", אַרויפשעפן פון דער טיפעניש פון מיין זכרון און פאַרגאַנ־גענהייט. און דעמאָלט וועט דערשיינען דער אמתער שם פון דעם כביכול אַלס איך־ער, אַלס עגאָ. איך וועל אים דערהויבן צו דער דרגא פון אַ איכהייט. און דער פּאָעט־פילאָזאָף זעצט פאָרט: „יהוה איז אַ מאַן פון קריג, יהוה איז זיין עצם־מהות. אַזויאַרום ווערט פעסטגעשטעלט דער פּרינציפּ פון איך־ערהייט, פון יהוה אַלס איך־ערטום. פון נעגאַטיוו גייען מיר אַריבער צום פּאָזיטיוו. דער גרעסטער, דער פונדאַמענטאַלסטער פּאָ־זיטיוו איז יהוה, דער איך־ער, די אידענטיפיצירונג פון דעם „מדבר־בעדו" און דעם „נסתר", פון דער ערשטער פּערזאָן און דער דריטער אין זייער באַזונדערער עקזיסטענץ. דאָס איך ווערט זעלבסט־באַשטימט און ווערט אָפּגעזונדערט פון ניט־איך, פון „אים", און אויף צו־להכעיס דער אָפּגעזונדערטקייט ווערט ער צוריק באַהעפט מיט דעם ניט־איך מיט דעם „אים", און זייענדיק באַהעפט און צוזאַמענפאַרבונדן ווערט עס אָבער ניט בטל במציאות, נאָר, להיפּוך, נאָך מער אינטענסיפיצירט, נאָך מער פאַרטיפט, מער בולט און מער שוקע.

דער ריכטיקער אויסטייטש פון וואָרט יהוה גיט דעם שליסל צו דעם פאַרשטיין פון דער ביבל פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע.

אין העברייאישן אלף־בית איז דער „יוד" דער צענטער אות, אָבער ער איז דער ערשטער אין וואָס איז שייך איינפאַכקייט פון געמעל.

„און מיר האָבן שוין דערקלערט אויבן אַז דער יוד איז אַ גולם אָן אַ צורה און דאָס איז די חכמה... און דעריבער אַזוי ווי אויבערשטע חכמה איז דער אָנהויב פון אַלע וועזנס און נאָך איר איז אַלץ און זי איז אין אַלץ און איז פאַרהוילן אין אַלץ; און עס איז אוממעגלעך אויסער איר אַז עס זאָל עקזיסטירן וועלכער ניט איז אָביעקט, אַזוי אויך איז דער „יוד"; ער איז דער אָנפאַנג פון אַלע וועזנס און זייער ענד, און ער איז פאַרהוילן אין זיי"(מ').

דער י' איז מער ניט ווי אַ פינטל, וועלכער פאַרמאָגט געאָמעטריש קיין שום פיגור ניט, קיינע דימענזיעס. און דער „יוד" באַצייכנט אַ צענדליק, די ערשטע אייניקייט און ער ווייזט אָן אין העברייאיש אויף דער ערשטער פערזאָן.

אַ איד איז דער וואָס האָט אַנטדעקט דעם „יוד", קולטיווירט די ערשטע פערזאָן, אינטענסיפיצירט דעם איך, קאָנסאָלידירט די איכהייט, צעמענטירט די גאַנצקייט פון דער פערזענלעכקייט, און האָט געזען אין דעם גאַנצן דאָזיין בלויז אַ „דאָמיין" אָן עמאַנאַציע פון דער איכהייט, אָן אויסשפרייט פון סוביעקט, ניט קיין „עקזיסטענץ" נאָר אָן איכונג, אַ יהוה, אַ הויה.

8.

„דאָס איז אַ באַוואוסטע זאַך אַז אַ סך פריוואַטע נעמען זיינען צוזאַמענגעשטעלט אין אָנהויב אָדער צום סוף פון אַ טייל פון שם, וועלכע זיינען די בוכשטאַבן יהו מיט די נקודות יהו אין אָנהויב וואָרט און מיט די נקודות יהו צום סוף... און עס איז קיין צווייפל ניט אַז אַזוי האָט מען נעלייענט דעם טייל אין דער פולער פאַראייניקונג"(מ"א).

„פילע נעמען פון פערזאָנען אין די הייליקע שריפטן הויבן זיך אָן מיט די בוכשטאַבן „אל", ווי: אליעזר, אלעזר, אלנתן, אלחנן, אליקום, אליפלט, אלצפן; און עס זיינען דאָ נעמען וועלכע ענדיקן זיך מיט די בוכשטאַבן „אל", ווי: ירחמיאל, עזיאל, גמליאל, ברכאל, חננאל. און עס זיינען דאָ נעמען וועלכע פאַנגען זיך אָן מיט די בוכשטאַבן „יהו", ווי: יהושפט, יהוצדק, יהואחז, יהורם, און אַנדערע, ווידער, לאָזן זיך אויס מיט די בוכשטאַבן „יה", ווי: ברכיה, ידידיה, עזריה, נחמיה, צפניה, זכריה"(מ"ב).

יהוה איז אַ צוזאַמענגעשטעלט וואָרט, אַ טאָפּלט וואָרט, ער באַשטייט פון „יה"־איך, דער „יוד" ווייזט אָן אויף דער ערשטער פערזאָן, אויף דעם „מיין", און דער „ו" איז דער צייכן פון דער דריטער פערזאָן;

יה־וה מיינט פילאָלאָגיש בוכשטעבלעך דער איך־ער. און אנכי יהוה איז דאָס אייגענע ווי אני אני־הוא(מ״ג). איך, איך־ער. אני־הוא, אני ראשון ואף אני אחרון(מ״ד) „איך־ער, איך בין ערשט און איך בין לעצט״. „וידעו כל בשר כי אני יהוה(מ״ה) „און אַל־דאָס לייב וועט וויסן אַז דער איך איז יהוה״. אנכי, אנכי־הוא, מנחמכם(מ״ו) „איך, איך־ער, טרייסט אייך״. אני־הוא(מ״ז) איך־ער. אני, — יהוה, — הוא שמי(מ״ח) „איך — יהוה — ער״ איז מיין נאָמען, מיין עצם־מהות. למען תדעו ותאמינו לי, ותבינו כי אני הוא(מ״ט) „כדי איר זאָלט וויסן און זאָלט גלויבן אין מיר און פאַרשטיין אַז איך בין ער״. אנכי, אנכי־הוא, מוחה פשעיך (נ׳) „איך, איך־ער, מעק אָפּ דיינע זינד״...

„יעדן טאָג פלעגט מען אַרומרינגלען דעם מזבח איין מאָל און זאָגן: „ביטע, יהוה, העלף זשע, ביטע, יהוה, באַגליק זשע״. רבי יהודה זאָגט: „איך־ער, (אַני והו) (אני והוא) העלף זשע״ (נ״א).

„רבי יהודה זאָגט: איך־ער (אַני והוא) העלף זשע, איך־און־ער (אַני והוא) העלף זשע״(נ״ב).

„רבי אבהו אין נאָמען פון רבי יוחנן: אַזוי שטייט אין משנה, איך און ער, העלף זשע, איך־און־ער, העלף זשע!״(נ״ג).

„אַזוי איז געלערנט געוואָרן אין אונדזער משנה, איך און ער (הוא) מיט אַן א׳ צום סוף „והוא״, און עס גייט אויפן אויבערשטן, ווי עס שטייט געשריבן „און ער איז געבונדן אין קייטן״, דער כביכול איז גע־בונדן״(נ״ד).

„(אַני) „איך״ איז פון די נעמען פון שם געבענטשט זאָל ער זיין. און דאָס אייגענע איז דער „והו״ (הוא) ער. אַזוי האָבן געזאָגט די קאָ־מענטאַטאָרן אויף דער גמרא. און איך זאָג אַז ער לייענט און ווינקט אָן אויף דעם פסוק „זעט איצט אַז איך, איך־ער״(נ״ה).

פון די געבראַכטע ציטאַטן־טעקסטן זעט מען קלאָר אַז דער טייטש פון יהוה מיינט איך־ער, אני והו, אני והוא. און אַלע קאָמענטאַטאָרן זיי־נען איינשטימיק אַז דער אני־והוא, דער איך און ער איז דער שם פון כביכול.

„אני והו, אני והוא הושיעה נא, איך־און־ער העלף... דאָס איז דער שם המפורש מחמת מיר דרשענען אין איכה רבתי (מדרש רבה אויף איכה) דעם פסוק וואָס שטייט געשריבן אין יחזקאל (א׳, א׳) „און איך (ואני) בין צווישן די פאַרטריבענע״, און דעם פסוק וואָס שטייט געשריבן אין ירמיה (מ׳, מ׳) „און ער איז געבונדן אין קייטן צווישן די פאַרטריבענע פון ירושלים״, אַז דאָס איז דער כביכול אַליין. און דער „העלף זשע״ מיינט אַז ער זאָל זיך אַליין העלפן״(נ״ו).

מ׳האָט געזאָגט אויף הלל דעם זקן אַז ווען ער האָט זיך געפרייט אין דער „שמחה פון וואַסער־שעפּן" האָט ער אַזוי געזאָגט: „אויב איך בין דאָ איז אַלץ דאָ, און אויב איך בין ניטאָ, ווער איז דאָ?"(נ"ז).

„אויב איך בין דאָ איז אַלץ דאָ" כל זמן איך באַגער דאָס הויז און מיין שכינה רוט אין אים, וועט זיין כבוד האָבן אַ קיום און אַלע וועלן קומען אַהער"(נ"ח).

„הלל הזקן ווען ער האָט זיך געפרייט אין יענער שמחה האָט ער געזאָגט: „אויב איך בין דאָ איז אַלץ דאָ און אויב איך בין ניטאָ, ווער איז דאָ?" ער האָט אָנגעוואונקען און געזאָגט אויב די שכינה וועלכע הייסט „איך" רוט דאָ איז אַלץ דאָ (שכינתא דאקרי אני)"(נ"ט).

„ווען דער הייליקער געבענטשט־איז־ער האָט געזאָגט: „וואו איז הבל דיין ברודער? האָט ער געענטפערט: „איך ווייס ניט, צי בין איך מיין ברודערס היטער, דו ביסט דאָך דער היטער פון אַלע באַשעפענישן און דו זוכסט אים ביי מיר".

צו וואָס איז עס געגליכן? צו אַ גנב וואָס האָט געגנבעט געשיר ביי דער נאַכט און מ׳האָט אים ניט געכאַפּט. אין דער פרי האָט אים געפּאַקט דער טויער־היטער. זאָגט ער צו אים: פאַרוואָס האָסטו גע־גנבעט דאָס געשיר? זאָגט ער צו אים: איך בין אַ גנב, איך האָב ניט פאַרנאַכלעסיקט מיין פאַך, אָבער דו, דיין פאַך איז דאָך צו שטיין אין טויער און אַכטונג־געבן, פאַרוואָס האָסטו פאַרנאַכלעסיקט דיין פאַך. און איצטער רעדסטו נאָך צו מיר אַזוי. אויך קין האָט אַזוי געטענהט: איך האָב אים געהרגעט, דו האָסט דאָך באַשאַפן אין מיר אַ יצר־הרע. אָבער דו, דער היטער פון אַלץ, און דו האָסט מיך געלאָזן אים הרגענען, דו האָסט אים געהרגעט, דו וואָס ווערסט אָנגערופן „איך" (אתה הוא שהרגתו שנקראת אנכי)"(ס׳)

פון די טעקסטן איז צו זען באַשיינפּערלעך אַז יהוה דאַרף פאַרטייטשט ווערן איך־ער, אני־והוא, אָדער קורץ איך, אני, אויף גריכיש עגאָ, אָבער בשום־אופן ניט קוריאָס „דער האַר".

יהוה ווערט געברויכט אין חומש בראשית מיטן אַרויפקום, מיטן אויפטויכן פון זעלבסט־באַגלויבטזיין אויף וואָס דאָס איך־באַוואוסטזיין ווערט אַרויפגעבויט.

„און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן אנוש (מענטש), דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צו רופן דעם נאָמען יהוה"(ס"א). דעמאָלט האָט מען אָנ־געהויבן צו געברויכן דאָס וואָרט איך.

„איצט ווייס איך אַז יהוה איז גרעסער פון אַלע אלהים"(ס"ב). דער איך־ער איז גרעסער פון אַלע ריכטער און האַרן, פון אַלע מאָדוסן און

רעגולאַטאָרן פון פאַרהעלטענישן, פון אַלע מאָדעלירער און מוסטערער פון באַציאונגען איז דער איך־ער דער מאָראַלישסטער פרינציפּ און בעסטע מעטאָדאָלאָגיע.

.9

מיט דער שטאַרקסטער אַקצענטואַציע ווערט דער באַגריף פון איכהייט אויסגעדריקט אין די עשרת הדברים (צען געבאָטן). דאָס איז דער גרויסער באַגינען, דער לויטערער זונענאויפגאַנג פון איכטום אַלס פאָלק, מענטש־ און מענטשהייט פּרינציפּ.

„אנכי יהוה אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים... לא יהיה לך אלהים אחרים על פני״(ס״ג).

„דאָ איז ניטאָ קיין וויכטיקער פאַנאַנדערגאַנג צווישן דער דערקלערונג אַז אין די טעג פון אנוש האָט מען שוין אָנגעהויבן „צו רופן דעם נאָמען פון יהוה״ (בראשית, ד׳, כ״ו, יהוהיסט) און די באַהויפּטונג אַז אין די צייטן פון די אבות „איז מיין נאָמען יהוה ניט געווען באַקאַנט צו זיי״ (שמות, ו׳, ג׳) ווייל אין די אוראַלטע צייטן האָט מען געברויכט דעם נאָמען יה און אין דער צייט פון יציאת מצרים איז איינגעפירט געוואָרן דער שם יהוה״(17).

„איך יהוה בין דיין אלהים״, דיין מאָדוס, דיין רעגולירער פון באַ־ציאונגען, און עס זאָל ניט זיין קיין אַנדערע אלהים אויף מיין געזיכט״, אין מיין אָנוועזנהייט.

דאָ אין ערשטן זאַץ ווערט פעסטגעשטעלט דער באַטייט פון יהוה אַלס דעם איך, דער אנכי דינט אַלס אויסטייטש פון יהוה. אָט דער פּשוטער אַלטעגלעכער, פון אַלעמען און אונטער אַלע אומשטענדן גע־ברויכטער, וואָרט און פונדאַמענטאַלער באַגריף דערקלערט אונדז און גיט אונדז צו פאַרשטיין די קאָנצעפּציע פון יהוה. און די פּערזענלעכקייט געגומען אַלס עפּעס גאַנצעס, אומגעאַכטעט אויף איר פאַרשיידנאַרטיקייט און ווידערשפּערכעוודיקייט, ווערט פּראָקלאַמירט און עטאַבלירט.

„איך יהוה בין דיין אלהים״, ווייל דער קדוש־ברוך־הוא האָט זיי אויסגעזעזן אויפן ים ווי אַ העלד וואָס פירט מלחמה, און ער האָט אויסגעזעזן אויפן באַרג סיני ווי אַ שריפטשטעלער וואָס לערנט תורה, און ער האָט זיך זיי אויסגעדוכט אין די טעג פון דניאל ווי אַן אַלטער מאַן וואָס לערנט תורה, — האָט געזאָגט צו זיי דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער: ניט דערפאַר וואָס איר זעט מיך אין פילע פאָרשטעלונגען זיינען דאָ פילע הערשאַפטן, נאָר איך בין דער אייגענער וואָס אויפן ים,

איך בין דער אייגענער וואָס אויפן באַרג סיני, איך יהוה דיין אלהים״ (ס״ג,א׳).

דאָ ווערט באַגרינדעט די לערע מכוח דער איכהייט, דער פּערזענלעכקייט אַלס אַ גאַנצקייט און איינציקייט. די פּערזענלעכקייט איז איינע און די זעלביקע הגם זי פאַרמאָגט פאַרשיידענע אַספּעקטן, טוט זאַכן וועלכע אין פלוג האַרמאָניזירן ניט, איז זיך אַליין סותר גאַנץ אָפט, פּירט דורך פאַרשיידענע קעגענגעזעצטע אַקציעס.

„מיר געפינען אַז די נאַטורן פון דעם מענטשן בייטן זיך, און די יסודות פון זיין קאָמפּאָזיציע זיינען פאַרשיידן, און עס ענדערן זיך דיאַמעטראַל זיינע זעלן־צושטאַנדן און די מאָטיוון פון זיינע באַוועגונגען. און זיי פאַראורזאַכן די ענדערונג פון זיינע אַקציעס לויט דעם און יענעם אַרבערבייט. פון דעם נעמט זיך דאָס שיינע און מיאוסע, אומרעכט און גערעכטיקייט, דאָס גוטע און שלעכטע״(ס״ד).

ניט־קוקנדיק אויף דעם אַלעם, אויף דער מאָזאַאישקייט, קאַלײַדעסקאָפּישקייט און ווידערשפּרעכלעכקייט פון דער פּערזאָן, פאַרמירט זיך פאַרט איין איך, איין גאַנצער אנכי.

די איכהייט ווערט געשאַפן פון זעלבסט־באַשטימטהייט. און קיין אויסערלעכער, קיין פרעמדער, קיין חוצניק־אלהים, אויסער דער זעלבסטהייט, דעם אינערלעכן סוביעקט, דער לפני־ולפנים פּערזענלעכקייט וועט ניט זיין. לא יהיה לך... עס וועט ניט זיין...

די דאָזיקע צוויי פּסוקים, דער אנכי יהוה... און דער לא יהיה לך פאַרפעסטיקן די זעלבסטהייט־אידייע, דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין און זעלבסט־באַוואוסטזיין. זיי פּראָפּאַגאַנדירן דעם איכטום, דעם איכאיזם, דעם מאָנאָעגאָאיזם. און דער ערשטער וואָרט אנכי (איך) און דער מיטלוואָרט פון זאָץ פני (מיין געזיכט) זיינען די שליסל־ווערטער פון דער יהוה־דעקלאַראַציע. זיי אַנטהאַלטן אַ גאַנצע לערע. דער ערשטער זאַג פון די צען איז דער מאַניפעסט פון דער איכהייט־אויפפאַסונג. ער זאָגט אונדז אַז דער אנכי, דער איך, דער עגאָ, דאַרף ווערן דער אלהים, דער רעגולירער און מאָדעל פון אַלע פאַרהעלטענישן. דער איך־יהוה, דער איך וועלכער איז איך־ער איז דיין אמתער, באַדאַרפצוזייניקער, יושר־דיקער אלהים. די ערשטע פּערזאָן איז דער אמתער כביכול, דער אמתער אלהים. דער אנכי־יהוה דאַרף ווערן דער מאָדוס פון אַלע שייכותן סיי פון מענטש צו מענטש, סיי פון מענטש צו זיך אַליין, סיי פון מענטש צו דער וועלט. דער אנכי־יהוה איז די סומע פון אַלע קרעפטן, כוחות און מאַכטן, פון דעם אלהים...

„וואָס הייסט דער פּנים פון אלהים ? דאָס איז דער דין"(ס"ה).

דער אנכי־יהוה, דער איך וועלכער איז דער איך־ער איז דיין אלהים און ער האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים. די איכהייט וועלכע האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער פאַראייניקונג פון די שקלאַפן, אין דער אחדות און סאָלידאַריטעט פון די באַזונדערע שבטים וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעבונדן און געמאַכט אַ יד־אחת, האָט געמאַכט מעגלעך דיין אַרויס־גיין פון לאַנד מצרים, דיין באַפרייט ווערן פון קנעכטשאַפט.

„רבי אבהו האָט געזאָגט: „ולכה לישועתה לנו" (תהלים, פ', ג') (קום צו אונדזער הילף!) „לך" דאַרף מען לייענען (צו דיר איז אונדזער הילף). רבי דער זון פון סרוגניה האָט געדרשנט: והושע יהוה את אהלי יהודה בראשונה (זכריה, י"ב, ז') און יהוה וועט העלפן די געצעלטן פון יהודה פון־אָנפאַנג, „והושע" שטייט געשריבן (ער וועט זיך העלפן). רבי זיכא האָט געדרשנט: „כי עתה תצאי מקירה ושכנת בשדה" (מיכה, ד', י') (און איצט וועסטו אַרויס פון שטאָט און רוען אין פעלד) ושכינתי בשדה, מיין שכינה איז אין פעלד. חנניה דער זון פון אחי רבי יהושע זאָגט: „אנכי יהוה אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" (איך יהוה בין דיין אלהים וועלכער האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים) „הוצאתך" שטייט געשריבן (דו האָסט זיך אַרויסגעצויגן)" (ס"ו).

„לכה לישועתה לנו, „לך" לייען" און דער פּשט איז אַז אפילו פון דעם פּסוק לערנען מיר אַז די ישועה פון הייליקן־געבענטשט־איז־ער איז די ישועה פון די אידן, און כאָטש עס שטייט געשריבן „לכה" מיט אַ ה' צום סוף (און עס ווערט פאַרטייטשט, „גיי") לייענען מיר עס „לך" צו דיר, ווי עס שטייט אין דער מסורה און מיר לערנען פון דעם אַז אויך ער ווערט געהאָלפן". „והושע" שטייט געשריבן, דאָס וואָס שטייט „והושע" איז אַזוי ווי עס וואָלט שטיין „והושע ליהוה" און ער קאָמענטירט דעם „את" אַזוי ווי עס וואָלט שטיין „עם" מיט (דאָס הייסט, העלף זיך אַליין יהוה מיט די געצעלטן פון יהודה) „ושכינתי בשדה". דו וועסט אַרויס פון שטאָט און רוען אין פעלד, דאָס וואָרט „רוען" (ושכנת) שיקט זיך דאָ ניט, ווייל רוען מיינט זיצן אין רואיקייט אין שלום און שלוה. דעריבער דערשנט ער אַז די שכינה גייט אין גלות מיט זיי. „הוצאתך" שטייט גע־שריבן אַ חסר, אָן אַ „יוד", אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסנעמען זיך אַליין פון מצרים. און כאָטש אין אונדזערע חומשים שטייט דאָך „הוצאתיך" מיט אַ י' געפינען מיר אַ סך אַזוינע פאַלן ווען דער ש"ס קריגט אויף דער אויסלייגעכץ"(ס"ז).

„צוליב דיין פאָלק וואָס דו האָסט זיך אויסגעלייזט פון מצרים" (שמואל ב', ז', כ"ג) מיר האָבן געלערנט אַזוי־צו־זאָגן: וואָס דו האָסט

זיך אויסגעלייזט פון מצרים, כביכול ווי דו האָסט זיך אַליין אויסגע־לייזט״(ס״ח).

דער איך, די איכהייט, די פאַראייניקונג פון די שבטים, די סאָלי־דאַריטעט פון דעם קיבוץ, האָט זיך אַליין אויסגעלייזט. דער איך האָט געמאַכט די אויסלייזונג, וועלכע איז געווען אַ זעלבסט־אויסלייזונג, אַן אויטאָעמאַנסיפאַציע, מעגלעך און רעאַל.

אין דעם געבראַכטן ירושלמי זעט מען אַן אויסגעשפּראָכענעם באַגער צו שאַפן דאָס פאַרשטיין פון דער אידענטיטעט פון יהוה און ישראל אַלס אַן אייניקייט, אַלס אַן איכהייט. און דאָס איז די פילאָזאָפיע פון דיביידע תלמודס, ירושלמי און בבלי און אַלע מדרשים.

...„און אַזוי זאָגט ער: „דער וואָס רירט אייך אָן איז ווי ער וואָלט אָנגירן דעם שוואַרצאַפּל פון זיין אויג״ (זכריה, ב׳, י״ב) „דעם שוואַרצאַפּל פון אויג״ איז ניט געזאָגט געוואָרן, נאָר „דער שוואַרצאַפּל פון זיין אויג״ פון אויבערשטן כביכול... כל זמן די אידן זיינען געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים איז די שכינה געווען פאַרשקלאַפט מיט זיי, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן „און זיי האָבן געזען דעם אלהים פון ישראל (דעם אלהים־ישראל) און אונטער זיינע פיס אַזוי ווי די אויסאַרבעטונג פון אַ סאַפּיר־ווייסקייט״ (שמות, כ״ד, י׳) און אַזוי זאָגט ער: „אין אַלע זייערע איינגשאַפטן איז אים איינג״ (ישעיה ס״ג, ט׳). וויס איך מער ניט אַז אַ צרת־רבים (איז זיין צרה), פון וואַנעט ווייסן מיר אַז אַ צרה פון אַ יחיד איז ער אין דעם? צו לערנען אונדז זאָגט ער: „ער וועט מיך רופן און איך וועל אים ענטפערן, מיט אים בין איך אין קלעם״ (תהלים, צ״א, ט״ו). און אַזוי זאָגט ער: „צוליב דיין פאָלק וואָס דו האָסט זיך אויסגעלייזט פון מצרים, פעלקער און זיין אלהים״ (שמואל ב׳, ז׳, כ״ג)... רבי עקיבא האָט געזאָגט ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַ מפורשער פסוק וואָלט מען עס ניט געטאָרט זאָגן, די אידן האָבן געזאָגט צו דעם כביכול „דו האָסט זיך אַליין אויסגעלייזט. דו געפינסט אַז צו יעדן אָרט וואוהין מ׳האָט זיי פאַרטריבן, איז די שכינה מיט זיי, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן „הגלה נגליתי״ פאַרטריבן בין איך פאַרטריבן געוואָרן צו דיין פאָטערס הויז ווען זיי זיינען געווען אין מצרים אין דעם הויז פון פרעה״ (שמואל א׳, ב׳, כ״ז) (אין אונדזער ביבל שטייט הנגלה נגליתי... מיט אַ ב׳ און דער טייטש איז אַנטפּלעקן האָב איך זיך אַנטפּלעקט) זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל, איז די שכינה געווען מיט זיי, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „צוליב אייך בין איך פאַרשיקט געוואָרן קיין בבל״ (ישעיה, מ״ג, י״ד) (אין אונדזער ביבל שטייט ניט שולחתי, נאָר שלחתי, איך האָב געשיקט, ניט געשיקט געוואָרן). זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין אדום, די שכינה איז געווען

מיט זיי, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „ווער איז עס וואָס קומט פון אדום (דאָרט, ס״ג, א׳). און אַז זיי קערן זיך אום צוריק, קערט זיך די שכינה אום צוריק מיט זיי, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן „ושב יהוה את שבותך״ (דברים, ל׳, ב׳) און יהוה וועט אומקערן דיין געפאַנגענ־שאַפט. עס איז ניט געזאָגט געוואָרן „והשיב״, „ער וועט אומקערן״ נאָר „ושב יהוה״, יהוה וועט זיך אַליין אומקערן. און ער זאָגט: „מיט מיר פון לבנון, כלה, מיט מיר פון לבנון וועסטו קומען״ (שיר השירים, ד׳ ז׳) (ס״ט).

„שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד... הער, ישראל יהוה איז אונדזער אלהים, יהוה איז איינער״... דאָס איז די אויבערשטע פולקומענ־הייט: זיך צו פאַראייניקן אין איין פאַראיינציקונג פונקט ווי יעקב אונדזער פאָטער האָט זיך באַהעפט... זיך צו באַהעפטן ווי מאַן און ווייב און ווערן ווי איינס״(ע׳).

דער רעיון מכוח דער אידענטיטעט פון יהוה און ישראל אַלס אַ פאַרקערפּערונג פון איכהייט, ווען זיי זיינען פאַראייניקט, ווערט דאָ אויס־דריקלעך אויסגעשפּראָכן און אונטערגעשטיצט מיט פסוקים אין זייער אָנגעשטרענגטער אינטערפּרעטאַציע. די אידישע פילאָזאָפן איז דער געדאַנק געווען זייער טייער און זיי האָבן זיך באַמיט צו באַגרינדן דעם געדאַנק אויף די פסוקים וועלכע האָבן זיך נאָר געלאָזן בויגן. די פאַר־וואָגלונג פון ישראל, פון דעם אידישן קיבוץ איז די פאַרוואָגלונג פון דער שכינה, פון דעם איך־באַגריף, פון דער איכהייט אַליין. ווען אידן ווערן געטריבן, געיאָגט ווערט די אידייע, די קאָנצעפּציע פון איכהייט גע־רודפט, פאַרפאָלגט, מיספאַרשטאַנען אָדער איגנאָרירט. און, ווייטער, די אויסלייזונג פון די אידן, פון כנסת ישראל, איז אוממעגלעך צו רעאַליזירן אָן דעם אַז די איכהייט־אידייע זאָל ווערן אַ טריאומפירנדיקע לערע, זאָל ווערן אַן אָנגענומענע און פּראַקטיצירטע לעבנס־נאָרמע. די איכהייט־השגה און ישראלס עקזיסטענץ זיינען אידענטיש. די אידישע גאולה איז די גאולה פון יהוה, פון איך־פּרינציפּ, פון מענטשלעכער און וועלט־לעכער סאָלידאַריטעט. די קאָנסאָלידירונג און באַהערשונג פון דער געזעל־שאַפט דורך דעם איך־פּרינציפּ איז דער אָנהויב פון דער באַצווינגונג פון דער גאָרער וועלט.

„אנכי יהוה אלהיך״...

רבי יוסי האָט געזאָגט: „אנכי״ (איך) דאָס איז די שכינה, ווי עס שטייט געשריבן (בראשית, מ״ו, ד׳) „איך וועל נידערן מיט דיר קיין מצרים״; „יהוה אלהיך״ — דאָס איז די כנסת ישראל (זייער פאַראייניקונג

דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ איך). אַלץ גייט אַרויף צו ווערן אינגאַנצן איין איינס״(ע״א).

„אַלץ גייט אַרויף צו דער מדרגה פון אנכי״(ע״ב).

„איך (אַני) דאָס איז די שכינה ווי עס שטייט געשריבן און איך וועל איך באַשטראָפן אויך איך״ (ויקרא, כ״ו, כ״ח) (ע״ג).

„ולא יהיה לך אלהים אחרים על פני״...

„און עס וועלן ניט זיין קיין אַנדערע אלהים פאַר מיין געזיכט״. דאָס איז ניט קיין אימפעראַטיוו, דאָס איז פּאַראויספאַרציילונג, וועלכע ווערט געפירט אין דער ערשטער פּערזאָן אַדרעסירט צו דער צווייטער פּערזאָן, צו אַ נוכח. עס וועלן ניט זיין ביי דיר קיין פרעמדע, קיין אויסערלעכע אלהים אויסער דעם איך, יהוה, דעם איך־איך־ער. און אַזוי אויך די ווייטערדיקע דברות. „דו וועסט דיר ניט מאַכן קיין בילד, קיין געמע־לעכץ״.. פאַרוואָס ? ווייל דיין אלהים איז דער איך־יהוה, די איך־איכ־ער־הייט, די איך־איך־ער־זעלבסטהייט. און דעם אנכי־יהוה קען מען ניט אויסמאָלן, אָביעקטיווירן, אויסערן, עקסטערנאַליזירן. מחמת אנכי יהוה איז אַן אַבסטראַקטער באַגריף, אָבער צו דער אייגענער צייט איז ער די עכסט קאָנקרעטע, די עכסט ממשותדיקע השגה... דו קענסט ניט אויסקריצן אָדער אָפּגיסן די געשטאַלט פון אנכי־יהוה, ווייל דיין אייגן געשטאַלט, דעם פּנים פון דיין אייגענעם איך, דיין אייגענע צורה קענסטו ניט זען. קיינער קען ניט באַאָבאַכטן זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע אוממיטלבאַר. „דו וועסט זיך ניט בוקן צו זיי און דו וועסט זיי ניט דינען״... פאַרוואָס ? מחמת דעם וואָס דער איך־יהוה איז דיין אלהים, און די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז דער העכסטער און הייליקסטער פּרינציפּ. און צוליב וואָס זאָל זיך אַן אמתער רבונו־של־עולם, אַן אמתער אלהים לאָזן בוקן צו געטשן, צו די פאַלשע געטער.

יהוה איז דער ריינער סוביעקט אָן וועלכן עס איז אָביעקט.

„דער אויבערשטער שם באַשטייט פון צוויי (בוכשטאַבן) (יה) ווייל עס איז ניטאָ ווייניקער פון צוויי, מחמת אויך די העכערע באַגריפן וואָס זיינען ניט קיין קערפּער זיינען אויך צוויי, אַ סוביעקט (נושא) און אַ פּרעדיקאַט (נשוא). נאָר דער איינער (יהוה) אַליין איז אי דער סוביעקט נושא) און אי דער פּרעדיקאַט (נשוא)״(ע״ד).

דער פאַרצייטיקער איד האָט אַנטדעקט דעם „יוד״, דעם סוביעקט, די ערשטע פּערזאָן, דעם איך, דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין. און פון סוביעקט האָט ער אַרויסגעשיילט דעם אָביעקט, דעם ער. און דעם איך, דאָס זעלבסט־באַגלויבטזיין, אָט־די גרעסטע דערפינדונג פון אַלע צייטן און אַלע דורות, האָט ער פאַרהייליקט, פאַרערלעכט אַלס דאָס דערהויבנ־

סטע און וויכטיקסטע, אַלס דעם אורשפּרינגלעכן פּרינציפּ פון אַלע פּרינציפּן.

„און משה האָט געבעטן דעם פּנים פון יהוה"(ע"ה.

„יהוה האָט אים געקענט געזיכט צו געזיכט"(ע"ו).

משה האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער איכהייט, ער איז געווען איינס מיט יהוה. ער איז געוואָרן אַן „איש־האלהים" (דברים, ל"ג, א'). דער חומש געברויכט גאַנץ אָפט דעם וואָרט „פּנים" און נוצט עס מיט דער כוונה צו אילוסטרירן מיט דעם די קאָנצעפּציע פון אנכי־יהוה. דער חומש, אין דער זעלביקער צייט, זאָגט זיך אַרויס קעגן דער אויסקריצונג פון בילדער און אָפּגיסן געמעלעכצן, און דווקא דאָרטן בשעתן פאַרבאָטן צו מאַכן בילדער נוצט ער דעם וואָרט פּנים, הגם אין פלוג זעט דאָך אויס, אַז וויבאַלד עס איז דאָ אַ פּנים, דאַרף דאָך זיין אַ בילד, אַ געשטאַלט. די געזיכט, אָבער, פאַרמאָגט אַ מאָדנע אייגנשאַפט. עס איז דאָס העכסט קאָנקרעטע, לייבלעכע וואָס דער מענטש באַזיצט. ער קען עס אָנטאָפּן מיט די אייגענע הענט, פילן עס, שפּירן עס. דער פּנים איז דער חשובסטער הויפּט־טייל פון קערפּער, דער רעזידענץ־לאָקאַל וואו סיי די אויגן, סיי די אויערן, סיי דער גומען, דער געשמאַק־אָרגאַן, און סיי דער נאָז, דער גערוך־אָרגאַן, געפינען זיך, און וואו דער קאָפּ איז סיטואירט, דער קאָפּ מיטן געהירן, מיטן דענקסאַפּאַראַט. אָבער, צו דער זעלביקער צייט, איז דער פּנים יענער טייל פון מענטשלעכן קערפּער וועלכן דער מענטש, דער אייגענטימער אַליין קען בשום־אופן ניט זען מיט די אייגענע אויגן, און קען אויף־קיין־פאַל ניט אָבזערווירן אויף אַ דירעקטן שטייגער. אַ מענטש קען הערן זיין אייגענעם קול. ער קען זיין באַקאַנט מיט זיין אייגענער שטימע, מיט זיינע טענער. „וואָרים אלהים רעדט מיט אַ מענטשן און ער בלייבט לעבן"(ע"א). ער קען אָבער בשום־אַופן ניט שליסן קיין באַאָבאַכטונגס־באַקאַנטשאַפט מיט זיין אייגענעם געזיכט. „אַ שטימע פון ווערטער הערט איר און אַ בילד זעט איר ניט בלויז אַ קול"(ע"ט). „געזיכט צו געזיכט האָט יהוה גערעדט מיט אייך"(פּ'). דער פּסוק עטאַבלירט די אידענטיפיקאַציע פון דער פּערזענלעכקייט, פון פּנים וועלכן מ'קען אויף קיין אַרט און וויזע ניט זען. „און יהוה האָט גערעדט צו משהן געזיכט צו געזיכט"(פּ"א). ווי איינער רעדט צו זיין פריינט. „מויל צו מויל רייד איך אין אים"(פּ"ב). דער פּריניציפּ פון פּערזענלעכקייט, פון גייסטיקער פיזיאָנאָמיע, פון פּנים ווערט דאָ גאַנץ שטאַרק אונטערגעשטראָכן. „און ער האָט געזאָגט: דו ווערסט ניט קענען זען מיין געזיכט, ווייל אַ מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן"(פּ"ג). קיינער קען זיין אייגענע צורה בשום־אופן ניט זען. ער קען זען זיין אָפּשפּיגלונג, די רעפלעקסיע וועלכע זיין פּנים וואַרפט אויף אַן אַנדער קעגנשטאַנד. „און

דו וועסט זען מיינע אַנדערע טיילן, און מיין געזיכט קען ניט געזען ווערן״(פ״ד). דו וועסט זען מיין אויסערלעכקייט, מיין אָפּשפּיגלונג. קיי־נער קען ניט זען זיין געזיכט. און קיינער קען ניט זען, באַאָבאַכטן, באַ־טראַכטן און ריכטיק, „אָביעקטיוו״, אָפּשאַצן זיין אייגענע פּערזענלעכקייט.

„מויל צו מויל רייד איך אין אים, און זעאונג ניט אין רעטענישן, און די געשטאַלט פון יהוה בליקט ער״ (דברים, י״ב, ח׳) „און זעאונג״ מיינט און רייד־זעאונג״. דו זאָגסט „און רייד־זעאונג״, טאָמער איז עס גאָר דאָס אויסזען פון דער שכינה? צו לערנען אונדז זאָגט ער: „דו וועסט ניט קענען זען מיין געזיכט, וואָרים אַ מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן״ (שמות, ל״ג, כ׳). „און די געשטאַלט פון יהוה קוקט ער אָן״ דאָס איז דאָס אויסזען פון די אַנדערע טיילן. דו זאָגסט „דאָס איז דאָס אויסזען פון אַנדערע טיילן״, טאָמער איז עס דאָס אויסזען פון פּנים? צו לערנען אונדז זאָגט ער: „און דו וועסט זען מיינע אַנדערע טיילן״ (שמות, ל״ג, כ״ג) דאָס הייסט דאָס אויסזען פון די אַנדערע טיילן „און מיין פּנים וועט ניט געזען ווערן״ (דאָרטן) (פ״ה).

„און די געשטאַלט״ דאָס איז דער אינערלעכער קול״(פ״ו).

„און וואָס מיינט „ופני לא יראו״? דעם אמתן מהות ווי ער איז וועט ניט באַגריפן ווערן״(פ״ז).

„און לויט דעם נאָך וועלן מיר זאָגן „וראית את אחורי״, צו באַ־גרייפן דאָס וואָס פאָלגט מיך נאָך און איז ענלעך צו מיר און עס ווערט באַדינגט פון מיין ווילן, דאָס הייסט, זיי זיינען אַלע מיין באַשאַף״(פ״ח).

קיינער קען ניט באַגרייפן זיין אייגענעם סוביעקט, ווייל בשעת ער באַגרייפט אים, פאַסט אים אויף, „באַקוקט״ אים, הערט ער דאָך גלייך אויף צו זיין אַ סוביעקט. ער מוז ווערן אַן אָביעקט, אַן אַנדערער, אַן „אחורי״, ניט קיין „פּני״. דעם סוביעקט, וועלכער ווערט סימבאָליזירט דורך דעם געזיכט, קען מען ניט זען, קען מען ניט באַאָבאַכטן מיטן פּשוטן אויג. דאָס אויג קען ניט אָנקוקן דעם אויג. דער סוביעקט, אין איידעלן פּשט פון וואָרט, ווי דאָס גייסטיקע, אינערלעכע געזיכט, קען מען ניט זען מיטן שכלס אויג. דער באַאָבאַכטער קען ניט ווערן באַאָבאַכטעט בשעת ער איז באַאָבאַכטער. דער דענקער קען ניט ווערן באַדאַכט בשעת ער פונקציאָנירט אַלס דענקער, אַלס אַקטיוו.

„וואָס איז אַ סוביעקט אָן אַן אָביעקט, אָדער וואָס איז אַן אָביעקט אָן אַ סוביעקט, וואָלט זיין, און איז באמת, ווי מ׳האָט אונדז אָפּט געזאָגט, אומדענקבאַר; וואָרים, באמת, די דערקענטעניש פון יעדן פון זיי באַ־זונדער איז אַ ווידערשפּרוך״(18).

„עס קענען ניט זיין בנמצא סוביעקטן וואָס לויערן אויף סוביעקטן, אָדער אָביעקטן וועלכע דורך אַ דעפיניציע זיינען קיינמאָל ניט קיין פּאָזיטיווע אָביעקטן”(19).

„אַ מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן”. אום געזען צו ווערן, עקזאַמענירט צו ווערן, באַקלערט, באַטראַכט און באַוואוסט צו ווערן — מוז עס פאַרדעם „טויט” ווערן, ער קען ניט בלייבן אַ לעבעדיקער זעער, באַקלערער, עקזאַמענירער און באותה שעה אויף־אַ־מאָל זיין עפּעס געזעענעס, באַקלערטעס, עקזאַמענירטעס. ווייל בשעת אימיצער באַאָבאַכטעט זיך אַליין מוז דאָ פאָרקומען אַ צעשפּאַלטונג, אַ דיקאָטאמיע, אַ פלגינן לחצאין. ער מוז ווערן אי דער באַאָבאַכטער און אי דאָס באַאָבאַכטעטע. און דער באַאָבאַכטער אַליין, דער אַקטיוו, דער „וחי” מוז בלייבן מחוץ פון דעם פעלד פון אָבסערוואַציע. דער אָבסערווירער קען ניט ווערן אָבסערווירט, די זעלבסטהייט קען ניט געזען ווערן ניט מיטן געדאַנקען־אויג און ניט מיטן איינפאַכן חוש־הראיה. און דעריבער איז די ביבל אַזוי אויסגעשפּראָכן קעגן געטשנדינערייַ און געטשדינערייַ, קעגן בילדער־מאָלעריי און סטאַטועןאויפשטעלעריי, קעגן יעדער פאָרמע פון קאָנקרעטיזירונג, אויסערונג, אָביעקטיווירונג פון דעם סוביעקט, פון דער איכהייט. מחמת די אמתע לעבעדיקע, פליסנדיקע איכהייט מוז בלייבן סוביעקטיוו, פאַרהוילן אין דעם לפני־ולפנים פון זעלבסט־באַגלויבטזיין. אונדזער איך, אונדזער אנכי־יהוה, אונדזער סוביעקט קען מען ניט אָביעקטיוויזירן, אויף פשוטן לשון „זען”. מ'קען אים דורכלעבן, מ'קען אים אינטואיטיווירן, דערפאַרן, פילן בחוש אָדער „פילן” מיטן שכל, אָבער מ'קען אים ניט באַאָבאַכטן אָדער רעפלעקטירן. אין דער מינוט ווען מיר ווילן אים באַאָבאַכטן און שטעלן אַן אונדזער אַפּאַראַט און ווילן אים אויפכאַפּן, אויפנעמען — פאַרשווינדט ער פון דעם אָבסערווירטן ווינקל און גייט אַריבער אין דעם אָבסערווירער. און אפילו בנוגע דעם דורכלעבן און פילן דעם איך פאָדערט זיך דאָך אַ דורכלעבער, אַ „פילער” למפרע איידער ער ווערט דורכגעלעבט, איידער ער ווערט געפילט.

„דער איך שטעלט זיך אַליין פאָר, נעמט זיך זעלבסט אויף־אַזויפיל אויף אין דער פאָרם פון דער פאַרשטעלונג, און ערשט דעמאָלט ווערט עס אַן עפּעס, אַן אָביעקט. דאָס באַוואוסטזיין ווערט אין דער דאָזיקער פאָרם אַ סובסטראַט, וועלכער איז, אויך אַן אַ ווירקלעכעס באַוואוסטזיין, און נאָך דערצו ווערט עס קערפּערלעך געדאַכט. מען פאַרטראַכט זיך וועגן אַזאַ צושטאַנד און מ'פרעגט: וואָס איז דעמאָלט געווען דאָס איך, דאָס הייסט וואָס איז דער סובסטראַט פון באַוואוסטזיין. אָבער אויך דעמאָלט טראַכט מען צו אומבאַמערקטערהייט דעם אַבסאָלוטן סוביעקט,

אַנשויענדיק דעם יעניקן סובסטראַט וועלכן מ'לייגט צו, לכן מ'טראַכט צו במחשבה אומבאַמערקטערהייט דווקא דעם יעניקן פון וועלכן מ'האָט עס געוואָלט אַבסטראַהירן און אַזוי פאַלט מען אַריין אין אַ ווידער־שפּרוך. מ'קען פון גאַרניט טראַכטן סיידן מ'טראַכט צו אַלס צוגאָב דעם אייגענעם איך, אַלס יענעם וואָס איז זיך־זעלבסט באַוואוסט. מ'קען פון אייגענעם באַוואוסטזיין זיך בשום־אופן ניט אַבסטראַהירן.

דאָס איך איז נאָר אויף־אַזויפיל אויף־וויפיל עס פּאָזיטיווירט זיך, און ער איז נאָר פאַר דאָס פּאָזיטיווירטע און עס פּאָזיטיווירט זיך נאָר פאַר דאָס זייענדיקע. דאָס איך איז פאַר דאָס איך. אָבער אויב עס פּאָזי־טיווירט זיך אויף אַן אַבסאָלוטן שטייגער, ווי עס איז, דעמאָלט פּאָזיטיווירט זיך עס נויטוועגדיקערווייז, און עס איז נויטוועגדיק פאַר דעם איך... איך בין נאָר פאַר מיר. אָבער פאַר מיר בין איך נויטוועגדיק (דורך דעם וואָס איך זאָג „פאַר מיר" פּאָזיטיוויר איך שוין מיין זיין) זיך זעלבסט פּאָזיטיווירן און זיין, געברויכט פון איך, איז לגמרי גלייך. דער זאַץ: איך בין ווייל איך האָב מיך פּאָזיטיווירט קען דעריבער אויך אַזוי אויס־געדריקט ווערן: איך בין אַבסאָלוט וואָס איך בין...

דאָס איך פּאָזיטיווירט אורשפּרינגלעך פּשוט זיין אייגענעם זיין. אין אַנדערע ווערטער, דאָס איך איז נויטוועגדיקערווייז די אידענטיטעט פון סוביעקט און אָביעקט, איז זעלבסט סוביעקט־אָביעקט, און עס איז אַן ווייטערדיקער פאַרמיטלונג"(20).

אין דעם טאָקע ליגט דער קאָלאָסאַלער כוח פון תורת־משה, פון דער ביבל דאָקטרינע וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין זאַץ „אהיה אשר אהיה", „איך וועל זיין דער איך וועל זיין" אָדער „איך וועל ווערן דער ווער איך וועל ווערן", מחמת אַן דעם ווערן הענגט אָפּ דער עצם מהות פון דעם איך. דער איך ווערט דאָס וואָס דאָס איך מאַכט זיך, איז גורם זיך צו ווערן. דער חיוב פון פאַראַנענזיין ליגט אין סאַמע חיובן זיך, מציאותן זיך, זיך ווירקלעכן. די ביבל־לערע איז עלעמענטאַר און פונדאַמענטאַל. דער חומש לייגט אַוועק דעם פונדאַמענט פאַר דער קאָנצעפּציע פון אונדזער פּערזענלעכקייט, פון אונדזער איך. די איך־שאַפונג, איך־קריסטאַליזירונג, איך־קולטיווירונג איז און מוז זיין אַ איך זעלבסט־באַשאַפונג, איך־זעלבסט־קריסטאַליזירונג, זיך זעלבסט־קולטיווירונג. זי באַזירט זיך אויף דעם אַלעם־ערשטן פּאָסטולאַט פון זעלבסט־גלויבעניש, פון אַבסאָלוטער זעלבסט־גלוי־בעניש, אַן וועלכער דער איך קען ניט אַרויפּטויכן, קען זיך ניט באַהויפּטן, קען זיך ניט פּאָזיטיווירן. אַט־די זעלבסט־גלויבעניש איז קודם צו יעדער אַקציע פון זעלבסט־פּאָזיטיווירונג, זעלבסט־דערקענונג אין דער קלענסטער און חלקדיקסטער מאָס, אין שוואַכסטער־נידעריקסטער מדרגה שיקט פאַר־

אויס אַ פּולמאָסיקע, אַן אַבסאָלוטע זעלבסט־גלויבעניש וועלכע אַליין באַ־שאַפֿט דעם איך, רופֿט אַרויס פֿון גאָרניט דעם זעלבסט־באַשאַף פֿון זעלבסט־הייט אַליין.

„אָבער אויך דעמאָלט טראַכט מען צו אומבאַמערקטערהייט דעם אַבסאָלוטן סוביעקט, אַנשויענדיק דעם יעניקן סובסטראַט וועלכן מ׳לייגט צו". די „צולייגעניש" פֿאַרנעמט דאָס גאַנצע, די צולייגעניש איז די זעלבסט־גלויבעניש וועלכע איז פֿאַרדעם פֿון יעדן אַקט פֿון זעלבסט־באַוואוסטזיין, מחמת זעלבסט־באַוואוסטזיין איז אַ צווייטע און אַ ווייטערדיקע שטופֿע פֿון זעלבסט־באַגלויבטזיין, וועלכע איז אַ זעלבסט־גלויבעניש, אַבסאָלוטער גלויבן אין זיך, אין איך, ניט אַלס אין אַ דאָזיין, אין עפּעס אויסערלעכעס, אין עפּעס דריט־פּערזענלעכעס, נאָר ערשט־פּערזענלעכעס. און דאָ קען נאָך קיין באַוואוסטזיין ניט זיין בנמצא, מחמת דאָס זיין זאָגט דאָך אַז אַ השגה פֿון אַן אָביעקט, — פֿון אַ זיין, וועלכעס איז קעגנגעזעצט צו מיין — ווערט אַריינגעפֿירט. און זעלבסט־גלויבעניש איז אַ זעלבסט־באַגלויבטזיין. עס איז כסדר אַ מיין, קיינמאָל ניט אַ זיין, וועלכעס איז אַ צווייטע פֿאַזע פֿון אַנטוויקלונג פֿון זעלבסט־גלויבעניש וועלכע נעמט דעם באַגלויבטן איך און פּראָדזשעקטירט אים אַלס אַ פּסיכישעס דאָזיין, אַלס אַ באַוואוסטזיין, אַ באַוואוסטקייט וועלכע ווערט כמעט זיין ניט מיין, אַן איבערוואונדענעס מיין, אַ בייגעקומענעס מיין וועל־כעס פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ זיין פֿאַר אַ דאָזיין, פֿאַר עקזיסטענץ, פֿאַר עפּעס אויסערלעכעס, בשעת באמת איז עס און בלייבט די גאַנצע צייט בלויז אַ מיין, אַ סוביעקט, און אַ דאָמיין, און אַ זעלבסט־באַוואוסטמיין וועלכעס ווערט אַרויפֿגעבויט אויף אַ זעלבסטבאַגלויבטמיין.

די אַנטדעקונג, די פֿאַרטיפֿונג און אויסאײַדעלונג, אויסבולטונג און אויסשוקעאונג, די אַריינשניידונג און אויסשניידונג פֿון זעלבסטהייט צו דער אַבסאָלוטער אויסשליסונג פֿון דער ניט־זעלבסטהייט, די פּראָקלאַמי־רונג פֿון דעם דאָמיין אין קעגנזאַץ צו דעם דאָזיין, די פּראָמולגירונג פֿון איכונג אַנשטאָט פֿון ערונג, פֿון אינערונג אַנשטאָט פֿון אויסערונג, פֿון אינסיסטענץ אַנשטאָט עקזיסטענץ — דאָס איז דער אויפֿטו פֿון אוראַלטן אידן און דאָס איז זיין אידעאָלאָגיע וועלכע איז פֿאַרטראָטן אין דער ביבל, אין תורת־משה.

„וראית את אחורי" — און דו וועסט זען מיינע אַנדערע, אַנדערע געזיכטער, אַנדערע פּנימער, אַנדערע רעפֿלעקסן, אָבער ניט מיין געזיכט, קיינער קען ניט זען זיין אייגן געזיכט. וואָס ער זעט איז די געזיכטער פֿון זיינע מיטמענטשן. ער זעט זייערע צורות, זייערע פּרצופֿים. אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, ער זעט זיין אייגן פֿיזיאָנאָמיע אין דער קעגנזיי־

טיקער אָפּשפּיגלונג, אין שפּיגל פון דער געזעלשאַפט וועלכע רינגלט אים אַרום — אָבער קיינמאָל ניט זיין אייגן פּנים דירעקט.

און די אילוסטראַציע ווערט דאָ געגעבן אין ספר שמות בכדי מיט איר הילף קלאָר צו מאַכן די צווייזייטיקייט פון דעם העכסטן און טיפסטן באַגריף, דעם פּרינציפּ פון עגאָ, פון זיך־אַליינהייט. אונדזער פּנים איז דאָך אַזוי נאָענט צו אונדז, אַזוי טייער, אַזוי אייגן — און דאָך אַזוי ווייט. און ווער קען עס אָנבליקן, אָנקוקן, זיך שאַפן אַ קלאָרע פאָר־שטעלונג פון דעם?

דער פּרינציפּ פון כביכול אין דער ביבל איז באַזירט אויפן יסוד פון איכהייט, פון זעלבסטהייט וואָס איז אין מענטשן, אין פאַלקסטום, אין מענטשהייט און אין דער וועלט. דער איך פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט, פון דער פּערזענלעכקייט, פון ישראל אַלס עפּעס גאַנצעס, אַלס אייך־ערשט־פּערזענלעכע פאָרמאַציע דאָס איז דער כביכול פון דער ביבל. עס איז ניט דער גריכישער „טעאָס", דער פּאַנאַניסטישער גאָט־געטש, דער האַר, דער פּאַן, דער לאָרד. אָט די אַלע איבערזעצונגען זיינען היידעניזירונגען אַריינגעבראַכט אין חומש אַריין דורך דעם ערשטן פאָר־גרייזטן און גריכיש עבודה־זרהשן וואָרט און באַגריף פון „קוריאָס".

„וואָס משה האָט געפאָדערט איז קיין אמתן אַבסאָלוטן מאָנאָטעאיזם נאָר הענאָטעאיזם, ד. ה. די אָנדערקענונג פון איין איינציקן גאָט, אָדער מאָנאָלאַטרי, דאָס דינען צו איינעם. אָבער וואָס מער אויסגעצייכנט יהוה באַווייזט זיך אַלס אַ פּערזענלעכער נאָמען ווי „צעאוס" פאָסיידאָן א. ד. ג. אַלץ מער נאַטירלעך שטעלט זיך די פראַגע פון וואַנעט האָט אים משה גענומען און פראָקלאַמירט אים אַלס דעם גאָט פון ישראל"(21).

לויט אונדזער אויפפאַסונג פון דער ביבל־פילאָזאָפיע און אידישקייט־לערע איז דער ציטירטער אויטאָר אינגאַנצן אומגערעכט. זיין באַהאַנדלען פון אידישקייט און זיין קריטיק פון דער ביבל ווי די „קריטיק" פון די ביבל־פאָרשער פון זיין גלייכן, איז ניט קיין קריטיק אין געזונטן זינען פון וואָרט, נאָר אַן אָנפאַל, אַ „פּאָגראָם" געמאַכט אויף דעם גרעסטן מאָ־נומענט פון אידישן זשעני, דעם העכסטן טורעם פון אידישן שאַפן, דער אַפּאָגיי פון אידישער אויפקלערערישער אָריגינאַליטעט אין דעם תחום פון וועלט־באַנעם און מענטש־באַגריף.

דער ביבלישער כביכול איז ניט עפּעס אָביעקטיוועס, אויסערלעכעס. ער איז ניט קיין צווייטע פּערזאָן, דער ניט־איך, ניט־זיך. ער איז דער זיך פון אַלדאָס מיין, ניט דער ער פון אַלדאָס זיין, און אפשיטא שוין ניט קיין „האַר". אין דער ביבל אַלדאָס עקזיסטירנדיקע, דער קיים איז ניט עקזיסטירנדיק, ד. ה. פּאָסטולירט, אַוועקגעשטעלט אין דרויסן, אַן אויס־

ערלעכקייט, נאָר אינסיסטירנדיק, ד. ה. פּאָסטולירט, אַוועקגעשטעלט פֿון אינעוויינִיק, עס איז אַ אינערלעכקייט, אַ לפנים, אַ פּנים, אַ פּנים וואָס איז אַ פּנים, אַ אינעוויינִיקייט, אַ סוביעקט וועלכער מאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַן אָביעקט. די ביבל איז ניט געבויט אויף אַ באַוואוסטזיין נאָר אויף אַ באַוואוסטמיין, ריכטיקער אויף אַ זעלבסט־גלויבעניש, אַלס דעם עיקר־יסוד. די איך־זעלבסט־גלויבעניש פּאָזיטיווירט שפּעטער צו אַ באַוואוסט־מיין. קיין זאַך קען ניט ווערן באַוואוסט סיידן עס ווערט אַ מיין, אַ טייל פֿון איך, פֿון דער איך־באַגלויבטקייט, פֿון דער זעלבסטהייט. די וועלט, די סומע פֿון אַלע רעלאַציעס, איז דער פּועל־יוצא פֿון אַ איכונג־פּראָ־צעס, פֿון איכונג־עמאַנאַציע. עס איז אַן אמונה, אַ גלויבן אין איך, אין אנכי.

דער אנכי־יהוה פֿאַרקערפּערט אין ישראל אַלס עפּעס גאַנצעס, אַלס אַ סאַציאָ־עגאָ איז דער אנכי־יהוה וועלכער פּאָסטולירט דעם אָביעקט, די וועלט, די אויסערלעכקייט וועלכע איז אַן אינערלעכקייט פֿאַרשטעלט אַלס אַ דרויסן, אַלס עפּעס חוצדיקעס. לא יהיה לך אלהים אחרים על פּני... עס וועט ניט זיין ביי דיר קיין אַנדערע רעלאַציעס און סומעס פֿון רעלאַציעס, וועלכע שטעלן צוזאַמען דעם גאַנצן קיום, אויף מיין אינעוויינִיקייט, אינערלעכקייט, מיין סוביעקט. איין איך, איין אנכי, איין מיין, דאַמיין (דאַזיין) באַלעבט, פֿירט, קאָנטראָלירט, אָרגאַניזירט אַלע וועלטן, אַלע באַציאונגען און פֿאַרהעלטענישן, דער סך־הכּל פֿון וועלכע שטעלט צוזאַמען דעם גאַנצן קיום. ווייל דער אנכי האָט די אַלע וועלטן באַשאַפֿן אַרויסצויבערנדיק זיי פֿון איכטום וועלכער איז די אמתע עסענץ וועלכע איז ניט קיין „עס" נאָר אַ איך, ניט אומפּערזענלעך אָדער דריט־פּערזענלעך נאָר ערשט־פּערזענלעך. איכיזם, אנכי־יהוהיזם, אני־יהוהיזם דאָס איז דער הויפּט־קערן פֿון דער ביבלישער פֿילאָזאָפֿיע.

„וואָרים דער איינציקער זיין נאָמען איז דער צייכן אחד, ער איז די ערשטע פּערזאָן, אויך דער י' צום סוף איז אַ סימן פֿון יחיד. און דעריבער אין די עשׂרת הדברות וועלכע זיינען געשריבן אין דער תורה שטייט צום אָנהויב אנכי (איך) אָנצואווייזן אויף דעם נאָמען פֿון קעגנ־שטאַנד און דאָס איז ניט קיין מצוות־עשׂה (אַ טו־באַפֿעל) אָדער אַ לאַ־תעשׂה (טו־ניט־באַפֿעל) ווי דער פֿאַל איז מיט די איבעריקע געבאָטן, נאָר בלויז אַ גלויבן אין האַרצן" (פּ"ט).

מיט אַנדערע ווערטער, דער אנכי איז די פֿאָררעדע און די באַגרינ־דונג פֿון די „צען אָנזאָגונגען". און בנוגע „געבאָטן" ס'רוב פֿון זיי זיינען געשריבן אַזוי ווי אָנצודייטן אַ פֿאָראויסזאָגונג און אַ זיכערקייט פֿון מקוים־ווערן, פֿון פּאַסירונג, פֿון איבערגעשטאַלטונג, פֿון אויפֿפֿיר אונטער

דער השפעה פון דעם ערשטן זאָץ, דעם טעזיס פון אנכי וועלכער לייטעט איין די עשרת־הדברים.

לא תרצח — דו וועסט ניט מאָרדן, ווייל אנכי־יהוה, ענגאַ איז איינער און דאָס מאָרדן פון אַ מיטמענטשן איז, באמת, אַן אַקציע פון זעלבסטמאָרד, זיך־פאַרניכטונג.

לא תגנב — דו וועסט ניט גנבענען, ווייל דאָס גנבענען און ראַ־בירן פון אַנדערע מענטשן איז, באמת, אַן האַנדלונג פון זעלבסט־ראַבירונג פון זיך אַליין באַגנבענען, אַן אַקט פון זעלבסט־באַעוולהונג, זעלבסט־פאַרפעמדונג. עס איז דאָ איין אַלאומפאַסנדיקער איך און סאָלידאַריטעט וועט הערשן. דער איך־געפיל וועט דורכנעמען דעם גאַנצן סאָציאַלן און קאָסמישן, פיזישן גוף. די אָפטיילונג און אָפשיידונג און סעגרעגירונג און אָביעקטיווירונג איז בלויז אַ מעטאָד אַנגעווענדט מיט דעם צוועק בכדי צו שאַפן, מאַכן מעגלעך דערקענטעניש וועלכע אָפערירט דורך אַ סיסטעם פון קאָנטראַסטן, אָבער ניט בפועל־ממשדיקע אָפשיידונגען און מחיצה־אויפשטעלונג. די האַלבירונג, די צעטיילונג, דער פאַנאַנדערפאַל פון איין אויף איך און ניט־איך איז אַ מיטל פון איך־פאַרטיפונג, איך־דערקענונג וועלכע קומט אַלס דערגאַנצונג און אַן אַרויפבוי אויף דער איך־באַגלויבט־קייט, איך־זעלבסט־באַגלויבטזיין. דער אנכי־יהוה פון די עשרת־הדברות איז דער אַריינפיר און ער אַנטהאַלט די ערשטע הנחה אויף וועלכער די איבעריקע געבאָטן־פּראָפּעציאונגען שטיצן זיך.

„עשו האָט געהאַט בלויז זעקס נפשות און ביי אים שטייט געשריבן „פילע זעלן", „און עשו האָט גענומען זיינע ווייבער און זיינע טעכטער און אַלע נפשות פון זיין הויז" (בראשית, ל״ו, ו׳). און ביי יעקבן וואָס ער האָט פאַרמאָגט זיבעציק נפשות שטייט געשריבן איין נפש „ויהי כל נפש יוצא ירך יעקב שבעים נפש" (שמות, א׳, ד׳)? נאָר עשו וואָס האָט גע־דינט צו פילע געטער שטייט ביי אים געשריבן „פילע זעלן", אָבער יעקב וואָס דינט צו איין רבונו־של־עולם שטייט ביי אים געשריבן „איין זעל" (צ׳).

„עשו וואָס האָט געדינט צו פילע געטער" — וואָס האָט געהאַט אַ פעלערהאַפטע אויפפאַסונג פון דער גרויסער וועלט און האָט געמיינט אַז עס איז דאָ איין איר אַ מערצאָל... און ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַז עס איז ניטאָ קיין סכיקייט אין דער דאָזיקער גרויסער וועלט: „שטייט ביי אים „זעלן", וואָס מיינט, אַז עשו האָט געמאַכט דעם זעלביקן טעות בנוגע דער קליינער וועלט. וויבאַלד ער האָט געגרייזט אין דער גרויסער וועלט האָט ער געמוזט גרייזן אויך בנוגע דער קליינער וועלט, און ער האָט ניט באַגריפן אַז אַלע זעלן זיינען איין זעל, און דעריבער שטייט ביי אים „זעלן"... „אָבער יעקב וועלכער האָט געדינט צו איין אלוה"

— דאָס הייסט אַז ער האָט געוואוסט אַז עס איז גאָר ניטאָ בנמצא קיין פילהייט אין דער גרויסער וועלט, אַז די גאַנצע גרויסע וועלט איז בלויז איין גאַנצע זאַך... שטייט ביי אים „זעל". דאָס מיינט אַז יעקב האָט געוואוסט אַז אויך אין דער קליינער וועלט, אין מענטשן, זיינען אַלע מענטשן בלויז איין מענש"(צ"א).

„פון מיקראָקאָסמאָס דערוויסן מיר זיך אַז אויך דער מאַקראָקאָסמאָס האָט ניט קיין סכיקייט"(צ"ב).

איין אנכי־יהוה מיינט איין זעל באַלעבנדיק אַלעמען. איין אנכי־יהוה מיינט איין קערפּער. דער גאַנצער קיבוץ איז איין פּערזאָן איין איך, איין נשמה און איין גוף. אין אַנדערע ווערטער, עס איז אַ צוזאַמענשטויס פון פּאָליעגאָאיזם מיט אַ מאָנאָעגאָאיזם. די איין זעל איז פון אינעווייניק. די אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציע, די אייניקייט און איינציקייט פון אינערלעכן איך באַשאַפט דעם באַגריף און דיווירקלעכקייט פון דער אייניקייט פון דעם סדר־העולם, ווי אויך פון דער געזעלשאַפט און די פּלוראַליטעט וועלכע ווערט פּאָסטולירט אין חוץ ווייזט אַז עס עקזיסטירט אַ פּלוראַליטעט, אַ דיסאָרגאַניזאַציע פון אינעווייניק, אין דער פּסיכיק, אַז זי איז ניט אייניק און איינציק, ניט קאָנסאָלידירט, ניט צוזאַמענגעבונדן ווי־געהעריק.

10.

גאַנץ ספר דברים איז געשריבן אין דעם אנכי שליסל.

„אנכי מצווה" — איך באַפעל. דעם „איך" דאַרף מען פאַרשטיין ניט אַלס פשוטן פּאָרוואָרט, אַן איינפאַכן שם־הגוף, נאָר אַלס דעם פּרינציפּ פון איכהייט, דעם יסוד פון זעלבסטהייט. דער „איך" רעפּרעזענטירט, ווי אויך פאַרטייטשט, דעם יהוה. אנכי מיינט אנכי־יהוה. משה איז געווען אַן עניו. אָט ווי דער חומש כאַראַקטעריזירט אים: „און דער מענטש משה איז געווען באַשיידן מער פון יעדן מענטשן וואָס אויף דעם פּנים פון דער ערד"(צ"ג). און ער פּרעגט טאַקע אין אַנהויב פון זיין שליחות: „ווער בין איך?" און ווי שיקט זיך עס אַז דער חומש זאָל אים דערלויבן ענדיקן מיט אַזאַ גאווה און פאַררייסנקייט אַז ער זאָל דיקטירן אַלע געזעצן און נאָרמען און יעדן מאָל ווידערהאָלן דעם שרייענדיקן, גוזרדיקן „איך באַפעל!" פּונקט ווי משה אַלס אַזעלכער, אַלס אַ פּריוואַטע פּערזאָן וואָלט זיך פילן באַפולמעכטיקט אויטאָריטאַריש געגנוג צו קאָמאַנדעווען און פאָדערן געהאָרכזאַמקייט. „אנכי מצווה" איז דער פשט דער אנכי באַפעלט, דער עגאָ הייסט, יהוה זאָגט אָן. און יהוהס באַפעלן זיינען זעלבסט־

באַפעלן. אני, אנכי זיינען דעפיניציעס. כינויים, באַצייכענונגען פון יהוה, דעם איך־ער, דעם ערשטן פּרינציפּ, דעם סוביעקט וועלכער איז כולל דעם אָביעקט, די ערשטע פּערזאָן וועלכע שאַפט די דריטע פּערזאָן בלויז אַלס אַפּלייטונג פון זיך. אני, אנכי איז דער יסוד פון עקזיסטענץ פאַרשטאַנען אַלס אינסיסטענץ סיי בנוגע דער געזעלשאַפט סיי בנוגע דעם אוניווערסום, סיי בנוגע דעם מיקראָקאָסמאָס, דעם אינערלעכן ציבור אין יחיד.

און בשעת סאָציאַל לעגיסלאַטיווע אַקציעס ווערן אונטערגענומען, דעמאָלט ווערן איינצלנע געזעצן, אָדער אַ גרופּע פון זיי, באַגלייט אָדער איינגעלייטעט מיט דער באַצייכענונג פון איכהייט אַלס יהוה, אָדער יהוה אַלס איכהייט, מחמת די ביבל, תורת־משה, בויט איר געביידע פון מאָראַל אויף דעם האַרצפּעלז, צור־לבבי, פון אַלע צייטן און אַלע פּערזאָנען — אויף דער קולטיווירונג און געדייאונג פון איך, פון איכהייט.

„זיכער, קיינער קען ניט ערנסט האַלטן אַז זעלבסט־באַוואוסטזיין איז אַ געבוירענע מתנה פון דעם שכל אין דעם זינען, אַז מיר זעען גלייך פון אָנהויב מערקווירדיק אָפּגעשפּיגלט פאַר אונדז דאָס וואָס מיר אַליין זיינען טאַקע״(22).

זעלבסט־באַוואוסטזיין וואַקסט אויף דעם באָדן פון זעלבסט־באַגלויבטזיין, פון זעלבסט־גלויבעניש וועלכע גייט פאַראויס און שאַפט דעם איך און דערנאָך ערשט קען דער איך זיך שפּאַלטן און נעמען ווערן באַוואוסט צו זיך, זעלבסט־באַוואוסטזיניק.

„און איצטער, ישראל, הער זיך צו צו די סטאַטוטן און די אורטיילן וואָס איך (אנכי) לערן אייך צו טאָן״(צ״ד) „איר זאָלט ניט צוגעבן צו דעם וואָס איך (אנכי) באַפעל אייך, איר זאָלט ניט מינדערן פון דעם, נאָר היטן די באַפעלן פון יהוה אייער אלהים (פאַרהעלטעניש מאָדוס און טאָטאַליטעט פון פאַרהעלטענישן וועלכע שטעלן צוזאַמען דעם גאַנצן קאָסמאָס) וועלכע איך (אנכי) באַפעל אייך״(צ״ה).

„אַלץ וואָס עס האָט דיך באַפעלן יהוה, דיין אלהים״(צ״ו).

און „איך באַפעל״ זיינען איין און דער זעלביקער באַפעל. מחמת אנכי, אני (איך) איז דאָס אייגענע וואָס יהוה, וואָס עגאָ.

„דער שם הויה (יהוה) איז דער מאָדוס פון באַרמהאַרציקייט, דער שם אלהים איז דער מאָדוס פון געריכט״(צ״ז).

איכהייט איז באַרמהערציק ווייל עס האָט צו טאָן מיט זיך אַליין, מיטן זעלבסט, און אידענטיפיקאַציע איז כמעט אַלע מאָל פול מיט אַ רחמנות־געפיל.

„כי אני יהוה אלהיכם״, וואָרים איך־יהוה בין אייער אֱלהים״ איז אַ זאַץ וואָס ווערט פיל מאָל ווידערהאָלט אין תורת־משה, איבערהויפּט אין ויקרא. און ער דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן אַלס אַ באַהויפּטונג־דעקלאַראַציע אַז דער אני, דער איך, איז יהוה, איז דער איך־ער און ער איז עס וועלכער דאַרף דינען אַלס אַ מוסטער פֿון באַציאונגען און מאָדוס פֿון פֿאַרהעל־טענישן ווייל ער איז באמת דער סך־הכל פֿון אַלע שייכותן, כוחות, פֿאַק־טאָרן פֿון דער אַזוי אַנגערופֿענער אויסערלעכער וועלט. אַ ניט ווערט די אַזויפיל מאָל איבערגעחזרטע פּראַזע פֿאַרוואַנדלט אין פּוסטע, טעמלאָזע ריידעריי, אָדער, וואָס איז נאָך ערגער און אומפּאַסיקער, אין אַקטיאָרישן מאַניעריזם.

פּרובירט עס פֿאַרטייטשן ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ דאַנק די פֿאַרגרייזטע איבערזעצונגען „איך בין דער האַר, אייער גאָט״... ווער רעדט און פּראָקלאַמירט זיך אַלס האַר און גאָט? אַפּנים ווי דער רבונו־של־עולם וואָלט זיך פֿאַרשטעלן, אַרויסטרעטנדיק אויף דער בינע אין אַלט־פּרענקישן שטייגער און זיך פֿאַרנייגן און זיך רעקאָמענדירן צו דעם פּובליקום, אין דעם געגעבענעם פֿאַל, צו די קינדער פֿון ישראל וועלכע זעען אים, צו וועלכע ער ווענדט זיך, באַווייזט זיך, נאָר זיי וויסן ניט ווער ער איז און ער געפֿינט פֿאַר נויטיק זיי צו זאָגן ווער ער איז בכדי זיי זאָלן וויסן מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן, ווער עס אַדרעסירט זיי. לויט דעם חומשס באַהויפּטונג האָבן די קינדער פֿון ישראל אים ניט געזען, און וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט די דערעסלעכע, נוצלאָזע כסדרדיקע פֿאָרשטעלעריי.

דער אמתער פּשט איז אַז די סענטענצן זיינען ניט קיין פֿאָרמאַ־ליטעט פֿון פּוסטער עטיקעט און באַקאַנטשאַפֿט־שליסעריי ביי וועלכע עס איז אָנגענומען אַז מ׳זאָל זיך אָנרופֿן ביים נאָמען, נאָר זיי דריקן אויס דעם עצם מהות פֿון דער ביבלישער השגה פֿון כביכול אַלס זעלבסטהייט. זיי זיינען שוין גאָר קיין דברים בטלים ניט. זיי פֿאַרמאָגן שווערן ערנסטן פֿילאָזאָפֿישן אינהאַלט. זיי זיינען פֿאַרנומען מיט דער פֿעסטשטעלונג פֿון דעם גרונט־פּרינציפּ פֿון איכהייט, מיט דעם יסודישן עיקר פֿון יחוד, זיי פּראָקלאַמירן און עטאַבלירן דעם איך און זעלבסט פֿון דער וועלט, דעם אנכי פֿון כלל־ישראל, דעם אני פֿון ציבור, פֿון די בני־ישראל.

„הער, ישראל, די סטאַטוטן און די אורטיילן וועלכע איך (אנכי) רייד אַריין אין אייערע אויערן״(צ״ח).

„געזיכט אין געזיכט האָט יהוה גערעדט מיט אייך״(צ״ט).

זעלבסטהייט, איך־אַליינקייט איז אַ צורה אין אַ צורה. די זעלבסטהייט איז די העכסטע קאָנקרעטע צורה, די קווינטעסענץ פֿון דער פּערזענלעכ־

קייט. דער דאָזיקער און כדומה פּסוקים האָבן שאָקירט און סקאַנדאַליזירט די ראַציאָנאַליסטן־טעאָלאָגן, ווי, למשל, דעם רמב״ם, וועלכע זיינען געווען צופיל העלעניזירט תופס־צו־זיין דעם אמתן באַטייט און מיין פון דעם ציטירטן פּערז. דער עגאָ, דער איך, דער אנכי־יהוה איז קאָנקרעט אַלס אַ גייסטיקע צורה, אַלס אַ פּסיכאָלאָגישע געשטאַלט, אַלס אַ פּערזענלעכקייט און צו דער זעלביקער צייט איז ער אַבסטראַקט און „דק מכל דק״, דינער פון אַלדאָס דינע, „נעלם מכל נעלם״, און פאַרהוילענער פון אַלדאָס פאַרהוילענע אַלס דער פּרינציפּ פון זעלבסטהייט. אָט־די צוויי עלעמענטן, די אַבסטראַקציע און די קאָנקרעטיזאַציע, דער פּערזענלעכער און איבער־פּערזענלעכער טראַנסצענדענטאַלער מאָמענט, קאָאָפּערירן אין דער ביבל וואו דער כביכול דערשיינט אין דער פאָרם פון דער איכהייט פון ישראל, פון דער זעלבסטהייט פון דער מענטשהייט און פון דער זיך־אַליינקייט פון דער וועלט. און די מיסטעריע פון דעם עגאָ, פון דעם אנכי־יהוה, איז אַנטפּלעקט, איז דעמאָנסטרירט, מאַניפעסטירט אין דער סאָלידאַריטעט פון ישראל, אַלס דער אַוואַנגאַרד, אַלס דער עם־סגולה, פון דער מענטש־הייט, און אין דער גאַנצקייט פון דער מענטשן־ראַסע, און דער סיסטע־מאַטישקייט פון דער וועלט.

„ניט מיט אונדזערע עלטערן האָט יהוה געשלאָסן דעם דאָזיקן בונד (פון איכהייט), נאָר מיט אונדז, מיר די דאָזיקע וועלכע זיינען דאָ היינט אַלע לעבעדיקע״(ק׳). דער בונד פון די עלטערן טרעט אָפּ דעם אויבנאָן. די איכהייט פון נאָכפאָלגשאַפט איז ניט אַזוי מעכטיק, ווירקזאַם ווי דער איך וואָס ווערט פאָרמירט אין צוזאַמענזיינקייט, אין קאָעקסיסטענץ. די איכהייט צעמענטירט אין רוים פּאַרפעסטיקט די איכהייט וואָס ווערט עטאַבלירט אין צייט, אין דער פאַרגאַנגענהייט. דער בונד פון די אבות ווערט פאַרבלייכט אין פאַרגלייך מיט דעם בונד פון די קינדער, פון די וועלכע „זיינען פאַראַן היינט אַלע דאָ לעבעדיקע״... דאָס איז ניט קיין פאַרקייטלונג און פאַרבינדונג פון דורות אין פאָרטזעצונג, אין נאָכקומענ־שאַפט, אין ירושה, אין פאַרערבונג און פאַרנעמונג פון די פלעצער וואָס בלייבן וואַקאַנט, פאַרלאָזענע פון די פאַרשטאָרבענע. דאָס איז אַ בונד, אַן אחדות געבויט אויף דער קעגנוואַרט, אַן אייניקייט דורכגעפירט אין מיטעקזיסטענץ, אין רוים, אַ בונד עטאַבלירט צווישן לעבעדיקע, צווישן צייט־חברים, קאָנטעמפּאָראַרן. דער פּרינציפּ פון לעבן אַלס עפּעס גאַנ־צעס, אַלס אַן איך אין קעגנוואַרט, ניט אין פלעכטן די קייט פון דורות אין צייט, אַן איך אין רוים, דאָ־אויף־איין־אָרט ווערט דעקלאַרירט מיט דער גרעסטער פייערלעכקייט, מיט דער דערהויבנסטער סאָלעמניטעט. און באַמערקט נאָר, ווי דער פּסוק אַקצענטירט דעם פאַקט פון זיין דאָ

צוזאַמען אַלע לעבעדיקע. עס איז אַ בונד אָן טויטע, אָן דער אַנוועזנהייט פון די וועלכע זיינען אָפּוועזנד אין לייב און אַנוועזנד אין זכרון.

„... געזיכט אין געזיכט האָט גערעדט מיט אייך יהוה אין באַרג פון פייער אַרויס"(ק"א) „מתוך האש", מתוך האיש, פון מענטש אַרויס, פון זיין געוויסן. פייער און מענטש אין העברייאיש איז דאָס אייגענע. דער מענטש איז אַ חיה וועלכע האָט דערפונדן פייער. אַ מענטש איז אַ בעל־חי וואָס פאַרמאָגט עקזאַלטאַציע, התלהבות, גייסטיקן פייער און ברען. „געזיכט אין געזיכט" אין פולער אידענטיפיקאַציע, אין פולער צונויפשמעלצונג פון איך, פון יהוה און ישראל אַלס אַ גאַנצער איך, אַלס אַ בונד געשלאָסענער, האָט דער איך־ער גערעדט מיט אייך פון געוויסן אַרויס, פון גייסטיקער, פּראָפעטישער אינספּיראַציע. דאָס געוויסן, דאָס מיטוויסן, דער אַלגעמיינער באָדן פאַרן וויסן וואָס שאַפט דעם פונדאַמענט פאַר דעם אויפבוי פון פסיכישן קאָלעקטיוון איך איז „די שטים פון דינער שטילקייט" פון וועלכער דער נביא אליהו האָט גערעדט(ק"ב). אָט־דער דאָזיקער פייער פון עקזאַלטאַציע, פון שעפערישן ענטוזיאַזם, אָט־דער אש וואָס ברענט און גייט קיינמאָל ניט אויס אין האַרצן פון מענטשן, דאָס איז די שטילענקע שטימעלע פון דער איכהייט־זעלבסטהייט. די דאָזיקע שטימע האָט עס פּראָקלאַמירט דעם אנכי־יהוה.

„כדי דו זאָלסט פאַרכטן יהוה, דיין אלהים, אָפּצוהיטן אַלע זיינע סטאַטוטן און באַפעלן וואָס איך (אנכי) באַפעל דיך, דו, דיין זון און דער זון פון דיין זון"(ק"ג).

„דער איך באַפעלט דיך"... די פאַרבינדונג קלעטערט באַרג אַרויף. דער איך פאַרקניפּט זיך מיט די קומענדיקע דורות. אַ בונד ווערט גע־שלאָסן וועלכער פאַררעגלט די אַוועקגעגאַנגענע און די אָנקומענדיקע גע־נעראַציעס.

„וואָרים איך־יהוה, דיין אלהים, בין אַן אייפערזיכטיקער אל (מאַכט) וואָס רעכנט אַרויף די שלעכטע מעשים פון די עלטערן אויף די קינדער אַרויף, אין דריטן און פערטן דור צו מיינע שונאים, און טו גנאָד אין טויזנטער דורות צו מיינע ליבהאָבער און היטער פון מיינע באַפעלן"(ק"ד).

דאָ זעט מען ווי דער איך, דער אנכי־יהוה, שטעלט זיך אין פאַר־בינדונג, עטאַבלירט אַ קאָנטאַקט מיט טויזנטער דורות אין דער ווייטסטער צוקונפט אַריין. און דאָס, דעם אויסשפּרייט פון איכהייט ביז אין איי־ביקייט אַריין, קומט דער פסוק אונדז צו לאָזן הערן. און אין דער דאָזיקער גראַנדיעזער אויפטורעמונג פון איך ליגט די חשיבות פון זאַץ. זעלבסטהייט קען זיך ניט באַגרעניצן מיט דער פאַרגאַנגענהייט אַליין. זי ציט זיך אויס, זי עקספּאַנדירט צו דער מרחקימסטער פוטוריטעט. און דער פּאָזיטיווער

עלעמענט פון דער זעלבסטהייט איז פיל מעכטיקער פון דעם נעגאַטיוון. דער פּאָזיטיוו, די גנאָד־טואונג שפּאַרט אָן אַזש אין טויזנטסטן דור אַריין בשעת דער נעגאַטיוו, די זינד־זוכעריי, די עבירות־פּאַרצייכענונג קען ניט גיין ווייטער פון פערטן דור. זי שעפּט זיך אויס, זי פּאַרלירט איר האַפט און ממשות. זי הויכט זיך אויס. פּאַרוואָס? די זאַך איז פּשוט: שלעכטע מעשים, אומעטישע אויפפירעכצן ברענגען דערצו אַז די אויפ־פירער זאָלן זיך מיט דער צייט אַנטאַרטן, און זיי קענען ווייט ניט אָנ־ציען. זיי מוזן האָבן אַפּגעשניטענע יאָרן. זיי דעגענערירן און זייערע עברות קענען ווייט ניט געזוכט ווערן, געגרעכענט און באַשטראָפט ווערן — ווייל די בעלי־עבירות גייען אונטער, ווערן פאַרשאָטן אונטער די רואינען פון זייערע מעשים תעתועים. גוטע טאָטן, ווי גוטע טאַטעס, האָבן יורשים און זיי ציען זיך, אָן איבעריקייט אין איבערבראַך אַריין.

„און דו זאָלסט וויסן אַז יהוה דיין אלהים איז דער אלהים, דער געטרייער אל, די געטרייע גבורה, דער היטער פון בונד און גנאָד צו זיינע ליבהאָבער און אָפּהיטער פון זיינע געבאָטן פאַר טויזנט דורות; און ער באַצאָלט צו זיינע פיינט צו זייער געזיכט, צו פאַרדאַרבן זיין שונא וועט ער זיך ניט פאַרשפּעטיקן, צו זיין געזיכט וועט ער אים באַ־צאָלן"(ק"ה).

„און עס וועלן זיין די דאָזיקע רייד וואָס איך (אנכי) באַפעל דיך היינט אין דיין האַרצן(ק"ו).

דער איך זאָגט דיך אָן און דער איך איז אין דיין האַרצן, דעם איכס רייד און באַפעלן זיינען איינגעבאַקן טיף אין האַרצן.

„היטן וועט איר היטן די באַפעלן פון יהוה, אייער אלהים, זיינע צייגענישן און זיינע סטאַטוטן וואָס ער האָט דיך באַפעלן"(ק"ז).

„ער האָט באַפעלן" און „איך האָב באַפעלן" זיינען איין און די זעלביקע זאַך אין ספר דברים.

„און עס וועט דיך פרעגן דיין זון מאָרגן אַזוי־צו־זאָגן: וואָס איז דער באַטייט פון די צייגענישן און די סטאַטוטן און די אורטיילן וואָס יהוה אונדזער אלהים האָט אייך באַפעלן"(ק"ח).

דער מחבר פון ספר דברים מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן דעם „אנכי מצווך" און „יהוה מצווך", וויילביידע נעמען באַצייכענען איין באַגריף. און משה רעדט ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, ווי די פּסוקים ווערן געוויינטלעך אויסגעטייטשט, נאָר יהוה רעדט עס און אנכי (איך) מיינט יהוה (איך־ער), ניט דער פּשוטער איך פון משהן, נאָר דער איך פון דער פּערזענלעכקייט, דער גרויסער איך פון ישראל און פון דער וועלט.

און אין דעם ליגט טאַקע די גייסטיקע גבורה פון דער ביבל וואָס איז באַגרינדעט אויף דעם גרונט־פּרינציפּ, אויף דעם הויפּט־יסוד וועלכן קיינע שטורמישע ווינטן פון סקעפּסיס קענען ניט צעטרייסלען, צעשאָקלען, און אפשיטא שוין אַז ער, דער עיקר פון די עיקרים, האָט קיין מורא ניט זיי זאָלן אים אומוואַרפן אָדער אויסרייסן.

„עס איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן די שרייבער פון אַלטן טעס־טאַמענט צו באַווייזן אָדער אַרגומענטירן די עקזיסטענץ פון גאָט. צו טאָן עס וואָלט זיי אויסגעזען צו זיין איגנאַנצן איבעריק״(23).

גאַנץ נאַטירלעך, די ביבל האָט ניט געדאַרפט און ניט געקענט באַ־ווייזן די עקזיסטענץ פון גאָט. ווייל די ביבל, תורת־משה, די נביאים, האָבן מיט דעם גאָרניט צו טאָן. תורת־משה איז געבויט אויף דעם איך פּאָס־טולאַט. און דער איך קען ניט אַרגומענטירט ווערן, קען ניט באַוויזן ווערן — ווייל דאָס, די אַרגומענטאַציע און די באַווייזונג, וואָלט דאָך געפאָדערט די עקזיסטענץ פון אַן אַנדער איך וועלכער וואָלט דערווייל אָנגעפירט מיט דעם מושטירן פון די ראיות און דאטא און אורטיילן צו זיין גונסטן, צו באַווייזן זיין עקזיסטענץ. און אַזויאַרום וואָלט ער דאָך זיך פאַראויס־געשיקט אומבאַוויזענערהייט, איידער ער וואָלט צייט געהאַט זיך צו באַ־פעסטיקן מיט ראיות. דער איך איז דער ערשטער און לעצטער אַפּריאָרי, דער אַבסאָלוטער זעלבסט־גלויבן, דער גלויבן אין זיך אָן אַרגומענטן און באַווייזן.

V

אידישע עטיק באַזירט אויף דער אנכי־יהוה־לערע

1.

די ביבלישע עטישע סיסטעם איז באַזירט אויפן פּאָסטולאַט פון זעלבסטהייט, איכהייט, אַלס אַ קאָנצעפּציע וועלכע נעמט אַרום דעם גאַנצן שטאַם, דעם גאַנצן קיבוץ, דעם גאַנצן פאָלק און, דערנאָך, די גאַנצע מענטשהייט און די וועלט.

„אָט דאָס איז דער מהות פון געטלעכקייט און דער תורה — דער קעגנזאַץ צום עגאָאיזם, צו זעלבסט־ליבע און בכלל צום פּריוואַט־מענטשנס האַריזאָנט״(א).

לויט אונדזער פאַרשטיין, איז די תורה, תורת־משה, קיין קעגנזאַץ ניט צום עגאָאיזם, נאָר אַ דערהויבונג, דערהויכונג פון דעם דאָזיקן עגאָ־איזם. די תורה לערנט אונדז אָפּצושאַפן דעם פּאַליעגאָאיזם, סיי פון אינעווייניק און סיי פון דרויסן, און אויסקריסטאַליזירן אַ מאָנאָעגאָאיזם, אי פון דרויסן און אי פון אינעווייניק, הן כלפּי חוץ און הן כלפּי פּנים, וועלכער זאָל זיך באַזירן אויף די פעסטע יסודות פון אינטעראינדיווידואַ־ליזם. און דאָס איז טאַקע דער גרויסער געבאָט פון „ואהבת״, וואָס איז מער פּראָפּעציאָנעל איידער אַנזאָג־אימפּעראַטיוו.

„ואהבת את יהוה אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך״(ב). ליב דעם איך, אָדער דו וועסט ליב האָבן דעם איך, דעם אנכי יהוה.

דער מענטש, דער יחיד וועט ליבן זיין זעלבסט מיטן גאַנצן האַרצן, ווייל מיט אַ שטיקל האַרץ, מיט אַ שטיקל זעל, מיט איין מאָמענט־צו־שטאַנד האָט ער זיך ליב, אפילו ווען ער געפינט זיך אויף אַ זייער נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג. אָבער צו ליבן זיך מיט דעם גאַנצן האַרצן מיט דער גאַנצער זעל פאַר דעם פאָדערט זיך אַ געוויסע הויכע שטופע פון איכהייט־עוואָלוציע, איכהייט־אויסקריסטאַליזירונג. און דער „ואהבת״ איז אַ נבואה מכוח דעם מענטשנס וואַקסן און געדייען, גרויס ווערן, קאָנסאָלידירט ווערן און אָרגאַניזירט ווערן פון אינעווייניק אַזוי אַז ער וועט זיך ליב־האָבן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט אַלע זיינע מחשבותן, מיט אַלע זיינע באַגערן, געלוסטן און פאַרלאַנגען, מיט זיין גאַנצער אומגעשעדיקטער אומפּעלערהאַפטער פּסיכיק, מיט דעם סך־הכל פון אַלע זיינע איבערלעבונגען, דורכפילונגען, מיט אַלע טראַפּנס פון זיין באַוואוסט־

זיין־שטראָם. דער „בכל" זאָגט דאָ און מיינט זייער אַ סך. דער פסוק לערנט אונדז, דורך אַ צוקונפט־אָנזאָג, דורך אַ פאָראויספאָרזיכערונג, גאַנצ־קייט, שלימות, אויסגעהאַלטנקייט, האַרמאָניע, אחדות און יחוד געשאַפן פון אינעווייניק, אַזוי אַז איין צושטאַנד זאָל ניט צעשטערן, זאָל זיך ניט צוזאַמענשטויסן מיט אַן אַנדער צושטאַנד, זאָל ניט קאָנפליקטירן און אַנ־טאַגאָניזירן און רואינירן דאָס וואָס אַן אַנדער צושטאַנד, אַ פאַרדעמדיקער אָדער שפּעטערדיקער האָט אויפגעבויט אָדער וועט אויפבויען. דער „ואהבת" איז גאַנץ נאָענט צו דער צווייטער פּראָפּעצייאונג מכוח דעם מענטשן און זיין זעל און דאָס איז דער „תמים תהיה עם יהוה", און דו וועסט זיין גאַנץ־פאַרענדיקט, דו וועסט דערגרייכן שלימות. עס איז אַ נבואה מכוח יענעם צושטאַנד, יענער פאַזע פון דערגרייכונג ווען עס וועט זיך קאָנסאָלידירן און פאָרמירן זיין אינערלעכער אויסגעהאַלטענער אינטעראינדיווידועל.

„מאָראַליטעט האַלט זיך אויף דעם פּרינציפּ וואָס טראַנסצענדענטירט דאָס אינדיווידועלע באַוואוסטזיין און באַלאַנגט צו דעם ספּיריטועלן פּרינ־ציפּ פון איינקייט אין דער גאַנצער רעאַליטעט"(1).

אידישע עטיק איז ניט געבויט אויף דעם טראַנסצענדענטאַלן, נאָר אויף דעם פשוטן איך־באַוואוסטזיין וועלכער איז אַרויפגעבויט אַלס אַ העכערער עטאַזש אויף דער זעלבסט־באַגלויבטקייט. דאָס איך־באַוואוסט־זיין פאַרטיפט, אויסגעברייטערט, אינטענסיפיצירט און עקסטענסיפיצירט — דאָס איז דער יסוד פון מאָראַליטעט, פון אויסגעהאַלטענער, סיסטע־מאַטישער הנהגה. פון איך־זעלבסט־באַגלויבטקייט וויקלט זיך אַרויס דאָס איך־באַוואוסטזיין, אָדער ריכטיקער די איינקייט, די צווישנאיינקייט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק און דער אינטערפּענאָמענאַליזם פון דער גאַנ־צער רעאַליטעט וועלכע איז אַ פאַרקערפּערטע אידעאַליטעט. מאָראַליטעט געברויכט אַלס איר פונדאַמענט ניט די פאַרניינונג פון איך, פון דער איכהייט, פון דער אינדיווידואַליטעט, נאָר טאַקע דעם סאַמע איך און זיין פאַרטיפונג. די פאַרניינונג פון איך וואָלט לאָזן עטיק אָן אַ פּלאַץ, אָן אַ באָדן אין מענטשלעכן האַרץ און מענטשלעכן באַוואוסטזיין.

.2

„אַזוי איז אויך די עטיק פון אידישקייט ניט קיין סיסטעמאַטישע עטיק, נאָר אַ רעליגיאָנספילאָזאָפיע פון אידישער זיטנלערע"(2).

די אידישע מאָראַל באַזירט זיך אויף דעם עגאָסאָפישן הויפּט־יסוד, אויף דעם אנכי־יהוה. און דאָס איז די אידישע פילאָזאָפיע און אידישע

עטיק. מחמת די צוויי דיסציפּלינען זיינען באמת איין און די זעלביקע דיסציפּלין. די אידישע עטיק איז סיסטעמאַטיש געגוג. זי איז געבויט אויף אַ סאָלידן פונדאַמענט פון מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און איר „באַארבעט־קייט" ליגט אין דער סומע פון אָנזאָגונגען־פּאַראויסזאָגונגען. די אידישע עטיק איז אַ לערע מכוח דעם אויפפיר פון מענטשן אַלס אַ איך אַריינ־נעמענדיק אין דעם כלל דעם גאַנצן באַשאַף. דער קוואַל פון דער ביבלישער עטיק שפּרודלט אַרויס פון מאָנאָעגאָטיק, פליסט אַרויס פון דעם איכהייט־פּרינציפּ.

„וואָרים איך־יהוה טו גנאָד, גערעכט און גערעכטיקייט אין לאַנד וואָרים די דאָזיקע (זאַכן) באַגער איך, זאָגט יהוה"(ג).

וואָרים דו ביסט ניט קיין (אל) גבורה וואָס וויל בייז, עס באַוואוינט דיך ניט קיין שלעכטס"(ד).

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה צבאות (דער מיליטאַנטישער איך־ער) אַזוי־צו־זאָגן: דעם אמתן גערעכט ריכטעט און גנאָד און באַרמהאַרציקייט טוט יעדערער צו זיין ברודער. און אַן אלמנה און אַ יתום, פרעמדלינג און אָרימאַן זאָלט איר ניט דריקן, און פון שלעכטס־טאָן איינער דעם אַנדערן זאָלט איר ניט טראַכטן אין אייער האַרצן"(ה).

„דאָס זיינען די זאַכן וואָס איר וועט טאָן: רעדט אמת יעדער איינער צו זיין פריינט, אמת און גערעכט. פרידלעך משפּט אין אייערע טויערן. און קיינער זאָל ניט טראַכטן שלעכטס צו טאָן זיין מיטמענטשן און פאַלשע שבועות זאָלט איר ניט ליבהאָבן, וואָרים דאָס אַלץ האָב איך פיינט, זאָגט יהוה"(ו).

„וואָרים איך יהוה האָב ליב גערעכט און האָב פיינט גזלה אין אַ קרבן־עולה"(ז).

„וואָרים די ערד גיט אַרויס איר שפּראָצונג און דער גאָרטן מאַכט זיינע פאַרזייאונגען אַרויסוואַקסן, אַזוי וועט מיין האַר יהוה מאַכן שפּראָצן צדקה און לויב אַנטקעגן אַלע פעלקער"(ח).

„איך יהוה רייד גערעכטיקייט און זאָג אַן יושר(ט).

„פאַרשט גוטס און ניט קיין שלעכטס כדי איר זאָלט לעבן"(י).

„און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר אויף אייביק, און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר מיט גערעכטיקייט און מיט גערעכט און מיט גנאָד און מיט באַרמהאַרציקייט"(י"א).

„וואָרים איך באַגער גנאָד"(י"ב). „זייט אייך צו גערעכטיקייט און שניידט לויט גנאָד"(י"ג).

„אויב דו וועסט נעמען פאַר אַ משכון דאָס קלייד פון דיין מיט־מענטש, פאַרן זונפאַרגיין זאָלסטו עס צוריק־קערן צו אים. וואָרים דאָס

איז זיין איינציקער צודעק, דאָס איז זיין קלייד אויף זיין הויט; און אין וואָס וועט ער שלאָפן? און עס וועט זיין אַז ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך הערן, וואָרים איך בין גנאָדיק"(י"ד).

דער איך איז גנאָדיק.

„יהוה, יהוה איז אַ מאַכט אַ באַרמהאַרציקע, אַ מיטליידנדיקע, אַ געדולדיקע און פון פיל גנאָד און אמת"(ט"ו).

אַזוי כאַראַקטעריזירט יהוה זיך אַליין.

„מיט וואָס זאָל איך קומען אַנטקעגן יהוה, זיך בוקן צום אלהים פון אויבן? זאָל איך אים אַנטקעגן קומען מיט בראַנדאָפּפער, מיט קעלבער איינ־יאָריקע? צי באַגערט יהוה טויזנטער ווידערן, טויזנט טייכן פון בוימל? צי זאָל איך געבן מיין ערשט געבאָרענעם פאַר מיין פעלשונג, די פרוכט פון מיין לייב פאַר די זינד פון מיין זעל? דער מענטש האָט דיר געזאָגט וואָס עס איז גוט. און וואָס פאַרלאַנגט יהוה פון דיר? בלויז זיך אויפצופירן ווי באַדאַרף־צו־זיין און ליבהאָבן גנאָד"(ט"ז).

וואָס דער מענטש זאָגט אַז עס איז גוט, דאָס אייגענע איז גוט פאַר יהוהן, מחמת יהוה איז אַ ריינע עטישע קאָנצעפּציע און בשום־אופן ניט קיין רעליגיעז־ריטואַליסטישע אויפפאַסונג.

„וואָרים יהוה, אייער אלהים, איז דער אלהים פון אַלע אלהימס און דער האַר פון אַלע האַרן, די גרויסע שטאַרקע און פאָרכטזאַמע מאַכט (אל) וועלכע שאַנעוועט קיינעם ניט און נעמט ניט קיין אונטערקויפגעלט, ער טוט דאָס געריכט פון יתום און אלמנה און ער ליבט דעם פרעמדלינג צו געבן אים ברויט און אַ קלייד. און איר זאָלט ליבהאָבן דעם פרעמדלינג, ווייל פרעמדלינגס זייט איר געווען אין לאַנד מצרים"(י"ז).

יהוה איז גרויס, שטאַרק און פורכטזאַם. אָבער וואָס טוט ער מיט זיין גאַנצער גבורה? ער גיט אַכטונג אויף די יתומים און אלמנות אַז מ'זאָל זיי ניט באַליידיקן, אַז זיי זאָלן ניט אַרומגיין הונגעריקע און נאַקעטע...

און וואָס פאַר אַ ריטואַל פאַרלאַנגט ער?

„צי איז דאָס אַ תענית וואָס איך זאָל אויסקלייבן, אַ טאָג ווען דער מענטש פייניקט זיין זעל? צו בויגן מיין קאָפּ ווי אַ ריטל און אַ זאַק און אַש זיך אויסבעטן, צי צו דעם רופסטו אַ תענית און אַ טאָג פון ווילִיקייט צו יהוה? אָט־אַזוי דאַרף זיין דער תענית וועלכן איך וואָלט אויסקלייבן: מאַך לויז די שטריק פון אומרעכט, בינד פאַנאַנדער די קניפּ פון יאָך, לאָז פריי די אונטערדריקטע און יעדן יאָך צערייס. שטרעק אויס צום הונגעריקן דיין ברויט און אָרימע עלנטע לייט ברענג צו זיך אין הויז, אַז דו זעסט אַ נאַקעטן, דעק אים צו און פון דיין לייב פאַרבאַהאַלט זיך ניט. דעמאָלט וועט דיין ליכט ווי אַ מאָרגנשטערן אויסברעכן און דיין

היילונג וועט אויף־גיך שפּראָצן, און דיין גערעכטיקייט וועט גיין פאַר דיר און די ערע פון יהוה וועט דיך איינזאַמלען; דו וועסט אויסטיילן צום הונגעריקן דיין ברויט און אַ באַטריבט זעל וועסטו אָנזעטיקן — און עס וועט שיינען אין דער פינצטער דיין ליכט און דיין טונקלקייט וועט זיין ווי אין מיטן העלן טאָג״(י״ח).

אָנשטאָט אַ ריטואַל לייגט ישעיה פאַר אַן עטישן שטייגער, אַ מאָראַלישן אויפפיר. אָנשטאָט צו פאַסטן אַליין, זאָגט ער, וואָלט זיין אַ סך בעסער און מער אָנגעלייגט ביי יהוה ווען זיי וועלן אָנזעטיקן די הונגעריקע, ניט לאָזן זיי אומוויליק פאַסטן, הונגעריק זיין איבער־געוואַלד, פון נויט, פון אָרעמקייט, פון גרויס דחקות. אָנשטאָט זיך אָנצוטאָן אין־שפּאָס אין אַ זאַק בעסער ניט לאָזן אַנדערע אַרומגיין אין זעק, אָדער נאַקעט, נאָר פאַרלייגן זיי קליידער, טרייסטן די באַטריבטע, פאַרטיידיקן די באַליידיקטע, באַפרייען די געפאַנגענע, צעברעכן דעם יאָך, צערייסן די שטריק פון אומרעכט. דאָס איז ניט קיין ריטואַל, דאָס איז קיין גאָטעסדינסט ניט אין דעם אָנגענומענעם פּשט פון וואָרט. דאָס איז עטיק פשוט און איינפאַך.

„און זיי וועלן היטן דעם וועג פון יהוה צו טאָן צדקה און געריכט״ (בראשית, י״ח, י״ט). וויבאַלד עס שטייט שוין „און זיי וועלן היטן דעם וועג פון יהוה״ צו וואָס דאַרף מען „צו טאָן צדקה און געריכט״? נאָר עס מיינט אַזוי: דער ווער עס היט דעם וועג פון דער תורה, דער יעני־קער שאַפט, כביכול, די (סובסטאַנץ פון) צדקה און געריכט. און וואָס איז „צדקה און געריכט״? דאָס איז דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער.

האָט רבי שמעון זיך פאַנאַנדערגעוויינט און געזאָגט: ווי איז צו די מענטשנקינדער, זיי ווייסן ניט און גיבן ניט אַכטונג אויף דער טייער־קייט פון זייער האַר. ווער באַשאַפט דעם הייליקן שם אַלע טאָג? ענטפער: דער וועד עס גיט צדקה צו נויטבאַדערפטיקע... און דער וואָס גיט צדקה צו אַן אָרימאַן, ער מאַכט אויבן דעם הייליקן שם פולקומען, ווי געהעריק, מחמת צדקה איז דער בוים־פון־לעבן״(י״ט).

3.

„די אָפנבאַרונג פון אַלטן טעסטאַמענט איז גאָר אַנדערש, מחמת זיין קאָנצעפּציע איז פון אַ גאָט וועלכער געפינט זיך אינגאַנצן און גלייך פון־אַנהויב אין אַן עטישער באַציאונג צו דער מענטשהייט און, איבער־הויפּט, צו זיין פאָלק ישראל... און דאָס מורא־האָבן פאַר אים איז באַזירט אויף אַן אַבסאָלוטער עטישער עקזאַלטאַציע״(3).

„און דאָס איז טאַקע דער טעם פון דעם וואָס די רעליגיע פון ישראל איז געוואָרן לויט בודע אַן עטישע לערע, דאָס איז דערפאַר וואָס זי איז געווען אַ רעליגיע וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן דורך אויסקלייב און ניט אַ נאַטירלעכע רעליגיע״(4).

לויט דעם ציטירטן מחבר האָט משה איבערגענומען דעם יהוה־בליק, די יהוה־לערע פון יתרון, זיין שווער. די אידן, הייסט עס, האָבן אַנטליען זייער מענטש און וועלט־אַנשויאונג פון די מדינים, וועמענס פּריסטער יתרו איז געווען און צווישן וועמען משה האָט פאַרבראַכט אַ היבשע צייט. מיר דוכט אַז אַזעלכע השערות אַרויסגעזאָגט פון די אומקריטישע קריטיקער פון דער ביבל ווערן סוגעסטירט פון שנאה צו אידן און דאָס ניט פאַרגינען די אידן זייער עטיש־פילאָזאָפישן אויפטו. באמת, ווי קומען מיר צו פאַרמאָגן עפּעס אייגנאַרטיקעס, אָריגינעלעס און וויכטיקעס. מ׳דאַרף עס ביי אונדז צונעמען. מ׳דאַרף אונדז „פּאַגראַמירן״, באַראַ־בעווען, קאָנפיסקירן אונדזערע גייסטיק־מאָראַלישע רייכטימער. פאַרוואָס איז די יהוה־לערע עטיש דורך און דורך? ווייל עס איז אַנטליען, ענט־פערט דער אומקריטישער קריטיקער. זייער אַן איבערצייגנדיקער ענט־פער און זייער אַ קלוגע, האַפּטיקע דערקלערונג. עפּעס אַזוי ווי אַנטלייען מוז מען דווקא עטישע לערן. פאַרוואָס ניט אַנטלייען בעסער אומעטישע תורות, וועלכע אַפּעלירן מער צו די גראָבע, ווילדע אינסטינקטן פון די פרימיטיווע שבטים?

די עטישקייט פון דער יהוה־לערע נעמט זיך פון דעם וואָס תורת־משה איז די דערלייזערישע לערע פון איך און איכהייט. די הויפּט־זאָמען פון דער דאָקטרין איז דאָס געפיל און זיכערקייט אַז די בני־ישראל, ווי די גאַנצע מענטשהייט, — פון וועלכער די בני־ישראל זיינען דער אוואַנגאַרד, די איניציאַטיווע, פירנדיקע מינדערהייט — פאַרמירן איין קערפּער, איין זעל, איין איך, אַז דער מענטש־מענטשהייט און די וועלט, דער אוניווערסום, שטעלן פאָר מיט זיך איין גאַנצקייט, איין אייניקייט און איינציקייט, איין זעלבסטהייט, איין מאָנאָעגאָאיזם וועלכער דאַרף זיך רעאַליזירן אויף דעם פּרינציפּ פון איכהייט, אויף דעם וואָס יעדער מענטש זיינענדיק אַ איך וועט דערוואַקסן ביז צו דער אויפפאַסונג און שפּירונג פון דער וועלט־איכהייט.

די ביבל באַזירט זיך אויף דעם אנכי, אויף דעם איך, און יהוה איז דעריבער דער מקור פון אַבסאָלוטער עטיק.

„און עס וועט זיין אויב האָרכן וועט איר געהאָרכן צו מיינע געבאָטן וואָס איך באַפעל אייך היינט צו האָבן־ליב יהוה, אייער אלהים (דער מאָדוס פון באַציאונגען און סך־הכל פון אַלע כוחות און מאַכטן

און דינען אים מיט אייער גאַנצן האַרצן און מיט אייער גאַנצער זעל״...

אויב משה זאָגט עס און „איך״ מיינט ניט קיין פּרינציפּ, נאָר פּשוט, איך משה, די ערשטע פּערזאָן פון משהן וואָס רעדט צו זיי, דעמאָלט שיקט זיך בשום־אופן ניט די פאַרטזעצונג, דער צווייטער זאַץ, דער צוזאָג פון רעגן־פאַלן אין צייט.

„וועל איך געבן דעם רעגן פון אייער לאַנד אין זיין צייט, דעם פרי־רעגן און שפּעטרעגן, און דו וועסט אויפזאַמלען דיין קאָרן און דיין וויין און דיין בוימל, און איך וועל געבן גראָז אין דיין פעלד צו דיין בהמה, און דו וועסט עסן און דו וועסט זאַט זיין״(כ).

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז משה איז קיין רעגנגעבער ניט געווען, און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט דעם גראָז־וואַקסן, וועלכעס האָט, אגב, אַ קליינע שייכות געקענט האָבן מיט זייער מדבר־עקספּעדיציע מיט וואָס משה האָט אָנגעפירט ״און עס איז ניט משה וועלכער גיט רעגן אויף דער ערד און גיט גראָז אין פעלד״(כ״א).

דער איך (אנכי) איז ניט משה, נאָר דער פּרינציפּ פון איכהייט, דער כל־יכול, דער יסוד פון עטיק. און משה זאָגט זיי און אַז זיי זאָלן ליבן יהוה, דעם ענאַ, דעם איך־ער, ווייל איך און יהוה זיינען דער זעלביקער באַגריף, נאָר גענומען אין קאָנזעקוטיווע שטופן פון אַנטוויק־לונג און געקוקט פון פאַרשיידענע ווינקלען. און אָט־די לערע, די איך־לערע איז דער באַזיס פון אידישער עטיק.

„אשר אנכי מצווה אתכם״... פון משהס מויל איז אַזוי ווי מ׳הערט פון דעם מויל פון קדוש־ברוך־הוא, דען עס איז געזאָגט געוואָרן: „זיי זיינען געגעבן געוואָרן פון איין פּאַסטוך״, און ער זאָגט: „פּאַסטוך פון ישראל, הער זיך צו, דער וואָס פירט יוספן ווי שאָף, דער זיצער פון די כרובים, דערשיין״ (תהלים, פּ). און ער זאָגט: „הער, ישראל, יהוה איז אונדזער אלהים, יהוה איז איינער״(כ״ב).

וואָס דער ספרי זאָגט אונדז איז אַז עס איז בלויז דאָ איין פּאַסטוך, און דער אנכי פון משהן און יהוה זיינען אידענטיפיצירט.

4.

„און עס וועט זיין אויב געהאָרכן וועסטו די געבאָטן וואָס איך (אנכי) באַפעל דיך היינט... וועסטו אויפקלייבן דיין קאָרן און דיין וויין און דיין בוימל״.

„און דו וועסט אויפקלייבן״ — וועגן לאַנד־שטייגער רעדט די תורה״(כ״ג).

דאָ, בנוגע דעם קאָרן, וויין און בוימל, איז די פאַרבינדונג מיטן „איך״ גאַנץ פאַרשטענדלעך, הגם זיך ניט אַזוי לייכט צו כאַפּן, אין

פלוג. אַ ווילדער מענטש קען ניט אַקערן, זייען און שניידן, איבער־הויפּט, אויפזאַמלען. און ניט נאָר דערפאַר קען ער עס ניט באַוויזן צו טאָן, ווייל אים פעלן די טעכנישע קענטענישן וועלכע פאָדערן זיך פאַר אַגריקולטור און ער פאַרמאָגט ניט די גינסטיקע באַדינגונגען וועלכע אַליין פאַרמעגלעכן אַ גרונט־באַזיץ, אַ באַזעסן לעבן. עס איז פאַראַן נאָך עפּעס אין דעם. וואָס אים מאַנגלט איז די פּסיכאָלאָגישע פאַרבינדונגען, ער פאַרמאָגט, פּשוט, ניט די נויטיקע קאָנסאָלידאַציע פון זיין איך, פון זיין פּסיכאָלאָגישן מהות. ער קען ניט גיין אַקערן און זייען, קולטיווירן די ערד, דאַמעסטיצירן פלאַנצונגען, מחמת דעם וואָס ער וואָלט אַזעלכע באַשעפטיקונגען באַטראַכט ווי צייט־פאַרלוסט, מי־אַרויסוואַרף און פּשוטער פאַרטאַכלעוען פון זריעה, וועלכע ער וועט בעסער אויפעסן גלייך־אויף־אָן־אָרט. צווישן זייען און שניידן ליגט אַ היפּשער אינטערוואַל, די צוויי פעריאָדן ווערן אָפּגעשיידט דורך אַ צייט־משך און, ממילא, פּרימיטיוו־פּסיכאָלאָגיש גענומען, איז דער אַקערער און זייער איין פּערזאָן, און דער שניטער און אויפזאַמלער און אַריינברענגער פון די תבואה אין שייער אַריין — לחלוטין אַן אַנדער פּערזאָן. דער איינער זייט, האַרעוועט שווער, פּראַצעוועט אין שוויס פון זיין געזיכט און לאָזט זיך נאָך קאָסטן, גיט אויס הוצאות, ווי זריעה וכדומה. און דער צווייטער, דער וואָס קומט שפּעטער, איז אַ ווילד פרעמדער. ער האָט אין דעם פּראָצעס גאָרניט אַריינגעטאָן, ער האָט אין עסק גאָרניט אַריינגעלייגט, ער קומט, צו־געווויסער־מאָסן, אויף־אַלעם־פאַרטיקן, ער פאַזשיוועט זיך אויף יענעמס חשבון. און נאַטירלעך אַז דער ווילדער, דער פּרימיטיעוור מענטש וואָלט אויף אַזאַ אונטערנעמונג מיט אַזעלכע טרויעריקע רעזולטאַטן בשום־אופן ניט געקענט איינגיין. ער וואָלט בשום־אופן ניט דערלאָזן אַז איינער זאָל זייען און דער צווייטער זאָל שניידן. אי, סטייטש, דער צווייטער איז דאָך די אייגענע פּערזאָן, דער זעלביקער מענטש, מער ניט ווי אָפּ־געטיילט מיט אַ מחיצה פון אַ פּאָר חדשים? די דאָזיקע מחיצה פאַר דעם פּרימיטיוון מענטשן איז געווען נענוג אַז ער זאָל זיך באַטראַכטן פאַר צוויי פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן. דער עלעמענט פון צייט איז פאַר דעם פּרימיטיוון מענטשן ניט געווען פון קלענערער סעפּאַראַטיס־טישער ווירקזאַמקייט ווי דער עלעמענט פון רוים איז פאַר דעם אַזוי־גערופענעם ציוויליזירטן מענטשן. דער זייער, דער אַקערער וואָלט געזען אין שניטער און תבואה־אויפקלייבער אַ „פרעמדן", אַ „ראַבירער", אַן עקספּראָפּריאַטאָר פון פרעמדן שוויס, פּראַצע און גוטס. און פּסיכאָלאָגיש איז דער פּרימיטיוועור מענטש ניט געווען פייאיק זיך צו פאַרנעמען מיט אַ זאַך וואָס צאָלט ניט גלייך אויפן פּלאַץ במזומנים, וואָס גיט ניט גלייך

אויף־דער־שטעל, כמעט אין זעלביקן מאָמענט, די פּאָזיטיווע געגאַרטע רעזולטאַטן. דער פּרימיטיווער מענטש צוליב דער נידעריקער שטופע פון זיין איך־אַנטוויקלונג האָט ניט געקענט באַזיצן געדולד און אויסדויער. געדולד, אויסדויער, אָנשטרענג־פּייאיקייט זיינען פּסיכאָלאָגישע פּראָדוקטן פון איך־קולטיווירונג. ער האָט זיך ניט געקענט פאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפט, וועגן דעם וואָס וועט ערשט זיך צוריקקערן מיט ריווח נאָך אַ געוויסער פאַרלאָפענער צייט. וואָס טויגן אים די פּראָפיטן וועלכע קומען אָן שפּעט, וואָס טויגן אים פּירות וועלכע ווערן צייטיק שפּעט. פון זיי וועט דאָך געניסן ניט „ער", נאָר זיין פרעמדער, זיין גר ותושב וועלכער וואוינט אין זיין לאַנד־קערפּער, אַן אַנדער מענטש, אַ פּערזאָן מיט אַנדערע באַגערן, מיט אַנדערע זעלנצושטאַנדן, מיט פאַרשיידנאַרטיקע באַוואוסטזיין־פעלדער, מיט אַנדערע אַפּעטיטן.

און די נאַר־וואָס ציטירטע פּסוקים פון דברים פּלייסן זיך צו קול־טיווירן דעם איך און אויסברייטערן אים אין צייט, ווייל יהוה איז אַ איך־ער, אַ איך וועלכער נעמט אַריין דעם אייגענעם „ער" מעג ער אָפּשטיין פון „איך" אויף אַ גרויסער דיסטאַנץ פון יאָרן. און דער „ואספת" דו וועסט אויפזאַמלען איז אַ גרויסער אויפטו, איז אַ רעזולטאַט פון דעם „אנכי", פון דעם וואוקס פון איך־באַגלויבטזיין און איך־באַוואוסטזיין, פון זעלבסט־באַגלויבטקייט און זעלבסט־דערקענטעניש.

„דרך ארץ דברה תורה!" תורה־משה לערנט דעם פּרימיטיוון מענטשן, ווייזט אים אַ נייעם שטייגער פון לעבן וועלכער באַזירט זיך אויף אַ טיפערן און רייכערן פאַרשטייך און פילן פון איך. פאַר אַ פּרימיטיוון בעדואין, אַ נאָמאַד, איז אַזאַ פּסוק, ווי דער אָקאָרשט־ציטירטער, אַ גרויסע און חשובע אַנטדעקונג פון אומגעהויער פּסיכאָלאָגישן באַטייט. דאָס איז אַן אָנווייז אויף אַ שטאָפּל אַרויף אויפן לייטער פון עגאָ־באַוואוסטהייט... און דער סוף־פּסוק באַשטייט דערויף אַז ער וועט עסן און זאַט ווערן, טאַקע ער אַליין, און ניט קיין פרעמדער. מחמת ער בלייבט דער איי־גענער אומגעעאַכטעט אויף דעם צייט־אָפּגרונט, אויף דעם כראָנאָלאָגישן אינטערוואַל. „ואכלת־ושבעת" „און דו וועסט עסן און דו וועסט זאַט ווערן" — איז געווען אַ גרויסער אויפטו, אַ גרויסער זעלן־חידוש, וועלכער האָט געפאָדערט פּסיכאָלאָגישן אָנשטרענג און אַ געוויסע דרגא פון פּסי־כישער קולטור פון איך־וואוקס, פון עגאָ־פּראָגרעס.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם פּסוק האָט מען געקענט טייטשן אַז דאָ ליגט אַ צוזאָג אַז ער אַליין וועט אויפזאַמלען די תבואה פון זיינע פעלדער און ניט די שונאים, די פרעמדע וועלכע קענען זיך אַריינרייסן אין לאַנד. נאָך אַלעמען, דאָס אַמאָליקע לעבן איז דאָך געווען אַזוי אומזיכער. אָבער

דער גאַנצער גייסט פון טעקסט, דאָס רעגענען אין צייט, דאָס גראָז וואַקסן, זאָגט אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פרידלעכן, געזיכערטן צו־שטאַנד, מיט אַ שלום־סיטואַציע וועלכע ווערט באַהאַנדלט ריין פון אי־נעווייניק.

5.

„זע איך גיב אייך היינט אַ בענטשונג און אַ שעלטונג"(כ"ד).

ווער גיט זיי די ברכה און די קללה? דער אנכי, דער איך, דער עגאָ, ניט משה אין זיין אייגענעם נאָמען. די קללה ליגט אין אנכי, אין דער סעפּאַראַציע, אין דער פרישות פון דער וועלט, אין דעם פּאַרטיקו־לאַריזם, די אָפּגעזונדערטקייט פון מיטמענטשן, פון גרויסן ציבור. אָבער אין דעם ליגט די גרעסטע ברכה. אָן דעם איז קיין באַוואוסטזיין ניט מעגלעך, קיין זעלבסט־דערקענטעניש איז ניט מעגלעך אָן דער קאָנצענט־רירונג און קאָנטראַסטירונג וועלכע קומט, פליסט אַרויס פון דער סעגרע־גאַציע. די פלוך ליגט אין באַגרעניצטן, פּרימיטיוון, פאַרגרייזטן, פאַרגרעבטן פאַרשטייך פון עגאָ אַלס די איינציק אייגענע פּערזאָן געגומען אין איר נידעריקייט און נישטיקייט. און די ברכה געפינט זיך אין דעם אייגענעם באַגריף, אין דער זעלביקער ריכטונג פון אַנטוויקלונג און שאַפונג ווען די איך־קאָנצעפּציע ווערט אויסגעברייטערט און אויסגעלייטערט און דער־הויבן צו אַ מענטש־געזעלשאַפט־וועלט פּרינציפּ.

סיי די ברכה און הצלחה, סיי די קללה און יללה, סיי דאָס גוטע און שיינע, עטיש־דערהויבענע, און סיי דאָס שלעכטע, פּאַסקודנע און מיאוסע קומען אַרויס, זיינען פאַלגן פון דעם זעלביקן אנכי, פון דער זעלביקער גרונטאַוונער השגה. און דער חומש פירט אַריין דעם וואָרט אנכי (איך) דורך דעם מויל פון ערשטן רוצח־נפש, דעם מערדער פון זיין אייגענעם ברודער. קין איז דער ערשטער וועלכער געברויכט דעם אנכי אין בראשית אין זאָץ „השומר אחי אנכי?" צי בין איך דער היטער פון מיין ברודער?(כ"ה).

די סעפּאַראַציע פון דעם אוניווערסום און זיך אויסטיילן אַלס עפּעס כלומרשט אומאָפּהענגיקעס, די אָפּזונדערונג פון דעם כלל און זיך פּראָ־קלאַמירן אַלס פּרט וועלכער שטייט אין אייגענעם רשות, טראָגט מיט זיך אָן אַ שיעור אחריות און שוועריקייטן, צרות, פּרעניות — אָבער דאָס איז דער גרעסטער אויפטו, אָט־די קאָנצענטרירונג וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט אַ זעלבסט־באַגלויבטזיין, אַ זעלבסט־גלויבעניש און גייט אַריבער,

צו אַ געוויסן־גראַד, צו זעלבסט־באַוואוסטזיין. אָן סעפּעראַציע, סעגרעגאַציע וואָלט דאָס ניט געקענט געטאָן ווערן.

„...די בענטשונג אויב איר וועט געהאָרכן די געבאָטן פון יהוה, אייער אלהים, וואָס איך באַפעל אייך היינט. און די שילטונג אויב איר וועט ניט געהאָרכן די געבאָטן פון יהוה, אייער אלהים, און איר וועט זיך אָפּקערן פון וועג וואָס איך באַפעל אייך היינט צו גיין נאָך אַנדערע אלהים (פּאַרהעלטעניש־מוסטערן און מאָדוסן פון באַציאונג־רעגולירונג) וועלכע איר האָט ניט געוואוסט"(כ"ו).

„און איר וועט היטן צו טאָן אַלע סטאַטוטן און אורטיילן וואָס איך גיב אייך היינט"(כ"ז).

אין די דאָזיקע פּסוקים, ווי אין אַלע ענלעכע, מיינט אנכי (איך) ניט משה נאָר דער פּרינציפּ פון איכהייט פּערסאָניפיצירט, די זעלבסטהייט קאָנקרעטיזירט.

„...צו גיין נאָך אַנדערע אלהים וועלכע איר האָט ניט געוואוסט"... און קענט זיי ניט וויסן, קענט זיי ניט קענען, ווייל זיי געפינען זיך ניט אין אייער באַוואוסטזיין, אין אייער אינערלעכן וויסן, אינערלעכן פאַרשטאַנד.

עס איז פאַראַן איין זעלבסטהייט ווי אין אונדז אַזוי אויך אויסער אונדז. עס עקזיסטירט איין איכהייט וועלכע נעמט אַרום מענטש־מענטשהייט און דעם גאַנצן קאָסמאָס. און דאָס איז דער צוועק וועלכן תורת־משה, די דערלייזונגס־לערע, האָט זיך געשטעלט: תורת־משה באַמיט זיך אויסצובילדן איין קאָמפּליצירטע, צווישנאיינציקע, אייניקייט, אויסהאַמערן אין הויך־קוואַליפיצירטן, צווישנאיכיקן, אנכי, אַלס אַ וועלט־געזעלשאַפט־מענטש קאָנצעפּציע און מאָדוס פון אויפפיר. און איבערהויפּט אַקצענטירט דער חומש דעם אנכי, דעם איך־פּרינציפּ פון פאָלק ישראל.

„און איר וועט וויסן אַז אינעווייניק אין ישראל בין איך, און איך־יהוה בין אייער אלהים, און מער גאָרניט"(כ"ח).

די דאָזיקע גרופּע פון סוביעקטיוויסטן, איכיסטן, אידן, זיינען די דערפינדער און קולטיווירער, פּאַרטיפער און אויסברייטערער פון דעם דאָזיקן איך־פּרינציפּ אַלס דעם יסוד פון זייער וועלט און מענטש־באַנעם. און דער חומש אַדרעסירט זיי טאַקע גאַנץ אָפט אין לשון יחיד, ער רעדט צו זיי אין איינצאָל. ווייל ער באַטראַכט זיי אַלס איין צווישנפערזענלעכע פּערזענלעכקייט.

„קום און זע! די וועלט האָט אַ מלבוש און אַ גוף, און אַ נשמה, און אַ נשמה־פון־אַ־נשמה: די הימלען און זייער הערשאַפט דאָס איז דער מלבוש; די כנסת־ישראל איז דער גוף וועלכער נעמט אויף די

נשמה... וועלכע איז די תורה; און די נשמה־פון־דער־נשמה דאָס איז דער הייליקער זקן. און דאָס אַלץ, איינס־מיט־אַן־אַנדער איז אַ איינ־קייט(כ״ט).

„דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער, די תורה און די אידן פאַר־בינדן זיך איינס מיט דאָס אַנדערע״(ל).

„אורייתא וקב״ה וישראל חד הוא״, די תורה, דער הייליקער־גע־בענטשט־איז־ער און די אידן זיינען איין זאַך...

6.

„און דאָרטן וועסטו טאָן אַלץ וואָס איך באַפעל דיך״(ל״א).

„דאָס אַלץ וואָס איך באַפעל אייך״(ל״ב).

„אַלץ וואָס איך באַפעל אייך צו מאָן דאָס זאָלט איר היטן צו טאָן, און דו זאָלסט ניט צוגעבן צו דעם און זאָלסט ניט אָפּנעמען פון דעם״(ל״ג).

„אַז דו וועסט געהאָרכן די שטים פון יהוה, דיין אלהים, צו היטן אַלע זיינע געבאָטן וואָס איך באַפעל דיך היינט״(ל״ד).

„וואָס איך באַפעל דיך היינט״(ל״ה).

„דעריבער באַפעל איך דיך אַזוי־צו־זאָגן: עפענען זאָלסטו עפענען דיין האַנט צו דיין ברודער דעם נויטוועגדיקן אָרימאַן אין דיין לאַנד״(ל״ו).

אַלע מאָל ווען דער חומש פּראָמולגירט אַ סאָציאַלן געזעץ וועלכער באַזירט זיך אויף עטיק, אַ צדקה־געבאָט, אַנזאָגנדיק צו באַהאַנדלען גוט־האַרציק, צו האָבן רחמנות אויף דעם ברודער, דעם שכן, דעם פריינט, דעם פרעמדלינג, שטעלט ער גלייך צו צום־סוף פון דעקרעט־זאַץ „ווייל איך בין יהוה״. און אַזויאַרום באַגרינדעט דער חומש דעם געזעץ אויף דעם עטישן און פילאָזאָפישן, עגאָסאָפישן, יסוד. איך באַפעל, איך בין יהוה, דער איך וועלכער איז כולל דעם ער, דער איך וועלכער איז אַן איך־ער. דער איך נעמט אַריין די גאַנצע געמיינדע, דעם גאַנצן געזעמל פון מענטשן, אָדער, צום־ווייניקסטן, די טאָטאַליטעט פון דעם פאָלק ישראל. דער איך נעמט אַריין די גאַנצע אינעווייניקסטע עדה, דעם גאַנצן אינערלעכן געזעמל פון זעלן־צושטאַנדן. און אויף דעם סאָלידן פונדאַמענט, גענומען אַלס באַזיס פאַר דער גאַנצער לערע פון משה און די נביאים, ווערן די איינצלנע עטישע נאָרמען, וועלכע דער חומש פאַרשרייבט, אַרויפגעשטעלט ווי אויף אַ פּיעדעסטאַל. און דער חומש איז זיכער אַז קיין כוח אויף דער וועלט וועט ניט קענען זיי אָפּשלאָגן, אומוואַרפן. נאָר די דאָזיקע פאַרשריפטן וועלן אויסגעפילט ווערן. זיי מוזן אויסגעפילט

ווערן, מקוים ווערן מחמת זיי זיינען דיקטירט פון דעם אומאָפּשטעלבאַרן פּאַנאַנדערוויקל פון עגאָ־כוחות.

„פונקט ווי עס נידערט אַראָפּ דער רעגן און שניי פון הימל און אַהין קערט ער זיך ניט אום סיידן ער טרינקט אָן די ערד און מאַכט איר געבוירן און שפּראָצן און ער גיט זאָמען צום זייער און ברויט צום עסער, אַט אַזוי וועט זיין מיין וואָרט וואָס וועט אַרויס פון מיין מויל, ער וועט צו מיר ניט קומען צוריק, מיט־ליידיקן, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט געטאָן וואָס איך האָב געוואָלט און ער וועט באַגליקן אין זיין שליחות(ל״ז).

„און אַז דו וועסט אים אַרויסשיקן פריי פון דיר, שיק אים ניט אַוועק מיט־ליידיקן. אָנלאָדן זאָלסטו אים אָנלאָדן פון דיין שאָף, פון דיין שייער און פון דיין ווײַנקעלער; מיט וואָס יהוה, דיין אלהים, האָט דיך געבענטשט זאָלסטו אים געבן. און דו זאָלסט געדענקען אַז דו ביסט געווען אַ שקלאַף אין לאַנד מצרים און עס האָט דיך אויסגעלייזט יהוה, דיין אלהים, דעריבער באַפעל איך דיך צו טאָן אַט־דאָס היינט״(ל״ח).

דו ביסט געווען אַ קנעכט, און יעדער קנעכט איז דעריבער אַ טייל פון דיין זעלבסטהייט. און מחמת דעם באַפעל איך דיך אַט־דאָס, ווייל די איכהייט אידענטיפיצירט זיך מיט די קנעכט און לייזט זיי אויס, ניט נאָר דיך אַליין, נאָר אַלע קנעכט אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. און דו זאָלסט געדענקען — אַט־די געדעכעניש, די דאָזיקע דערינערונג איז אַ דעראינעווייניקונג פון אַ שעפערישן כאַראַקטער. די אַקציע פון דערמאָנעניש בינדט אים צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע שקלאַפן, מיט אַלע לייב־אייגענע, מיט אַלע געבונדענע, און מאַכט פון זיי איין גאַנצע קאָמפּליצירטע אייניקייט, איין זעלבסטהייט. און „דעריבער באַפעל איך דיך״ — ווייל דאָ געפינט זיך קרובהשאַפט, פאַרוואַנדשאַפט און אידענטיפיקאַציע.

7.

„לכן באַפעל איך דיך אַזוי־צו־זאָגן: דריי שטעט זאָלסטו זיך אָפּ־זונדערן״(ל״ט).

דאָ האָבן מיר ווידער צו טאָן מיט אַ סאָציאַלן געבאָט וואָס האָט אַ מאָראַלישן אונטערשלאַק, און דער איך אַלס פּרינציפּ איז דאָ פּאַסיק. דער איך פאַרפליכטעט דעם מענטשן אַז ער זאָל זען באַזאָרגן זיין מיט־מענטשן און צוגרייטן פאַר אים אַן אַנטרינונגס־פּלאַץ, אויב דער לעצטער איז אומשולדיק און ווערט פאַרפאָלגט פון אַ גואל־הדם.

„ווען דו וועסט היטן דעם דאָזיקן גאַנצן געבאָט, צו טאָן אים, וואָס איך באַפעל דיך היינט ליב־צו־האָבן דעם יהוה, דיין אלהים, און גיין אין זיינע וועגן אַלע טעג, דעמאָלט וועסטו (זאָלסטו) צוגעבן נאָך דריי שטעט צו די דאָזיקע דריי״(מ).

„מיט דער טעאָריע פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט גייט כמעט נויטווענדיקערווייז דאָס ניט קענען אונטערשיידן צווישן אַ צופאַל אַ בשוגג, און אַ בכיוון, אַ במזיד. אין דער עטיק פון אָרגאַניזירטער נקמה איז דער שווערפּונקט פון באַשולדיקונג קעגן דעם אָנגרייפער דאָס וואָס ער האָט געטאָן אַ היזק. ווי ער האָט עס געטאָן, צי מיט אַן אויסגער־רעכנטער כוונה אָדער דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל איז אַן ענין פון קליינער חשיבות... די גאַנצע נפקא־מינה וואָס ליגט צווישן אַ מיט־אַ־כיוון און אַ צופעליקייט איז בשום־אופן ניט אַזוי קלאָר פאַר דעם פרימיטיוון מענטשן ווי דאָס איז פאַר אונדז. מחמת כאָטש עס פאָדערט זיך זייער וויניק רעפלעקטירונג און אַ זייער באַשיידענער סכום פון זעלבסט־קענ־טעניש בכדי מבחין־צו־זיין צווישן דאָס וואָס איינער טוט זיך אַן דורך אַ צופאַל און וואָס ער איז זיך גורם מיט אויסרעכענונג, און זייער אַ באַשיידענע מדרגה פון דענקנסקראַפט אָנצואווענדן אָט־דעם אונטערשייד צו אַנדערע מענטשן, פונדעסטוועגן ווערט אָט־די אויפקומענדיקע רעפּ־לעקסיע פון ווילדן דערשטיקט ביים געבאָרן־ווערן... אין ספר דברים איז שוין דאָ אַ פאַרזוך צו דעפינירן אַן אומגליקסצופאַל״(5).

בכדי צו זיין אימשטאַנד צו באַגרייפן אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד פון בשוגג און במזיד, פון אַ צופאַל און אַן אויסגערעכנטער צוגעגרייטער געצילעוועטער אַקציע פאָדערט זיך אַ געוויסע מאָס פון זעלבסט־קענטע־ניש, פון אינערלעכן אַנאַליז. און דער איך (אנכי) פאַסט זיך דאָ גוט אַריין. דאָס איך־באַוואוסטזיין ווען עס אַנטוויקלט זיך שאַפט דאָס פאַר־שטיין פון דער מענטשלעכער נשמה, און אירע אָפּעראַציעס, מענטשן־פּסיכאָלאָגיע מיט אירע פונקציעס און אַרבעטס־מעטאָדן. און פון זעלבסט־פאַרשטענדעניש גייט מען אַריבער צום פאַרשטיין פון דעם מיטמענטשן. פון נאָך־מענטשן צום מיטמענטשן, פון אינער־מענטשן צום דרויסן־מענטשן. און דער פּרינציפּ פון אנכי, דער עגאָסאָפישער יסוד פאַסט זיך צו דינען אַלס באַגרינדונג פאַר דעם געזעץ וועגן די אַנטרינונגס־שטעט.

דאָס וואָרט אנכי (איך) ווערט דאָ געברויכט צוזאַמען מיטן וואָרט „היינט״. דער פאַרפאַסער־געזעצגעבער באַשרייבט אַ קעגנוואַרטיקן צו־שטאַנד. דערנאָך גיט ער צו די פראַזע „אַלע טעג״ וועלכע באַצייכנט די צוקונפט און מיט דער פוטוריטעט איז שוין פאַרבונדן דער יהוה, דער עגאָ וועלכער איז קעגנוואַרט, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. און דער

דאָזיקער אנכי (איך) דינט דאָ צו באַגרינדן מיט אים אַ סאָציאַל־הומאַני־טאַרן געזעץ, אַן אָנזאָג און פּאָ־אויסזאָג, צו האָבן רחמנות, אַרויסצואווייזן באַרמהאַרציקייט בכדי צו ראַטעווען אַן אומשולדיק לעבן פון די לאַפּעס פון ברוטאַלער נקמה, פון באַרבאַרישער בלוט־ראַכע.

„און אויב דו וועסט האַלטן מיין געבאָט וואָס איך באַפעל דיך היינט צו ליבהאָבן יהוה... אַלע טעג, אין דער אייביקייט, דעמאָלט וועסטו צוגעבן נאָך דריי שטעט צו די פאַרדעמדיקע דריי", מחמת האַלטהאָבן יהוה מיינט באמת האַלטהאָבן דעם מענטשן, אַרויסווייזן גוטווילן צו מענטשלעכע וועזנס, צו עטאַבלירן פרידן אין דיין לאַנד, צו האַלטן אָרד־נונג אין דיינע נחלאות.

„ווער עס האָט פיינט אַ מענטשן איז עס גלייך ווי ער וואָלט פיינט געהאָט דעם רבונו־של־עולם"(מ"א).

8.

„די גאַנצע תורה איז געגעבן געוואָרן צוליב די פרידנס־וועגן"(מ"ב).

„און ער וועט אַרויפטאָן אויף דיר פרידן". רבי אליעזר זאָגט: גרויס איז פרידן ווייל אַלע נביאים האָבן ניט איינגעפלאַנצט אין די מיילער פון אַלע באַשעפענישן נאָר בלויז פרידן"(מ"ג).

זיי האָבן דעם פרידן פּאָטענציעל אַריינגעלייגט אין די מיילער און אין די הערצער דורך דעם וואָרט „איך".

און עס איז גאַנץ גוט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די ביבל, וועלכע באַזירט זיך אויפן עגאָסאָפישן פּרינציפּ פון יהוה, פון איכהייט, האָט עטאַבלירט טעאָרעטיש אַ פּאָליטישן איינשטעל וועלכער דאַרף באַצייכנט ווערן אַלס אַן עגאָקראַטיע, אַ יהוה־ממשלה, אַ אנכי־מלכות. דעם דאָזיקן סדר האָט יוסף פלאַוויוס צוליב אַן אומפּינקטלעכקייט, וועלכע האָט איר פאַרענטפער אין זיין פאַרלאַנג צו מאַכן דעם ענין וואָס מער צוגענגלעך צו די רוימער און גריכן פון זיין צייט, אָנגערופן טעאָקראַטיע. אָט־דער אומריכטיקער טערמין האָט אַ היפּש־ביסל בייגעטראָגן צו דער פאַרווי־רעניש וועלכע הערשט נאָך פון אַלטערטום אָן בנוגע דער אידישער סאָציאַל פילאָזאָפיע.

יוסף פלאַוויוס שאַפנדיק דעם נייעם וואָרט האָט אַליין געזאָגט אַז דער טערמין וועלכן ער פירט איין קען אויסדריקן די השגחה וועלכע ער האָט אין זינען בלויז מיט גרויס אָנשטרענגונג.

„אונדזער געזעצגעבער... ווי איינער קען זאָגן געברויכנדיק אַן אָנגעצויגענעם אויסדרוק, עטאַבלירט דעם נאַציאָנאַל פּאָליטישן איינשטעל

אַלס אַ טעאָקראַטיע, — פאַררופנדיק זיך אויף דער הערשאַפט און מאַכט פון גאָט״(6).

ער מיינט געוויס די הערשאַפט פון יהוה, ניט פון אַ גריכישן אָפּגאָט, געטש־גאָט. ער מיינט זיכער אַ „יהוה־קראַטיע״, און דאָס מוזן מיר, אויב מיר ווילן זיין פּינקטלעך און ניט שעדיקן דעם אידישן געדאַנק און אייגנאַרטיקן נוסח פון דענקען, איבערזעצן עגאָקראַטיע, אַן איך־הערשאַפט.

דער באמת־הומאַניטאַרער געזעץ איז אַלע מאָל, אַן וועלכער ניט איז אויסנאַם, אַ יהוה־געבאָט, אַן איך־באַפעל, אַן עגאָ־אַנזאָג. לויט דער ביבלישער השגה, וועדליק דער אויפפאַסונג פון תורת־משה און די נביאים, זיינען ניטאָ און קענען ניט זיין קיינע ענינים וועלכע זאָלן ניט אונטערפאַלן אונטער דער יוריסדיקציע פון דעם אנכי־פּרינציפּ ווען ער ווערט אָנגעווענדט אַלס רעגולאַטאָר און מאָדיפיקאַטאָר פון צווישנמענטש־לעכע באַציאונגען, ווי אויך אַלס געשטאַלטער און מוסטערער פון די אינערלעך מענטשלעכע שייכותן. און די ביבלישע קאָנסטיטוציע פאָדערט די עטאַבלירונג פון אַ חברהשאַפט, פון אַ געזעלשאַפט אין דעם בוכ־שטעבלעכן זינען פון דעם וואָרט, דאָס הייסט אַ גרופּע־לעבן באַזירט אויף דעם יסוד פון געזעלשאַפט, חברשאַפט, אין אַנדערע ווערטער, אַן עגאָקראַטיע. עס קען ניט זיין און עס דאַרף ניט זיין, לויט דער ביבל, קיין אַנדערע פּאָליטישע אינסטיטוציע ווי די וועלכע איז געגרינדעט אויפן פונדאַמענט פון „ואהבת לרעך כמוך״. דער הייליקער אויגוסטין, וועלכער האָט, ווי אַלע אַנדערע האַלב־געטשנדינער און האַלב־אידן, פאַגאַניזירט דעם אידישן באַגריף, וועגן אַ פּערפעקטן פּאָליטישן סדר, און אים גע־רופן „ציוויטאַס דעי״ בשעת באמת מיינט עס די מלכות פון יהוה, די הערשאַפט פון איך־ער, די עטאַבלירונג פון אַן עגאָקראַטישער קאָנסטיטוציע, אַ סומע איינפירונגען וועלכע בילדן אַ קנויל פון רעגולאַציעס וועלכע פאַסן אַרום אַלע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, פון מענטש צו זיך, צו זיין אייגענעם איך, און פון מענטש צו דער וועלט. אָט־די אַלע שייכותן זיינען אין גרונט גענומען זעלבסט־שייכותן, פאַרהעלטענישן פון איך צו איך, פון איך צו זיך, פון איין טייל פון איך צום צווייטן טייל. ווייל סיי דער מענטש וועלכער איז צעטיילט אין צייט, וועלכער דאַרף הייסן נאָך־מענטש, און סיי דער מענטש וועלכער איז אָפּגעטיילט אין אָרט וועלכער הייסט מיטמענטש, און סיי זיין אָביעקטיווירונג, דאָס הייסט מחוץ למענטש, ניט־מענטש, וועלט — אָט־זיי אַלע פאַרמירן איין גאַנצן איך, דעם יהוה, דעם אני־יהוה. און די ביבל פאַרפאָלגט איין קאָלאָסאַלן צוועק, און דאָס איז די רעאַליזירונג פון דעם מאָנאָטעגאָאיזם וועלכער איז

געבויט אויף צווישנאיכישע באַציאונגען סיי פון אינעווייניק און סיי פון דרויסן, הן בין אדם לאדם און הן בין אדם לחברו. די ביבל באַצוועקט איין תכלית — די פאַרווירקלעכונג פון אנכי־יהוהיזם אי אין איינצלנעם מענטשן, און דערנאָכמענטשאַפט און אי אין דער געזעלשאַפט, אין מיטמענטשאַפט, און דערנאָך אין דער גאָרער וועלט, אין קאָסמאָס.

יעדער סאָציאַלער געזעץ, יעדע מאָראַלע מאַקסים אין דער ביבל איז דיקטירט פון זעלבסטהייט, פון דער הנחה אַז דער גאַנצער מענטש, גענומען מיט זיין גאַנצן סך־הכל פון צושטאַנדן, אַז אַלע מיט־מענטשן און די וועלט זיינען איין אחד, איין איינס.

דער ספר־הספרים עטאַבלירט, טעאָרעטיש, אַן עגאָקראַטיע „און יהוה וועט זיין דער קעניג איבער דער גאַנצער וועלט, אין יענעם טאָג וועט יהוה זיין איינס און זיין נאָמען איינס״(מ״ד).

קיין אַנדער פּאָליטישער סדר קען ניט עקזיסטירן, קיין אַנדערע פּאָליטישע איינאָרדנונג פאַרדינט ניט דעם נאָמען פון אָרדנונג. מחמת אַ פּאָליטישער סדר, וועלכער זאָל פאַרדינען דעם נאָמען סדר, דאַרף זיך האַלטן אויף איבערצייגונגען, אויף פּערזענלעכע איינזעענישן, אויף צוּשטימונג און פרייוויליקער אָנדערקענונג. און די דעמאָקראַטיע פון אונדזער צייט איז מער ניט ווי אַ שעמעוודיקע דערנענטערונג צו עגאָקראַטיע וועלכע האַלט זיך אויף איבערצייגונגען, אויף דעם מענטשן, אויף דעם יחיד און ציבור, אויף דער אָנדערקענונג פון דעם פּאָליטישן סיסטעם וועלכער איז באַגרינדעט אויף דעם איך־פּרינציפּ און ניט אויף דעם געטשנדינערישן יסוד פון טעריטאָריע. דער איך איז דער בעל־הבית פון לאַנד, ניט דאָס לאַנד איז זיין בעל־הבית. און ניט בלוט און אָפּשטאַם איז דער האַר, דער הערשער פון איך, נאָר פונקט פאַרקערט, דער איך איז דער האַר און דעה־זאָגער איבער זיין בלוט און זיין אָפּשטאַם. און יעדע נאָרמע, יעדע מאַקסימע פון עטישן קאָדעקס, יעדער אָנזאָג און צוזאָג, יעדער אָנבאָט און פאַרבאָט באַזירט זיך אויפן פּרינציפּ פון עגאָ־יהוה. און תורת משה רעגולירט דעם גאַנצן אינהאַלט און היקף פון אונדזער אויפפיר, ניט איבערלאָזנדיק קיין איין זאַך, ווי קליין אָדער גרויס זי זאָל ניט זיין, אויסער איר גבול פון געזעצגעבונג. עס זיינען ניטאָ און עס קענען ניט זיין קיין אַקציעס וועלכע זאָלן זיך געפינען מחוץ פון עגאָ און זיין אויטאָריטעט, אינטערעס־ספערע און איינפלוס־צירקל. די תורה רעגולירט די שייכותן פון דעם מענטשן צו זיך אַליין, די שייכותן פון דעם מענטשן צו זיין מיטמענטש און מענטשהייט, ווי אויך די שייכותן פון דעם מענטשן צו דער וועלט. די דאָזיקע צוויי קאַטעגאָריעס, פון באַציאונגען פון דעם מענטשן צו זיך אַליין, צו זיינע פריערדיקע צושטאַנדן

און נאָכדעמדיקע מצבים, און פון דעם מענטשן צו דער פיזישער סביבה, רופט דער תלמוד אָן אויף זיין אַבסטראַקטן געאָמעטרישן לשון „בין אדם למקום״, די באַציאונגען פון דעם מענטשן צום אָרט אין וועלכן ער געפינט זיך, דער „אָרט״ נעמט אַרום סיי די גאַנצע פיזישע ניט־איכישע סביבה און סיי די גאַנצע פיזיאָלאָגישע איכישע סביבה, דעם מאַקראָ־קאָסמאָס און דעם מיקראָקאָסמאָס, די וועלט אין זיין אייגענעם גוף.

9.

און עס איז העכסט באַמערקנסווערט דאָס וואָס דער חומש האָט צו טאָן מיט ריטואַל, מיט ריין קולט־אַנגעלעגנהייטן געברויכט ער קיינמאָל ניט די עגאָסאָפישע פאָרמולע „כי אני יהוה אלהיכם״, „כי אני יהוה״, אָדער נאָך מער פאַרקירצט „אני יהוה״. ער געברויכט אויך ניט דעם „אנכי מצווה״, די „אני־יהוה״ צושטעלונג ווערט גענוצט כמעט אויסשליס־לעך נאָר דאָרטן וואו עס האַנדלט זיך וועגן סאָציאַל־הומאַניטאַרישער געזעצגעבונג וועלכע קריגט איר באַגרינדונג דורך דעם איך־באַגריף, אָדער ווען דער חומש פלייסט זיך צו קאָאָרדינירן די דורות, פאַרמירן דעם איך פון דער אומה דורך דעם אויסגעפּרובירטן מיטל פון געדעכעניש, זכרון. די אני־יהוה פאָרמולע ווערט אויך געפונען אין שמות אין דעם דיאַלאָג וואָס ווערט געפירט צווישן יהוה און משהן. דאָרטן ווערט דער באַגריף צו ערשט אַריינגעפירט, באַלויכטן און דערקלערט.

ווען עס האַנדלט זיך מכוח קרבנות־ברענגען, משכן־בויען און אויס־צירן, באַפּוצן און אויסשטאַטן אים מיט אַלץ וואָס פאָדערט זיך, מיט אַלטאַרן, האַנטפאַסן, קאַנדעלאַבּרעס א. א. וו., וועגן יום־טובים, ריטואַל אין אַלגעמיין וכדומה ענינים וועלכע עס איז אָנגענומען צו באַטראַכטן אַלס ספּעציפיש רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן — דעמאָלט, ווי אויף־צו־להכעיס דעם נאַאיוון פאַרשטיין און פאַלשן אויסטייטש פון חומש אַלס אַן ענג רעליגיעזעס ווערק באַצוועקט צו געבן אינסטרוקציעס בנוגע גאָטעסדינסט, באַגענוגנט זיך דער פאַרפאַסער אָדער די פאַרפאַסער פון דעם פינף־בוך מיט דעם סטערעאָטיפּישן זאָץ: וידבר יהוה אל משה לאמור, אָדער וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמור. די דאָזיקע פראַזע איז עפּעס אַ מין הקדמה, אַן איינלייטונג, אָדער דינט אַלס אַן אויפשריפט איבער אַ גאַנצן קאַפּיטל, אָדער גאָר עטלעכע קאַפּיטלעך וועלכע גייען כסדר איינער נאָך דעם אַנדערן, אָדער אַ טייל פון אַ קאַפּיטל.

און דווקא ווען דער חומש פאַרנעמט זיך מיט קעגנשטאַנדן וועלכע עס איז אָנגענומען צו באַטראַכטן אַלס וועלטלעכע, אַלס אַ טייל פון

אַ ציוויל־קאָדעקס אָדער פון אַן עטישן סיסטעם, ערשט דעמאָלט, ווי צו רייצן זיך מיט דעם פאַרגרייזטן אויפפאַס פון תורת־משה אַלס אַ טעאָלאָגיע, און אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון אַ טעאָקראַטיע, ווידערהאַלט דער חומש און אַקצענטירט זייער אויסדריקלעך דעם עגאָסאָפישן פּרינציפּ פון אני־יהוה.

לויט אונדזער פאַרשטיין און באַגריף פון דער תורה איז אַזאַ סטי־ליזירונג גאַנץ נאַטירלעך. אויפן געביט פון רעגולירונג פון סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פּילט דער געזעצגעבער, דער עטיק־טעאָרעטיקער די נויטיקייט און מעגלעכקייט אונטערצופירן אַ סאָלידן פונדאַמענט אונטער זיין גראַנדיעזן בנין. און דער גראַניט־פונדאַמענט איז קיין אַנדערער ווי דער פּרינציפּ פון מאָנאָעגאָאיזם, פון אני־יהוה, פון דער זעלבסטהייט.

לאָמיר אונטערנעמען אַ דורכלויפנדיקע עקסקורסיע דורך דעם חומש און דאָס וועט אונדז איבערצייגן אַז די דאָזיקע באַהויפּטונג וועלכע מיר האָבן געמאַכט פאַרמאָגט אַ פעסטן באָדן אונטער זיך.

„און יהוה האָט גערעדט צו משהן אַזוי־צו־זאָגן”(מ״ה).

דאָ האַנדלט זיך וועגן תרומה־אָפּשיידן און מתנות־געבן פאַרן משכן, דעם געבוי פון משכן, זיין אויסשטאַטונג. דער טעמע זיינען געווידמעט קאַפּיטלעך 25־29. דער מחבר שליסט דעם 29טן קאַפּיטל מיט די פאָלגנ־דיקע צוויי פסוקים: „און איך וועל רוען צווישן די קינדער פון ישראל און איך וועל זיין צו זיי זייער אלהים, און זיי וועלן וויסן אַז איך־יהוה בין זייער אלהים וועלכער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים צו רוען צווישן זיי. איך־יהוה בין זייער אלהים”(מ״ו).

מיט די דאָזיקע צוויי פסוקים פלייסט זיך דער חומש צו באַגרינדן דעם גאַנצן ענין פון משכן אַלס אַ צענטער, אַלס אַ סימבאָל פון אייניקייט און איכהייט וועלכע נעמט אַרום די טאָטאַליטעט פון דער גרופּע וועלכע ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען די קינדער פון ישראל. דער משכן איז די עמבלעם און די פאַרקערפּערונג פון דער איך־אייניקייט פון די שטאַמען. און דער פינף־בוך אונטערשטרייכט און ווידערהאָלט אין דעם דאָזיקן פלאַץ דעם „און זיי וועלן וויסן אַז איך־יהוה בין זייער אלהים” און לאָזט אויס דעם קאַפּיטל מיט דעם זעלביקן געדאַנק־פּרינציפּ. ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַריינגעקלאַפּט דעם טשוואָק און האָט אים פאַרבויגן אַזוי אַז ער זאָל זיך האַלטן פעסט און שטייף. אין איין פסוק ווערט צוויי מאָל געברויכט די אייגענע פאָרמולע, וועלכע אַנטהאַלט די קווינטעסענץ פון דער לערע וואָס שטעלט צוזאַמען דעם עצם־מהות פון תורת־משה.

און דער חומש זעצט פאָרט „און יהוה האָט גערעדט צו משהן אַזוי־צו־זאָגן”:(מ״ז) דאָ האַנדלט זיך מכוח אויסלייז־געלט(מ״ח); וועגן

האַנטפּאַס(מ״ט); וועגן בשמים, זאַלב־בוימל, קטרת ווײַרויך־רויכערן(נ). עס רעדט זיך וועגן בצלאלן און אהליאב און זייער געשיקטקייט און טאַלאַנט וועלכער דאַרף אַנגעווענדט ווערן אין אויספּוצן, דעקאָרירן דעם משכן(נ״א).

„און משה האָט געזאָגט צו דער גאַנצער געמיינדע פון די קינדער פון ישראל: „דאָס איז די זאַך וואָס יהוה האָט באַפעלן אַזוי־צו־זאָגן״(נ״ב). דאָ רעדט זיך ווייטער וועגן משכן, וועגן זיין אויסשטאַטונג און דאָס ציט זיך אַזוי איבער גאַנצע זעקס קאַפּיטלעך, ל״ה, ל״ו, ל״ז, ל״ח, ל״ט, מ׳. ער געברויכט ניט דעם „איך באַפעל״.

„און יהוה האָט גערעדט פון אהל־מועד, פאַרזאַמלונג־געצעלט, אַזוי־צו־זאָגן״(נ״ג). דאָ האַנדלט זיך מכוח די קרבנות, און עס פאַרנעמט דריי קאַפּיטלעך א׳, ב׳, ג׳ און זיי אַלע ווערן איינגעלייטעט פון איין „וידבר יהוה״, וועלכער קלעקט פאַר זיי אַלעמען.

„און יהוה האָט גערעדט צו משהן אַזוי־צו־זאָגן״(נ״ד). נאָך וועגן קרבנות און עס פאַרנעמט צוויי קאַפּיטלעך, ד׳, ה׳, ויקרא.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(נ״ה). וועגן קרבנות און מנחה, און עס פאַרנעמט אַ טייל פון קאַפּיטל ו׳, פּסוקים א־יא.

„וידבר יהוה אל משה לאמור״(נ״ו). „וידבר יהוה אל משה לאמור״(נ״ז). און עס גייט אַריבער אין קאַפּיטל ז׳ פאַרטזעצענדיק די פאַרשריפטן מכוח די קרבנות.

„וידבר יהוה אל משה לאמור״(נ״ח). „וידבר יהוה אל משה לאמור״ (נ״ט). „וידבר יהוה אל משה לאמור״(ס). נאָך אַלץ וועגן די אָפּער.

„ויאמר משה זה הדבר אשר צווה יהוה תעשו״(ס״א). און משה האָט געזאָגט אָט־די זאַך וואָס יהוה באַפעלט וועט איר טאָן. ער זאָגט ניט וואָס „איך באַפעל״. און עס איז אַ פאַרטזעצונג וועגן די קרבנות.

„וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמר״(ס״ב). דאָ האַנדלט זיך וועגן דיעטע, וואָס מ׳זאָל עסן און וואָס מ׳זאָל ניט עסן. און דער קאַפּיטל קו־מענדיק צום שלוס ווידערהאָלט: „כי אני יהוה״(ס״ג). „כי אני יהוה אלהיכם״(ס״ד). מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דעם, ווייל צו די פּסוקים וועלן מיר זיך אומקערן אַביסל שפּעטער.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ס״ה). ווייטער וועגן אַ קרבן ברענגען.

„וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמר״(ס״ו). דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ נגע.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ס״ז). עס איז וועגן אַ מצורע.

„וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמור״(ס״ח). וועגן אַ זב, טומאה און אַ קרבן.

„ויאמר יהוה אל משה״(ס״ט). „וידבר יהוה אל משה לאמר״(ע). וועגן קרבנות, כהנים. דאָ קומען אַריין קאַפּיטלעך (ויקרא, י״ח, י״ט, כ׳) וואָס האָבן צו טאָן מיט צווישנמענטשלעכע באַציאונגען: ריינקייט פון דעם פאַמיליען־לעבן, אָדער צדקה, אָדער ציווילע געזעצן, און אָט־די פּרקים זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט דער פאָרמולע „אני יהוה״, „אני יהוה אלהיכם״. ברייטער וועגן דעם וועלן מיר אָרומרעדן ווייטער. דער קאַפּיטל כ״א און אויך קאַפּיטל כ״ב פאַרדאַמען מאנסטריטעט צווישן די פּריסטער, עטאַבלירן די נאָרמאַלקייט, די גאַנצקייט, און געזונטקייט פון דער איך־פאָרמע, און די ריינקייט פון געשלעכטס־באַציאונגען צווישן די כהנים און דער אני־יהוה פיגורירט, ווערנדיק איבערגעחזרט בערך דרייצן מאָל.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ע״א). עס רעדט זיך וועגן יום־טוב און קרבנות אָבער פּסוק כ״ב פון דעם זעלביקן קאַפּיטל רירט אָן אַ סאָציאַל־צדקה־פאַרשריפט און די פאָרמולע פון אני יהוה אלהיכם ווערט גלייך געברויכט.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ע״ב). דאָ רעדט זיך וועגן ראש־השנה.
„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ע״ג). דאָ רעדט זיך וועגן יום־כיפּור.
„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ע״ד).

אָבער ווי נאָר דער חומש באַרירט די פראַגע פון צוזאַמענקניפּן די דורות „בכדי עס זאָלן וויסן אייערע גענעראַציעס״(ע״ה), שליסט ער דעם פּסוק און קאַפּיטל מיט דער עגאָסאָפישער פאָרמולע „אני יהוה אלהיכם״.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ע״ו). דאָ רעדט זיך וועגן זאַלבּ־בוימל און לחם־הפּנים. אָבער ווי נאָר ער דעקרעטירט אַז עס זאָל זיין איין געזעץ פאַרן פרעמדלינג און בירגער באַגרינדעט עס דער חומש מיט דעם איכיסטישן באַנעם ווייל „איך־יהוה בין אייער אלהים״(ע״ז). „משפּט אחד יהיה לכם, כגר כאזרח יהיה, כי אני יהוה אלהיכם״.

ויקרא קאַפּיטל כ״ה באַהאַנדלט די פראַגע מכוח שמיטה, פעלד־רו, חובות־מאַראַטאָריום, שקלאַפן־אָרויסלאָזונג, וועגן יובל, אייגנטום־צוריקקער, גיטער־איבערליפערונג, און דער עגאָסאָפישער זאַץ ווערט געברויכט.

קאַפּיטל כ״ו רעדט וועגן געטשנדינערייַ און גיט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק וועגן די געזעצן וואָס זיינען פּראָמולגירט געוואָרן. די עגאָסאָפישע באַגרינדונג ווערט געברויכט.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ע״ח). דער קאַפּיטל איז אָפּגעגעבן דעם ענין פון נדרים, שקלים און דער חומש באַגענוגנט זיך מיט דעם קלישע־אַריינפיר.

„וידבר יהוה אל משה"(ע"ט). דאָס איז וועגן דער פאָלקסציילונג.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(פ). דאָס איז אַ פאָרטזעצונג פון זעלביקן ענין.
„וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמר"(פ"א). דאָס איז וועגן די רעגימענטן און זייערע פאַנען.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(פ"ב). דער סטאַטוס פון די לוים ווערט באַהאַנדלט.
„וידבר יהוה אל משה"(פ"ג). די לוים־איבערציילונג.
„וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמר"(פ"ד). וועגן די לוים און זייערע פליכטן און פונקציעס.
„וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמר"(פ"ה). אַ המשך פון דעם כמעט אייגענעם ענין.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(פ"ו). וועגן אַ פאַרדאַכטעטער פרוי און די „פאַרשאָלטענע וואַסער".
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(פ"ז). דער ענין נזירים ווערט אַרומגערעדט.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(פ"ח). וועגן דוכענען, בענטשן די אידן.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(פ"ט). מתנות געבראַכט פון די נשיאים און פאַרטיילט צווישן די לוים; דער חנוכת־המזבח, די באַנייאונג פון אַלטאַר און ברענגען געשאַנקען.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(צ). דאָ רעדט זיך וועגן דער מנורה.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(צ"א). דער לוים־סטאַטוס ווערט באַהאַנדלט.
„וידבר יהוה אל משה"(צ"ב). וועגן פסח־האַלטן
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(צ"ג). עס איז אַ המשך פון זעלביקן ענין.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(צ"ד). עס רעדט זיך וועגן טרומייטערן זיך איינשאַפן און בלאָזן. אָבער דאָ שווימט אַרויף דער עלעמענט פון דערינערונג. „און זיי וועלן זיין פאַר אייך אַ דערמאָנעניש פאַר אייער אלהים, איך יהוה בין אייער אלהים"(צ"ה). דער זכרון בילדעט, קריסטאַליזירט, בולט אויס די פערזענלעכקייט, די איכהייט, און דער „איך־יהוה" ווערט דאָ געברויכט.
„ויאמר יהוה אל משה"(צ"ו). אַ פאַראָרדענונג אויפצוזאַמלען זיבעציק זקנים.
„וידבר יהוה אל משה לאמר"(צ"ז). עס רעדט זיך דאָ וועגן שיקן מרגלים, אויסזעער.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(צ״ח). עס רעדט זיך וועגן קרבנות, מנחות און וויין־גיסן.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(צ״ט). עס האַנדלט זיך וועגן חלה אָפּשיידן, וועגן קרבנות. דער קאַפּיטל ענדיקט זיך מיט אָנזאָגן וועגן ציצית, און דער עלעמענט פון געדענקען טרעט ווידער אַריין. עס איז אַ מין איבונג אָדער טרעניִרונג פון זכרון, און די עגאָסאָפּישע פאָרמולע ווערט געברויכט „אני יהוה אלהיכם״.

במדבר קאַפּיטלעך ט״ז, י״ז זיינען פאַרנומען מיט דעם קרח־עפּיזאָד. און דאָ ווערן געברויכט די שאַבלאָן־„וידבר״ס.

„ויאמר יהוה אל אהרן״(ק). דאָ רעדט זיך וועגן פּריסטערטום און די געשענק פון פּריסטערשאַפט.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ק״א) . דאָ האַנדלט זיך וועגן מעשר.

„וידבר יהוה אל משה ואל אהרן לאמר״(ק״ב) די פּרה־אדומה באַ־האַנדלונג.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ק״ג). וועגן וואַסער אַרויסקריגן פון אַ פעלזנשטיין.

„ויאמר יהוה אל משה ואל אהרן״(ק״ד). וועגן דער זעלביקער זאַך.

„ויאמר יהוה אל משה ואל אהרן״(ק״ה). וועגן אהרנס שטאַרבן.

קאַפּיטל כ״א איז געווידמעט דעם קריג מיטן כנעני, מיט סיחון, דעם קעניג פון אמורי, עוג דעם קעניג פון בשן. „ויאמר יהוה אל משה״(ק״ו). וועגן באַזיגן עוג מלך הבשן און פאַרנעמען דאָס לאַנד.

קאַפּיטלעך כ״ב, כ״ג, כ״ד דערציילן די מעשה פון בלק און בלעמען.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ק״ז). עס האַנדלט זיך וועגן כהונה.

„ויאמר יהוה אל משה ואל אלעזר בן אהרן הכהן לאמר״(ק״ח). דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פאָלקסציילונג פאַר מיליטערישע צוועקן.

„ויאמר יהוה אל משה לאמר״(ק״ט). דאָ האַנדלט זיך וועגן ירושה און די טעכטער פון צלפחד.

„ויאמר יהוה אל משה״(ק״י). עס רעדט זיך וועגן משהס צוגרייטן זיך צום שטאַרבן.

„ויאמר יהוה אל משה״(קי״א). עס רעדט זיך וועגן דעם אַז יהושע זאָל ווערן באַשטימט אַלס משהס פאַרטרעטער.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(קי״ב). דאָ האַנדלט זיך וועגן קרבנות און דער ענין פאַרנעמט גאַנצע צוויי קאַפּיטלעך כ״ח און כ״ט און דער מחבר באַגענוגנט זיך מיט דער קלישע־איינלייטונג.

קאַפּיטל ל׳ איז פאַרנומען מיט נדרים, און דער קאַפּיטל שליסט זיך מיט דעם זאַץ „דאָס זיינען די סטאַטוטן וואָס יהוה האָט באַפעלן משהן״(קי״ג).

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(קי״ד). עס רעדט זיך וועגן אַ מילי־טערישער עקספּעדיציע קעגן די מדינים.

„ויאמר יהוה אל משה לאמר״(קט״ו). עס רעדט זיך וועגן צעטיילן דעם רויב און ער שליסט מיט דעם „כאשר צווה יהוה את משה״(קט״ז).

קאַפּיטל ל״ב דערציילט וועגן די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גד און דעם עבר הירדן.

קאַפּיטל ל״ג באַשרייבט די נסיעות און די ערטער פון אָפּשטעלן זיך.

„וידבר יהוה אל משה... לאמר״(קי״ז). עס האַנדלט זיך וועגן איינ־טיילן דאָס לאַנד דורך גורל־וואַרפן.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(קי״ח). עס האַנדלט זיך וועגן פעסט־שטעלן די גרעניצן פון לאַנד.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(קי״ט). עס רעדט זיך וועגן די נשיאים און די נחלאות.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(ק״כ). עס רעדט זיך וועגן די לוים און זייערע וואוינונג־פּלעצער.

„וידבר יהוה אל משה לאמר״(קכ״א). עס רעדט זיך וועגן די ערי־מקלט, די אַנטרינונגס־שטעט. און דער קאַפּיטל שליסט זיך מיט דער עגאָלאָגישער פאָרמולע „כי אני יהוה״. עס ווערט אָנגעזאָגט אַז מ׳זאָל קיין אויסלייז־געלט ניט נעמען, אַז מ׳זאָל ניט דערלויבן אַ מערדער זיך אויסצוקויפן, און אויך אַז מ׳זאָל לאָזן, אָן אָפּצאָל, אַנטלויפן אַן אומ־שולדיקן רוצח; „און דו זאָלסט ניט פאַראומריייניקן דאָס לאַנד אויף וועלכער איר זיצט, אין וועלכער איך רו, ווייל איך־יהוה רו צווישן די קינדער פון ישראל״(קכ״ב). דאָ ווערט פעסטגעשטעלט די אידענטיפיצירונג פון די קינדער פון ישראל מיט דעם אני־יהוה.

קאַפּיטל ל״ו איז געווידמעט דער מעשה מיט די טעכטער פון צלפחד וועלכע האָבן געפאָדערט זייער טייל אין לאַנד.

פון איבערבליק זעט מען קלאָר אַרויס אַז די עגאָסאָפּישע פאָרמולע ווערט געברויכט אין חומש אין אויסשליסלעכע פאַלן, וואו עס פאָדערט זיך אַ צופלוכט־נעמען צום פּרינציפּ פון איכהייט, ווען דער געבאָט ווערט באַגרינדעט אויפן יסוד פון איכיזם, פון מאָנאָעגאָאיזם.

.10

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו דער וייטערדיקער דעטאַליזירטער אונטערזוכונג פון די אנכי מצווהס (איך־באַפעל) וועלכע ווערן געברויכט אַזוי אָפט אין ספר דברים.

„און ער האָט באַפעלן משה און די זקנים פון ישראל דאָס פאָלק אַזוי־צו־זאָגן: „היט דאָס גאַנצע געבאָט וואָס איך באַפעל אייך היינט“(קכ״ג). עס האָט געדאַרפט שטיין אין פסוק „וואָס מיר באַפעלן“, ווייל די באַפעלער זיינען דאָך דאָ משה און די זקנים. אָבער דער איך אין פסוק באַצייכנט דעם פרינציפּ פון איכהייט, דעם אני־יהוה. און דער פשט פון פסוק איז אַז משה און די זקנים באַפעלן דאָס פאָלק אַז עס זאָל אָפּהיטן דאָס גאַנצע געבאָט וואָס איך, וואָס אני־יהוה האָט געבאָטן, און ניט דאָס וואָס משה און די זקנים האָבן געהייסן.

„וואָס „איך“ באַפעל אייך היינט“(קכ״ד). מיינט דער אני־יהוה.

דער איך פון דער גרופּע, דער גייסט פון דעם גאַנצן ציבור, פון דער טאָטאַליטעט גענומען אין עבר, הווה און עתיד. דער באַפעל באַזירט זיך אויף דעם פרינציפּ פון זעלבסטהייט אַלס אַ גאַנצעס, אַלס אַן אייניקייט.

„און ער האָט גערעדט משה און די כהנים און די לוים צו כל ישראל אַזוי־צו־זאָגן: מערק און הער זיך צו, ישראל, היינט־צו־טאָג ביסטו געוואָרן אַ פאָלק צו יהוה, דיין אלהים, דו זאָלסט הערן די שטים פון יהוה, דיין אלהים און דו זאָלסט טאָן זיינע געבאָטן און זיינע סטאַטוטן וואָס איך באַפעל דיך היינט“(קכ״ה). משה און די כהנים און די לוים האָבן עס געזאָגט, האָבן זיי דאָך געדאַרפט פאַרענדיקן מיט דעם „וואָס מיר באַפעלן דיך היינט“. אָבער דער „אנכי“, מיינט דער איך־יהוה. דער איך ווערט דאָ געברויכט, ווייל עס האַנדלט זיך מכוח דער אויסבילדונג פון דער זעלבסטקייט פון דעם פאָלק־ישראל, זיין אינטעגרירונג און קאָנסאָלידירונג. ישראל ווערט אַן איך, די בני־ישראל ווערן אַ ישראל, אַ גאַנצקייט, איין אייניקייט אַ דאַנק דער אויסקריסטאַליזירונג פון דער איך און זעלבסט־אידייע.

„האָט געזאָגט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער צו ישראל: „איר האָט מיך געמאַכט פאַר איין בלאק אין דער וועלט און איך וועל אייך מאַכן פאַר איין בלאק אין דער וועלט. איר האָט מיך געמאַכט פאַר איין בלאק, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „הער, ישראל, יהוה איז אונדזער אלהים, יהוה איז איינער“. און איך וועל אייך מאַכן פאַר איין בלאק, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „און ווער איז ווי דיין נאַציאָן ישראל איין פאָלק אויף דער ערד“(קכ״ו).

ישראל איז איין קאָמפּליצירטע פּערזאָן, איין צוזאַמענגעשטעלטע גאַנצקייט, איין איינִיקייט. אַלע אידן פאָרמירן איין איך וועלכער באַשטייט פון קלענערע איכן.

„וואָס איך באַפעל דיך היינט״(קכ״ז). אין די אַלע ערטער מיינט איך דער איך־יהוה. מחמת אין זעלביקן קאַפּיטל זאָגט ער... „ווייל דו האָסט ניט געהאָרכט די שטים פון יהוה דיין אלהים אָפּצוהיטן זיינע געבאָטן און זיינע סטאַטוטן וואָס ער האָט דיך באַפוילן״(קכ״ח). און דער מחבר שרייבט ניט „וואָס איך האָב דיך באַפוילן״, ווי משה האָט אייגנטלעך געדאַרפט פאַר־ענדיקן. די דערקלערונג איז איינפאַך, אויך אין די פאַרדעמדיקע פסוקים פון דעם זעלביקן קאַפּיטל מיינט ניט אנכי, איך־משה, נאָר איך־יהוה. און דעריבער גייט דער פאַרפאַסער אַזוי לייכט און אַזוי אָפט אַריבער פון דער ערשטער פּערזאָן צו דער דריטער. יהוה באַטייט איך־ער קאָמ־בינירט, פאַראייניקט, אידענטיפיצירט. און ווען ער געברויכט „איך״ מיינט עס איך־יהוה. דערפאַר הויבט ער אָן אַ קאַפּיטל אָדער אַ פּאַסאַזש מיט „איך באַפעל״ און לאָזט אויס מיט „יהוה באַפעלט״.

„בכדי איר זאָלט וויסן אַז איך־יהוה בין אייער אלהים״(קכ״ט).

„אַריינצוברענגען דיך אין בונד פון יהוה, דיין אלהים, און אין זיין שבועה וואָס יהוה דיין אלהים שליסט מיט דיר היינט״(ק״ל). „און ניט מיט אייך אַליין שליס איך אָט־דעם בונד און אָט־די שבועה״קל״א). ע ס איז קלאָר אַז די באַהויפּטונג „דאָס יהוה שליסט דעם בונד״ און „איך שליס דעם בונד״ איז איין און די זעלביקע זאַך, ווייל איך מיינט ניט משה, נאָר דער איך־יהוה, די איכהייט, דער איך־פּרינציפּ.

„ווייל דאָס דאָזיקע געבאָט וואָס איך באַפעל דיך היינט איז ניט פאַרבאָרגן פון דיר און איז ניט ווייט; ניט אין הימל, צו זאָגן: ווער וועט אַרויפגיין פאַר אונדז אויפן הימל און וועט עס אַראָפּנעמען פאַר אונדז און וועט עס אונדז לאָזן הערן און מיר וועלן עס טאָן; און ניט אויף יענער זייט ים איז עס, צו זאָגן: ווער וועט אַריבערגיין אויף יענער זייט ים און וועט עס אַריבערנעמען פאַר אונדז און וועט עס אונדז לאָזן הערן, און מיר וועלן עס טאָן. וואָרים דער וואָרט איז זייער נאָענט צו דיר, עס איז אין דיין מויל און אין דיין האַרצן צו טאָן אים(קל״ב).

דער איך באַפעלט, און דעריבער איז דער באַפעל, דאָס געבאָט ניט אין הימל, ניט אויף יענער זייט ים. דער איך וואוינט אין מענטשנס האַרצן, און איז תמיד אין דעם מענטשנס מויל. און אָט־די דערהויבענע אָנזאָגונגען זיינען גילטיק לדורות, אויף דעם גאַנצן משך פון דער אייביקייט. דאָס זיינען די יסודות פון עגאָלאָגיע, פעסטע ווי גראַניט, דאָס זיינען די הויפּט־פּרינציפּן פון דער איך־לערע, פון תורת־משה, וועלכע איז ניט

אין הימל, ניט אויף יענער זייט ים, ערגעץ הינטער די הרי־חשך, נאָר טאַקע דאָ אויף־אָן־אָרט, אין האַרצן און אין מויל. מיר האָבן צו טאָן מיט אָן אינערלעכער דערפאַרונג, אַן אינעווייניקסטן געפיל, אַן אינערלעכן געבאָט, עס איז אַ באַפעל פון אַן אינערלעכער אויטאָריטעט.

„זע איך האָב דיר פאַרגעלייגט היינט דאָס לעבן און דאָס גוטס, דעם טויט און דאָס שלעכטס" (קל"ג).

„דעם לעבן און דעם טויט האָב איך דיר פאַרגעלייגט, די בענטשונג און די שילטונג — און דו וועסט (זאָלסט) אויסקלייבן דעם לעבן בכדי דו זאָלסט לעבן און דיין זאָמען" (קל"ד).

דער לעבן איז גוטס, טויט איז שלעכטס. דער לעבן קאָמפּאָזירט, דער טויט דעקאָמפּאָזירט, דער לעבן האַלט צוזאַמען, דער טויט וואַרפט פאַנאַנדער, צעלייגט די עלעמענטן. די איכהייט איניקט, פאַראייניקט, פאַרבינדט, אגרעגירט, קאָאָרדינירט און שאַפט אַ גאַנצקייט. שלעכטס איז פונקט פאַרקערט. עס דיסאינטעגרירט, זונדערט אָפּ, צעררייסט די פאַר־בינדונגען פון מענטש צו מענטש, פון מענטש צו זיך אַליין, צו זיין אייגענער זעלבסטהייט, צו דער וועלט.

„וואָס איך באַפעל דיך היינט צו ליבהאָבן יהוה, דיין אלהים, צו גיין אין זיינע וועגן און אָפּצוהיטן זיינע געבאָטן און זיינע סטאַטוטן און זיינע געריכטן — און דו וועסט לעבן און זיך מערן" (קל"ה).

„... ליב צו האָבן יהוה דיין אלהים, צו געהאָרכן זיין שטים און זיך באַהעפטן אָן אים, וואָרים ער איז דיין לעבן און די לענג פון דיינע טעג" (קל"ו).

די ליבשאַפט צו יהוה, צום אנכי־יהוה, צום איך, צום עגאָ פאַר־לענגערט דעם מענטשלעכן לעבן.

„וואָרים אַזוי האָט געזאָגט יהוה צום הויזגעזינד פון ישראל: פאָרשט מיך און לעבט" (קל"ז). „פאָרשט יהוה און לעבט" (קל"ח). „פאָרשט גוטס און ניט קיין שלעכטס בכדי איר זאָלט לעבן" (קל"ט).

„לאַנג לעבן איז אין איר רעכטער האַנט" (ק"מ).

לאַנג לעבן איז אין דער לערע פון איכהייט, אין דער איך־קלוגשאַפט שלאָגט אַ קוואַל פון לעבן.

„מיין זון, צו מיינע רייד הער זיך צו, צו מיינע זאָגונגען נויג דיין אויער, לאָז זיי ניט אַרויס פון דיינע אויגן, היט זיי אין דיין האַרצן, וואָרים זיי זיינען דאָס לעבן צו די וועלכע געפינען זיי" (קמ"א).

„וואָרים אין מיר וועלן זיך מערן דיינע טעג, און זיי וועלן דיר צוגעבן יאָרן פון לעבן" (קמ"ב).

„פאָרכט פאַר יהוה גיט צו טעג" (קמ"ג).

דער איך־יהוה איז דער פּרינציפּ פון לעבן, דער איך איז דער פלעגער פון אריכות־ימים „דער וואָס ציט לאַנג דעם אחד אין לייענען קריאת־שמע, פאַרלענגערט מען אים זיינע טעג״(קמ״ד).

אַן אמתער עגאָ, אַן אויסגעברייטערטער איך, דער אידעאַלער זעלבסט וועט לעבן אַזוי לאַנג ביז ער וועט דערלעבן צו דער אומשטערבלעכקייט. איך־קולטיווירונג איז לעבן־פאַרלענגערונג. „מחמת איך האָב ניט מיין אלהים (רעגולירער און מוסטערער פון באַציאונגען) אינעווייניק אין מיר דערפאַר האָבן מיך געטראָפן די דאָזיקע בייזן״(קמ״ה).

„און משה האָט אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע ליד אין יענעם טאָג און ער האָט עס געלערנט די קינדער פון ישראל און ער האָט באַפוילן יהושע דעם זון פון נון און האָט געזאָגט: „שטאַרק זיך און פעסטיק זיך, ווייל דו וועסט ברענגען די קינדער ישראל אין לאַנד וואָס איך האָב זיי געשוואָרן — און איך וועל זיין מיט דיר״(קמ״ו).

דאָ מיינט דער איך ניט קיין אַנדערן נאָר דעם איך־יהוה, די איכהייט, דעם זעלבסט־פּרינציפּ. עס קען ניט באַצייכענען משהן, מחמת משה שטאַרבט דאָך, און ער וועט ניט קענען זיין מיט יהושוען. און אויב ער וואָלט יאָ זיין וואָלט מען דאָך יהושוען ניט דאַרפן, וואָלט דאָך משה פירן ווייטער ווי ער האָט געפירט. און אויף דעם זאָגט דייטלעך עדות דער פאָלגנדיקער פסוק:

„וואָרים איך האָב געוואוסט דיין ווידערשפּעניקייט און דיין האַרטן נאַקן, בשעת איך לעב נאָך מיט אייך זייט איר ווידערשפּעניק געווען קעגן יהוה, אפשיטא שוין נאָך מיין טויט״(קמ״ז).

11.

דער חומש, תורת־משה, איז ביי זיך ניט געענאַרט, ער ווייסט גאַנץ גוט זיין שיקזאַל. ער ווייסט אַז ער וועט ניט פאַרשטאַנען ווערן. ער ווייסט אַז מ׳וועט אים ניט אויפנעמען, ניט באַגרייפן די גרויסע אידייע וועלכע ער אַנטהאַלט. ער ווייסט גאַנץ גוט אַז דעם ציל וועלכן ער האָט זיך געשטעלט, די פאַראיכונג פון די אידן און דערנאָך פון דער גאַנצער מענטשהייט און, צום סוף, פון דער וועלט, וועט ער אַזוי גיך ניט דער־גרייכן. און ער זאָגט עס אַליין מיטן פולן מויל, ער מאַכט פון דעם קיין סוד. ער ווייסט עס און ער זאָגט אַז ער ווייסט עס. ער איז זיכער אַז צו אים געהערט די צוקונפט, ניט די קעגנוואַרט. ער איז תופס אַז זיין לערע איז צו הויך פאַר זיין דור, פאַר זיין צייט. און ער האָט געפונען פאַר נויטיק עס אָנצוטייטן, אַז בלויז דורות־דורות שפּעטער וועט מען

זיך אומקערן צו דער תורה, צו תורת־משה, צו דער לערע פון אנכי־יהוה, פון איך־סאָלידאַריטעט און איך־קאָנסאָלידאַציע.

„און עס וועט זיין, ווען עס וועלן אים טרעפן פילע בייזן און צרות, וועט דאָס דאָזיקע ליד דינען פאַר אים אַלס אַן עדות, וואָרים עס וועט ניט פאַרגעסן ווערן פון דעם מויל פון זיין זאָמען״(קמ״ח). „דען איך ווייס אַז נאָך מיין טויט וועט איר פאַרדאַרבן און פאַרדאַרבן און איר וועט אַראָפּ פון וועג וואָס איך האָב אייך באַפעלן און עס וועט אייך טרעפן דאָס בייז אין דעם ענד פון די טעג״(קמ״ט).

„און עס וועט זיין ווען עס וועלן קומען אויף דיר אַט־די אַלע זאַכן, די ברכה און די קללה, וואָס איך האָב דיר פאַרגעלייגט, וועסטו זיך אומקערן צו דיין האַרצן צווישן אַלע פעלקער וואוהין יהוה, דיין אלהים, האָט דיך פאַרשטויסן דאָרטן, און דו וועסט זיך אומקערן ביז־צו יהוה, דיין אלהים, און דו וועסט געהאָרכן זיין שטים, ווי אַלץ וואָס איך האָב דיך אָנגעזאָגט היינט, דו און דיינע קינדער, מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער זעל. און יהוה, דיין אלהים, וועט אומקערן דיין געפאַנגענשאַפט און וועט דיך דערבאַרימען... און יהוה, דיין אלהים, וועט באַשניידן דיין האַרצן און דעם האַרץ פון דיין זאָמען ליב צו האָבן יהוה, דיין אלהים, מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער זעל צוליב דיין לעבן״(ק״נ).

דער חומש האָט אויפגעפאַסט און אָנגעשטריכן זיין אייגענעם שיקזאַל אַלס אַ ווערק פאַר דער צוקונפט. פאַר דעם באַגרייפן און אָפּהיטן פון דער דאָזיקער לערע פאָדערט זיך, אַלס אַ פאָרבאַדינג, אַ באַשניידונג פון האַרצן, אַ פאַרטיפונג פון איך־געפיל, אַ פאַרפיינערונג פון דעם מענטשנס חושים, אַן אויסברייטערונג פון זיין עגאָ, אַ ראַפינירונג פון זיין זעל — און דאָס, זאָגט אונדז דער חומש, וועט פּאַסירן אין דער צוקונפט, נאָכדעם ווי די אידן וועלן האָבן אַ סך אויסגעשטאַנען, אַ סך אָנגעליטן זיך.

„און איך וועל אייך געבן אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט וועל איך אַריינגעבן אין אייער אינעווייניקייט און איך וועל אָפּטאָן דאָס שטיינערנע האַרץ פון אייער לייב אַרויס, און איך וועל אייך געבן אַ פליישענע האַרץ, און מיין גייסט וועל איך אַריינגעבן אין אייער אינערלעכקייט, און איך וועל מאַכן אַזוי, אַז איר וועט גיין אין מיינע סטאַטוטן, און מיינע אורטיילן וועט איר היטן און איר וועט זיי טאָן״(קנ״א). ווען? אין דער צוקונפט, נאָכדעם ווי זיי וועלן האָבן דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנום, מאַטעריעל און גייסטיק, ליידן צרות און בלאָנדזשען, גרייזן, גיין אויף אומוועגן, זיך שליידערן פון טעות צום טעות, פון געטש־פאַרפירעניש צו געטש־פאַרזעעניש.

„און איר וועט דינען דאָרטן אַפּגעטער, דאָס ווערק פון מענטשלעכע הענט, האָלץ און שטיין, וועלכע זעען ניט און הערן ניט און עסן ניט און שמעקן ניט. און איר וועט זוכן פון דאָרטן דעם יהוה דיין אלהים, און דו וועסט אים געפינען ווען דו וועסט אים פאָרשן מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער זעל"(קנ"ב).

„אַז עס וועט דיר ענג זיין און עס וועלן דיך טרעפן אָט־די אַלע זאַכן אין ענד פון די טעג, וועסטו זיך אומקערן ביז־צו יהוה, דיין אלהים, און דו וועסט געהאָרכן זיין שטים"(קנ"ג).

„און דו וועסט דאָרטן דינען פרעמדע געטער"(קנ"ד).

„און דו וועסט דינען דאָרטן פרעמדע אָפּגעטער וועלכע דו האָסט ניט געקענט און דיינע עלטערן"(קנ"ה).

און די דאָזיקע קללה איז זיכער מקוים געוואָרן. די אידן, הגם זיי האָבן ניט געדינט קיין אָפענע, הונדערט־פּראָצענטיקע עבודה־זרה אין דער פרעמד, אין גלות, האָבן זיי אָבער זייער אייגענעם קולט און זייער אייגענעם יהוה פאַרגעטשט און פאַרפאַגאַנעוועט. זיי האָבן געדינט פרעמדע השגות, היידעניסטישע, עבודה־זרהשע געטש־גאָט־באַגריפן, וועלכע זיי האָבן אריינגעלאָזן צו זיך אין חומש אַריין, אין קדשי־קדשים פון אידישן גלויבן, און אַזויאַרום פאַרעבודה־זרהט דעם אידישן ריטואַל. אָבער דאָס אַראָפּגיין פון ריכטיקן וועג און אַרומבלאָנקען זיך אויף די עכומשע אומ־וועגן וועט ניט אָנהאַלטן אויף שטענדיק. דער חומש איז זיכער אַז אין דער צוקונפט וועלן די אידן באַגרייפן דעם אמת וועגן זייער אייגענער לערע, וועגן תורת־משה אַלס איך־יהוה דאָקטרין...

„זעט איצטער אַז איך בין איך־ער (יהוה) און עס איז ניטאָ קיין אלהים מיט מיר. איך וועל טויטן און איך וועל לעבעדיק מאַכן, איך האָב פאַרוואונדעט און איך וועל היילן, און איך האָב געזאָגט: איך לעב אויף אייביק"(קנ"ו).

דער איך איז אַ איך־ער,ביידע פערזאָנען, הגם אינדיווידואַליטעטן, אָפּגעזונדערט, אומאָפּהענגיק, זיינען אָבער פּאָרט בלויז איין איך. און עס איז ניטאָ קיין אַלהים, קיין אַנדער רעגולירער פון פאַרהעלטעניש, קיין אַנדער מוסטער פון באַציאונגען אויסער דעם איך־ער. און דער איך איז אומשטערבלעך. און טויט און לעבן פליסן אַרויס פון דעם דאָזיקן איך־באַגריף. דער איך־באַגריף ברענגט דעם טויט, שאַפט דאָס באַוואוסט־זיין פון פערזענלעכן אונטערגאַנג דורך דעם וואָס עס טיילט אָפּ דעם יחיד פון דעם ציבור, דעם אינדיווויד פון דער גאַטונג. אָבער דער זעלביקער באַגריף און איך־געפיל וועט ברענגען דאָס אייביקע לעבן דורך דער פולקומענער אויסקריסטאַליזירונג פון דער דאָזיקער השגה. דער מענטש,

דער יחיד וועט פאַרנעמען אין נאַטור, אין ביאָלאָגישן סדר, דעם אָרט פון דער גאַטונג, פון מין. און דעמאָלט וועט די נאַטור אים פלעגן און היטן, ווי די גאַטונג, דער גאַנצער מין ווערט אויפגעהיט. דער באַגריף פון איך האָט פאַרלעצט, פאַרוואונדעט די מענטשלעכע נשמה, דעם מענטש־לעכן אויפפיר, זיין פאַרשטיין פון דער וועלט. אָבער דער זעלביקער באַגריף, אין זיין ווייטערער אַנטוויקלונג, וועט ברענגען די היילונג. אין דער השגה גופא ליגט די רפואה, דער טעראַפּישער מיטל. ווייל, אין תוך גענומען, איז דער איך־פּרינציפּ דער פּרינציפּ פון אייביקן לעבן.

.12

ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, מער ווי איין מאָל, די טענדענץ צו געברויכן די עגאָסאָפישע פאָרמולע אני־יהוה, מיטן צוועק אונטערצושפּאַרן און פאַרפעסטיקן די באַזע אויף וועלכער דער מאָראַלישער געזעץ אין דער ביבל האַלט זיך, טרעט אַרויס זייער דייטלעך און בולט אין ספר ויקרא, אין דער תורה פון די כהנים. ווי נאָר דער מחבר פון ויקרא קומט צו נאָענט צו דעם סאָציאַלן און צדקה־עטישן טייל פון זיין קאָדעקס, אָדער צו דער סומירונג פון אַ היפּש ביסל געבאָטן, אַזוי נעמט ער גלייך צופלוכט צו דעם פּרינציפּ פון איכהייט, וועלכער איז דער תוך און עיקר פון דער גאַנצער יהוה־לערע און יהוה־אויפפאַסונג.

„רייד צו די קינדער פון ישראל און דו זאָלסט זאָגן צו זיי: איך־יהוה בין אייער אלהים“(קנ״ז).

ווער דאַרף עס גיין זאָגן און רײדן צו די קינדער פון ישראל? משה. ווי אַזוי קען ער זאָגן: „איך יהוה בין אייער אלהים“? דער ענטפער איז, ווי מיר האָבן עס אויסגעטייטשט גאַנץ בהרחבההדיק, אַז „אני יהוה אלהיכם“ איז אַן עגאָסאָפישע פאָרמולע, עס איז אַ פּרינציפּ, איך מיינט די איכהייט־באַגלויבטזיין און איכהייט־באַוואוסטזיין.

„מיינע אורטיילן זאָלט (וועט) איר טאָן און מיינע סטאַטוטן זאָלט (וועט) איר היטן צו גיין אין זיי: „איך־יהוה בין אייער אלהים. און איר זאָלט (וועט) היטן מיינע סטאַטוטן און מיינע משפטים וועלכע ווען אַ מענטש טוט זיי, וועט ער לעבן אין זיי: איך יהוה“...(קנ״ח). דער געזעץ פון איכהייט איז דער געזעץ פון לעבן. דער אני־יהוה איז דער קוואַל פון לעבן, פון לאַנגען לעבן, אין לאַנגען קורס פון אַנטוויקלונג, פון אייביקן לעבן.

„קיינער קיינער זאָל ניט צוקומען נאָענט צו זיין לייב־פריינדין אָפּ־צודעקן איר בלויזקייט: איך יהוה“...(קנ״ט).

דער מחבר זאָגט אָן וועגן צניעות און באַזירט זיינע געזעצן און פאַרבאָטן אויף דעם פּרינציפּ פון זעלבסטהייט אַלס דעם כל־יכול, אויף דער אידענטיפיצונג פון דעם איך מיט דעם ער.

„רבי ישמעאל זאָגט: עריות זיינען האַרב, ווייל ער הויבט זיי אָן מיט אַ י׳ און אַ ה׳ און שליסט זיי מיט אַ י׳ און אַ ה׳. אין אָנהויב ענין זאָגט ער: „קיינער, קיינער זאָל ניט צוקומען נאָענט צו זיין לייב־פּרייב־דין אָפּצודעקן איר בלויזקייט, איך־יהוה" און צום סוף ענין זאָגט ער: „און איר זאָלט היטן מיין היטונג ניט צו טאָן פון די סטאַטוטן" און ער פאַרענדיקט: „איך יהוה בין אייער אלהים". פון דעם איז צו זען, אַז עריות זיינען האַרב ווייל ער הויבט זיי אָן מיט אַ י׳ און אַ ה׳ און שליסט זיי מיט אַ י׳ און אַ ה׳ "(ק"ס).

דער „יה" מיינט „יהוה", דעם אני־יהוה, דעם איך־פּרינציפּ. ער זאָגט זיי: איר זייט אַלע אויסגעבונדן, אויסגעקניפּט. איר זייט אַלע איין פּערזאָן, איין פּערזענלעכקייט. און הפקרות, אויסגעלאַסנקייט, נאָנטע לייב־לוסטיקונג און בלוטשאַנד איז נידעריקער פון אייער ווערדע. ער פונדאַמענטירט דעם געשלעכט־פאַרהעלטעניש און זיין רעגלאַמענטאַציע אויפן יסוד פון זעלבסטשאַפט, איכשאַפט.

„און פון דיין זאָמען זאָלסטו ניט געבן צום מאלאך און זאָלסט ניט פאַרשוועכן דעם נאָמען פון יהוה, דיין אלהים: איך יהוה"...(קס"א).

די פאַרווערונג פון קרבנות וועלכע ווערן אויפגעאָפּפערט צו מאַלאָכן, דאָס פאַרדאַמען דעם גרויזאַמען קולט, באַרבאַרישן ריטואַל פון מקריב־זיין קינדער און זיי פאַרברענען לעבעדיקערהייט איז באַגרינדעט מיטן פּרינציפּ פון איכהייט. באַרמהאַרציקייט, מיטגעפיל, מיטלייד זיינען פאָלגען פון דער אויסברייטערונג און באַרייכערונג פון עגאָ, פון איכטום.

עס איז העכסט אינסטרוקטיוו וואָס די מעשה וועגן דער עקדה ווערט דערציילט און געשילדערט כמעט ווי אַ צוזאַמענשטויס צווישן צוויי השגות, פון דעם אלהים און דעם יהוה, דעם איך־באַגריף.

אלהים פּרובירט אברהמען(קס"ב) און הייסט אים נעמען זיין זון, זיין איינציקן, וועמען ער האָט האָלט, יצחקן און אים ברענגען פאַר אַ בראַנדאָפּפער אויף איינעם פון די בערג. און דער שטאָפּעט פון יהוהן שטעלט אָפּ די עקזעקוציע און שרייט אויס: „דו זאָלסט ניט שיקן דיין האַנט צום בחורל און דו זאָלסט אים גאָרניט טאָן(קס"ג). און אברהם האָט אַ נאָמען געגעבן יענעם פּלאַץ „יהוה יראה"(קס"ד). יהוה אַלס דער איך־פּרינציפּ איז פול מיט רחמנות און ער האָט פאַרוואָרפן דעם אכזריותדיקן מנהג פון פאַרברענען קינדער.

„און איר וועט אָפּהיטן מיין אָפּהיטעניש אום ניט צו טאָן די אָפּ־שיילעכע סטאַטוטן וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן פאַר אייך, און איר וועט זיך ניט פאַראומרייניקן מיט זיי, איך־יהוה בין אייער אלהים״(קס״ה), אייער רעגולירער און מוסטער פון פאַרהעלטעניש.

„און יהוה האָט גערעדט צו משהן אַזוי־צו־זאָגן: רייד צו דער גאַנצער געמיינדע פון די קינדער פון ישראל און זאָלסט זאָגן צו זיי: הייליק וועט איר זיין, וואָרים הייליק בין איך־יהוה אייער אלהים״(קס״ו).

„ווי עס שטייט געשריבן: „הייליק וועט איר זיין״, „הייליק זאָלט איר זיין״ שטייט ניט געשריבן, נאָר „איר וועט זיין״, איר וועט זיין אויף געוויס״(קס״ז).

דער איך, די איכהייט איז הייליק און דעריבער וועט איר זיין הייליק, ווייל איר זייט און וועט זיך פילן מיט דער צייט אַן אינטעגראַלער טייל פון דער איכהייט־קדושה. „„הייליק וועט איר זיין, וואָרים הייליק בין איך־יהוה אייער אלהים״, ער זאָגט: אויב איר מאַכט זיך הייליק, פאַררעכן איך עס ווי איר הייליקט מיך, און אויב איר האַלט זיך ניט הייליק, פאַררעכן איך עס ווי איר וואָלט מיך ניט געהייליקט״(קס״ז).

ער און זיי, דער אני־יהוה און די געמיינדע פון די בני־ישראל זיינען אידענטיש, און זיי זיינען הייליק. די כנסת־ישראל איז הייליק, אַלס אַ גאַנצעס איז דאָס פאָלק ישראל אַ הייליקטום.

„און דער הייליקער געבענטשט־איז־ער האָט געזאָגט צו משהן: גיי זאָג צו ישראל, מיינע קינדער, ווי איך בין אָפּגעשיידט, אַזוי זאָלט איר זיין אָפּגעשיידט, ווי איך בין הייליק, אַזוי זאָלט איר זיין הייליק״, ווי עס שטייט געשריבן „הייליק וועט איר זיין״(קס״ט).

„זה אלי ואנוהו״, דאָס איז מיין אל און איך וועל אים באַשיינען, צי קען דען אַ מענטש באַשיינען דעם באַשעפער? אבא שאול זאָגט: איך וועל זיך פאַרגלייכן צו אים; ווי ער איז באַרמהאַרציק און גנאָדיק אַזוי זאָלסטו זיין באַרמהאַרציק און גנאָדיק״(ק״ע).

„עס איז ניטאָ אַזאַ אל ווי ישורון״. ישראל זאָגט: „עס איז ניטאָ אַזאַ „אל״, און דער הייליקער גייסט זאָגט: „אל איז ישורון״. ישראל זאָגט: „וועער איז ווי דו צווישן די געטער, יהוה״ (שמות, ט״ו). און דער הייליקער גייסט זאָגט: „גליקזעליק ביסטו, ישראל, וועער איז ווי דו״ (דברים, ל״ג). ישראל זאָגט: „הער, ישראל, יהוה איז אונדזער אלהים, יהוה איז איינער״ (דברים,ו׳) און דער הייליקער זאָגט: „און וועער איז ווי דיין נאַציע ישראל איין פאָלק אין לאַנד״ (דברי הימים א׳, י״ז, כ״א) (קע״א).

דער „זרע אברהם" האָט פאַרריכט: „דער הייליקער גייסט זאָגט: „ווי דער אל אַזוי איז ישורון". און אין ילקוט ג' שטייט: ישורון איז ישראל. דער „זית רענן" האָט געשריבן, דער פשט איז אַז דער הייליקער גייסט זאָגט: „ישורון זיינען ישראל" די אידן, און זיי זיינען גלייך, כביכול, צום באַשעפער"...(קע"ב).

ישראל איז איין פערזאָן און יהוה איז איין איינציקייט. ישראל און יהוה זיינען אידענטיש „אין כאל ישורון" מיינט פשוט, דער פשט איז ווי עס שטייט: עס איז ניטאָ אַזאַ אל (מאַכט, גאָט) ווי ישראל אַלייך, וועלכער האָט באַהערשט דעם אל, דעם אלהים. און דער תרגום און רש"י האָבן איינפאַך צעקאַליעטשעט דעם פסוק, צוגעשטעלט ווערטער און מכולה־געמאַכט די כוונה פון פאַרפאַסער.

.13

און דאָס איז טאַקע דער מיין פון מיטאָס דערציילט אין בראשית וועגן יעקבס ראַנגלען זיך ביז פאַרטאָג, און אַרויסגיין פון געפעכט אַ זיגער און געקרוינט ווערן מיט אַ נייעם נאָמען.

„איך ווייס ניט ווער איז געוועזן האַר צו ווענען, אָבער אַז ער זאָגט, „וואָרים דו האָסט באַהערשט דעם אלהים" (בראשית, ל"ב) הייסט דאָס אַז יעקב איז געוואָרן האַר איבערן מלאך. „ער האָט געוויינט און האָט זיך געבעטן", ווייס איך ניט ווער האָט געוויינט פאַר ווענען, אָבער אַז ער זאָגט: „שיק מיך אַוועק", הייסט עס אַז דער מלאך האָט געוויינט פאַר יעקבן"(קע"ג).

„אין מוטערלייב האָט ער זיין ברודער געהאַלטן ביי דער פיאַטע, און מיט זיין קראַפט האָט ער באַהערשט דעם אֱלהים (גאָט), ער האָט גע־קעמפט מיטן מלאך און האָט אים בייגעקומען"(קע"ד). „און אַ מענטש האָט זיך געראַנגלט מיט אים". רבי ברכיה האָט געזאָגט: מיר וואָלטן ניט וויסן ווער עס האָט עס געזאָגט, צי דער מלאך צי יעקב, ווען ניט דאָס וואָס שטייט „ויאבק איש עמו", זאָג, ווער איז פול געוואָרן מיט שטויב? (אבק אויף העברייאיש איז שטויב, און רבי ברכיה מאַכט אַ ווערטערשפּיל און ער פאַרטייטשט „ויאבק" ער איז פאַרשטויבט געוואָרן) דער מענטש וואָס איז מיט אים"(קע"ה).

„כי שרית עם אלהים ועם אנשים ותוכל" דו האָסט זיך צוזאַמענ־געשטויסן מיט די אויבערשטע און האָסט זיי באַזיגט"(קע"ו).

דעם נאָמען „ישראל" האָט ער ניט געקראָגן בשעתן געבוירן ווערן. און זיין נייער נאָמען איז אויך ניט, ווי דער פאַל איז געוועזן מיט אברהמען

און שרהן, בלויז אַ שינוי השם, אַ צושטעל פון אַן אות, אָדער אַן ענדערונג־פאַרבייט פון איין בוכשטאַב־קלאַנג אויף אַן אַנדערן. יעקב קריגט טאַקע אַ נייעם נאָמען, אַ שפּאָגל נייעם. יעקב ווערט אַ נייער מענטש. דאָס נאָמען־בייטן הייסט אַ צווייטן מאָל געבוירן ווערן. און די לערע מכוח דער צווייטער געבורט, די זעלבסט־פאַרמירונג וועלכע ווערט דורכגעזעצט דורך אייגענע מעשים, דורך דעם אייגענעם אויפפיר, ווערט דאָ שוין אַנגעדייטעט דורך דעם סימבאָל פון נאָמען־ענדערן. די מאַמע האָט אים גערופן יעקב, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן ביי דער פּיאַטע פון זיין על־טערן ברודער. און דער ווען ער האָט באַזיגט אין איינער־אויף־איינעם געראַנגל האָט אים גערופן ישראל.

נאָר לאָמיר איבערגעבן דעם מיטאָס אין דער ביבלישער קורצגע־פאַסטער שילדערונג:

„און אַ מענטש האָט זיך געראַנגלט מיט אים ביזן אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן. און ער האָט געזען אַז ער קען אים ניט בייקומען, האָט ער אָנגערירט דעם געלענק פון זיין היפט. און דער געלענק פון היפט ביי יעקבן האָט זיך אויסגעלונקען בשעת ער האָט זיך געראַנגלט מיט אים. און ער האָט געזאָגט: לאָז מיך אָפּ, וואָרים דער מאָרגנשטערן איז שוין אויפגעגאַנגען. און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, סיידן דו וועסט מיך בענטשן. און ער האָט געזאָגט צו אים: וואָס איז דיין נאָמען? און ער האָט געזאָגט: יעקב. און ער האָט געזאָגט: דו וועסט מער ניט הייסן יעקב, נאָר ישראל, וואָרים דו האָסט געקעמפט מיט געטער און מיט מענטשן און דו האָסט זיי בייגעקומען״(קע״ז).

ספר בראשית שילדערט דריי טיפּן, דאָס זיינען די דריי פּאַטריאַרכן, אברהם, יצחק און יעקב. דער ערשטער איז אַקטיוו, אויפטועריש, באַנ־ברעכנדיק, פּיאָנערנדיק. ער גייט אַוועק פון זיין פאָטערס הויז. ער גייט זוכן נייע דערפאַרונגען און נייע קאָנצעפּציעס. ער איז דער אָנפאַנג פון עפּעס גרויסעס, דער „פאָטער פון אַ מענגע פון פעלקער״. ער ווערט געמאָלן מיט דרייסטע ווילנספולע כאַראַקטער־שטריכן. ער שניצט אויס זיין אייגענעם פּאָרטרעט. ער סקולפּטירט זיין אייגענעם ביוסט און מאַכט זיך אַליין זיין אייגענעם פּעדעסטאַל. זיין נאָמען ווערט געענדערט אָנצוצייגן אַז ער שניידט זיך אויף אַ נייעם דרך. זיין אויפפיר ווערט דעמאָנסטרירט אויף ביישפּילן וועלכע קענען און דאַרפן דינען אַלס מוס־טערן אַלס מאַקסימען פון עטישער הנהגה בכלל. ער איז גאַסט־פריינטלעך. ער נעמט זיך אָן פאַר סדום און לוטן. ער קריגט און זיגט און אַנטזאָגט זיך פון זיין חלק אין דעם מלחמה־רויב וועלכן לויט די פּאַרצייטיקע און היינטיקע השגות ער האָט כשר פאַרדינט.

„און דער קעניג פון סדום האָט געזאָגט צו אברהמען: גיב מיר די נפשות און דאָס פאַרמעגן נעם פאַר זיך. און אברהם האָט געזאָגט צום קעניג פון סדום: איך האָב אויפגעהויבן די האַנט צו יהוה (און שווער), אויב איך וועל נעמען פון אַ פאָדים ביז אַ שוך־בענדל, און אויב איך וועל נעמען עפּעס פון אַלץ וואָס צו דיר, און דו זאָלסט ניט זאָגן, „איך האָב רייך געמאַכט אברהמען"(קע"ח).

„און ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן כדי צו ראַטעווען אים (לוטן) און ער (דער חומש) לאָזט אונדז וויסן אַז ער (אברהם) האָט זיך באַגנוגנט מיט ווייניק און ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך רייכטימער ווי אַ גייציקער מענטש וואָלט טאָן, ער איז געווען פרייגעביק"(קע"ט).

נאָך אברהמען גיט זיך די ליניע אַ בויג אַריין, זי פאַלט אַראָפּ. גרויסע טאַטעס האָבן זעלטן גרויסע קינדער. די פאָרטרעטירונג איז אָפּנים געמאָלן ווי אַ דריי־אַקטיקע לעבנס־דראַמע מיט אַן אַראָפּפאַל אין מיטן און אַן אַרויפהויב צום סוף, אַן אַרויפשטייג וועלכער יאָגט אַריבער אין זיין הויכקייט, דערפאָלגרייכקייט דעם הויכן אימפּאָנירנדיקן אָנפאַנג.

ווי אברהם איז אַקטיוו, טוגנטהאַפטיק אַגרעסיוו, אַזוי איז יצחק פּאַסיוו, ווילנסלאָז, כאַראַקטערלאָז, סיידן ווען עס קומט צום ליידן און שווייגן, דעמאָלט איז ער אַ בריה. ער גייט צו דער עקדה ווי אַ שעפּס אין שלאַכטהויז אַריין. ער לאָזט זיך בינדן אַן אַ מורמל, אָן אַ פּראָטעסט. אפילו זיין נאָמען קריגט ער ניט אַלס באַצייכענונג פון זיין אייגענער אַקציע אָדער כאַראַקטעריסטיק, נאָר אַלס באַשרייבונג פון עפּעס וואָס האָט פּאַסירט קודם צו זיין געבורט. „און שרה האָט געזאָגט: אַ געלעכטער האָט מיר יהוה פאַרשאַפט, ווער עס וועט הערן וועט לאַכן (יצחק) פון מיר"(ק"פּ). און זי אַליין האָט אויך אָפּגעלאַכט ווען מ'האָט איר אָנגעזאָגט אַז זי גייט האָבן אַ זון. „ותצחק שרה" און שרה האָט געלאַכט איך־זיך אַזוי צו זאָגן: נאָך מיין פאַרוועלקן וועט זיך אומקערן צו מיר מיין צערטלעכקייט און מיין האַר איז אַלט"...(קפ"א). אין דעם אופן פון נאָמען־קריגן ווערט שוין פאַראויס באַשטימט די גאַנצע פיזיאָנאָמיע פון יצחקן. ער איז אומבאַהאָלפן. אפילו אַ כלה קען ער אַליין זיך ניט איינשאַפן. נאָר דער טאַטע דאַרף אים באַזאָרגן מיט אַ באַשערטער. דעם פאָטערס הויז־אויפזעער, אליעזר, גייט און קריגט אים זיין זיווג.

מ'האָט קריטיקירט גאַנץ שאַרפלעך רוסאָס עמיל וועמען דער לערער־גאָווערנאָר דאַרף אַרויסהעלפן אין עניני־ליבע אפילו. עמיל איז אַזוי צוגעוואוינט צום רביס אָנווייזונגען, אַז וועלכע ער קען זיך ניט באַגיין אפילו ווען עס האַלט ביים פאַרליבן זיך און הייראַטן. ער מוז אָנקומען צו זיין מענטאָר ער זאָל פאַר אים שליכטן זיינע מיספאַרשטענדענישן מיט

זיין האַרצנס קעניגין. אַזאַ שוואַכלינג, אַזוי בן־יחידיש איז עמיל אויס־געוואַקסן.

דער חומש טוט דאָס אייגענע. ער שילדערט יצחקן אַלס חלש, אַ צעבאַלעוועטער איין־איינציקער. ער טוט כמעט קיין איין זאַך ניט פון אייגענער איניציאַטיוו. ער האַלט כסדר אין נאָכטאָן זיין גרויסן פאָטער, וועלכער האָט פאַר אים אויסגעטראָטן דעם וועג און געשאַפן דעם מוסטער פון הנהגה. ער גיט אַרויס זיין ווייב, ווען עס האַלט שמאַל, פאַר זיין שוועסטער, נאָכגעמאַלפּעוועט דעם טאַטן.

„און יצחק האָט זיך אומגעקערט און ער האָט געגראָבן די ברונעמער פון וואַסער, וועלכע מ'האָט אויסגעגראָבן אין די טעג פון אברהמען און די פלשתים האָבן זיי געהאַט פאַרשאָטן נאָך אברהמס טויט, — און ער האָט זיי געגעבן נעמען ווי די נעמען וועלכע זיין פאָטער האָט זיי גע־רופן”(קפ”ב).

ער דינט יהוהן ניט אויף זיין אייגענעם שטייגער, מיט אַ פאַרטי־פונג, אַריינטראַכטונג, אָריגינעלן באַנעם. ניין, בלויז נאָכגעמאַכט דעם טאַטן, בלויז אימיטאַציע.

„און איך וועל פאַרמערן דיין זאָמען ווי די שטערן פון הימל און איך וועל געבן צו דיין זאָמען אַט־די אַלע לענדער, און עס וועלן זיך בענטשן מיט דיינע קינדער אַלע פעלקער פון דער ערד, דערפאַר וואָס אברהם האָט געהאָרכט מיין שטים און ער האָט אָפּגעהיט מיין אָפּהיטונג, מיינע באַפעלן, סטאַטוטן און לערן”(קפ”ג).

דער גרויסער טאַטע זיינער האָט אָפּגעהיט אַלץ, און ער, דער זון, לעבט אויף זכות־אבות.

„און יהוה האָט זיך באַוויזן צו אים ביי דער נאַכט און ער האָט געזאָגט: איך דער אלהים פון אברהם דיין פאָטער, שרעק זיך ניט”... וואָרים איך בין מיט דיר און איך וועל דיך בענטשן און איך וועל פאַר־מערן דיין זאָמען צוליב אברהם מיין קנעכט”(קפ”ד).

יצחק איז געווען אַ שרעקעדיקער, אַ צעפּיעשטשעטער — אַ קליינער זון פון אַ גרויסן טאַטן. ער ווערט אַלט, ער ווערט בלינד. איז אברהם בלינד געוואָרן אויף דער עלטער? האָט אברהם געדאַרפט אָנקומען צו זיינע זין און בעטן זיי זאָלן גיין פאַר אים אויף יאַגד? רבקה פירט די גרענדע. דעם אַלטן נאַרט מען אָפּ, מ'מאַכט אַ „פאַרשווערונג” קעגן אים אַרויסצונאַרן פון אים די ברכה. דער אַלטער האַלט מער פון עשון איידער פון יעקבן. מיט שיינע ריידעלעך פלעגט דער ליסטיקער עשו אים פאַרדרייען דעם קאָפּ, „פלעגט געבן מעשר פון שטרוי, פון זאַלץ”. און ביי דעם „אַלטן” איז אַלץ רעכט געווען. — וואָס פאַר אַ פאַל אַראָפּ

פון קלוגן, אונטערנעמערישן, אויסגעהאַלטענעם, קאַמפּלוסטיקן, בעל מדות טובות, הערצאישן אברהמען!

אָבער נאָך יצחקן פאָלגט זיין זון, יעקב.

יעקב איז פול מיט לעבן, שפרודלט מיט ענערגיע, מיט איניציאַטיוו. ער הייסט יעקב ווייל ער האָט זיין ברודער געהאַלטן ביי דער פּיאַטע „און האָט אים ניט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם ערשטן און ווערן אַ בכור", דער פּריווילעגירטער. ער טראָגט אַ נאָמען וועלכן ער האָט קונה געווען דורך אַן אייגענער אַקציע, ער איז אַקטיוו און כאַראַקטערפול פון דער ערשטער מינוט פון זיין באַטרעטן די לעבנס־אַרענע.

און די ליניע שטייגט אַרויף צו אומגעהויער הויכע אַלטיטודן. און זיינע פאַרבינדונגען מיט יהוה זיינען אינגאַנצן אַנדערש, פון אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די אין וועלכע יצחק האָט זיך געפונען. און אפילו דער גרויסער זיידע, אברהם, ווערט פאַרשאָטנט, פאַרטונקלט פון גרויסן, גאָר־גרויסן אייניקל. זיין נאָמען בייט מען אינגאַנצן. און בייטן דעם נאָמען מיינט אַז אַן ענדערונג אין עצם מהות פון מענטשן איז פאָרגעקומען. ווייל דער „נאָמען" האָט באַטייט דאָס סאַמע וועזנטלעכע, דאָס סאַמע עיקרדיקע וואָס אין מענטשן. „און ער בייט זיין נאָמען, דאָס הייסט איך בין אַן אַנדערער, איך בין שוין ניט מער דער יעניקער וואָס האָט געטאָן יענע מעשים"(קפ"ה).

יעקב גייט אַריבער דעם רוביקאָן, דעם נחל יבק. און דאָס ראַנגלען זיך און זיגן איז זיין גרעסטער אויפטו. דער דאָזיקער הערצאישער אַקט רוקט אָפּ אַן אַ זייט זיין גאַנצע פּאַסירונגפולע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע ווערט אַן איר חשיבות אין פאַרגלייך מיט די פּערספּעקטיוון וועלכע עפענען זיך פאַר אים. דאָס אַרויסקריגן די ברכה, דאָס אָפּקויפן די בכורה, דאָס דינען פערצן יאָר פאַר זיינע צוויי ווייבער רחל און לאה, דאָס איינשאַפן זיך גרויסע טשערעדעס, אויפבויען אַ פאַמיליע, דערציען קינדער און דערנאָך דאָס אומקערן זיך צוריק, דאָס אַוועקגיין פון לבנען זיין פעטער און זיין פאַרגיטיקן זיין אויפגעבראַכטן ברודער און זיך אָפּ־קויפן פון אים, — דאָס אַלץ איז גאָרניט לגבי דעם גרויסן נצחון וואָס ער האָט דאָ אָפּגעהאַלטן בעת ער ווערט אַ נייער מענטש, אַ ניי־געבויי־רענער, מיט אַ נייעם נאָמען. אַ גראַנדיעזע אַקציע האָט ער דורכגעזעצט אַ גבורה האָט ער באַוויזן, אַ טריאומף וואָס באַקרוינט זיין קאָפּ, באַשטראַלט זיין קאַריערע. וואָס איז דאָ אַזעלכעס פאָרגעקומען, אַז דער חומש זאָל עס האַלטן פאַר אַזוי וויכטיק און ריכטונג־געבנדיק?

„און יעקב האָט גערופן דעם אָרט „פּניאל", וואָרים איך האָב געזען דעם אלהים געזיכט צו געזיכט און מיין זעל האָט זיך געראַטעט"(קפ"ו).

ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט יהוה, דאָס איז דער פשט פון „געזיכט צו געזיכט”, ער האָט זיך רעפלעקטירט אין יהוה און האָט באַזיגט דעם גאָט־געטשהייט. און אַזאַ איבערצייגונג־איבערלעבונג האָט אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל אויף זיין גאַנצן וויטערדיקן לעבן. ער האָט דאָ געפּאַסט אַ באַשלוס, זיך דערהויבן צו אַ גרויסער גייסטיקער הויך, צו וועלכער קיינער ביז אים האָט זיך ניט געקענט אויפהויבן. און, פאַר־שטייט זיך, ער איז געוואָרן אַ נייער מענטש, אַ מענטש אַ איך, אַ מענטש וועלכער האָט גובר געווען די חולשה און דערנידערונג פון גאָט־געטש און געטש־גאָט־דינסט.

„און יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט געזאָגט: „יהוה איז דאָ אין דעם דאָזיקן אָרט און איך האָב ניט געוואוסט”. איז עס דען אַ וואונדער וואָס ער האָט ניט געוואוסט, און וואָס מיינט ער מיטן „איך האָב ניט געוואוסט”? ער האָט אַזוי געזאָגט: אַזוי פיל איז צו מיר אַנטפּלעקט געוואָרן און איך האָב ניט אַריינגעקוקט צו וויסן דעם איך און אַרונטערצוקומען אונטער די פליגלען פון דער שכינה און ווערן פּער־פעקט... אַזוי האָט יעקב געזאָגט: אַזוי פיל האָב איך באַאָבאַכטעט און דעם איך האָב איך ניט געוואוסט... ווייל ער איז דאָך אַליין און ער איז ניט אַרונטער אונטער די פליגלען פון דער שכינה גלייך אויף דער שטעל... ער מיינט צו זאָגן „איך האָב ניט געוואוסט” און איך קען זיך ניט באַ־העפטן אויבן ווי באַדאַרף צו זיין מיט דער שכינה וועלכע הייסט איך”(קפ"ז).

„און יעקב איז געבליבן אַליין און אַ מענטש האָט זיך מיט אים גע־ראַנגלט” (בראשית ל"ב, כ"ה).

„עס איז ניטאָ אַזאַ גאָט ווי ישורון וואָס רייט אין די הימלען מיט דיין הילף” (דברים ל"ג, כ"ו).

רבי ברכיה אין נאָמען פון רבי יהודה... האָט געזאָגט: עס איז ניטאָ ווי גאָט (אל), און ווער איז ווי גאָט (אל)? די אידן, די שיינע און בעסטע וועלכע געפינען זיך ביי אייך.

רבי ברכיה אין נאָמען פון רבי סימון האָט געזאָגט:

עס איז ניטאָ ווי גאָט (אל) און ווער איז ווי גאָט (אל)? ישורון, דער אַלטער ישראל, וואָס שטייט געשריבן וועגן הייליקן־געבענטשט־איז־ער? „און עס וועט דערהויבן ווערן יהוה אליין (לבדו)” (ישעיה ב', י"א). וועגן יעקבן שטייט דאָס אייגענע, „און יעקב איז געבליבן אַליין (לבדו)(קפ"ח).

יהוה איז אַליין „ונשגב יהוה לבדו”... דאָס איז זיין הויפּט־אַטריבוט, און טאַקע דעם אַטריבוט פון אַליינקייט, פון איינציקייט, שרייבט צו דער חומש, לויט דעם מדרשס אויסטייטש, צו יעקבן. דער מדרש שטרייכט אונטער דעם וואָרט אַליין, דער איך איז אַליין, ער איז אַ יחיד־

ומיוחד. דער סימן מובהק פון זעלבסטהייט איז איינער־אליינִיקייט. ווי נאָר יעקב איז געבליבן אַליין, געוואָרן אַ זעלבסט, האָט ער זיך גלייך גע־נומען ראַנגלען מיט דעם אויסערלעכן גאָט, דעם גאָט־געטש, דעם „אל זר" אָדער אלהים אחרים, מיט דעם ניט־איך.

און ווי מערקווירדיק וואָס דער מיטאָס וועגן ראַנגלען זיך מיטן מלאך און „זיגן מענטשן און געטער" אַסאָציאירט דער מדרש מיטן געדאַנק וועלכער ווערט אויסגעדריקט מיטן דרייסטן שפּרוך פון פּסוק „אין כאל ישורון" „עס איז ניטאָ אַזאַ גאָט (אל) ווי ישורון". דער מדרש האָט זיך שוין גאָרניט דערשראָקן פאַר דער וואָגזאַמקייט וואָס ליגט אין דעם אויסגעשפּראָכענעם פּסוק, און האָט זיך ניט געלאָזן אויפן וועג פון תרגום וועלכער האָט אויסגעפּשטלט, „אַז עס איז ניטאָ אַזאַ גאָט ווי דער גאָט וועלכן ישורון האָט". דער פּסוק זאָגט קלאָר און אָן צווײדײטיקײטן „אין כאל ישורון" עס איז ניטאָ ווי גאָט־ישורון. און אַזוי טייטשט עס דער מדרש. און נאַטירלעכערווייז רופט אַרויס די מעשה וועגן ראַנגלען זיך אָט־דעם מוטיקן אָפענעם עגאָסאָפישן פּסוק אין זכרון פון דעם וואָס האָט געלייענט דעם חומש און האָט אים טאָקע פאַרשטאַנען און זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון די פּאַגאַניסטישע באַגריפן וואָס האָבן זיך אַריינגע־כאַפּט אין אידישקייט און וועלכע האָבן געשעדיקט דאָס פאַרשטיין פון תורת־משה.

דער מדרש האָט אינטערפּרעטירט דעם מיטאָס וועגן ראַנגלען זיך אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי מיר טוען עס. דאָס הייסט אַז יעקב האָט באַקעמפט די געטער־געטשן און דעם גאָט־געטש און האָט זיך אידענ־טיפיצירט מיט יהוה, מיטן לבדו, מיט דער איכהייט־זעלבסטהייט אַליינהייט. און גאָט, אל איז געוואָרן ישורון, יעקב וועלכער איז געוואָרן דורך דעם אַ ישראל, אַ גאָט־באַהערשער, אַ גאָט־באַקעמפער, אַן איקאָנאָקלאַסט. דערפאַר שטעלט אים דער מדרש העכער פון די איבעריקע אבות, פיל העכער פון אברהמען.

„רבי ברכיה, און רבי לוי אין נאָמען פון שמואל דעם זון פון נחמנען, האָט געזאָגט:

„אברהם וואָלט ניט ניצול געוואָרן פון קאַלך־אויוון ווען ניט דער זכות פון יעקבן... ווי עס שטייט געשריבן: „אַזוי האָט געזאָגט יהוה צום הויזגעזינד פון יעקב וועלכער האָט אויסגעלייזט אברהמען" (ישעיה כ"ט, כ"ב).

און די רבנן האָבן געזאָגט: אברהם וואָלט ניט געבוירן ווערן ווען ניט דער זכות פון יעקבן; ווי עס שטייט געשריבן: „וואָרים איך האָב

אים געקענט בכדי ער זאָל אָנזאָגן זיינע קינדער און זיין הויזגעזינד נאָך אים און זיי וועלן היטן דעם שטייגער פון יהוה צו טאָן גערעכטיקייט און געריכט" (בראשית י"ח, י"ט); און עס איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט און קיין געריכט אויסער ביי יעקבן, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „געריכט און גערעכטיקייט אין יעקב האָסטו געטאָן" (תהלים צ"ט, ד') (קפ"ט).

„האָט רבי נהוראי אָנגעפאַנגען און געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה צום הויזגעזינד פון יעקב וועלכער האָט אויסגעלייזט אברהמען" (ישעיה כ"ט). — האָט דען יעקב אויסגעלייזט אברהמען, יעקב איז דאָך נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט ניט געווען?! נאָר אַזוי האָבן געלערנט די חכמים, אין דער צייט ווען מ'האָט אַריינגעוואָרפן אברהמען אין קאַלך-אויוון אין כשדים, האָט דער הייליקער-געבענטשט-איז-ער אויפגעקליבן זיין ראָט און האָט געזאָגט: ראַטעוועט אַברהמען, ווייל ער איז מיין גוטער פריינט. האָבן זיי געזאָגט צום הייליקן-געבענטשט-איז-ער: פון אים וועט דאָך אַרויסקומען ישמעאל. האָט דער הייליקער-געבענטשט-איז-ער געזאָגט: עס וועט דאָך פון אים אַרויסקומען יצחק. האָבן זיי געזאָגט צום הייליקן-געבענטשט-איז-ער: עס וועט דאָך אָבער פון אים אַרויסקומען עשו; האָט דער הייליקער-געבענטשט-איז-ער געזאָגט: עס וועט דאָך אָבער פון אים אַרויסקומען יעקב. האָבן זיי געזאָגט: זיכער, אין זכות פון יעקבן דאַרף ער געראַטעוועט ווערן, דעריבער זאָגט דער פסוק וואָס האָט אויסגעלייזט אברהמען, אין זיין זכות איז אברהם גע-רעטעט געוואָרן"(ק"צ).

און דער מדרש קאַרגט ניט קיין פאַרבן אַבי נאָר צו שאַפן אַ שטאַרקן, אַ מעכטיקן פאָרטרעט פון זיין ליבלינג-העראָי, יעקב. און די טענדענץ און דער פאַרלאַנג אויסצומאָלן יעקבס בילד אויף דעם שענסטן און רייכסטן אופן ווירקט אויף-צוריק. און דער מדרש טייטשט אַלע פסוקים אין זעלביקן גייסט. ער באַמיט זיך מיט כל-הכוחות צו וואַרפן אַ וואָס העלערן ליכט אויף דעם פאָרטרעט פון יעקבן, וועלכן ער פאַררעכנט פאַרן פאָטער פון די אידן און אידישקייט, פאַרן פאַראויסלויפער פון משהן, דעם געזעצגעבער און נביא. דער מדרש טוט עס, מחמת ער האָט געפילט בחוש אַז דער מחבר פון חומש, דער פאַרפאַסער און רעדאַגירער פון דעם גראַנדיעזן אידישן ווערק, האָט עס געטאָן פאַר אים, מיט דער כוונה צוצוגרייטן דעם לייענער און די העראָאישע פיגור אַליין צו דעם העכסטן און שטאַרקסטן קלימאַקס פון דער לעבנס-באַשרייבונג — דאָס בייקומען פון דעם „אויבערשטן" און אים פאַרוואַנדלען אין אַן „אינערלעכסטן", אין אַ זיך-אַליין, אין אַ איך. „ובגין דאנת מלגאו", דו ביסט פון אינע-וויניק"(קצ"א).

„און האָט שטייט יהוה אויף אים" (בראשית כ"ח, י"ג). רבי חייא רבה און רבי ינאי (האָבן זיך געאַמפּערט מכוח דעם). איינער האָט געזאָגט: „אויף אים" מיינט אויפן לייטער, און דער אַנדערער האָט געזאָגט: „אויף אים" מיינט אויף יעקבן. דער וואָס זאָגט: „אויף אים" מיינט אויפן לייטער " — איז רעכט (דער לייטער האָט דאָך דערלאַנגט מיטן שפּיץ אין הימל אַריין). אָבער דער וואָס זאָגט: „אויף אים" מיינט אויף יעקבן", ווער האַלט זיך אויף אים? האָט רבי יוחנן געזאָגט: די רשעים האַלטן זיך (עקזיסטירן) אויף זייערע געטער: „און פּרעה חלומט אָט שטייט ער אויפן טייך" (בראשית מ"א, א') (דער טייך נילוס האָט זיך דאָך גערעכנט פאַר אַ גאָט). אָבער די צדיקים, זייערע געטער האַלטן זיך אויף זיי, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „און אָט שטייט יהוה אויף אים און ער האָט געזאָגט: איך יהוה"(קצ"ב).

ביי די רשעים, ביי די געטשנדינער זיינען זייערע געטער אָביעקטן און דער לעבן פון מענטשן הענגט אָפּ פון גאָט־געטש, כלומרשט. ביי די צדיקים איז פּונקט פאַרקערט, זייערע געטער זיינען סוביעקטן, זיינען עפּעס סוביעקטיוועס, און האָבן קיין קיום ניט מחוץ דעם האַרצן און זעלבסט־באַוואוסטזיין פון דעם צדיק, דעם רעכט־גלויביקן.

„רבי אלעזר האָט געזאָגט: פון וואַנען וויסן מיר אַז דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט גערופן יעקבן „אל"? פון דעם וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן: „און ער האָט אים גערופן אל דער אלהים פון ישראל" (בראשית ל"ג, כ'). אויב דו מיינסט אַז יעקב האָט גערופן דעם אַלטאַר „אל", האָט דאָך געדאַרפט שטיין: „און יעקב האָט אים גערופן", עס שטייט אָבער בלויז „און ער האָט אים גערופן" — יעקבן — „אל". און ווער האָט אים גערופן „אל"? דער „אלהי ישראל"(קצ"ג).

„און ער האָט אויפגעריכטעט דאָרט אַן אַלטאַר און ער האָט אים גערופן: „אל" (בראשית ל"ג, כ') ריש לקיש האָט געזאָגט: „און ער האָט אים גערופן: „אל, אלהי־ישראל", ער האָט געזאָגט: „דו ביסט דער אלוה פון די אויבערשטע, און איך בין דער אלוה פון די אונטער־שטע"(קצ"ד).

„אלהי ישראל" האָט ער אויסגעטייטשט אַזוי ווי ער וואָלט געזאָגט: „איך־ישראל אויך איך הייס אלוה"(קצ"ה).

„און ער האָט אים גערופן: „אל אלהי ישראל", דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט גערופן יעקבן „אל", איך בין דער אלהים אין די אויבנס און דו ביסט דער אלהים אין די אונטנס"(קצ"ו).

„און דער האָר פון די נביאים, פּרידן אויף אים, האָט עס אָנגעוואונקען ווען ער האָט געזאָגט: „עס איז ניטאָ אַזאַ אל ווי ישורון, ער רייט די

הימלען מיט דיין הילף און מיט זיין שטאָלץ די געוועלבן". און אין בראשית רבה (פרשה ע"ה) ווערט געזאָגט: „עס איז ניטאָ ווי אל, און ווער איז ווי אל? ישורון, די שיינע און געליבטע וואָס ביי דיר". דאָס מיינט, אַז יענע, וואָס פערפעקטירן דעם מיין און פאַרבעסער פון אויבערשטן דורך זייער דינסט וואָס איז די פאַראיינציקונג זיינען ווי דער אל אין דער מיסטעריע פון „און ער האָט אים גערופן": „אל אלהי ישראל" און אין גמרא מגילה, פרק הקורא ווערט געזאָגט: „און ער האָט אים, יעקבן, גערופן „אל". און ווער האָט אים גערופן? דער אלהי־ישראל".

און אין בראשית רבה שטייט: „ער האָט געזאָגט: „דו ביסט דער אלוה פון די אויבערשטע און איך בין דער אלוה פון די אונטערשטע". און דאָס דערקלערט זיך דורך זיין זאָגן: „ער רייט די הימלען מיט דיין הילף", און דאָס איז דער פרינציפ פון יחוד וועלכער ווערט פאַראורזאַכט פון זייער דינסט און דאָס איז די הילף אויף וועלכן ער ווינקט אָן זאָגנ־דיק: „מיט דיין הילף"; און דאָס איז די פאַרריכטונג פון אויבערשטן וועלכע איז די פאַרריכטונג פון כבוד און דאָס איז דער שטאָלץ וואָס ער שטאָלצירט דורך זיי אין דער מיסטעריע פון „גיט שטאַרקייט צו אלהים", „אויף ישראל איז זיין שטאָלץ", דורך ישראלן וועלכער איז אונטן שטאָל־צירט ער אויבן"(קצ"ז).

„והנה יהוה נצב עליו" שטייט ביי יעקבן ווען ער האָט געזען אין חלום דעם לייטער וועלכער איז געשטאַנען אויף דר'ערד און זיין שפּיץ האָט דערגרייכט אין הימל אַריין.

„ער האָט געזען אַז אַלע שטופן עקזיסטירן אַלע ווי איינע אויף יענעם לייטער און זיי פאַרבינדן זיך אַלע אין איין בונד"(קצ"ח).

דער לייטער איז אַ סימבאָל פון מענטשן, פון איך, וועלכער הויבט אָן גאַנץ נידעריק, אויף דער פשוטער זינדיקער ערד, אין קליינטשיקן אומווירדיקן גוף און קלעטערט אַלץ העכער און העכער. און דער מדרש האָט דעם אויסגעשפּראָכענעם דרייסט־און־מוט צו זאָגן און טייטשן דעם פסוק, אַז יהוה האָט אַ באַשטאַנד נאָר דורך אים, אַז יהוה האָט אַ קיום נאָר דורך יעקבן, אין יעקבן.

„ווי אונדזערע געלערנטע, זייער אָנדענק צום בענטשן, האָבן גע־זאָגט, „כל זמן די אידן טוען דעם ווילן פון רבונו־של־עולם (מקום), גיבן זיי צו כוח דער גבורה פון אויבן" און פאַרקערט, שטייט געשריבן: „צור ילדך תשי" (דברים ל"ב, י"ח) דעם פעלזנשטיין וואָס האָט דיך געבוירן האָסטו אָפּגעשוואַכט", פון לשון תשות־כוח, אָפּגעשוואַכט דעם כביכול" (קצ"ט).

„דעם פעלזנשטיין וואָס האָט דיך געבוירן האָסטו אָפּגעשוואַכט״, דו האָסט אָפּגעשוואַכט דעם כוח פון באַשעפער״(ר׳).

דער כוח פון כביכול איז דער כוח און גוטער איכישער אויפפיר פון דער זעלבסטהייט־יחיד און זעלבסטהייט־ציבור, כנסת־ישראל וועלכע זיינען אידענטפיצירט.

„האָט אים שוין באַגינען צארניק גאָט געטראָפן און זיי נעמען באַלד זיך ראַנגלען זאַלבענאַנד... קעמפט מיט גבורה יעקב, ראַנגלט זיך אין גרוילן, ביז דער מאָרגנשטערן גייט אין בלויקייט אויף״ (א. ליעסין)

יעקבס ראַנגלען זיך קומט פאָר פאַרטאָג, איידער דער מאָרגנשטערן גייט אויף. יעקב קעמפט קעגן גאָט. יעקב שלאָגט זיך מיט כל־הכוחות. יעקב זיגט, הגם ניט אינגאַנצן... ער בלייבט אַביסל הינקנדיק, געשעדיקט פון דעם צוזאַמענשטויס. זיין ניצחון איז פאָרט ניט קיין פולער. און יעקב קריגט אַ נייעם נאָמען, אַ נאָמען וועלכער איז וויכטיקער ווי די ברכה וועלכע ער האָט געבעטן פון דעם באַזיגטן און אַנדערש ניט וואָלט ער אים ניט אָפּגעלאָזט. דער נאָמען איז ישראל, דער גאָט־בייקומער, דער אל־באַצווינגער, דער גאָט־איינגעמער. און נאָך דער געשעעניש —

„און יעקב האָט געזאָגט צו זיין הויזגעזינד און צו אַלע וואָס זיינען געווען מיט אים: טוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס צווישן אייך, רייניקט אייך און בייט אייערע קליידער״(ר״א).

אַלע געטער זיינען פרעמדע געטער, אַלץ דאָס וואָס איז אויסערלעך איז פרעמד.

„און אלהים האָט געזאָגט צו אים: דיין נאָמען איז יעקב, דו וועסט זיך מער ניט אָנרופן יעקב, נאָר ישראל וועט זיין דיין נאָמען, און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן „ישראל״(ר״ב).

און נאָך דעם דאַזיקן נאָמען רופן מיר זיך אָן, די קינדער פון ישראל.

„טראָג איך שוין יאָרטויזנטער דעם שטאָלצן נאָמען״. (א. ליעסין).

און אַנדערש ווי הייסן מיר? יהודה, אידן.

„און זי איז שוואַנגער געוואָרן און האָט געבוירן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: דאָס מאָל דאַנק איך יהוה, דעריבער האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן יהודה״(ר״ג).

יהוה און יהודה איז דער זעלביקער פילאָלאָגישער וואָרצל. יוד־איד — איז דער סימן פון דער ערשטער פערזאָן. אַ איד איז אַ יהודה, אַ יהוה־אַנדערקענער אַן איך־פילאָזאָף, אַן עגאָסאָף. מחמת די איכהייט איז אונדזער גרעסטע דערפינדונג. מיר האָבן אַנטדעקט דעם איך, דעם איך אין מענטשן, אין דער מענטשהייט און אין דער וועלט — דעם אנכי־יהוה.

דער איך גייט דורך פאַרשיידענע אַנטוויקלונגס־שטופן. ער קלעטערט באַרג אַרויף. דאָס קינד קלאַפּט זיך קאָפּ אָן וואַנט, שפּילט זיך מיט זיין אייגן הענטעלע, אָדער פיסעלע. ער ווייסט ניט אַז די דאָזיקע אברים געהערן צו אים. דערנאָך נעמט דער באַגריף וואַקסן, אַרומפאַסן דעם גאַנצן מענטשן, שפּעטער־צו די גאַנצע פאַמיליע, נאָך שפּעטער, די נאַציע, נאָך שפּעטער, די מענטשהייט, אַלדאָס לעבעדיקע, דעם קאָסמאָס, וועלכער, אַלס עפּעס גאַנצעס סיסטעמאַטישעס טויכט אַרויף פון דעם איך־באַוואוסט־זיין. „אַלץ וואָס אָטעמט וועט לויבן דעם איך" (תהלים), דער לעצטער זאַץ פון תהלים איז דער בעסטער, שטאַרקסטער, גייסטרייכסטער. דאָס איז דער הויפּט־יסוד פון עגאָסאָפיע. אַלץ וואָס אָטעמט וועט אַרויפשטייגן צו דער שטופע פון זעלבסט־באַגלויבטזיין און פון דעם נאָך איין שטאַפּל העכער — און דאָס איז זעלבסט־באַוואוסטזיין. דאָס איך־באַוואוסטזיין איז געבוירן פון זעלבסט־באַגלויבטזיין און ווערט געפּלעגט און געהאָדעוועט פון דער אָם וואָס הייסט זכרון. דאָס איך־באַוואוסטזיין זויגט די ברוסט פון דערינערונג פון געדעכעניש, וועלכע אַליין גיט אַ מעגלעכקייט צו קאָמבינירן און אונטערשיידן צווישן זעלנצושטאַנדן. זכרון איז אַ פאַרזוך צו פאַרניינען צייט, צו שאַפן אַ גייסטיקע תחית־המתים, פאַרלאָפענע פאַ־סירונגען ווערן אָפּגעלעבט, אָפּגעפרישט, געבראַכט צוריק פון יענער וועלט, פון דער פאַרגאַנגענהייטס־וועלט. זכרון פאַרניינט צייט, קניפּט צוזאַמען עלטער און יוגנט, ברעכט אַרונטער די דיקסטע שיידעווענט. סימ־פּאַטיע, דער רוים־זכרון, אַזוי צו זאָגן, טוט דאָס אייגענע, עס פאַרניינט אָרט, און די פאַרקניפּונג פון איך און ניט־איך ווערט דורכגעזעצט. און דער איך איז גובר דעם ניט־איך. דער איך איז אַלץ און ער לאָזט גאַרניט איבער אויסער זיך, אויסער זיינע גבולין.

און די דאָזיקע אַנטדעקונג, וועלכע וועט האָבן די ליכטיקסטע צו־קונפט, איז געמאַכט געוואָרן פון אידן און איז אויסגעדריקט אין תורת־משה און אין די וויזיעס פון די אידישע פּראָפעטן.

„בשעת ביי דעם פיניציאַנעם פאָלק איז דאָס גייסטיקע נאָך אַלץ געווען באַגרעניצט פון נאַטור, געפינען מיר עס ביי די אידן לגמרי גע־רייניקט, אַ ריינער פּראָדוקט פון געדאַנק. זעלבסט־קאָנצעפּציע באַווייזט זיך אין באַוואוסטזיין־פעלד און דאָס גייסטיקע אַנטוויקלט זיך אין שאַרפן קאָנטראַסט צו דער נאַטור און צו אַ פאַראייַן מיט איר"(7).

אָנשטאָט דעם אַביסל צעשוואומענעם וואָרט „גייסט" וואָלט איך בעסער אַוועקשטעלן דאָס וואָרט איכהייט, זעלבסטהייט, וואָס מיינט אייגנט־לעך פּסיכישקייט, און העגעלס באַהויפּטונג וואָלט פון דעם געווינען אין

קלאָרקייט און באַטאָנונג. ער זאָגט דאָך בפירוש, אַז די זעלבסט־קאָנצעפּ־ציע, אַז די קאָנצעפּציע פון זעלבסט האָט זיך באַוויזן אין באַוואוסטזיין־פעלד מיטן אַרויפקום פון דעם אידן אויף דער אַרענע פון דענקען.

14.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער איבערבליק פון חומש און פאַרטזעצן דאָס לייענען פון ספר ויקרא.

„יעדער ווער (זאָל) מורא האָבן פאַר זיין מוטער און פאָטער, און מיינע שבתים ווער איר היטן, איך־יהוה בין אייער אלהים"(ר"ד).

מוטערשאַפט און פאָטערשאַפט, כבוד אב ואם, דער אבות־קולט איז אויפגעריכטעט געוואָרן אויף דעם פונדאַמענט פון זעלבסטהייט. און דאָס אייגענע איז שבת האַלטן. דער יסוד פון שבת און זיין מאָטיווירונג איז אַ סאָציאַלער. דעריבער גייט דאָ דער אָנזאָג־פּאַראויסזאָג וועגן שבת צוזאַמען מיט דעם אָנזאָג־פּאַראויסזאָגונג וועגן מוטער און פאָטער אָפּשיי. ניט ווי די חז"ל, וועמען דער פסוק האָט געהאַרט, וואָסער סמיכות־הפּרשיות פון מוטער־און־פאָטער־אָפּשיי און שבת־האַלטן, האָבן עס אויסגעטייטשט: האָט פאַרכט פאַר מוטער און פאָטער, נאָר אויב זיי הייסן אייך מחלל־שבת זיין, פאָלגט זיי ניט, ווייל איך בין יהוה... און איך וועל באַשטראָפן, איך שטיי העכער פון פאָטער און מוטער. שבת איז אַ סאָציאַל־עטישע אינסטיטוציע און דער איך שיקט זיך דאָ גאַנץ גוט.

„און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין אלהים, דו זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט, ניט דו, ניט דיין זון, ניט דיין טאָכטער, און ניט דיין קנעכט און דיין דינסט, ניט דיין אָקס און דיין אייזל און דיינע אַלע בהמות, ניט דיין פרעמדלינג וועלכער איז אין דיינע טויערן בכדי עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט ווי דו. און דו זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געוועזן אין לאַנד מצרים, און יהוה, דיין אלהים, האָט דיך פון דאָרטן אַרויסגעצויגן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, דעריבער האָט דיך באַפעלן יהוה, דיין אלהים, צו האַלטן דעם טאָג שבת"(ר"ה).

קנעכט און דינסטן ווערן אַריינגערעכנט אין כלל פון איך, פון זעלבסטהייט. און אפילו דער אָקס און אייזל זיינען אַריינגענומען אין זעלביקן צירקל...

„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויף דעם זיבעטן טאָג וועסטו אויפּ־הערן, בכדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל און עס זאָל זיך דער־האָלן דער זון פון דיין שקלאַפין און דער פרעמדלינג"(ר"ו).

„דברים ה׳ זאָגט דרינגלעך אַז איינזעעניש מיט מענטשן און בעלי־חיים דאַרף אַרויסקווועלן פון אַן אמתער סימפּאַטיע מיט זיי... און אַזוי זעצט ער פאָרט און הויבט אויף דאָס שבת־האַלטן העכער פון דעם ריטואַל און שטעלט אים אַוועק אין דער עטישער ספערע״(8).

און וואו אידישע־ביבלישע עטיק דאָרטן שטייט אַלע מאָל דער אני יהוה, וועלכער נעמט אַריין אַלע באַשעפענישן.

„כל זמן דו ביסט אַ בעל־רחמים, וועט דער אויבערשטער רחמנות האָבן אויף דיר״(ר״ז).

„דער וואָס דערבאַרימט זיך איבער די באַשעפענישן, דערבאַרימט מען זיך פון הימל איבער אים״(ר״ח).

„צער בעלי־חיים איז מדאורייתא, אַז מען דאַרף רחמנות־האָבן אויף באַשעפענישן איז געדרונגען פון דער תורה״(ר״ט).

„דער וואָס האָט רחמנות אויף די באַשעפענישן איז מען זיכער אַז ער שטאַמט פון דעם זאָמען פון אברהם אבינו״(ר״י).

„אַז עס וועט זיך דיר טרעפן אַ פויגל־נעסט אין וועג, אויף אַ בוים, אָדער אויף דער ערד, פייגעלעך אָדער אייערלעך, און די מוטער זיצט אויף די פייגעלעך אָדער אויף די אייערלעך, זאָלסטו ניט צונעמען די מוטער מיט די קינדער. אַוועקשיקן זאָלסטו אַוועקשיקן די מוטער און די קינדער נעם פאַר זיך, בכדי עס זאָל דיר גוט זיין און דו זאָלסט האָבן לאַנגע טעג״(רי״א).

„אַן אָקס און אַ שעפּס זאָלט איר ניט שעכטן אים און זיין זון אין איין טאָג״(רי״ב).

„זאָלסט ניט קאָכן אַ ציגעלע אין דער מילך פון איר מוטער״(רי״ג).

„זאָלסט ניט אַקערן מיט אַן אָקס און אַן אייזל צוזאַמען״(רי״ד).

„זאָלסט ניט פאַרצוימען אַן אָקס בשעת ער דרעשט״(רט״ו).

„דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער וועגן וועמען עס שטייט געשריבן „און זיינע רחמים אויף אַלע זיינע טואונגען״, אפילו אויף אַ קליין ווערימל אין דער וועלט, זיינע רחמים זיינען אויף אַלעמען און אַלץ״(רט״ז).

„אַ מענטש טאָר ניט פאַרזוכן עסן, איידער ער גיט עסן זיין בהמה״(רי״ז).

„אַ מענטש טאָר ניט אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אַ בהמה, אַ בעל־חי אָדער אַן עוף, סיידן ער האָט צוגעגרייט פאַר זיי שפּייז״(רי״ח).

„דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער אַזוי ווי ער האָט רחמנות אויף אַ מענטשן, פונקט אַזוי האָט ער רחמנות אויף אַ בהמה״(רי״ט).

„ווייל אַלע באַשעפענישן זיינען ברידער איינער מיטן אַנדערן״(9).

מער פון ברידער — זיי זיינען אידענטיש, אַלע צוזאַמען פאָרמירן זיי איין הויך קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט.

און אין דעם כלל פון איך ווערן אַריינגענומען ניט נאָר בעלי־חיים נאָר אפילו פלאַנצונגען אויך.

„איינער פון די וועגן פון (יהוה) פּאָרכטיקייט איז אַז מ׳זאָל זיך ניט פאַרהאַלטן מיט גרינגשעצונג צו קיין באַשעפעניש פון דער וועלט און ווי דער זהר פּרשה יתרו, זאָגט אָן וועגן דעם, אַז אַלע באַשעפענישן זיינען די ענטוועדק פון הייליקן־געבענטשט־איז־ער און מ׳דאַרף זיי אַלעמען האָבן אויף דער וועלט. דאַרום זאָל אַ מענטש אומזיסט ניט הרגענען קיין שום באַשעפעניש אפילו אַזאַ וואָס קען אָנטאָן שאָדן ווי, דהיינו, אַ שלאַנג אָדער אַ שפּין ווען ער יאָגט זיך ניט נאָך נאָכן מענטשן אים צו שעדיקן״(ר״כ).

„דאַרום טאָר אַ מענטש ניט מצער־זיין און ניט מבזה זיין קיין שום באַשעפעניש... און דאָס איז ניט דער וועג פון די באַרמהאַרציקע צו טאָן שלעכטס גלאַט־אַזוי־זיך צו אַ באַשעפעניש אָדער אפילו צו בוימער און קרייטעכער און אַנדערע פלאַנצונגען וואָס וואַקסן אויף דער ערד״(רכ״א).

„דער אָנזאָג איז שטרענג ניט מצער־צו־זיין קיין שום בריה אפילו קיין גראָז און קיין שפּראָצונג וואָס אין זיי איז ניט פאַראַנען קיין שום חיות״(רכ״ב).

„און ווען איר שניידט די שניט פון אייער לאַנד, זאָלסטו ניט פאַרענדיקן דעם ראַנד פון דיין פעלד אים צו שניידן, און דעם געזאַמל פון דיין שניט זאָלסטו ניט אויפזאַמלען ביז־צו־לעצט, און דיין ווייגאָרטן זאָלסטו ניט אָראָפּקלייבן ביז־צו־גאָר, און דאָס אָראָפּגעפאַלענע פון די טרויבן זאָלסטו ניט קלייבן, פאַרן אָרימאַן און פרעמדלינג זאָלסטו עס איבערלאָזן, איך־יהוה בין אייער אלהים״(רכ״ג).

צדקה, מיטלייד, מיטגעפיל, רחמנות איז באַזירט אויף דעם עגאָ־פּרינציפּ. אַלע מענטשן ווערן איין קאָמפּליצירטער איך. און אפילו דער פרעמדער איינוואוינער איז אַריינגעצויגן אין באַגריף־קרייז פון זעלבסט־הייט. אַלע מענטשן, אַלע באַשעפענישן, די גאַנצע וועלט מיט איר טאָטאַלי־טעט פון דערשיינונגען גייען אַריין אין איכהייט־צירקל.

„וואָס איך וויל, וואָס איר ווילט, וואָס מיר אַלע ווילן, איז אַרויס־צוקריכן פון זיך אַליין, צו טיילן די איינזאַמקייט און איזאָלאַציע פון איינגעשלאָסן זיין, ווי אויף אַ פאַרלאָזענעם אינדזל, אין דער איין־גייסט־וועלט, פון וואַנענט עס איז ניטאָ קיין אַרויסגאַנג און קיין אַנטרינונג — בקיצור, די שטימע פון דעם וואָס שרייט אין דער ווילדערניש. אַ יש

מענטשן זוכן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע דורך מעשים טובים, מילדקייט, פילאַנטראָפּיע, אַ יש מענטשן דורך קונסט, מאָלעריי, ליטעראַטור, מוזיק, וועלכע זעט אָפּט אויס צו זיין אַ מער פּולקאָמען מיטל ווי אַלע איבעריקע. אָבער אַלע זוכן עס, אַמאָל צופעליקערהייט, לייכט, בלאַ־יודעים, אַמאָלליידנשאַפטלעך, פאַרצווייפלנדיק, האַפענונגסלאָז — עפּעס מער ווי אַ הוילע אָנרירונג פון הענט און אַן איבערוואַרפן זיך מיט אַ פּאָר פּוסטע ווערטער, עפּעס וואָס זאָל פאַרשמעלצן מיין זעלבסט מיט אייער זעלבסט, און אפשר אונדזערע ביידנס זעלבסטן מיט אַ זעלבסט וואָס איז טיפער, ברייטער, גראַנדיעזער סיי פון מיין און סיי פון אייער איך"(10).

אָט־די צוויי טענדענצן ציִען זיך אַרויס צוזאַמען. און זיי זיינען ביידע אמת, ביידעווירקלעך, ביידע געזונט. עס איז דאָ אַ פאַרלאַנג זיך צוריקצוציען און זיך קאָנצענטרירן און זיך פאַרמירן אין אַן אייגן קעניגרייך אָפּגעצאַמט, אָפּגעגבולט פון אַלע אַרומיקע קערפּער־מלוכהלעך. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז דאָ אַ דראַנג צו שפּינען און וועבן אַ נעץ־ווערק פון פאַרהעלטעניש, שאַפן עפּעס אינטער־אינדיווידועלעס און אַזוי אַרום אויסקריסטאַליזירן אַן איך פון אַ מער קאָמפּליצירטער קוואַליטעט און פון אַ גרעסערער קוואַנטיטעט. אָבער די צווייטע טענדענץ מיינט ניט אַ פאַרלאַנג אַרויסצוגיין פון זיך און זיך אינגאַנצן פאַרלירן. ניין. עס ווילט זיך אַז עס זאָל זיין אַן איך, און עס זאָל זיין אַן איזאָלאַציע פון וואַנענט מ'זאָל קענען אַרויסגיין — די העכערע שטאַפּלען פון אַנטוויקלונגס־לייטער, די העכערע שטופן פון איך־קולטיווירונג פאַרניינען ניט די נידעריקערע, נאָר שטיצן זיך אויף זיי. פּונקט ווי אַ פיל־שטאָקיקע געביידע פאַרניינט ניט מיט איר דאַך דעם פונדאַמענט, אַן וועלכן זי וואָלט קיין קיום ניט געהאַט.

די דאָזיקע צוויי טענדענצן ציִען זיך אַרויס אין זייערע אָפּעראַציעס אויך אין דעם איינציקן מענטשן בנוגע אים אַליין, זיין אינעווייניקסטער אָפּגעשלאָסענער וועלט פון פּסיכיק. יעדער צושטאַנד וויל אַרויס פון זיך, פון זיין ענגן קרייז און זיך צוזאַמענגיסן מיט אַן אַנדער צושטאַנד, און אַלע צושטאַנדן צוזאַמען שמעלצן זיך צונויף אין דעם גרויסן איך פון איינציקן יחיד. אָבער אינגאַנצן און דורכאויס זיך צו פאַרטויכן אין דעם גרעסערן איך איז ניט זיי קענען און ניט זיי ווילן עס טאָן. און ווען זיי וואָלטן עס געטאָן, וואָלט דער גאַנצער איך פון יחיד פאַרשוואונדן געוואָרן, ווייל עקזיסטענץ פאַר אים מיינט וועבן אינטער־פּסיכישע צושטאַנדס־פאַרהעלטעניש. ווען די פאַרהעלטענישן וואָלטן אָפּגעשאַפן געוואָרן, אַלע מחיצות אָפּגעווישט געוואָרן — וואָלט ער אויך אונטערגעגאַנגען. מחמת

ער וואָלט ניט בכוח געווען זיך צו אויסערן פון אינעווייניק. אַט־דער פּאַרזוך צו פאַרשלומען צוויי סתירות איז דער עצם מהות פון דער גאַנצער נשמה־טעטיקייט, סיי פון אינעווייניק און סיי פון דרויסן. עס איז אַן איך־ער שפּיל, אַ יהוה־פּראָצעס דורך און דורך. דער איך מוז ווערן זעלבסט־באַשטימט און איבערוואונדן צו וועלכער־ניט־איז מאָס, בכדי צו שאַפן אַ בעסערע קריסטאַליזאַציע פון דעם זעלביקן איך. און דאָס איז דער יסוד פון תורת־משה. דער איך ווערט באַשטעטיקט, פאַרהייליקט, און דערהויבן דורך אַ פאַראיכונג פון איך, פון עטלעכע איכן, וועלכע בלייבן פּאַרט, אומגעאַכטעט אויף דער פאַראייניקונג און פאַראיינציקונג, באַזונדערע אומאָפּהענגיקע איכן און איין איך.

„און איר זאָלט ניט שווערן אין מיין נאָמען אויף אַ ליגן און זאָלסט ניט פאַרשוועכן דעם נאָמען (וועזן) פון דיין אלהים, איך־יהוה״...(רנ״ד).

„איך־יהוה״ בין אייער אלהים, אייער רעגולירער און מוסטער פון פאַרהעלטעניש. צו שווערן פאַלש מיינט צו צערייסן דעם באַנד פון זיכער־קייט און געזיכערטקייט אין דער געמיינשאַפט. און דער דאָזיקער פאַרבאָט האַלט זיך אויפן פּרינציפּ פון איכהייט, פון איך־יהוה. זיך אַליין ניט אָפּ־נאַרן, באַטריגן. זעלבסטקייט־איכהייט קען מען ניט באַשווינדלען, פאַר־דרייען.

„אויב אַ מענטש וועט זיך פאַרבאַהאַלטן אין פאַרבאַהעלטענישן, וועל איך דען ניט זען, זאָגט יהוה, דעם הימל און די ערד בין איך דאָך פול, זאָגט יהוה״(רכ״ה). און דעם מענטשנס האַרץ איז דאָך זיכער פול מיט יהוה־שפּירונג, מיט דער איך־ער השגה...

„דו זאָלסט ניט שילטן קיין טויבן און פאַר אַ בלינדן גיב ניט קיין שטרויכלונג, דו זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין אלהים, דעם איך־יהוה״(רכ״ו).

די רעגולאַציע פון דיינע באַציאונגען צו דיינע מיטמענטשן איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון איך־יהוה, אויף דעם איך־ער־יסוד. דער איך־יהוה פאַראייניקט דיך מיט דיין מיטמענטשן און מאַכט פון אייךביידן איין פּערזאָן, איין איך אויסגעשפּרייט אין רוים פּונקט ווי אין צייט. און שלעכטע אויפ־פירעכצן בנוגע דעם מיטמענטשן קענען ניט געדולדעט ווערן און זיי וועלן אַרויסרופן אַ רעאַקציע. און דאָס איז די אָפּשוואַכונג פון דער פאַרבינדונג וועלכע עקזיסטירט צווישן דיר און דיין נאָך־מענטש, צווישן איין צושטאַנד דיינעם און אַן אַנדערן אין דיין אייגענער זעל. און דאָס וועט ברענגען צו דיין רואינירונג, צו דיין צעשפּאַלטונג, צו דיין צעבראָכנקייט אַלס אַ גאַנצע פּערזענלעכקייט.

„איך־יהוה פאָרש אויס דאָס האַרץ, אונטערזוך די ניִרן בכדי צו געבן דעם מענטשן לויט זיינע שטייגערס, לויט די פרוכט פון זיינע טועכצן"(רכ"ז).

דעם מענטשנס טועכצן זיינען צוויי־שאַרפיק, ווירקן אין ביידע ריכ־טונגען. די רעאַקציעס פון אינעווייניק זיינען גלייך צו די אַקציעס פון דרויסן.

„דו זאָלסט ניט טרייבן קיין רכילות אין דיין פאָלק, דו זאָלסט ניט שטיין אויף בלוט פון דיין מיטמענטשן, איך־יהוה"...(רכ"ח).

אני־יהוה, איך־יהוה איז אַ פאַרקירצטער זאַץ, עס מיינט: איך יהוה בין דיין אלהים, דיין רעגולירער און מוסטער פון פאַרהעלטעניש. דער גרויסער טורעם פון ביבלישער עטיק האַלט זיך אויף דעם יסוד פון איך־יהוה... און גאַנץ תורת־משה איז בלויז אַ פאַנאַנדערוויקלונג און אַן אָנווענדונג פון דעם זעלביקן אַלץ־אַרומפאַסנדיקן פרינציפּ פון עגאָסאָפיע.

„דו וועסט (זאָלסט) קיין ראַכע ניט נעמען, און דו (זאָלסט) וועסט קיין שנאה ניט טראָגן קעגן די קינדער פון דיין פאָלק, דו (זאָלסט) וועסט ליב האָבן דיין מיטמענטשן ווי זיך אַליין, איך־יהוה"(רכ"ט).

דער איך־ער פרינציפּ מאָדעלירט און מוסטערט אַלע באַציאונגען, דעם סך־הכל פון צווישנפערזענלעכן און אינערלעך־פערזענלעכן פאַרקער.

„און אין פינפטן יאָר וועט איר עסן זיין פרוכט און אויפזאַמלען זיין אויבס. איך־יהוה בין אייער אלהים"(ר"ל).

אפילו די בוימער זיינען אַריינגערעכנט אין דעם אַרומנעם פון איכ־הייט.

„דו וועסט (זאָלסט) ניט פאַרדאַרבן אירע בוימער צו פירן איבער זיי אַ זעג, פון אים וועסטו (זאָלסטו) עסן און אים וועסטו (זאָלסטו) ניט פאַר־דאַרבן"((רל"א).

„קיין איינשניט פאַר אַ טויטן (זאָלט) וועט איר ניט מאַכן אין אייער לייב און אַ טאַטואירונג זאָלט (וועט) איר זיך ניט געבן, איך יהוה"(רל"ב).

מ'טאָר ניט פאַראומגעשטאַלטן די אייגענע פיזיאָנאָמיע ווייל דער איך איז די העכסטע הייליקייט. אַזוי אויך איז די באַציאונג פון תהלים־פאַרפאַסער צו דעם „קאַלב־קולט", צו דעם מעשה־עגל. ער האַלט עס פאַר עפּעס וואָס איז אונטער דער ווערדע פון מענטשן, עס איז אַ דערניי־דערונג, אַ פאַרלעצונג פון דער מענטשלעכער ערע, פון איך־חשיבות אַז דער איך זאָל זיך בוקן צו עפּעס וואָס איז אויסער דעם איך.

„זיי האָבן געמאַכט דעם עגל אין חורב און האָבן זיך געבוקט צו אַן אָפּגעגאָסן בילד, זיי האָבן פאַרביטן זייער ערע פאַר דער געשטאַלט פון אַן אָקס וואָס עסט גראָז"(רל"ג).

סיי די נשמה־ערע און סיי די גוף־ערע, די אינטעגריטעט פון קערפער, די הויז פון איך, די וואוינונג וואו דער איך געפינט זיך, דארפן ווערן אפגעהיט.

„דו זאלסט (וועסט) ניט פארשוועכן דיין טאכטער צו פראסטיטואירן איר און דאס לאנד וועט (זאל) ניט הורן, און זאל (וועט) ניט פול ווערן מיט זנות. מיינע שבתים וועט (זאלט) איר היטן, און פאר מיין הייליקטום וועט (זאלט) איר מורא־האבן, איך־יהוה״(רל״ד).

איר זאלט (וועט) זיך ניט ווענדן צו װארזאגערס, און צו די צייכנ־דייטער, זוכט ניט צו פאראומרייניקן זיך מיט זיי, איך יהוה בין אייער אלהים״(רל״ה).

„פאר א גרויען וועסטו (זאלסטו) זיך אויפשטעלן און וועסט (זאלסט) שאנעווען דעם געזיכט פון אן אלטן מאן און וועסט (זאלסט) מורא־האבן פאר דיין אלהים, איך־יהוה״(רל״ו).

אין דרך־ארץ־האבן פאר עלטער, זקנה, ליגט דער קניפל וועלכער פארבינדט די דורות און פארמירט פון זיי דעם איך, דעם פאראייניקער פון די גענעראציעס.

„און ווען עס וועט וואוינען מיט דיר א פרעמדלינג אין אייער לאנד וועט (זאלט) איר אים ניט אונטערדיקן; ווי א היימישער, איינער פון אייך, וועט (זאל) זיין צו אייך דער פרעמדלינג וואס וואוינט מיט אייך. און דו וועסט (זאלסט) אים ליב האבן ווי זיך אליין, ווארים פרעמדלינגס זייט איר געווען אין לאנד מצרים. איך־יהוה בין אייער אלהים״(רל״ז). אייער מוסטער און רעגולאטאר פון צווישנפערזענלעכע און אינערפערזענלעכע פארהעלטענישן.

„איר וועט (זאלט) ניט טאן קיין אומרעכט אין געריכט, אין מאס, אין וואג, אין מעסטל. א ריכטיקער וואגשאל, א ריכטיקעס געוויכט, א ריכטיקע איפה, א ריכטיקער הין וועסטו (זאלסטו) האבן, איך־יהוה בין אייער אלהים... און איר וועט (זאלט) אפהיטן אלע מיינע סטאטוטן און אלע מיינע אורטיילן און איר וועט (זאלט) זיי טאן, איך יהוה״(רל״ח).

דער גאנצער קאפיטל שטיצט זיך אויף דעם פרינציפ פון זעלבסט־הייט, זיך־אליינהייט, איכהייט, מאנאעגאאיזם, אויף דער לערע מכוח דער אלץ־אומפאסנדיקער פערזענלעכקייט און דער אל־איינהייט פון דער איכ־הייט, דער זעלביקער פונדאמענט איז אונטערגעפירט אין דעם נאכפאלגנ־דיקן קאפיטל צוואנציק.

„און איר וועט (זאלט) זיך הייליקן און איר וועט (זאלט) הייליק זיין, ווארים איך־יהוה בין אייער אלהים און איר וועט (זאלט) אפהיטן מיינע סטאטוטן און וועט (זאלט) זיי טאן, איך־יהוה פארהייליק אייך״(רל״ט).

דער איך־יהוה פּרינציפּ מאַכט זיי פאַר אַ הייליקטום, מאַכט יעדן איינעם פון זיי, יעדן איינעם וועלכער אָנדערקענט דעם פּרינציפּ, פאַר אַ הייליקן, פאַר אַ טייל פון דעם אני־יהוה, פאַר אַ טייל און פאַר אַ גאַנצקייט. הייליקייט מיינט גאַנצקייט, אינטעגריטעט, פּערפעקציע.

„איך־יהוה בין אייער אלהים וועלכער האָט אייך אָפּגעזונדערט פון אַלע פעלקער"(ר"מ).

די דאָזיקע איך־לערע זונדערט אייך אָפּ און שטעלט אייך אַוועק העכער פון די איבעריקע שבטים און פעלקער און מאַכט פון אייך אַן איבערפאָלק, אַ פאָלק וואָס איז איבער די פעלקער, אַ פאָלק וואָס באַשטרעבט די אָפּשאַפונג פון סעפּאַראַטיזם און די פאַראייניקונג פון דער מענטשהייט אין איין איך, אין איין אני־יהוה.

„און איר וועט (זאָלט) ווערן צו מיר הייליקע, וואָרים הייליק בין איך־יהוה"(רמ"א).

וויבאַלד דער איך־יהוה איז הייליק זיינען זיי אַלע הייליק, ווייל זיי זיינען דער סאַמע עצם פון איך־יהוה. זיי ווערן הייליק ווייל דער איך איז הייליק.

דער קאַפּיטל כ"א אין ויקרא איז געווידמעט ענינים וועלכע זיינען שייך צו די כהנים. און ער הויבט זיך אָן מיט דעם סטערעאָטיפּישן אַריינפיר „ויאמר יהוה אל משה". אָבער זעצט פאָרט אייגנאַרטיק מיט אַ „זאָג צו די כהנים די קינדער פון אהרן" און גייט ווייטער „און דו זאָלסט זאָגן צו זיי: צו אַ זעל זאָל (וועט) ער זיך ניט פאַראומרייניקן אין זיין פאָלק"(רמ"ב).

אין אַנדערע ווערטער, דאָ איז אַ מחיצה אַוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן די כהנים און די טויטע. אין גרויען אַלטערטום, איבערהויפּט אין עגיפּטן איז דער קולט באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין דינען צו די טויטע. די ביבל שטייט אָבער אויפן שטאַנדפּונקט אַז יהוה איז אַ איך און אַ לעבעדיקער איך, דער איך וואָס לעבט, ניט דער איך וואָס איז שוין לאַנג טויט, די פאַרבינדונג מיט די פאַרדעמדיקע דורות איז עטאַבלירט, אָבער די דאָזיקע פאַרבינדונג דאָמינירט ניט, וועגט ניט אַריבער דעם לעבעדיקן דור, נאָר פאַרשטאַרקט אים. דער איך פון דער ביבל, פון תורת־משה איז אַ „חי אני" איך לעב, איך בין לעבעדיק...

„איך לעב אויף אייביק"(רמ"ג).

„אָבער איך לעב"(רמ"ד).

„זאָג צו זיי: „איך לעב", זאָגט יהוה"(רמ"ה).

„דעריבער, „איך לעב", זאָגט יהוה"(רמ"ו).

„איך לעב, „זאָגט מיין האַר יהוה״(רמ״ז).
„איך לעב״(רמ״ח).

יחזקאל איז געווען אַ כהן, דעריבער באַטאָנט ער שטאַרק דעם „חי אני״ און ער ווערט ניט מיד עס צו ווידערהאָלן. ער וויל שטרענג אָנזאָגן אַז די פּריסטער דאַרפן ניט האָבן צו טאָן מיט קיין טויטע. אין עגיפּטן האָט דער טויטן־קולט פאַרנומען דעם אויבנאָן פון זייער גאָטעס־דינסט.

„דער מנהג צו באַלזאַמירן די טויטע האָט אָנגעהאַלטן אין עגיפּטן אָן אָן איבערבראָך פאַר אַ משך פון פינף טויזנט יאָר... ווען מ׳האָט דעם קערפּער אַריינגעלייגט אין טרונע האָט דער פּריסטער געזאָגט אַ באַשטימטע תפילה, און האָט אַרויסגערעדט געוויסע פאָרמולעס. און עס איז וואַר־שיינלעך אַז די דאָזיקע רעציטאַציע איז באַגלייט געוואָרן פון פאַרשיידענע צערעמאָניעס וועלכע מ׳האָט בשעת מעשה געפּראַוועט״(11).

„דער נפטר איז אַלעמאָל אידענטיפיצירט געוואָרן מיטן גאָט אָזיריס, און ער ווערט אָפט אָנגערופן ביי גאָטס נאָמען... די עגיפּטישע פּאָרפּאָסער האָבן אַלעמאָל אָנגענומען אַז די געבענטשטע טויטע און גאָט זיינען אי־דענטיש״(12).

די עגיפּטישע פּאַרפּאָסער אידענטיפיצירן דעם איך מיטן טויטן, מיט דער אָוועקגעגאַנגענער, אָפּגעלעבטער פּערזענלעכקייט, וועלכע איז פאַר זיי ניט געווען טויט, נאָר אַ גייסט, אַן אָנדענקען, אַ שטיק עבר, פאַרגאַנגענהייט, בשעת די אידישע ביבלישע און מדרשימשע פּאַרפּאָסער אידענטיפיצירן דעם איך מיט דער לעבעדיקער פּערזאָן. זיי שטעלן דעם טראָפּ אויף דער קעגנוואַרט און צוקונפט.

„ווי ער האָט געזאָגט „ויהוה אלהים אמת״ (ירמיה י׳, י׳) וואָס הייסט אמת? רבי אבין האָט געזאָגט, „ער איז דער לעבעדיקער אלהים און דער קעניג פון דער וועלט״. אָבער די געטער פון די אומות־העולם זיינען טויטע ווי ער האָט געזאָגט, „זיי האָבן אַ מויל און זיי ריידן ניט, זיי האָבן אויגן און זעען ניט, זיי האָבן אויערן און הערן ניט״ (תהלים קט״ו, ה׳), זיי זיינען טויטע. און מיר פאַרלאָזן דאָס אייביקע לעבן און בוקן זיך צו טויטע״(רמ״ט).

דאָס לעבן שטייט העכער פאַרן טויט, און די קעגנוואַרט וועלכע פירט און פאַרשמעלצט זיך מיט דער צוקונפט וועגט אַריבער די פאַרגאַנגענהייט.

ווייטער רעדט דער חומש וועגן דעם אַז די כהנים זאָלן זיך די האָר ניט אויסרייסן, קיינע איינשניטן אין זייערע לייבער ניט מאַכן. זיי זאָלן קיין זונות און פאַרשוועכטע א. ד. ג. פאַר קיין ווייבער ניט נעמען. און די דאָזיקע אָנזאָגונגען ווערן פאַרפעסטיקט מיט דעם איך־יהוה הייליק

אייך(ר״נ). דער פּראָפעסאָר געברויכט דאָ די זעלביקע עגאָסאָפישע פאָר־מולע, וועלכע ער האָט פריִדעם גענוצט, ווען ער האָט באַהאַנדלט די כמעט זעלביקע נאָרמען, וועלכע ער האָט פאָרגעשריבן בנוגע דעם גע־ווינטלעכן מיטגליד פון דער אידישער געמיינדע. „איך־יהוה״(רנ״א). „איך־יהוה פאַרהייליק אים״(רנ״ב), דעם כהן־גדול. דאָ האַנדלט זיך וועגן טויטע און וועגן געשלעכט און פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. דאָס איז אַ ווידערהאָלונג פון די פאַרדעמדיקע פאַרבאָטן נאָר אַביסל שטרענגער פאָר־מולירט.

„און יהוה האָט גערעדט צו משהן אַזויצוזאָגן: יעדער איינער פון דיינע קינדער אין זייערע דורות וואָס וועט האָבן אַ פעלער אין זיך זאָל (וועט) זיך ניט דערנענטערן... יעדער איינער וואָס האָט אַ פעלער אין זיך זאָל (וועט) זיך ניט דערנענטערן, אַ בלינדער, אָדער אַ הינקענדיקער, אָדער אַ געלעכערטער, אָדער אַ גליד־אויסגעצויגענער, אָדער אימיצער וואָס האָט אַ צעבראָכענעם פוס, אָדער אַ צעבראָכענע האַנט, אָדער אַ הויקער, אָדער מיט אַ בעלמע א. אַ. וו. וואָרים איך־יהוה פאַרהייליק זיי״(רנ״ג).

דאָס אייגענע ווערט אָנגעזאָגט בנוגע די קרבנות, קיינע מומים זאָלן ניט געבראַכט ווערן(רנ״ד).

„אני יהוה״, איך־יהוה״(רנ״ה). „איך־יהוה מאַך זיי הייליק״(רנ״ו), די כהנים ווערן הייליק. „איך־יהוה פאַרהייליק אייך״(רנ״ז), אַלע אידן זיי־נען הייליק.

דער איך ווערט דאָ איבערגעחזרט שיינע עטלעכע מאָל און דורך דעם ווערט עטאַבלירט די אינטעגריטעט פון דער פּערזענלעכקייט אין פילע הינזיכטן, ווי דיעטע, „נבלות און טרפות זאָל(וועט) ער ניט עסן זיך צו פאַראומרייניקן אין דעם, איך־יהוה״(רנ״ח); „אין יענעם טאָג זאָל ער אויפגעגעסן ווערן, איר זאָלט ניט איבערלאָזן פון אים ביז אויף מאָרגן, איך־יהוה״(רנ״ט). דאָ ווערט אויך פאָרמולירט דאָס געזעץ פו צער בעלי־חיים. „און אַן אָקס אָדער אַ שעפּס, אים און זיין זון זאָלט איר ניט שעכטן אין איין טאָג״(ר״ס). די אָקסן און די קעלבער פון דער דאָזיקער טשערעדע זאָלן ניט געשאָכטן ווערן צוזאַמען. דאָס אייגענע די שעפּסן מיט די לעמער. „אַן אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער אַ ציג אַז עס וועט געבוירן ווערן זאָל עס זיין זיבן טעג מיט דער מוטער״, פון אַכטן טאָג אָן און ווייטער קען עס באַוויליקט ווערן פאַר אַ בראַנדאָפּפער צו יהוה״(רס״א).

.15

אָבער איבערהויפּט האַנדלט זיך דאָ אין קאַפּיטל וועגן דעם שטרענגן אָנזאָג ניט צו ברענגען קיין מומים פאַר קרבנות, אָדער דערלאָזן בעלי־מומים צו דינען אַלס פּריסטער.

מיט דעם דאָזיקן פאַרבאָט ווערט דערקלערט אַ קאַמף קעגן מאָנסטעריזם, קעגן דעם פאַרצייטיקן קולט פון פאַרערן אומגעהויערס, אַלדאָס אומגעווייטלעכע, אַלדאָס אומנאַטירלעכע, אַלדאָס אָפּווייכנדיקע, אָפּנייגנדיקע פון דעם נאָרמאַלן מוסטער.

„די ווילדע גלויבן אַז אומגעהויער־חיות עקזיסטירן, ווי, דהיינו, דער באָן־ייפּ ביי די אויסטראַליער שבטים, אַ מיטישער וואַסער־מאָנסטער וועלכער שלעפּט אַוועק ווייבער, אָדער די פאַרזעענישן און דראַגאָנען וועלכע שלינגען אַראָפּ בחורים און בתולות ביי זייער איינווייהונג אין ניי גיניייע. גאַנץ אָפט גלויבן זיי אַז ערגעץ־ווייטע שבטים באַזיצן אומגעהויערע אָדער אָבנאָרמאַלע שטריכן — איין אויג, מער פון צוויי אויגן, אויגן אונטער די אָרעמס, גרויסע אויערן, צוויי אָדער מער קעפּ — צו זיין קאָפּלאָז אָדער צונגלאָז, פון אומגעווייטלעכן גרויס, אָדער צו באַזיצן עקן...

ביי די באַרבאַרישע פעלקער קען מען געפינען ענלעכע גלויבערייען, איבערהויפּט אין אָריענטאַלער מיטאָלאָגיע און פאָלקלאָר. דאָרט עקזיסטירן גאַנצע קלאַסן אָדער שטאַמען פון אומגעהויער־באַשעפעניש, ווי, דהיינו, די ראַקסאַזאַן פון הינדישן מיטאָס — פאַרזעעניש מיט געשטאַלט־ענדערנדיקע פייאיקייטן — אָדער די בייזע דזשינס, טייוואָלים פון אַראַבישער גלויבעריי, אָדער די סאַטירן, צענטויערן און ציקלאָפּן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. אויך מענטשלעכע שטאַמען פון אומגעהויער־פאָרמען זיינען געווען אַ סוביעקט פון פּאָפּולערער גלויבעכץ. די אַראַבער האָבן משער געווען אַז דאָס פאָלק פון יאַבאַה האָבן געהאַט די קעפּ אין די בוזימער. הערָאדאטוס באַשרייבט איניקע פון די שבטים וועלכע האָבן געדאַרפט, לפי השערה, וואוינען אויף יענער זייט פון דער סקיפּן־געגנט — מענטשן מיט ציגענע פיס, מענטשן מיט איין אויג (די אַרימאַספּיען) — און אַנדערע שבטים אין וועלכע עס האָבן געגלויבט די ליביאַנער — אומגעהויערס מיט קעפּ פון הינט אָדער גאָר אָן קעפּ מיט אויגן אין די בריסטער. אויך פּליני צעשרייבט זיך גאַנץ ברייטלעך וועגן אַזעלכע שטאַמען. אירלענדישע מיטאָלאָגיע רעדט פון שטאַמען פון מענטשן מיט קעפּ פון הינט, קעץ אָדער ציגן. שבטים אָדער איינצלנע מענטשן באַדעקט מיט אַבנאָרמאַל־לאַנגע האָר ווערן דערמאָנט פון שרייבער־רייזנדער אין אַלטערטום און אויך אין מיטלעלטער־צייטן, פון דעם קאַרטאַגענער האַננאָ און ווייטער

אַראָפּ. אין עגיפּטן געפינט מען גאַנץ אָפט אומגעהויערע פיגורן אויף די קברים, און דער גאָט בעס ווערט אויסגעמאָלן ווי אַ קאַרליק אָדער אַ פאַרזעעניש מיט אַן אָפּשטויסנדיקער פיגור. די מאָנסטער־באַשעפענישן פון באַבילאָנישער און אַסירישער קונסט זיינען גוט באַקאַנט — אָקסן מיט פליגלען, אָדער לייבן מיט קעפּ פון מענטשן און אַנדערע אָבנאָרמאַלע פאָרמען. די דאָזיקע פאַרקוקענישן פלעגט מען אַוועקשטעלן ביי די אַריינגאַנגען אַלס אַ מיטל אָפּצושרעקן און פאַרטרייבן די שלעכטע רוחות. און אַן ענלעכער געברויך פון העסלעכע פיגורן איז באַקאַנט אויך אַנדערש־וואו, סיי אויף אַ העכערן און סיי אויף אַ נידעריקערן ניוואָ... די דאָזיקע מאָנסטריטעט פון שטריכן קען מען אויך זען אין די מאַסקעס וועלכע די ווילדע טוען אָן און טראָגן בשעת צערעמאָניעס, און וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך די פּנימער פון באַשטימטע גייסטער. אינדישע קונסט פלעגט מיט גרויס הנאה פאַרשטעלן די געטער אַלס סך־קעפּיקע אָדער סך־אָרעמדיקע באַשעפענישן, אַ מעטאָד וועלכער האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אין די שכנישע לענדער. טיבעטישע רעפּרעזענטאַציעס פון דעמאָנס אָדער געטער זיינען גאַנץ אָפט אָפּשטויסנדיק אין זייער מאָנסטריטעט... עס איז קיין ספק ניט אַז דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון מאָנסטערס האָט אויסגעאיבט די טיפע השפעה אויף דעם פאַרשטאַנד פון מענטשן, וואַרשיינלעך צוליב דעם, ווי עס איז באַוויזן געוואָרן דורך עקספּערימענטן דאָס יעדע אָבנאָרמאַלע געשטאַלט פאַרמאָגט אַ גרויסע סוגעסטיווע קראַפט״(13).

קודם־כל אַלץ וואָס איז אומנאַטירלעך, אומגעוויינטלעך ציט צו די אויגן, בינדט צו די אויפמערקזאַמקייט. וויטער, אַלץ וואָס איז אַ יוצא־מן־הכלל ברעכט די מאָנאָטאָנעשקייט פון לעבן און פאָרמע און צייגט אָן עפּעס ווי אויף דרייסט פון ביאָלאָגישן חוטא, קערפּערלעכן פּושע, וועלכער וואַרפט זיך ניט אונטער אונטער דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון קאָנפאָר־מיטעט, מוסטער־נאָכמאַכונג, נאָרמע־שעבוד. און דאָס קומט דאָך גאַנץ נאָענט צום באַגריף פון אַ נס, אַ וואונדער, עפּעס וואָס איז שלא־כדרך־הטבע. נסים ונפלאות זיינען דאָך ס׳רוב ניט מער ווי מאָנסטער־דער־שיינונגען אין דער פיזישער וועלט, ד. ה. אָפּווייכונגען פון דעם שאַבלאָן פון געזעצמעסיקייט, דאָס ברעכן דעם אָנגעצויגענעם סדר־העולם וועלכער לויפט זיין קורס ווי אַן אָנגעשטעלטער, גוט־רעגולירטער זייגער, דאָס אַנדערשן דעם געוויינטלעכן אָנגענומענעם, לאַנג־איינגעפירטן גאַנג פון די דערשיינונגען אָדער פּראָצעסן.

פון דאָס אָנגענומענע, „כנהוג, כמקובל״ פון דעם פעסטגעשטעלטן מוסטער פאַרקירעווען זיך צוויי וועגן, איינער אַראָפּ־צו צום מאָנסטער,

דער צווייטער אַרויף־צו צו אַ בעסערן מוסטער, צו אַן אָפּווייך וואָס איז „אַנדערש״ פון מוסטער, פון עקזעמפּלאַר, אָבער ניט ערגער פון אים, נאָר טאַקע בעסער. און פאַר דעם פאָדערט זיך אַן אָפּשאַצונגס־טעטיקייט און אַ ווערטן־אַרשין מיט וואָס צו מעסטן די אָפּנייגונג.

דער חומש און פּראָפעטיזם האַלטן ניט פון דאָס נאַטירלעכע, אייך־מאָל־פאַר־אַלע־מאָל אָוועקגעשטעלטע, אָבער זיי רופן ניט צו גיין אויף־צוריק, אַראָפּפאַלן נידעריקער פון דעם ניווא פון דעם קיום, נאָר זיי רופן פאָראויס. ניט קיין מומים, ניט קיין קאַליקעס, נאָר איש־אלהימס, העכערע סאָרטן מענטשן, גרויסע פּערזענלעכקייטן — דאָס איז דעם חומשס אידעאַל. דער חומש אַנטהאַלט, בנוגע פאָרמען־מוסטערס־אַרויס־שטעלונג, עפּעס אַ מין סינטעז פון העלעניסטישער נאָרמאַליטעט און אַסיריש־באַבילאָנישער מאָנסטריטעט.

אין שאַפן, אין אויפטאָן, אין מחדש־זיין ליגט די גבורה פון זינד, פון אַראָפּגיין פון דרך הישר. שאַפן איז אַ זינד. וואָס איז זינד? דער אָפּנייג פון דאָס אָנגענומענע, דער פאַרבייג פון דאָס אָנדערקענטע, דער פאַרוואָרף פון דאָס איינגעפירטע, דער צעוואָרף פון דאָס פון־קדמונים איינגעשטעלטע, דער אָפּטרייסל פון דעם הייליקן שטויב, דער צעשאָקל פון רוטינערע פונדאַמענטן. טוגנט איז אַ פאָלקס־וועג און וויזע, אַ שליאַך פון אויפפיר, אַ געזעלשאַפטלעכער מנהג. זינד איז אַן אויפברוך, אַן אָפּווייך, אַ חוצפּהדיקער קאַפּויר, אַן עזותדיק אַנדערש, אַ דרייסטיק ניט־אַזוי, אַ מוטיק פונקט־פאַרקערט.

די זעלביקע ליידנשאַפט וואָס שרפעט אין זינד, ברענט, פלאַקערט, פלאַמט אין שאַפונג. אָבער עס איז דאָ פאָרט אַן אונטערשייד צווישן גראָבער זינד, וועלכע גייט צוריק צום מאָנסטער, און איידעלער זינד, וואָס הייסט שאַפן, אָדער אַ וואונדער־ווייזן.

שאַפן הייסט צעברעכן די וואָזע פון פאָרמע מיט דער כוונה — אויסגעשפּראָכן אָדער דווקא ניט אויסגעשפּראָכן, ס׳רוב פאַרבאַהאַלט זיך עס בחדרי־חדרים, אָבער עס איז דאָ אַן אימאַגענטע אָבזיכט, — צו מאַכן, אָפּגיסן, אָפּפורעמען אַ נייע וואָזע, אַ שענערע, אַ בעסערע, אַ טייערערע. שאַפן צעדרוזגעט אַ נאָרמע, און דער ברוכוואָרג, יעדער שערבל, יעדער פּיצל ווערט אַ נאָרמעלע פאַר זיך אַליין, פון זיך אַליין. אָט־די ברעק־לעך־קרושלעך באַזיצן אַזויפיל ווילנס־כוח, באַצווינגונגס־קראַפט אַז מ׳נעמט זיי גלייך נאָכמאַכן, נאָכטאָן, אימיטירן. און אַזויערנאָך ווערט דער אויפבראָך פון געזעץ אַ געזעץ, און דער חילול־הקודש ווערט אַ קדש־קדשים, דער רעבל ווערט קעניג. אין אַנדערע ווערטער, די עבירות פון שאַפן ווערן מצוות, זיי ווערן פּרעצעדענטן. און לויט זיי נאָך מוסטערט מען און מען

מושטערוועט דעם ווייטערן אויפפיר און פיר. אויף דעם קאַפּול פון „שעפערישער זינד" באַגאַנגען פון גרויסן יחיד ווערט דער שטיול פון קהלשער הנהגה געניים.

מיר פאַרמאָגן ניט גענוג דרייסט מיר זאָלן בכוח זיין איבערצושאַצן די ביאָלאָגישע שעצער, איבערפּסקענען די מיליאָנען מוטער־פּוסקים, די ראשונים, די פּיזיאָלאָגישע קלאַסיקער וואָס זיינען געווען פאַר אונדז. און ווען אַזאַ גאון־עופעלע, אַזאַ וואונדער־קינד וואָלט זיך באַוויזן, אַרויסקומען פון מוטער־לייב מיט אַ נייעם מוסטער, אַ נייעם שניט פון קערפּער־מלבוש, וואָלט מען אים באַטראַכט פאַר אַן אומגעהויער.

דאָס אַלטערטום, פאַרן אויפקום פון העלעניזם, האָט פאַרגעטערט דאָס אַבנאָרמאַלע, האָט פאַרהערלעכט דאָס אומגעוויינטלעכע, האָט פאַר־ערט די מאָנסטריטעט. זייערע קולטן זיינען געווען אומגעהויער־קולטורן. העלעניזם האָט פּראָקלאַמירט די הייליקייט פון דאָס נאָרמאַלע, געוויינט־לעכע, געזונטע, ווען עס געפינט זיך אויף אַ הויכער דרגא. די קדמונים האָבן באַגריפן אַז אין פאַרברעכן און צעברעכן ליגט דער שעפערישער כוח, אַ גבורת־הבורא.

טאָטעמס און אַנדערע געצן זיינען געווען געבילדער פון אומנאַ־טירלעכע קאָמבינאַציעס, האַלב־מענטש, האַלב־פיש, דריי־קעפּיק, זעקס־פי־סיק, פיל־אויגיק, סך־הענטיק. די העלעניסטן האָבן אַוועקגעשטעלט אויפן פּעדעסטאַל דאָס אַלטאָגיקע, דאָס טרעפנדיקע, דאָס געהאָרכזאַמע, דאָס אַנגענומענע.

די אַלטע גריכן האָבן, אייגנטלעך, פאַרלאָזן דעם אומוועג פון שאַפן און פאַרקירעוועט אויפן דרך־המלך פון נאָכטואונג, אימיטאַציע. אָנשטאָט שאַפן האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט סטיליזירן, צופוצן, צוצירן, צוליאַלקעווען, פאַרקוקלעווען די פיגורן, צעצאַצקעווען זיי. די „בעביסטישע", די באַ־לעבאַטישע, די צירלעך־מאַנירלעך, „אָנשטענדיקע" וועלט, די פּיליסטער־גייסטער האָבן זיי פאַרשריען פאַר די שעפער פון דער אייביקער קונסט. בשעת, באמת, האָבן די העלענער נאָכגעמאַכט, נאָכגעקרימט, רכילות־געטריבן אויף דער נאַטור, איר איבערגעהעזוּהט. ווי אַלע רעאַליסטישע חדרים, סיי אין סקולפּטור, סיי אין פּאָעזיע, הן אין נאָוועלע, הן אין מאַלעריי, האָבן זיי אונדז געגעבן קרומע שפּיגלען און לאָמע אָפּשפּיגלונגען, זיי האָבן גענומען גליבעס פון געזונטער, שטאַרקער, פול־בלוטיקער, פליי־שיקער, קנאָכנדיקער ווירקלעכקייט און זיי צעקרושלט, פאַרווייכט, פאַר־צעלטעלט, אָדער גאָר פאַרדרייט די יוצרות אין די מחזורים, אין די ציק־לען פון פליסיקן, פאַרבן־רייכן, הייסן־שטורעמדיקן לעבן, זיי האָבן מער ניט ווי וואַריאירט, געבויגן אַהער און געניגט אַהין פאָרמעס וועלכע האָבן

זייער האַפּט און זאַפּט, זויגן זייער חיונה פון סאַמע באָדן פון רעאַליטעט, און ווילן ניט און טאָרן ניט געאַנדערשט ווערן גלאַט אַזוי ווילקירלעך. פאָרמעס וואָס אָדער מ׳נעמט זיי אָן ווי זיי שטייען און גייען, אָדער מ׳נעמט זיי ניט אָן, זיך שפּילן מיט זיי ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז — קען מען ניט. ווייל דעמאָלט באַקומט זיך ניט קיין קונסט און ניט קיין נאַטור, נאָר אַן אומגעלומפּערטער פאַרזוך צו טאַנצן, מיט קוליעס נאָך דערצו, אויף צוויי חתונות, וועלכע קערן זיך איינס מיט דאָס אַנדערע ניט אָן, נאַטור איז נאַטירלעך און מוז בלייבן נאַטירלעך און קונסט איז קונציק און מוז זיין אַלעמאָל און די גאַנצע צייט קונציק אָדער קינסטלעך, בשום־אופן ניט נאַטירלעך. קאָפּירן נאַטור איז שלעכטע נאַטור און נאָך ערגערע קונסט. איבערמישן, נאָכקרימען, נאָכאַקטיאָרעווען דאָס לעבן הן פון מענטשן און הן פון דער וועלט — איז קיין קונסט ניט און אפילו קיין קונץ אויך ניט.

פון מאָנסטריטעט־שאַפונגען און פאַרהערלעכונגען, וועלכע זיינען געווען, אמת, געשמאַקלאָז, אָן טעם און ראַם, אָבער פאָרט אַ דרייסטיקער פּרואוו זיך אַ פאַרמעסט צו טאָן מיט דאָס עקזיסטירנדיקע און פּרובירן עס רעוואָלוציאָניזירן, איבערדיכטן, איבערדוכטן, איבערבילדן, איבער־איינבילדן, צעשמעלצן און עס איבערגיסן אין נייע פאָרמען — האָט מען געדאַרפט אַרויפשטייגן, אַרויפקלעטערן, אָדער אפילו אַרויפּפויזשען מיט גרויס מי און אָנשטרענג צו נייע אויבער־פאָרמעס, איבערגעשטאַלטן, פּנים חדשות אַריינברענגען, מאַכן תוכיקע אומוואַנדלונגען אין דער וועלט, געזעלשאַפט און מענטש און דאָס וואָלט, באמת, געווען ריין שעפעריש און פרוכטבאַר.

אָבער דאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער אַלט־גריכישער באַלעבאָס, דער בעל־גוף מיט זיינע שמאָלע־קורצע השגות, מיט זיין מורא, זיין פּחדנות, זיין ציטער און פלאַטער פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן „אַנדערש“, פאַר דעם איבערקער, פאַר דער כאַאָטישקייט אַלס פאָרבאַדינג פון שאַפונג, פאַר דער צעשטערערשקייט וואָס איז געלעגן אין די אוראַלטע רעליגיעס און זייערע טשיקאַווע געטער און נאָך טשיקאַווערע גאָטעס־דינסט, און האָט דעקרעטירט דעם צוריקקער אָדער אַראָפּפאַל צו אַלדאָס געמיינלעכע און געוויינטלעכע. די אַלטע גריכן זיינען געווען פאַר דער קונסט דאָס וואָס די רוימער זיינען געוואָרן פאַרן מענטשלעכן אויפפיר, זיי האָבן עס איינגעצוימט מיט אייזערנע געזעצן, מיט האַרט־שטיינערנע נאָרמעס. און זיי האָבן צעקאַליעטשעט דעם מענטשלעכן גייסט, זיי האָבן פאַרגליווערט זיין פלאַמיקן דראַנג און ברענענדיקע גלוסט נאָך דאָס נייע, דאָס נאָך־ניט־געזעענע, און דאָס אוממעגלעכע אָבער באַגערטע און געוואונטשטע.

העלעניזם איז קאָנסערוואַטיזם, שקלאַפעריי פון אימיטאַציע. עס האָט פאַרקאָוועט אין קייטן דעם אייביקן רעבל, דעם שטענדיקן פראָמעטייאוס וואָס לעבט אין די בלוטן, געהירן, פאַנטאַזיעס פון דער אייביק יונגער מענטשן־ראַסע.

העלעניזם האָט פאַרוואַנדלט אַלץ אין שטיקער אייז. עס איז געוואָרן אַלץ קאַלט און אַלט און סטאַטעטשנע, מיושבדיק, לייטיש. און דער מענטש־לעכער גאון ליגט אויפן קרייץ פון שטרענגע פאָרמעס און האַרבע נאָרמעס, און בלוטיקט אַזוי פאַר די לעצטע פאַר טויזנטער יאָרן.

און ווען ניט דער פראָפעטישער אויפרודער, אויפברויז, אויפבורע, וואָלט די ציוויליזירטע מענטשהייט אינגאַנצן פאַרשטאַנען געוואָרן. אמת, דער אויפקאָך און אויפזיד, אין דער פאָרמע פון אידנטום, און דערנאָך קריסטנטום, האָט זיך צעשוימט און צעבלעזעלט אויף אַ משונהדיקן אופן, אָפט געוועזן ווילדלעך, אָבער עס האָט פאָרט געדינט, דינט און וועט דינען אַלס דער שעור־שבעיסה, אַלס די „ראָשצינע" וואָס וועט אויפיורן די עקרהטע טויג, — דורך דעם טיפן גלויבן אין נס, אין דאָס וואונדערבאַרע, אין דאָס אומנאַטירלעכע, איבער־נאַטירלעכע, דעם גלויבן אין דער מעג־לעכקייט איבערצושאַפן די וועלט, איבערצואַנדערשן די סדרי־בראשית — ווערט די מענטשהייט און די וועלט פאַריונגט, באַנייט.

אָן דעם נבואהשן עלעמענט וואָלט די קולטור ווערן אַ שטייאיק וואַסער, אַ בלאָטקע, דערנאָך פאַרפּראָרן ווערן און דערוואָרגן ווערן אין דעם קלעם פון דעם אייז, וואָס הייסט גריכישער קלאַסיציזם, אָט־די אמונה שלמה אין ווידערהאָלונג, אויסגעהאַלטענע געזעצמעסיקייט און אומלייזלעכע פאַרקייטלונג פון אורזאַכן און רעזולטאַטן, און אַזוי פגרן און קיינמאָל אפילו קיין תחית־המתים ניט אויפשטיין.

דאָס באַגרייפן אַז די נאַטור אַליין איז מער ניט ווי אַ גרויסער נס, אַ מופת. און נסים און מופתים וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן זיך אַרויס־צושיטן פון דעם איבערגעפילטן זאַק וואָס הייסט אייביקע לערקייט, איי־ביקער תהו ובהו — נאָר דאָס קען נאָך ראַטעווען די ציוויליזירטע מענטש־הייט, געבן איר צוריק אונדזער כח־גברא וואָס מיר האָבן טויזנטער יאָרן צוריק פאַרלאָרן — און דאָס קען טאָן דער חומש און די פראָפעטן

דער חומש באַגרינדעט זיין וועלט, בהמה, מענטש־פאַרשטיין אויף דעם פרינציפ פון שעפערישער, וואונדערבאַרער איכהייט, נסימדיקער זעלבסט־הייט, אַלץ־מעגלעכן פערסאָנאַליזם. אָבער דאָס אַלץ שטיצט זיך אויף דער נאָרמאַליטעט, אויף געזונטקייט, ניט צעדרייטקייט, צעלאָמטקייט, צעממיתטקייט. די געזונטע אין אַלע אברים, אין אַלע חושים פערזאָן איז הייליק, און ניט, ווי דער פאַל איז געווען אין פילע קולטן פון די פרימי־

טיווע און האַלב־ציוויליזירטע פעלקער, דער יוצא מן הכלל, די אויסנאַם, דאָס צו־להכעיס־טאָן דער אָנגענומענער, דורך לאַנגע שורות פון דורות אויסגעאַרבעטער, ביאָלאָגישער מאָדעל, פאָרמע און צורה. דערפאַר פאַר־ווערט דער חומש מקריב־צו־זיין די געשעדיקטע פון צווישן די בהמות און דערלאָזן צום דינסט די כהנים וועלכע זיינען פאַרקריפּלט. אַ פעלער איז אַ חיסרון, און אני־יהוה, די הייליקייט איז פּערפעקציע. אני־יהוה איז דער פּרינציפּ און פאַרקערפּערונג פון שלימות, גאַנצקייט און ווי־גע־העריקייט. ניט דאָס אונטערנאָרמאַלע ווערט געשעצט און פאַרהייליקט, נאָר דאָס נאָרמאַלע און דאָס איבערנאָרמאַלע, אויבערנאָרמאַלע, וועלכעס בויט זיך ווי אַן אַרויפטורעמונג אויף דעם פונדאַמענט פון דער געזונטער נאָרמאַליטעט.

.16

לאָמיר זיך אומקערן צום ספר ויקרא און פאַרטזעצן אונטערזוכן די ווייטערדיקע פסוקים מיט דער עגאָסאָפישער פאָרמולע „אני־יהוה״.

„איין געריכט וועט (זאָל) זיין ביי אייך, דער פרעמדלינג זאָל (וועט) זיין צו אונדז ווי דער היימישער, וואָרים איך־יהוה בין אייער אלהים״(רס״ב).

„צו אונדז״... לכן, משה רעדט עס. איצטער פרעגט זיך, ווי אַזוי האָט ער געקענט ענדיקן דעם פסוק מיטן צוויי־וואָרט איך־יהוה? דער ענטפער איז, ווי שוין אַזויפיל מאָל אָנגעצייגט, דאָס איך מיינט דער פּרינציפּ פון איכהייט, דאָס איך־יהוה איז דער רעגולירער און מאָדוס פון אַלע צווישנמענטשלעכע אינטערפּערזענלעכע און מענטש־וועלטלעכע פאַרהעלטענישן. די אידענטיפיקאַציע, די סאָלידאַריטעט און די איין־און־דיי־זעלביקייט פון דער גאַנצער מענטשלעכער פאַמיליע ווערט דאָ פּראָקלאָ־מירט אויפן יסוד פון איך־יהוה, פון איכהייט, פון דעם איך וועלכער איז אַן איך־ער.

און איר (וועט) זאָלט ניט דריקן איינער דעם צווייטן, און דו (וועסט) זאָלסט מורא־האָבן פאַר דיין אלהים. איך־יהוה בין דיין אלהים״(רס״ג).

„דיין זילבער זאָלסטו (וועסטו) ניט געבן אויף פּראָצענט און אויף וואָכער זאָלסטו (וועסטו) ניט געבן דיין עסנוואַרג, איך־יהוה בין דיין אלהים״(רס״ד).

דאָס איז אַ סאָציאַל־עטישער געזעץ און ער באַזירט זיך אויף דעם יהוה־פּרינציפּ.

„וואָרים צו מיר זיינען די קינדער פון ישראל קנעכט, מיינע קנעכט זיינען זיי, וועלכע איך האָב אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים ; איך־יהוה בין אייער אלהים״(רס״ה).

דער איך־יהוה איז דער מוסטער, מאָדוס און רעגולאַטאָר פון פאַר־העלטענישן. און זיי קענען ניט זיין „שקלאַפן פון שקלאַפן״. און אין שמיטה דאַרפן זיי אַרויס, און אויב ניט אין שמיטה דעמאָלט אין יובל. דער איך־פּרינציפּ איז אַלעמענס האַר. אַלע זיינען גלייכבאַרעכטיקט פאַר דער איכהייט, פאַר דער אינערלעכער פאַרפליכטונג. און קיינער טאָר דעם אַנדערן ניט פאַרשקלאַפן אויף־שטענדיק.

„איר זאָלט (וועט) ניט מאַכן קיין געטשן, קיין געקריצט בילד, קיין הייליק זייל (וועט) זאָלט איר זיך ניט אויפשטעלן און קיינע פיגור־שטיי־נער (וועט) זאָלט איר ניט אויפריכטן אין אייער לאַנד זיך צו בוקן צו אים. וואָרים איך־יהוה בין אייער אלהים. מיינע שבתים זאָלט (וועט) איר היטן און פאַר מיין הייליקטום זאָלט (וועט) איר פאַרכט האָבן ; איך־יהוה״(רס״ו).

די ביבל האָט פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון אני־יהוה, פון איך־איך־ער, פון מאָנאָעגאַאיזם, אויף דעם דאָזיקן פונדאַמענט האָט זי אויפ־געבויט דעם טעמפּל פון אידישער עטיק, פון אידישער סאָציאָלאָגיע, אידישער יוריספּרודענץ ווי אויך אַלע איבעריקע דיסציפּלינען אירע.

און דער דאָזיקער עגאָסאָפישער יסוד איז די נשמה וועלכע באַלעבט די גאַנצע ביבל, גאַנץ תורת־משה און די פּראָפעטן.

„און יהוה האָט גערעדט צו משהן אַזויצוזאָגן : רייד צו די קינדער פון ישראל און דו זאָלסט זאָגן צו זיי״ : „איך־יהוה בין אייער אַלהים״ ; „איך־יהוה״ וועלכער האָט אַרויסגערעדט און אַ וועלט איז געוואָרן, איך בין ריכטער, איך בין פול מיט רחמנות, איך בין ריכטער אָפּצונעמען רע־כענונג, און איך בין באַגלויבט צו באַצאָלן לוין״(רס״ז).

„איך־יהוה״, איך בין ריכטער אויפצונעמען און איך בין אָנפאַרטרויט צו צאָלן שכר״(רס״ח).

„מיט דער מאָס וואָס אַ מענטש מעסט — מיט דער אייגענער מאָס מעסט מען אים״(רס״ט).

מיט דער מאָס מיט וועלכער אַ מענטש מעסט אַנדערע מענטשן, זיינע מיטמענטשן, מיט דער זעלביקער מאָס מעסט מען אים סיי פון דרויסן און סיי פון אינעווייניק.

„אין דעם טאָפּ אין וועלכן זיי האָבן געקאָכט, אין דעם דאָזיקן טאָפּ האָבן זיי זיך אויסגעקאָכט״(ר״ע).

„און ער האָט געזען אַ שאַרבן וואָס האָט געשוואומען איבערן וואַסער, האָט ער געזאָגט צו אים : דערפאַר וואָס דו האָסט אַנדערע דערטרונקען,

האָט מען דיך דערטרונקען, און דער סוף פון דיינע דערטרינקער איז דערטרונקען צו ווערן"(רע"ב).

„ווי דו האָסט געטאָן אַזוי וועט געטאָן ווערן צו דיר, דיין לוין וועט זיך אומקערן צו דיין קאָפּ"(רע"ב).

„עס שטייט געשריבן: „נאָך יהוה, אייער אלהים, וועט איר גיין" (דברים י"ג, ד'). איז דען מעגלעך פאַר אַ מענטשן נאָכצוגיין דער שכינה? נאָכצוגיין נאָך זיין שטייגער: ווי ער איז באַרמהאַרציק און גנאָדיק, אַזוי אויך דו זיי באַרמהאַרציק און גנאָדיק; ווי ער קליידט אָן נאַקעטע אַזוי אויך דו באַקלייד די נאַקעטע"(רע"ג).

דער אני־יהוה, דער איך, איך־ער־געפיל, דער איך־ער־באַגריף איז ריכטער, איז רעגולירער פון אַלע מענטשלעכע פאַרהעלטענישן, סיי פון אינעווייניק און סיי פון דרויסן. ער רעגולירט די באַציאונגען פון זיך צו זיך, פון מענטשן צו זיין אייגענעם נאָך־מענטשן, וועלכע ווערן באַ־איינפלוסט פון די באַציאונגען וועלכע ווערן געפלאָכטן צווישן מענטשן און זיין מיטמענטשן. און אין דעם ליגט דער מאָדוס פון שכר ועונש, פון לוין און שטראָף.

„עס שטייט געשריבן, „וואָרים יהוה איז דיין שאָטן ביי דיין רעכטער האַנט". און די פאַרצייטיקע מפרשים האָבן עס אַזוי אויסגעטייטשט: ווי דעם מענטשנס שאָטן מאַכט נאָך אַלע העוויות און באַוועגונגען וועלכע דער מענטש מאַכט, פונקט אַזוי דער שם, געבענטשט־איז־ער, מאַכט, כביכול, נאָך אַלע טואונגען פון מענטשן. און דער „נפש החיים" (שער א', פ"ז) ברענגט דעם מדרש און דאָס זיינען זיינע ווערטער: „און אַזוי האָט דוד געזאָגט, „יהוה איז דיין שאָטן ביי דיין רעכטער האַנט", ווי דיין אָפּשפיגל, ווען דו לאַכסט צו אים, לאַכט ער צו דיר, און אויב דו וויינסט, וויינט ער פאַר דיר, און אויב דו באַווייזט אים אַ צאַרנדיק־ברוגזדיק אָדער אויפגעלייכט פנים, ווייזט ער דאָס אייגענע, אַזוי אויך דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער, ווי דו ביסט מיט אים, אַזוי איז ער מיט דיר"(רע"ד).

„און דעריבער שטייט טאַקע „בכדי עס זאָל דיר גוט זיין", „איך וועל דיר גוט טאָן", שטייט ניט אין פסוק, נאָר „עס זאָל דיר גוט זיין"(רע"ה).

17.

סיי דאָס גוטס און סיי דאָס שלעכטס איז אַ פּועל־יוצא פון אונדזערע אייגענע מעשים. — בנוגע דעם ציבור: —

דער לוין, דער שכר איז די צוזאַמענקניפּונג פון אַלע מיטגלידער פון דער געגעבענער געזעלשאַפט, זייער איבונג פון קעגנזייטיקער הילף,

זייער פאַרמירונג פון די איינצלנע סעפּאַראַטע אָרגאַנען — אַ קערפּער־שאַפט פון אַ פּאָליטישן גוט־איינגעאָרדנטן כאַראַקטער.

און דער שטראָף, דער עונש איז פונקט פאַרקערט, די אָפּשוואַכונג פון די צענטריפּעטאַלע קרעפטן און די פאַרשטאַרקונג פון די צענטריפּוגאַלע כוחות, דער פאַנאַנדערפאַל פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, די דיסאינטעגראַציע פון חברהשן אָרגאַניזם, דער אויסברוך פון צוויִסטיקייטן, רייסערייען, מחלוקתן און קריגערייען, די צעשטערונג פון שלום, פון אינערלעכער האַרמאָניע, וועלכע פירט צום גראַדועלן און קאַטאַסטראָפאַלן אונטערגאַנג פון דער גאַנצער גרופּע.

„גלתה יהודה... יהודה איז פאַרטריבן געוואָרן פון אָרעמקייט און פון צופּיל־אַרבעט" (איכה א׳, ג׳). „פון אָרעמקייט" — דערפאַר וואָס זיי האָבן איינגעהאַלטן דעם אָרעמאַנס משכון אין זייערע הייזער; ווי ער זאָגט: „און אויב ער איז אַן אָרעמאַן, זאָלסטו ניט ליגן אויף זיין משכון" (דברים כ״ד, י״ב). אַן אַנדער פּשט: „פון אָרעמקייט", דערפאַר וואָס זיי האָבן באַראַבעוועט דעם לוין פון געדונגענעם אַרבעטער, ווי ער זאָגט: „באַראַבעווע ניט דעם געדונגענעם, אַן אָרעמאַן, אַ נויטווענדיקן" (דאָרטן י״ד). אַן אַנדער פּשט: „פון אָרעמקייט" — דערפאַר וואָס זיי האָבן באַגזלט די געשאַנקען פון דעם אָרעמאַן, ווי ער זאָגט: „צום אָרעמאַן און פרעמדלינג זאָלסטו זיי איבערלאָזן" (ויקרא י״ט, י׳)... „פון צופּיל אַרבעט" — האָט רבי אחיי געזאָגט: דערפאַר וואָס זיי האָבן פאַרשקלאַפט די אידישע קנעכט, ווי ער זאָגט „צום סוף פון זיבן יאָר זאָלסטו אים לאָזן פריי" (ירמיה ל״ד, י״ד)"(רע"ו).

דער טעקסט איז קלאָר און פאָדערט ניט קיין ווייטערע דערקלערונג. זיי האָבן איבערגעאַרבעט זייערע „אידישע קנעכט". זיי האָבן ניט באַזאָרגט זייערע נויטבאַדערפטיקע. וואָס איז געווען דער רעזולטאַט: אַן אָפּשוואַך פון די איך־פאַרקניפּלונגען. און ווען דער שונא איז באַפאַלן דאָס לאַנד, איז ניט געווען געגנוג אחדות, געגנוג איבערגעבנקייט אַרויסצוגיין ווי איין מענטש און אָפּשטעלן די אַטאַקע, אָפּטרייבן די אָנפאַלער און אַריינדרינגער — און דער סוף איז געווען אַז דאָס לאַנד איז חרוב געוואָרן, און די פּאָליטישע קערפּערשאַפט איז פאַנאַנדערגעפאַלן.

„אינטעליגענץ, ווילנסקראַפט און מאָראַליטעט זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. אָבער דער מאָראַל־געפיל איז וויכטיקער פון אינטעליגענץ. ווען עס פאַרשווינדט פון אַ נאַציע, נעמט די גאַנצע סאָציאַלע סטרוקטור פאַנאַנדערפאַלן... אַ סך מער פון וויסנשאַפט, קונסט און רעליגיעזן ריטואַל איז מאָראַל־שיינקייט דער באַזיס פון ציוויליזאַציע"(14).

„פאַרוואָס איז פאַרדאָרבן געוואָרן דאָס לאַנד און איז פאַרשרפעט געוואָרן ווי אַ מדבר אָן אַ דורכגייער? דערפאַר וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן מיין לערע וואָס איך האָב זיי געגעבן, און זיי האָבן ניט געהאָרכט מיין שטימע און זיי האָבן איר ניט נאָכגעפאָלגט"(רע"ז).

„... איר האָט מיך ניט געפאָלגט צו לאָזן פריי יעדערער זיין ברו־דער, יעדערער זיין פריינט, דערפאַר וועל איך לאָזן פריי אויף אייך, זאָגט יהוה, דעם שווערד, דעם פלאָג, דעם הונגער, און איר וועט זיין אַן אָפשרעקעניש פאַר אַלע קעניגרייכן פון דער ערד"(רע"ח).

בנוגע דעם יחיד: —

דער לוין איז אינערלעכע קאָנסאָלידאַציע און האַרמאָניע, גאַנצקייט פון גוף און זעל, אריכות ימים, געזונטקייט, פרישקייט פון קערפער און פעסטקייט פון כאַראַקטער. דער שטראָף איז אינערלעכע שטירדעס, אַ גלידער־בירגער־קריג, קערפערלעכע יסורים, חולאתן, אַ זעלן־בירגער־קריג, אינעווייניקסטע מחלוקתן, קריגערייען וועלכע ברענגען צו אַ געשלעג פון אַ פיזיאָלאָגישן און פסיכאָלאָגישן כאַראַקטער, ער ווערט אַ מין אָרגאַ־נישער און פסיכישער ידו־בכל ויד כל בו...

„קנאה, שנאה, פחד, ווען די דאָזיקע טערמינען ווערן געוואוינהייטן זיינען זיי אימשטאַנד אַרויסצורופן אָרגאַנישע ענדערונגען און אמתע קראַנקהייטן"(15).

אימאָראַליטעט איז גורם סיי צו פיזיאָלאָגישע און סיי צו פסיכאָ־לאָגישע מחלות. עס ברענגט סוף־כל־סוף צו אַ פאַנאַנדערפאַל פון אַלע קניפּלעך און בינדלעך פון דער פערזענלעכקייט, אָדער רופט אַרויס אַן אָפּשוואַכונג, אַ לייז ווערן פון אַלע אינערלעכע צווישנפערזענלעכע באַנדן.

„צוליב צען זאַכן קומען אָן נגעים, צוליב עבודה זרה, זנות, בלוט־פאַרגיסונג און פאַרשוועכונג פון שם... און פאַר גזלה... און צוליב די גראָבע יונגען, און צוליב לשון־הרע און אַ בייז־אויג"(רע"ט).

מחמת די פּראָפּאָרציע פון סאָלידאַריטעט, וועלכע הערשט פון אינע־ווייניק, פון מענטשן צו זיין אייגענעם נאָך־מענטשן, ווערט באַשטימט דורך דער מאָס פון סאָלידאַריטעט און אידענטיפיקאַציע וועלכע דער געגעבענער סוביעקט ווייזט אַרויס אין זיינע פאַרהעלטענישן צו זיינע מיט־מענטשן, צו זיינע פריינט, צו זיינע שכנים, צו יעדן מענטשן בכלל, צום אייגענעם היימישן און צו דעם פרעמדלינג. ווי די אויסערלעכע שכנים ווערן באַהאַנדלט פּונקט אַזוי ווערן די „אינעווייניקסטע" שכנים...

„פון וואַנענט קומען מלחמות און מחלוקתן ביי אייך? קומען זיי דען ניט פון דעם, פון אייער אייגענער געלוסטונג וואָס האַלט מלחמה אין אייערע מיטגלידער?"(ר"פ).

די ביבלישע איך־לערע ווערט געבויט אויף דעם וואָס דער אינע־ווייניקסטער איך ווערט פאַרעכנט פאַר אַן אויסווייניקסטן קאָלעקטיוו, און דער אויסווייניקסטער קאָלעקטיוו ווערט פאַרעכנט פאַר אַן אינערלעכן איך, מחמת דעם וואָס דער איך וואַקסנדיק פון אינעווייניק דיפערענצירט זיך אַליץ מער און מער און צו דער זעלביקער צייט גייט ער דורך אַ פּראָצעס פון אינטעגראַציע. עס איז דאָ אַ רבים, אַ סכקייט פון אינעווייניק, פונקט ווי עס איז דאָ אַ סכקייט פון דרויסן. די דאָזיקע צוויי פּראָצעסן זיינען איין פּראָצעס, זיינען אַ פאַרטזעצונג פון דעם פאַנאַנדערוויקל פון זעלבסט. גאָר אַמאָל, אין פאַרצייטיקן פאַרצייטנס איז דער שבט געווען דאָס גאַנצע. דאָס איך־באַוואוסטזיין פון יחיד האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ סך שפּעטער. און דאָס אייגענע קומט פאַר איצטער מיט דעם פריוואַטן איך פון יחיד. דער אַנטוויקלונגס־גאַנג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. דאָס באַוואוסטזיין טיילט זיך ווייטער, שיילט זיך ווייטער. מענטש נעמט זיך פּלוראַליזירן, פאַנאַנדערשניידן זיך אויף פילע חלקים, אויף פאַרשיידענע צושטאַנדן און בלויז דער זכרון האַלט זיי וויפיל־ניט־איז צוזאַמען. עס אַנטשטייען פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן, זעלבסטן טויכן אויף. צושטאַנדן זוכן, צו אַ געוויסער מאָס, אומאָפּהענגיקייט, זיי פאַרלאַנגען אויטאָנאָמיע. אַזוי ווערט געבוירן דאָס „געוויסן״ וועלכעס איז אַ טאָפּלט וויסן, אַ „מיט־וויסן״, איינער וויסט און אַ צווייטער ווייסט. איינער איז דער זעענדיקער עגאָ, דער אני־יהוה, דער צווייטער איז דער בלינדער איך.

„אין דעם עגאָ שפּילט פּערצעפּציע די ראָלע וועלכע ווערט אויס־געפירט אין עס דורך דעם אינסטינקט. דער עגאָ שטעלט פאָר וואָס מיר רופן פאַרשטאַנד און קלאָרקייט אין קעגנזאַץ צום עס וועלכעס ענטהאַלט די ליידנשאַפטן״(16).

„...די פּלוראַליטעט פון די זעלן איז אַ אידייע וועלכע ווערט סוגעסטירט פון פילע באַקאַנטע פאַקטן און זי האָט זיך רעקאָמענדירט צו פילאָזאָפן ווי פּלאַטאָן (לויט פּלאַטאָנען געפינען זיך די פאַרשיידענע חלקים פון דער נשמה אין פאַרשיידענע טיילן פון גוף...) ווי אויך צו ווילדע מענטשן. זי האָט געפונען לייטזעליקייט אויך ביי די חכמים פון כינע, וועלכע דערציילן אונדז אַז יעדער מענטשלעכער וועזן איז אויס־געשטאַטעט מיט וואָס מ׳קען אָנרופן אַ מענלעכע נשמה (שען) און אַ ווייבלעכע נשמה (קוויי) וועלכע דורך זייער האַרמאָנישער קאָאָפּעראַציע שטעלן צוזאַמען אַן אָרגאַנישע אייניקייט... און אַ טאַאָאיסטישער טראַקטאַט פאַרפאַסט אַרום דעם סוף פון צענטן אָדער אָנהויב פון עלפטן יאָרהונדערט האָט אפילו באַרייכערט די וויסנשאַפט מיט אַ ליסטע פון בערך אַ דריי טוץ נשמות, וועלכע זיינען צעטיילט איבער די פאַרשיידנאַרטיקע חלקים

פון דעם מענטשלעכן גוף. בלויז ווען דער נשמה־באַגריף, פון אַ קוואַזי־ווּיסנשאַפטלעך היפּאָטעזע, איז געוואָרן אַ טעאָלאָגישע דאָגמע האָט מען גענומען באַשטיין אויף איר איינהייט און אומצעטיילבאַרקייט אַלס עפּעס וועזנטלעכעס. דער ווילדער, ניט געפּענטעט פון דער דאָגמע, איז פריי צו דערקלערן די פאַקטן פון לעבן דורך דעם אָננעם פון אַזויפיל זעלן וויפיל ער רעכנט פאַר נויטיק. פון דאַנענט נעמט זיך טאַקע, למשל, דאָס וואָס די קאַריבן האָבן משער געווען אַז איין נשמה געפינט זיך אין קאָפּ, די אַנדערע אין האַרצן, און די איבעריקע נשמות זיינען צעשפּרייט אין אַלע פּלעצער וואו מ׳קען געפינען אַן אַרטעריע פּולסירנדיק. אייניקע פון די הידאַסטאַ אינדיאַנער דערקלערן די דערשיינונגען פון פּאַמעלעכן טויט, ווען די עקסטרעמיטעטן שטאַרבן אָפּ צום ערשט, מיט דער השערה, אַז דער מענטש פאַרמאָגט פיר נשמות און אַז זיי פאַרלאָזן דעם קערפּער, ניט אַלע אויף איין־מאָל, נאָר איינע נאָך דער אַנדערער, און פולע דיסאָלוציע באַקומט זיך דעמאָלט ווען אַלע פיר נעמען אָפּשייד. אַנדערע פון די דייקאָס פון באָרנייע און די מאַלייען פון דעם האַלבן אינדזל גלויבן אַז יעדער מענטש פאַרמאָגט זיבן נשמות. די אַלפערן פון פּאָזאָ אין צילעבעס האַלטן אַז אַ מענטש פאַרמאָגט דריי נשמות. די איינגעבוירענע פון לאַאָס זיינען משער אַז דער גוף אַנטהאַלט דרייסיק גייסטער, וועלכע וואוינען אין די הענט, אין די פיס, אין מויל, אויגן און אַזוי ווייטער״(17).

די דאָזיקע באַהויפּטונגען ווייזן קלאָר אַז די מעשים און באַוועגונגען פון די מענטשן זיינען ניט געווען שטרענג קאָאָרדינירט, זייער אויפפיר האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שטאַרקע גוט־פונקציאָנירנדיקע מאָנאָעגאָ־איסטישע אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען געווען אַ מין פּלוראַליטעט, הרבה רשיות, און מיר זיינען עס אויך הגם, מעגלעך, אין אַ קלענערער מאָס. ווייל מיר זיינען אַ רעכט ביסל בעסער צעמענטירט, פעסטער צוזאַמענגענומען, שטאַרקער אינטעגרירט, בעסער אינטעראינדיווידואַליזירט פון אינעווייניק. דער ווילדער האָט גאַנץ אָפט געפילט די דיסהאַרמאָנישע האַנדלונגען פון זיינע טיילן, וועלכע האָבן ניט קאָאָפּערירט ווי באַדאַרף־צו־זיין. און דער ווילדער האָט ניט געקענט נעמען זיך אַלס עפּעס גאַנצעס, אייניקעס, און באַטראַכטן זיין זעלן־לעבן אַלס איין סיסטעם, זען אין זיך איין אחד אפילו אין אַ קליינעם משך פון צייט, אַ פּשיטא שוין אַז ער האָט ניט באַנומען דעם אייגענעם קאָנטינואום ווען ער האָט זיך גענדאַרפט אויסציען איבער לאַנגע אינטערוואַלן פון צייט, אַריבערשפּרינגען איבער תחומים פון שכחה, אָנשטרענגען דעם זכרון אַז ער זאָל אַריבערוואַרפן בריקן איבער די אָפּגרונטן.

און ווען דער מענטש, אין גאַנג פון אַנטוויקלונג, נעמט זיך מאָניזירן, פאַנגט אָן זיך צו אחדן, ערשט דעמאָלט הויבט זיך אָן פון־דאָס־ניי די פרשה פון דואַליטעט און פּלוראַליטעט.

18.

„מיטן גאַנצן האַרצן", מיט דיינע ביידע יצרס, מיטן יצר טוב און יצר הרע" (רפ"א).

די תלמודישע לערע מכוח דעם יצר טוב און יצר הרע, — וועלכע האַלטן כסדר אין האַמפּערן זיך אין האַרצן פון מענטשן און פאַרנעמען פּאָזיציעס אויף ביידע זייטן פון האַרצן, איינער אויף דער רעכטער זייט, דער צווייטער אויף דער לינקער — צייגט אָן אַז די האַלבירונג, די צע־צווייאונג איז שוין לאַנג פאַרגעקומען. דאָס איז אָבער אַ צעצווייאונג וועלכע אַנטשטייט נאָך דער עטאַבלירונג פון דער אינערלעכער גאַנצקייט. מחמת ביידע, סיי דער יצר הרע און סיי דער יצר טוב, אַפּעלירן דאָך, ווענדן זיך צו אים, צו דער פּערזענלעכקייט וועלכע שטייט העכער פון זיי ביידן, אַפּנים ווי אַ שטאַט און אַ מלוכה־פאַרוואַלטונג וואָס פאַרמאָגט אַ צוויי־פּאַרטייאישן פּאָליטישן אָוועקשטעל, אָדער אַ שאַרף אַנטוויקלטן צושטאַנד פון אַ קלאַסן־קאַמף אין וועלכן צוויי קלאַסן זיינען אַריינגעצויגן און זיי ווילן באַאיינפלוסן דעם פּאָליטישן פיר פון דעם גאַנצן פאָלק אַ טייל פון וועלכן זיי שטעלן צוזאַמען.

און דורכדעם טאַקע, אַ דאַנק דער דאָזיקער צעצווייאונג פון דער פּערזענלעכקייט, איז טאַקע מעגלעך אַזאַ דערשיינונג ווי חרטה, תשובה. די צווייטע פּאַרטיי זיגט און פאַרוואַרפט די פּאָליסעס פון דער ערשטער וועלכע ווערט באַזייטיקט פון דער איך־אַדמיניסטראַציע.

„האָט געזאָגט ריש לקיש: תשובה איז גרויס ווייל אומישנע פאַר־ברעכנס ווערן ווי צופעליקע טעותן. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „קער זיך אום, ישראל, ביז צו יהוה דיין אלהים, וואָרים דו ביסט געשטרויכלט אין דיין „עוון" (יהושע, י"ד, ב'). זינד, „עוון" איז אַ מזיד (אַן אומישנע זינד) און דער פּסוק רופט עס אָן אַ מכשול (אַ שטרויכלונג וועלכע איז אַלעמאָל אַ צופאַל). ווי שיקט זיך עס? ריש לקיש האָט געזאָגט: תשובה איז גרויס אַז אפילו אומישנע עבירות ווערן מצוות. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „און ווען דער רשע וועט זיך אומקערן פון זיין רשעות און ער וועט טאָן גערעכט און גערעכטיקייט — אויף זיי וועט ער לעבן" יחזקאל ל"ג, י"ט).

דאָס איז קיין קשיא ניט, דאָ איז פון ליבע, דאָרטן איז פון שרעק. (פון ליבע אַז ער טוט תשובה ווערן די עבירות פאַרוואַנדלט אין מצוות, פון מורא אַז ער טוט תשובה ווערן די עבירות פאַרוואַנדלט אין צופעליקע טעותן) (רפ״ב).

„עליהם הוא יחיה״ אויף זייער חשבון וועט ער לעבן, אויף דעם חשבון פון אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, אפילו די עבירות זיינע״(רפ״ג).

תשובה מיינט אַן איבערשאַצונג פון פערזענלעכע שאַצונגען, אַן ענדערונג פון ריכטונג, אַ פאַרקערעווע אויף־צוריק אָדער אַן אַ זייט, אַ בייט פון דער אינערלעכער אַדמיניסטראַציע וועלכע האָט פאַרוואַלטעט די מלוכהלע וועלכע הייסט דער מענטשלעכער קערפּער און מענטשלעכע נשמה. דאָס ווערט מעגלעך ווען דער איך פון איצטער קען זיך שטעלן קעגן דעם איך פון נעכטן, אים משפטן, פאַרמשפטן און אים באַזייטיקן, אַזוי צוזאָגן, אים ליקווידירן, זיינע רעכענונגען אָפּמעקן, זיינע חובות אָפּווישן, זיינע שולדן מינוסן, פאַרוואַנדלען אין זכיות, פלוסן...

דער איך, דער זעלבסט נעמט זיך שעמען פאַר זיך אַליין, פאַר זיין בעסערן טייל, פאַר זיינע בעסערע, מער דערהויבענע מאָמענטן. און ער נעמט זיך אַליין קאָריגירן, אויסבעסערן, רעפאָרמירן, פאַרריכטן זיינע פעלערן, קאָריגירן זיינע גרייזן פון הנהגה, און דאָס שטאַרקט די פערזענלעכקייט אויף־אַזויפיל אַז אַ מין פסיכאָלאָגישע אַלכעמיע ווערט געשאַפן, און זי נעמט בייזע נידעריקע טאַטן און טראַנספאָרמירט זיי אין אידעלע, גוטע, שעצבאַרע מעשים.

„דאָס איז שטראָף פאַר שלעכטס טאָן: דער זעלבסט וואַרפט אויף דעם זעלבסט... צו וועמען איז דער זעלבסט ניט טייער? צו בעלי־עבירות, מחמת... כאָטש זיי מעגן זאָגן: טייער איז מיר דער זעלבסט״, פונדעסטוועגן וואָס אַ שונא וואָלט טאָן צו זיינעם אַ שונא, דאָס טוען זיי צו זייער אייגענעם זעלבסט״. „עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין דער גאַנצער וועלט וואו שלעכטע מעשים קענען אָפּגעטאָן ווערן אין־געהיים. דער זעלבסט קען דיך, צי דו האָסט עס געטאָן אין ערלעכקייט צי אין פאַלשקייט״.

„אַ פריינט, פון דיין בעסטן זעלבסט האָסטו גאָר אַ קנאַפּע מיינונג, ווען אין זיך זעלבסט פאַרבאָרגסטו שלעכטס פון דיין אייגן זעלבסט״(18).

„עס וועט דיך באַשטראָפן דיין שלעכטס און דיינע ווילדקייטן וועלן דיך איבערצייגן, און ווייס און זע אַז שלעכט און ביטער איז דיין פאַרלאָזן דעם יהוה דיין אלהים, און דאָס וואָס מיין פאַרכט איז ניט ביי דיר, זאָגט מיין האַר יהוה צבאות״(רפ״ד).

„ער זאָל זיך שעמען פאַר זיך אַליין מער ווי פאַר אַנדערע". „דאָס בעסטע איז צו האָבן רעספּעקט פאַר זיך אַליין". „דערוואַרט קיינמאָל ניט צו פאַרהוילן אַ זינד, ווען אפילו אַנדערע אויסער דיר ווייסן פון דעם גאָרניט, דו זעלבסט וועסט זיין באַוואוסטזיניק פון דעם"(19).

„אַזוי אַז דער זוכער פון זיין געטרייסטן, שטאַרקסטן און טיפסטן זעלבסט מוז איבערקוקן דעם רעיעסטער זאָרגפעלטיק, און אויסקלייבן דעם יעניקן אויף וועלכן ער קען שטעלן אין קאָן זיין רעטונג. אַלע איבעריקע זעלבסטן ווערן נאָכדעם אומווירקלעך. די מערכה פון דעם דאָזיקן זעלבסט אַליין איז ווירקלעך. זיינע מפלות זיינען אמתע מפלות, זיינע נצחונות, זיינען ריכטיקע נצחונות, זיי טראָגן מיט זיך בושה און שמחה"(20).

„דער מענטש מיט אַלע זיינע פאַרשיידנאַרטיקע כוחות, זיינע באַגערן, תאוות און די דריי לאָגיקעס פון זיין עקזיסטענץ, גייסט, שכל און האַרץ, איז אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע ווערט פאַרוואַלטעט פון אַן אַריסטאָקראַטישן פּרינציפּ, פון זיין געוויסן, וועלכעס קלייבט אויס דאָס שענסטע און איידלסטע, און שרויפט אַרויף זיינע קרעפטן און פייאיקייטן צו דעם"(21).

דער מענטש באַהאַנדלט זיך אַלס אַ סומע פון קלענערע איכן, אַנדערע ערגערע, אַנדערע בעסערע, מער אַנטוויקלטע און ווייניקער אַנטוויקלטע. עס איז גוט ווען די בעסטע, איידלסטע און גייסטיקסטע אין אים פאַרוואַלטן זיין מדינה, פירן זיין אינערלעכן שטאַט. עס איז שלעכט, ווען די ערגסטע, דער עולם־גולם אין אים, דער ערב־רב אין זיינע אינעווייניקייטן דיקטירן די געזעצן פאַר זיין אויפפיר און פולפילן זיי. דעמאָלט ווערט פון אים אַ תל. אַנשטאָט צו קלעטערן אַרויף, פאַלט ער אַראָפּ און זינקט און ווייקט זיך אין שמוץ פון תאוות און גראָבקייטן. דער מענטש דאַרף אויף זיך גוט אַכטונג געבן. אַ גאַנצע מלוכה, אַן אינערלעכע מלכות, איז אים אָנפאַרטרויט. ער איז אַן אינערלעכע געמיינדע, אַ גאַנצע דעמאָקראַטיע. און ער דאַרף זיך פלייסן צו טאָן אָדער נאָכצוטאָן די בעסטע ביישפּילן, וועלכע ער גיט זיך אַליין אין די דערהויבענע מינוטן פון זיין לעבן, און אויסמיידן צו נעמען אַלס מוסטערן די מעשים תעתועים וועלכע ער טוט אין די גרעבסטע, בהמהשע מינוטן פון זיין לעבן און שטרעבן.

„מחמת אַזוי ווי קיינער, חוץ פון דעם כל־יכול, קען אַזוי וואוילטעטיק ניט זיין פאַרן מענטשן, ווי ער אַליין, פונקט אַזוי איז קיינער אַזוי ניט פייאיק צו טאָן אים שאָדן ווי ער אַליין"(22).

דערפאַר דאַרף ער שטענדיק שטיין אויף דער וואַך, זען אַז ער זאָל זיך גוטס טאָן און ניט אָנטאָן צרות, פאַרשאַפן זיך עגמת־נפש, גורם־זיין היזקס צו זיין אייגענעם זעלבסט.

פון איין זייט נעמט דער מענטש זיך אַליין באַטראַכטן אָביעקטיוו, און ער פּרובירט, פליסט זיך מיט כל־הכוחות צו אורטיילן וועגן זיך אַליין ווי וועגן אַ פרעמדן, כלומרשט. דער מענטש ווערט קאָמפּליצירט, און ער ווערט, צו אַ געוויסן גראַד, „פאַרפרעמדט" פון זיך אַליין, פון אייגענעם סוביעקט. דער מענטש איז אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשיידענע איבערלע־בונגען און צושטאַנדן, ער איז אַ סומע פון קליינע איכן, צייטווייליקע, מאָמענטאַנע זעלבסטן, וועלכע גיסן זיך אַריין אין דעם גרעסערן איך, דעם איך וועלכער טאָטאַליזירט, פירט אונטער דעם סך־הכל צו אַלע זיינע דערפאַרונגען, פאַסט אַרום דעם גאַנצן לעבן פון דעם איינצלנעם. און אויף אַזאַ שטייגער, דורך אָביעקטיוויזאַציע, דורך „פאַרפרעמדונג", ווערט פאַרמירט, אָרגאַניזירט און עטאַבלירט דער איך פון דעם מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקן־אַנטוויקלטן אינדיווידו.

אָבער דאָס איז גורם צו נאָך עפּעס, און דאָס איז אַ צוריק־ווירקונג פון דעם אינערלעכן אָביעקטיוויזירונג־פּראָצעס, און דאָס איז די סוביעק־טיוויזירונג פון דעם ניט־איך, פון דעם אָביעקט. די דערגרייכונג שטעלט פאַר מיט זיך אַ שטאַפּל־אַרויף אין לייטער פון איך־שאַפונג און אַנט־וויקלונג. דער מענטש, תופס זיינענדיק אַז ער אַליין, דער סוביעקט קען נעמען באַהאַנדלט ווערן ווי אַן אָביעקט, פאַרשטייט אַז דער אָביעקט דאַרף און קען באמת באַהאַנדלט ווערן ווי אַ סוביעקט, ווי עפּעס אייגענעס, פער־זענלעכעס. און אין קרייז פון אייגענעם זעלבסט ווערט אַריינגענומען דער מיטמענטש, וועלכער ווערט אַן אינטעגראַלער חלק פון דעם אייגענעם איך.

19.

„און פון דיין לייב זאָלסטו (ווערסטו) זיך ניט פאַרהוילן" (ישעיה נ"ח, ז'). רבי קפרא האָט געזאָגט: זאָלסט זען זיין לייב ווי דיין לייב. האָט בר קפרא געלערנט: עס איז ניטאָ אַזאַ מענטש וואָס וועט ניט קומען צו דער דאָזיקער מידה, אויב ניט ער, זיין זון, אויב ניט זיין זון, זיין איי־ניקל" (רפ"ה).

„און דאָס הייסט „פון דיין לייב זאָלסטו זיך ניט פאַרהוילן", דו זאָלסט זיך ניט פאַרהוילן פון זיך אַליין און פון דיין זאָמען" (רפ"ו).

„עס שטייט געשריבן: „דו זאָלסט זיך ניט נוקם־זיין און דו זאָלסט קיין שנאה ניט טראָגן אויף די קינדער פון דיין פאָלק" (ויקרא י"ט, י"ח). צו וואָס איז עס גלייך? איינער האָט געשניטן פלייש און דער מעסער

האָט (ניט־ווילנדיק) איינגעשניטן אים די האַנט, וועט ער דען נעמען און שניידן די צווייטע האַנט.

„דו זאָלסט האָלט האָבן דיין פריינט ווי זיך אַליין" (דאָרטן), רבי עקיבא זאָגט דאָס איז די גרויסע פאַראַלגעמיינערנוג פון דער תורה; בן עזאי זאָגט: „דאָס איז דאָס בוך פון מענטשנס־געבורט" (בראשית ה׳, א) איז אַ גרעסערע פאַראַלגעמיינערונג פון דער"(רפ"ז).

„... איינער האָט געשניטן פלייש איז דער מעסער אים אַריין אין האַנט, צי דען וועט עס אים גאָר אויף דעם זינען אַרויף אַז ער זאָל נעמען ראַכע פון זיין אייגענער האַנט און ער זאָל איינשניידן די צווייטע האַנט דערפאַר וואָס זי האָט איינגעשניטן די ערשטע. דאָ איז די אייגענע זאַך, מחמת אַלע אידן זיינען איין גוף, און דערפאַר טאָר מען קיין ראַכע ניט נעמען, ווייל דאָס איז ווי ער וואָלט זיך נוקם־געווען אָן זיך אַליין"(רפ"ח).

„דו זאָלסט (וועסט) ליב האָבן דיין פריינט ווי זיך אַליין", רבי עקיבא זאָגט: „דאָס איז די גרויסע פאַראַלגעמיינערונג פון דער תורה". בן עזאי זאָגט: „דאָס איז דער בוך פון מענטשנס געבורט" (בראשית ה׳, א׳). איז אַ גרעסערע פאַראַלגעמיינערונג"(רפ"ט).

„און דעריבער האָט בן עזאי באַטראַכט די דאָזיקע פאַראַלגעמיינערונג פאַר אַ וויכטיקן ענין, ער האָט זיך געשיקט אויף דעם פסוק „דאָס איז דאָס בוך פון מענטשנס געבורט", מחמת אַלע מענטשן זיינען פאַרבונדן צוזאַמען אין איין קערפּער... ווייל זיי זיינען אַלע ווי איין מענטש און ווי איין גוף וועלכער שטעלט זיך צוזאַמען פון פאַרשיידענע גלידער, דער קאָפּ האַלט די האַנט ווי זיך אַליין... מחמת אַלע מענטשנקינדער זיינען ווי איין מענטש... און דאָס האַרץ פילט דעם פעלער פון יעטווידן גליד, זיין קראַנקהייט, זיין שאָדן, אפילו ווען די הויט טוט וויי אָדער דער לעפּל פון אויער. און אַזוי אַרום וועט אַ מענטש ווינטשן זיין מיטמענטשן וואָס ער ווינטשט זיך אַליין, ווייל ער איז דאָך לייב פון זיין לייב און אַ ביין פון זיינע ביינער... מחמת זיי זיינען ווי איין קערפּער, דערפאַר דאַרף איינער ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין, ואהבת לרעך כמוך"(ר"צ).

בן עזאי האָט אויסגעטייטשט דעם פסוק „זה ספר תולדות אדם" אַלס אַ באַהויפּטונג אַז די גאַנצע מענטשהייט איז איין מענטש, „דאָס איז דאָס בוך פון דער געבורט פון מענטשן", פון איין מענטשן־מענטשהייט.

און די תורה איז עס דער בוך דורך וועלכן דער גאַנצער מענטש, — די גאַנצע מענטשהייט אַלס איין מענטש, אַלס איין איך, — ווערט געבוירן. די תורה פלעגט, האָדעוועט, פלייסט זיך צו אַנטוויקלען אָט־דעם מענטשן. „זה ספר תולדות אדם", דאָס איז דער ספר, דאָס גרויסע ווערק, וועלכע

געבאָרט דעם אמתן מענטשן. און בן־עזאי האָלט אַז אָט־דער פסוק וועלכער דעפינירט דעם חומש איז דער וויכטיקסטער זאָץ אין ספר־הספרים, ווייל אָט־דער זאָץ ווייזט אָן דעם צוועק און תכלית פון דער גאַנצער תורה, ער צייכנט אָן די אויפגאַבע וועלכע תורת־משה האָט זיך געשטעלט.

„אַזוי ווי אין דער גרויסער וועלט, אין מאקראקאָסמאָס, שטעלן אַלע באַשעפענישן און קעגנשטאַנדן צוזאַמען איין גאַנצע זאַך: די וועלט; פונקט אַזוי אין דער קליינער וועלטל, אין מיקראקאָסמאָס, אין מענטשן, שטעלן אַלע פעלקער צוזאַמען איין גאַנצן קערפער... אַלע איינצלנע שטעלן צוזאַמען איין קאָמפּליצירטעס פאָלק. אַזוי אַלע פעלקער צוזאַמען קאָנסטרו־אירן איין גאַנצן קאָמפּליצירטן גוף".

„אַז דער מאקראקאָסמאָס מיט אַלע זיינע קעגנזאַצן און שטירדעס איז אַ גאַנצע זאַך, אַ וואונדערבאַרע האַרמאָניע — דאָס האָבן ניט געוואוסט די פּאַרצייטיקע פעלקער. אַזוי אויך דער געדאַנק וועלכן מיר אַנטוויקלען דאָ אַז דער מיקראקאָסמאָס מיט זיינע מיליאָנען איינצלנע פּערזאָנען שטעלן צוזאַמען איין גאַנצן קערפער — איז אויך געווען אומבאַקאַנט צו די פּאַרצייטיקע פעלקער, און דאָס זאָגן אונדז אונדזערע געלערנטע, זייער אָנדענק צום בענטשן: „איר ווערט אָנגערופן מענטש (אדם) און די אומות־העולם הייסן ניט מענטש"; „איר הייסט מענטש", דאָס מיינט אַז עס איז דאָ איין מענטש, און עס איז גאָר ניטאָ קיין מערצאָל אין דער וועלט, און אַלע מענטשן פון דער וועלט זיינען איין מענטש. און די פּאַר־צייטיקע אומות־העולם „הייסן ניט מענטש", זיי האָבן ניט געוואוסט און האָבן ניט באַגריפן דעם געדאַנק. און דאָס זאָגט דער פסוק: „און ווער איז ווי דיין נאַציע ישראל איין פאָלק אין דער וועלט". ער זאָגט ניט: אַן אייגנאַרטיק פאָלק, נאָר „איין פאָלק", דאָס מיינט אַ פאָלק וואָס באַגרייפט אַז עס איז דאָ אַן איינִיקייט און ניט קיין מערצאָל אין דער וועלט, סיי אין דער גרויסער וועלט און סיי אין דער קליינער וועלט"(רצ"א).

„און עס שטייט געשריבן, „יעדער איינער פון ישראל ווי איין מענטש אַלע חברים". און אַזוי ווי אַ מענטש איז צוזאַמענגעשטעלט פון פילע גלידער און ווען זיי צעשיידן זיך רירט עס אָן דאָס האַרץ „וואָרים פון אים איז דער לעבנס־אויסגוס". אַזוי אויך מיר ווען מיר זיינען אַלע איין מענטש בפועל־ממש וועט אונדזער האַרצדינסט האָבן אַ האַפט. און פון יע דעם פּאָזיטיוו הערסטו דעם נייך. און אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן „און צו דינען אים מיט איין שולטער" דאָס איז דווקא. און דעריבער, מיינע באַליבטע און פריינט, איך בעט אייך זייער און זייער זיך צו באַ־מיען מיטן גאַנצן האַרצן און זעל איינצופלאַנצן מיטמענטש־ליבע אין אייערע הערצער. ווי עס שטייט געשריבן „און קיינער זאָל ניט טראַכטן

אין האַרצן קיין שלעכטס אויף זיין פריינט", עס זאָל קיינמאָל אין האַרצן ניט אַריין, און ווען עס כאַפּט זיך אין האַרצן יאָ אַריין דאַרף עס אַרויס־געטריבן ווערן ווי רויך ווערט פאַרטריבן, און ווי אַ געדאַנק וועגן עבודה־זרה בפועל־ממש, ווייל די זינד פון לשון־הרע איז אַזוי גרויס ווי געטשנ־דינעריי, זנות און בלוט־פאַרגיסונג"(רצ"ב).

„און אַזוי האָבן געזאָגט אונדזערע לערער, זייער אָנדענק צום בענטשן, „איר הייסט מענטש אָבער ניט די פעלקער פון דער וועלט". פאַרוואָס געברויכט ער דעם לשון „איר הייסט", ער האָט דאָך געדאַרפט זאָגן: איר זייט אַ מענטש (אדם) און ניט די פעלקער? נאָר דאָס איז געווען זיין מיין: עס איז דאָך באַקאַנט אַז דער וואָרט אדם (מענטש) ווייזט אָן אויף דער איינזיקייט פון דער אידישער נאַציע און דעם פרידן וואָס הערשט ביי איר אין אַ גרעסערער מאָס ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע זיינען צעשפּליטערט. וואָרים עס זיינען דאָ אין העברייאיש פיר סינאָנימען צו באַצייכענען דעם באַגריף מענטש, און דאָס זיינען זיי: איש, גבר, אנוש, אדם. די ערשטע דריי געפינען מיר אַמאָל אין לשון יחיד און אַמאָל אין לשון רבים, ווי „איש" שטייט „את אישים פועלי עוון", און „גבר" „לכו נא הגברים" און „אנוש" „אנשים", אויסער „אדם" ביי וועלכן מיר געפינען ניט קיין „אדמים", קיין מערצאָל, און דעריבער ציייגט ער אָן אויף דער איינפאַכער איינזיקייט... דערפאַר האָבן זיי גע־זאָגט: איר ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען „אדם" וועלכער צייגט אָן אויף איינזיקייט און שלום, מחמת די גאַנצע אידישע נאַציע איז ווי איין מענטש און ניט די איבעריקע פעלקער... און דאָס אַלץ צייגט אָן אויף דער איינזיקייט פון דעם אידישן קיבוץ און דערפאַר הייסן זיי „איין פאָלק אין לאַנד", זיי האָבן איין אל, איין תורה און איין בית־המקדש"(רצ"ג).

„און אונדזערע לערער, זייער אָנדענק צום בענטשן, האָבן געזאָגט: כל־זמן די אידן זיינען אין איין בונד איז די שכינה דאָ ביי זיי ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: „און עס איז געווען אין ישורון אַ קעניג". ווען? ווען די קעפּ פון פאָלק האָבן זיך פאַרזאַמלט. אַזוי אויך זאָגט ער: „ער בויט אין הימל זיינע דערהויבונגען". ווען? אין דער צייט ווען זיין בונד איז פאַרפעסטיקט אויף דר'ערד... ווי עס שטייט געשריבן „און ישראל האָט דאָרטן גערוט", מאַכט רש"י אַז זיי זיינען געווען אין איין רו־צושטאַנד און אין איין פאַרבינדונג... דעריבער זיינען זיי ווערט געווען אויפצונעמען די תורה וואָס אירע אַלע שטעגן זיינען פרידן...

ווען די אידן זיינען אַרויס פון מצרים זיינען זיי ניט אויסגעלייזט גע־וואָרן נאָר אין זכות פון דער דאָזיקער מידה ווי מיר האָבן דערקלערט. און דאָס אייגענע געפינען מיר אין דער אויסלייזונג פון מצרים, ווי אויך

אין דער אויסלייזונג פון בבל און אויך אין דער צוקונפטיקער אויסלייזונג וועלכע וועט פאָרקומען אין אונדזערע טעג, אַלע די אויסלייזונגען זיינען געוואָרן באַדינגט פון דער אָנוועזנהייט פון פרידן, ווייל ביי מצרים־אויסלייזונג ווערט געזאָגט „און דו וועסט אויפזאַמלען די זקנים פון ישראל, און אָט־די אויפזאַמלונג מיינט אַז זיי זאָלן זיין אין איין פאַרבינדונג... און אין בבל־אויסלייזונג שטייט געשריבן אין עזרא „און דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט ווי איין מענטש", און אין אחשורוש־אויסלייזונג שטייט געשריבן: „גיי זאַמל אויף אַלע אידן" און מכוח דער לעצטער גאולה איז געזאָגט געוואָרן: „אויפקלייבן וועל איך אויפקלייבן יעקבן"...(רצ"ד).

.... מיר האָבן געשריבן אַז „איר הייסט מענטש" (אדם) מיינט אַז איר באַגרייפט דעם געדאַנק אַז אַלע מענטשן פון דער וועלט זיינען איין מענטש, און אין דעם האָט מיך אַנטיציפּירט דער גאון דער פאַרפאַסער פון „עוללות אפרים" און ער האָט צוגעלייגט די דערקלערונג: מחמת דער וואָרט „אדם" (מענטש) האָט ניט קיין מערצאָל; און איך וואָלט צוגעגעבן צו דעם אַז „אדם" אויף העברייאיש האָט ניט קיין נטיות. און טראַכט זיך אַריין... (ד. ה. מ'קען ניט זאָגן „אדמי" מיין מענטש, „אדמך" — דיין מענטש, ער קען צו קיינעם ניט געהערן). און בנוגע דעם הויפּט־געדאַנק פון „עוללות אפרים" האָט אים אַנטיציפּירט דער זהר אין פרשה וארא (דף כ"ה, ב'): „איר הייסט מענטש (אדם) און די געטשנדינער הייסן ניט מענטש", און דערפאַר וואָס די אידן הייסן מענטש דאַרפן זיי זיך פלייסן אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דער תורה כדי זיי זאָלן ווערן אַלע צוזאַמען איינס אין דער קאָנצעפּציע פון מענטש (אדם).

און אין הושע (ב', א') „און עס וועט זיין די צאָל פון ישראל ווי זאַמד פון ים וועלכן מ'קען ניט מעסטן און מ'קען ניט ציילן". און אין יומא (כ"ב, ב') פרעגן זיי פון אָנהויב פון פסוק אויף דעם סוף (זיי פרעגן: ער זאָגט דאָך און עס וועט זיין די צאָל פון ישראל, וויבאַלד עס איז דאָ אַ צאָל ציילט מען דאָך עס, און ער פאַרענדיקט דעם פסוק אַז מ'וועט עס ניט קענען מעסטן און ניט ציילן) און זיי פאַרענטפערן עס דאָרטן: דאָ איז אין צייט ווען די אידן טוען דעם ווילן פון אויבערשטן (מקום), און דאָ בשעת זיי טוען ניט דעם ווילן פון דעם אויבערשטן (מקום) (בשעת זיי טוען דעם ווילן פון יהוה קען מען זיי ניט ציילן, בשעת זיי טוען ניט זיין ווילן קען מען זיי יע ציילן)... אונדזערע געלערנטע, זייער אָנדענק צום בענטשן, דריקן אויס דעם געדאַנק וועלכן מיר האָבן אַנטוויקלט: בנוגע איין מענטשן איז דאָך ניט שייך קיין צאָל, ווייל ער איז דאָך איינער. און ווי קען מען ציילן איינעם? אָבער דאָס פּאַסירט נאָר ווען די אידן טוען דעם ווילן פון אויבערשטן (מקום), דעמאָלט איז ביי זיי

ניטאָ קיין האַרץ־צעטיילונג, און אויף זיי זאָגט דער פּסוק: „ווער איז ווי דיין נאַציע ישראל איין פאָלק“ און ווי מיר האָבן אויבן אויסגעטייטשט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק שטעלט צוזאַמען איין גאַנצע זאַך, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן „און ישראל האָט גערוט“, דאָס מיינט אַז אַלע איינצלנע, אַלע אידן־אינדיווידן זיינען געוואָרן איין אַלגעמיינער ישראל, איין גאַנצער קערפּער. און אַזוי ווי עס שטייט אין מכות (כ״ג, ב׳) „גאַנץ ישראל ווערט אָנגערופן אין איינצאָל“, דאָס הייסט, ווען דאָס פאָלק פונקציאָנירט ווי געהעריק: די הענט און די פיס... פאָלגן די קאָפּ, די אויגן און האַרצן... און די קאָפּ און די אויגן און דאָס האַרץ רייסן זיך ניט אַרום, קריגן ניט איינער אויפן אַנדערן און פרידן הערשט צווישן זיי. און דאָס ווערט אָנגערופן אויף דער שפּראַך פון תלמוד: „טאָן דעם ווילן פון אויבערשטן“, דעמאָלט איז ביי אידן ניט שייך קיין צאָל, ווייל מ׳קען ניט ציילן דעם איינס. דאָס איז אָבער ניט דער פאַל ווען די אידן טוען ניט דעם ווילן פון אויבערשטן, דעמאָלט פאַלט פאַנאַנדער דער באַנד פון דער איינִיקייט, און דאָס פאָלק פונקציאָנירט ניט ווי באַדאַרף־צו־זיין, און מ׳קען אים יע ציילן“ (רצ״ה).

„אחות לנו קטנה“ (מיר האָבן אַ קליינע שוועסטער), דאָס איז אברהם וועלכער האָט פאַרברידערט (איחה) אַלע מענטשן פון דער וועלט. דער זון פון קפרא האָט געזאָגט: פּונקט ווי איינער וואָס פאַרנייט (מאחה) ריסן“ (רצ״ו).

אַברהם האָט גענומען אַנטוויקלען דעם זעלבסט־באַגריף, די איכהייט־קאָנצעפּציע, ער האָט באַהויפּטעט די איינִיקייט פון דעם מענטשן, מענטשהייט און וועלט.

„די לייענער פון עטיק ווייסן אַז פאַר מיר איז דער געזינטסטער פונדאַמענט פון מאָראַליטעט דער אמת וועלכער האָט געקראָגן זיין אויסדרוק אין די וועדן און וועדאַנטא אונטער דער עטאַבלירטער מיסטישער פאָרמולע: טאַט טוואַם אַסי (דאָס ביסטו אַליין)... וועלכע ווערט געברויכט אין באַצוג צו יעדן לעבעדיקן געגנשטאַנד, סיי ווען דאָס איז אַ מענטש און סיי ווען דאָס איז אַ בעל־חי, און וועלכער הייסט דער מאַהאַוואַקיאַ, דער גרויסער וואָרט“ (23).

שאָפּענהויער ווייסט ניט אָדער מאַכט זיך ניט ווויסנדיק, אַז דאָס איז דער יסוד פון דער ביבלישער עטיק וועלכע באַזירט זיך אויף דעם אייגענעם פּרינציפּ, נאָר טיפער אויפגעפאַסט, בעסער פאַרשטאַנען, מער אַריינדרינגנדיק אין דער מענטשלעכער נשמה און נענטער צוקומענדיק צום עצם־מהות פון דער זעל. און דער דאָזיקער יסוד פאָרמירט די עגאָסאָפּישע פאָרמולע וועלכע שטייט ביים אַריינגאַנג אין דעם גרויסן פּאַלאַץ

פון מאָראַל די „צען געבאָטן“, אנכי־יהוה, אָדער אני־יהוה. דער אנכי־יהוה אָדער אני־יהוה פּראָקלאַמירט דעם גרויסן אמת אַז דער איך איז אַן איך־ער, און אַז דער דאָזיקער איך־ער איז דער אלהים, דאָס הייסט דאַרף דינען אַלס ריכטער־רעגולירער און מאָדוס־מאָדעל פון אַלע מענטשלעכע פאַרהעלטענישן.

„די גאַנצע לערע אַז די גאַנצע סכּיקייט איז בלויז אַן אויסדוכט, אַז אין אַלע אינדיווידן פון דער וועלט, — אין וועלכער אומענדלעכער צאָל, איינער נאָך דעם אַנדערן און איינער לעבן דעם אַנדערן, זיי זאָלן זיך ניט פאָרשטעלן, — מאַניפעסטירט זיך באמת איין און דאָס זעלביקע קעגנוואַרטיקע און אידענטישע וועזן, די דאָזיקע לערע איז געוועזן נאָך אַ צייט פאַר קאַנטן, מ׳קען זאָגן פון קדמונים־אָן, מחמת זי איז די הויפּט און גרונטלערע פון דעם אַלעמערשטן ספר פון דער וועלט, די הייליקע וועדן, פון וועלכע דער דאָגמאַטישער טייל, אָדער, ריכטיקער, די עזאָטערישע לערע איז באַארבעט געוואָרן אין די אופּאַנישאַדן“(24).

„דעריבער געהערט די סכּיקייט און געשיידקייט בלויז צו דעם אויסדוכט, און עס איז איין און דאָס זעלביקע וועזן וועלכעס באַוויזט זיך אין אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן; און די דאָזיקע אויפפאַסונג, וועלכע וואַרפט אָפּ דעם אונטערשייד וואָס ליגט צווישן איך און ניט־איך, איז ניט קיין טעות: פאַרקערט, איר קעגנגעזעצטע אויפפאַסונג איז עס, די לעצטע ווערט באַצייכנט פון די הינדוסן מיט דעם נאָמען מאַיאַ, וואָס הייסט, פאַרבלענדעניש, אָפּנאַר, פאַנטאַזמאַ. אָט־דער דאָזיקער ערשטער בליק איז עס וועלכן מיר באַטראַכטן אַלס יסוד פון דעם פענאָמען פון מיטלייד, מער, ער געפינט זיין אויסדרוק אין רחמנות. ער איז עס דער מעטאַפיזישער יסוד פון עטיק, און ער באַשטייט אין דעם וואָס איין אינדיוויד דערקענט אין אַנדערן זיך אַליין, זיין אייגענעם אמתן מהות. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט געפינען מיר די פּראַקטישע קלוגשאַפט, יושר און צדק אין רעזולטאַט געגנוי־צוזאַמען מיט דער טיפסטער לערע פון דער וויט־דערלאַנגענדיקער טעאָרעטישער קלוגשאַפט; און דער פּראַקטישער פילאָזאָף, ד. ה. דער צדיק, דער בעל־מעשים טובים, דער איידל־מוטיקער זאָגט אַרויס דורך אַקציע בלויז די אייגענע דערקענטעניש וועלכע איז אַ דערוואַרבונג פון דער גרעסטער חריפות און מיזעליקער פאָרשונג פון דעם טעאָרעטישן פילאָזאָף.

„די אינדיווידואַציע איז רעאַל דאָס פּרינציפּיום אינדיווידואַציאָניס און די פאַרשיידנהייט פון די אינדיווידן, וועלכע האַלט זיך אויף דעם פּרינציפּ, איז די אָרדענונג פון דער זאַך אין זיך אַליין. יעדער אינדיוויד איז פון גרונט אַרויס אַ וועזן וואָס איז אינגאַנצן פאַרשיידן פון אַלע אַנדערע.

אין מיין אייגענעם זעלבסט אַליין באַזיץ איך מיין אמתן מהות, און אַלדאָס אַנדערע, להיפּוך, איז ניט־איך און איז מיר „פרעמד". — דאָס איז די דערקענטעניש פאַר דער ריכטיקייט פון וועלכער פלייש און ביין זאָגן עדות, און וועלכע ליגט אין גרונט פון יעדן עגאָאיזם, און דער ממשותדיקער אויסדרוק פון וועלכער איז יעדע ליבלאָזע, אומגערעכטע אָדער פאַסקודנע האַנדלונג.

„די אינדיווידואַציע איז בלויז אויסדוכט, וועלכער אַנשטייט פון רוים און צייט, און וועלכער איז ניט מער ווי אַ פאָרמע פון אַלע אָביעקטן, אַ פאָרמע וועלכע ווערט באַדינגט פון מיין מוח און זיין פּער־צעפּציע־פייאיקייט; און דעריבער איז אויך די סכיקייט און די פאַר־שיידנקייט פון די אינדיווידן בלויז אויסדוכט, ד. ה. נאָר מיינע אַ פאָר־שטעלונג. מיין אמתער אינעווייניקסטער וועזן עקזיסטירט אין יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש אַזוי אוממיטלבאַר ווי נאָר עס לאָזט זיך מיר אַליין דערקענען אין מיין אייגענעם באַוואוסטזיין".

די דאָזיקע דערקענטעניש איז עס סוף־כל־סוף צו וועלכער עס איז גערוכטעט יעדע אַפּעלאַציע פאַר רחמנות, מענטשנליבע, גנאָד אַנשטאָט גערוכט; מחמת דאָס אַלץ איז אַ דערמאָנונג וועגן דער איינזעעניש אַז מיר אַלע זיינען איין און דאָס זעלביקע וועזן. להיפּוך, עגאָאיזם, שנאה, קנאה, פאַרפאָלגונג, האַרטקייט, נקמה, שאָדנפרייד, אכזריות באַרופן זיך אויף יענער ערשטער דערקענטעניש און האַלטן זיך ביי איר. די רעגונג און דער תענוג וועלכע מיר פילן בשעת מיר הערן וועגן, אָדער זעען, אָדער, נאָך מער, זעצן אַליין דורך, אַן אידעלע האַנדלונג, רוען, אין תוך געמומען, אויף דעם וואָס זי גיט אונדז די זיכערקייט אַז אויף יענער זייט פון גאָרער סכיקייט און פאַרשיידנהייט פון די אינדיווידן, וועלכע דאָס Principium individuationis ברענגט אַרויס, געפינט זיך אַן איינקייט פון אַלעמען, אַן איינקייט וועלכע איז אמת, נאָך מער, צוגענגלעך און זי דעמאָנסטרירט זיך בפועל־ממש.

די פּרעדאָמינענץ פון דער אָדער יענער פון די דאָזיקע צוויי דער־קענטענישן ציגט זיך אַרויס ניט בלויז אין איינצלנע האַנדלונגען, נאָר אויך אין דעם גאַנצן שטייגער פון באַוואוסטזיין און שטימונג, וועלכע זיינען דעריבער ביי אַ גוטן כאַראַקטער אַזוי עיקרדיק פאַרשיידן פון דעם שלעכטן כאַראַקטער. דער שלעכטער כאַראַקטער שפירט אומעטום די מחיצה צווישן זיך און אַלץ וואָס איז אויסער אים. די וועלט איז פאַר אים אַן אַבסאָלוטער ניט־איך און זיין פאַרהעלטעניש צו איר איז אַן אורשפּרינגלעך פיינטלעכע. דעריבער ווערט דער גרונטטאָן פון זיין שטימונג פאַרהאַסטקייט, פאַרדאַכט, קנאה, שאָדנפרייד. —

דער גוטער כאַראַקטער, פונקט להיפוך, לעבט אין אַן אויסנוועלט וועלכע איז זיין מהות אַזוי האַמאָגעניש: די אַנדערע זיינען פאַר אים ניט קיין ניט־איך, נאָר נאָך אַמאָל איך. דעריבער איז זיין אורשפרינגלעכע פאַר־העלטעניש צו יעדן איינעם אַ באַפריינדעטע: ער פילט אַז ער איז אַ קרוב צו אַלע באַשעפעניש, ער נעמט אַן אוממיטלבאַרן טייל אין זייערע פריידן און ליידן, און ער איז פאַראויס משער אַז אַלע נעמען דעם זעלביקן אינטערעס אין אים. פון דעם וואַקסט אַרויס די טיפע שלווה פון זיין לפני ולפנים און יענע אָנפאַרטרויטקייט, די באַרואיגנדיקע צופרידענע שטימונג אַ דאַנק וועלכער יעדערער פילט זיך אַזוי גוט אין זיין נאָענטקייט"(25).

שאָפּענהויער איז גערעכט און אומגערעכט אין דער זעלביקער צייט. ער איז גערעכט ווען ער באַהויפּטעט אַז דער יסוד פון עטיק איז די אי־דענטיפיקאַציע פון דעם איך און דעם דו און ער, ווי ער רופט עס, דעם „ניט־איך". ער איז אָבער אומגערעכט, ווען ער פּרובירט צו שלאָגן דעם פּרינציפּ פון אינדיווידואַציע. דער לעצטער איז דער טרייב־פעדער אין פּראָגרעס־מעכאַניזם אויף אַלע געביטן פון דענקען און האַנדלען.

„מיטן וואָרט „לעבן", זאָגט ער (קאַלערידזש), מיין איך אומעטום די ריכטיקע אידייע פון לעבן, אָדער יענע אַלגעמיינע פאָרמע אונטער וועל־כער דאָס לעבן מאַניפעסטירט זיך צו אונדז און נעמט אַריין אַלע איבע־ריקע פאָרמען. און דאָס האָב איך באַהויפּטעט צו זיין די טענדענץ פון אינדיווידואַציע, און די שטופן אָדער אינטענסיטעטן פון לעבן באַשטייען אין דער פּראָגרעסיווער רעאַליזאַציע פון דער דאָזיקער טענדענץ".

ווען איך האָב דאָס געשריבן האָב איך ניט געוואוסט אַז קאַלערידזש איז שעלינגס אַ בעל־חוב פאַר דעם געדאַנק... די קאָנצעפּציע פון אַן אינדיווידואַליזם איז אַ מעטאַפיזישע השגה, און די טענדענץ צו אינדיווידואַציע קען ניט ווערן רעפערזענטירט אין פיזיקאַלישע טערמינען. אָבער אַזוי ווי די אינטעגראַציע פון מאַטעריע און די איר באַגלייטנדיקע דיסיפּאַציע פון באַוועגונג איז אַ פּראָצעס דורך וועלכן אַן אַגרעגאַט ווערט פאָרמירט — אַ מערקזאַמער אָביעקט — עפּעס אַ מין אינדיווידו; איז עס קלאָר אַז דער אַלערערשטער פּראָצעס פון עוואָלוציע קען, ווען מ'קוקט אויף דעם מחוץ פון אַ פיזיקאַלישער אינטערפּרעטאַציע, באַטראַכט ווערן אַלס אַ פועל־יוצא פון דער דאָזיקער טענדענץ צו אינדיווידואַציע... אין מענטשן זעען מיר די העכסטע מאַניפעסטאַציע פון אָט־דער טענדענץ. אַ דאַנק דער קאָמפּליצירטקייט פון דער סטרוקטור איז ער זייער ווייט אָפּגערוקט פון דער אינאָרגאַנישער וועלט אין וועלכער עס איז פאַראַן זייער ווייניק אינדיווידואַליטעט... ווייטער, ער איז זעלבסט־באַוואוסט־זיניק, דאָס הייסט, ער אָנדערקענט זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, און

ווי עס איז לעצטנס באַוויזן געוואָרן, אַז די ענדערונגען וועלכע ווערן באַ־אָבאַכטעט אין די מעשים פון מענטשן זיינען אַלע כלפּי אַ גרעסערער אַנטוויקלונג פון אינדיווידואַליטעט — קענען זיי באַשריבן ווערן אַלס אַ טענדענץ צו אינדיווידואַציע... דעמאָלט וועלן עקזיסטירן ווענזס וועמענס אינדיווידואַליטעטן קענען זיך אויסשפּרייטן צו זייער פולקייט אין אַלע ריכטונגען. און אַזוי־אַרום וועט רעאַליזירט ווערן אַ פּערפעקטע מאָראַלי־טעט, אַ פּערפעקטע אינדיווידואַציע און אַ פּערפעקטעס לעבן אַלץ אויף־איין־מאָל"(26).

דערוויל אַנדערקענט נאָך ניט די נאַטור דאָס אייביקע לעבן פון דעם אינדיוויד. זי אַנדערקענט בלויז די גאַטונג. מיט דער לעצטער רעכנט זיך די נאַטור, גיט אַכטונג אויף איר, פאַרזאָרגט איר מיט אויפהאַלט, מיט דויערהאַפטער עקזיסטענץ. דער אינדיוויד איז ווי אַ בלאַט אויפן בוים פון לעבן; עס קומט דער האַרבסט, און ער פאַלט אַראָפּ. בלויז דער שטאַם האַלט זיך און באַקעמפט און, אַמאָל אויך, באַזיגט די צייט, פאַרניינט איר, אָדער מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון איר, דורכגייענדיק די דריי צייטן פון קינדהייט, מיטלעלטער און זקנה און דערנאָך ווידער קינדהייט, אַנהויבנדיק דעם נייעם ציקל מיט נייע גענעראַציעס. דער אינדיוויד אַלס אַזעלכער קען עס ניט באַווייזן, דערוויל. אָבער אין דער צוקונפט, מיטן לויף און פאַנאַנדערוויקל פון די כוחות פון אינדיווידואַציע, וועט דער אינדיוויד זיך באַפעסטיקן און „צווינגען" די נאַטור אַז זי זאָל אים יע אַנדערקענען. אַלע פאָרמען פון קאָמפּענסאַציע וועלכע ווערן דערגרייכט דורך דעם ריטם פון טויט און געבורט האָבן צו טאָן, זיינען באַפרידיקנדיק פאַר דער גאַטונג, זיינען אָבער אינגאַנצן אומווירקזאַם בנוגע דעם יחיד. זיין פאַרלוסט איז אַן אבדה שאינה חוזרת, אַ שאָדן וועלכער קערט זיך קיינמאָל ניט אום.

„עס ווערט געפירט אַ באַלאַנץ־בויגן צווישן עקספּאָרט און אימפּאָרט, צווישן געבורין ווערן און שטאַרבן. און די פּראָפּאָרציע ווי אויך די טאַריף־אָפּצאָלונגען ווערן רעגולירט פון נאַטור אַליין. דער טויט איז דער סוף־פּסוק, דער לעצטער אַקאָרד פון דער סימפאָניע. טויט ווייזט אַז דער קוואַל פון דער אינדיווידועלער עקזיסטענץ האָט זיך אויסגעשעפּט ביזן לעצטן טראָפּן, אָדער אַז דער בוימל אין לעמפּל וואָס הייסט פערזאָן האָט אויס־געברענט.

וואו זיינען אָבער די רעפּעראַציעס, די צאָלונגען פאַר די היזקים וואָס דער טויט טוט אָן? געבורט, רעפּראָדוקציע קערן אום די שאָדנס, ברענ־גען צוריק די פאַרלוסטן וואָס לעבן ליידט אויפן געביט פון זיין. לעבן און טויט יאָגן זיך, און קיינער פון זיי האָט דעם ערשטן פּריז ניט גע־

וואונען. און איידער די זון פון איין מענטשן גייט אונטער, רוויטלט זיך שוין דער פרימאָרגן אין מזרח פון אַ צווייטן, זיין פאַרטרעטער...

איז דאָך אַלץ רעכט, גייט דאָך אַלץ כשורה, און עס איז ניטאָ אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן... איז אָבער די צרה וואָס דאָס איך־באַוואוסטזיין איז ניט קיין גענעראַציע־באַוואוסטזיין. דאָס ביאָלאָגישע לעבן אָנדערקענט ניט די אינדיווידואַליטעט, עס קען מער ניט ווי די ארטן, די גאַטונגען. עס בייטן זיך די דורות, און די מענטשהייט פילט זיך באַפרידיקט. אָבער מענטש אַלס אַ פערזענלעכקייט, אַלס אַ פּסיכאָלאָגישעס לעבן, איז זעלבסט־באַוואוסטזיניק. און דאָ אין צוזאַמענשטויס צווישן ביאָלאָגיע און פּסי־כאָלאָגיע, צווישן לעבן און זיין און זעלבסט־באַוואוסטזיין, ליגט די מענטש־לעכע טראַגעדיע"(רצ"ז).

„מענטש וויל ניט עקזיסטירן אין דור, אין שוים פון דורות־טויש, אין זיין פאָלק, אין זיין משפחה נאָר, ער וויל אַליין, אַלס אַזעלכער, אַלס אַ פּערזאָן עקזיסטירן. און מענטש זעט דעם תהום און ער וויל אַ בריק אַריבער אים אַריבערוואַרפן, ער וויל גובר־זיין זיין לאיבוד־גיין. ער וויל זיין שקיעה אָנצינדן, זיין פאַרגיין פאַרוואַנדלען אין אַן אויפקום, פון איי־ביקן נישט אַ יאָ מאַכן"...(רצ"ח).

„איך גלויב אַז דער פּראָצעס פון עוואָלוציע האָט איין ציל אויס־צוקריסטאַליזירן דעם אינדיווידו, און אים אויפהויבן העכער פון זיין גאַטונג (מין) און דעמאָלט, ווען דאָס וועט דערגרייכט ווערן, וועלן מענטשן לעבן אייביק. מ'רעדט וועגן זעלבסט־ליבע, אייגננוץ, אויפהאַלטונגס־אינסטינקט. דערווייל איז עס ניטאָ. עס עקזיסטירט אַ סאָרט גאַטונגס־ליבע. די נאַטור קימערט זיך נאָך דערווייל זייער ווייניק וועגן אינדיווידו. דער אינדיווידו, דער איינציקער, נעמט זיך ערשט פאָרמירן, נעמט זיך באַהויפטן, ווערן עפּעס אַ „יש", ער נעמט ערשט־אָקאָרשט אַרויסשפּראָצן, זיך אַרויסטיילן פון דער ראַסע, פון דער נאַציע, פון דער געמיינדע, פון דער געזעלשאַפט. ער איז נאָך אין די ווינדעלעך. ער וועט זיך אָבער אַרויסוויקלען. און דעמאָלט וועט ער דערגרייכן אייביק לעבן דאָ אויף דער ערד, אָדער אויף די וועלטן"(רצ"ט).

אינדיווידואַציע איז אַן אויפטו, אַן אויפבראָך. און דער דאָזיקער פּראָצעס אָדער טענדענץ האָלט ערשט ביים סאַמע אָנהויב פון אַנטוויק־לונגס־ליניע. עוואָלוציע וועט גיין ווייטער אין דער אייגענער ריכטונג, זי וועט אָבער ניט גיין אויף־צוריק, צו דער פאַרניינונג פון אינדיווידואַציע, נאָר פאַרקערט, צו דער פאַרשטאַרקונג, פאַרטיפונג און אויסברייטער פון דער איכיזירונג און פערזאָנאַליזירונג, אַזוי אַז דער „ניט־איך" וועט כמעט ווי פאַרשווינדן, עס וועלן בלייבן בלויז דער דו און דער ער, וועלכע

זיינען אויך גאַנצע איכן אויף זייער אייגענעם שטייגער און אין זייער אייגענער רשות. און דעריבער וועלן זיי זיך דאַרפן פאַראייניקן ניט אויפן יסוד פון זעלבסט־פאַרניינונג, איך־ליקווידירונג, אייגנאַרטיקייט־אָפּמעקונג, אָריגינאַליטעט־אָפּווישונג, נאָר אויף דעם פונדאַמענט פון צווישן־איכיקייט, אָנווענדנדיק דעם מאָדוס פון אינדיווידואַציע און אינטעראינדיווידואַציע אַלס אַ דערגאַנצונג.

און די עדות־זאָגונג פון „פלייש און ביין", אויף וואָס שאָפּענהויער וויזט אָן, דאַרף מען בשום־אופן ניט אָפּוואַרפן, נאָר דווקא אָננעמען און זען עס צו אַנטוויקלען, ציען די קאָנסעקווענצן פון דער צייגעניש. און דאָס איז טאַקע דער שטאַנדפּונקט פון דער ביבל, אין קעגנזאַץ צו דער וועדן־אופּאַנישאַדן־אויפפאַסונג, וועלכע רופט צוריק צו אַ צוזאַמענשמעלץ מיטן קיים און ניט פאַראויס צו אַ דערהויבונג פון קיים צו דער דרגא פון אַ פּערזענלעכקייט, אַן אינדיווידואַליטעט וועלכע אַנטהאַלט אַ סך־הכל, אַן אומענדלעכע צאָל אינדיווידואַליטעטן; מחמת יעדער פּראָצעס און יעדע דערשיינונג וועט שטרעבן אַרויף, וועט שטייגן אַרויף, ניט אַראָפּ, צו איר אויסאיכונג, אויסקריסטאַליזירונג פון איר זעלבסטהייט, איר אייגנאַרטיקייט און איך־באַוואוסטזיניקייט.

„אַלע מיינע ביינער וועלן זאָגן: „יהוה ווער איז ווי דו?"(ש׳).

„און דיין לערע איז אין מיינע געדערים"(ש"א).

„פון מיין לייב וועל איך זען דעם אלוה"(ש"ב).

„און דאָס איז וואָס איוב האָט געזאָגט: „און פון מיין לייב טו איך זען דעם אלוה", פון דעם בליק־קרייז פון וועלכן איך קוק אויף מיין לייב און קערפּער זע איך דעם אלוה — איין אלוה אינעווייניק אין מיר און איין אלוה אין דער וועלט: אַן עכאָ פון דער שכינה הער איך אין אַלע ווינקעלעך פון מיין לייב און גוף, און אַ בת־קול פון הייליקן־געבענטשט־איז־ער פאַרנעם איך אין גאַנצן חלל פון דער וועלט"...(ש"ג).

„אין דעם לייב און קערפּער פון דעם מענטשן געפינען מיר אַזויפיל קעגנזאַצן און ווידערשפּרוכן: ווייכקייט און האַרטקייט; פייכטקייט און טרוקנקייט; הויך און נידער; איידלקייט און גראָבקייט... און פונדעסטוועגן ווען אַ מענטש שלאָגט זיך אָפּ דעם מינדסטן נאָגל פון זיין פאַרגרעבטער און מגושמדיקער פוס דערשפּירט עס באַלד זיין איידעלער מאָרך און געהירן הגם דער לעצטער איז דער היפּוך פון דעם ערשטן און ער איז ווייט פון אים אין פּלאַץ; וואָס דאָס ווייזט אַז עס עקזיסטירט אַן אחדות צווישן נאָגל און געהירן כאָטש זיי זיינען ווייט איינער פון אַנדערן און קעגנגעזעצט איינער צום אַנדערן, — אַזוי איז אויך אין דער וועלט,

אַ פולקאַמענע אייניקייט הערשט אין איר אפילו בנוגע די קעגנשטאַנדן וועלכע זיינען די קעגנזאַצן און זיינען ווייט איינער פון אַנדערן"(ש"ד).

פון לייב קוקט אַרויס די ריכטיקע דערקענטעניש פון איכהייט. עס קען ניט אָנהאַלטן אויף לאַנג אַ מחלוקת צווישן לייב און זיין עדות־זאָגונג און דער דעפּאָזיציע וועלכע די זעל מאַכט, די העכערע פאַרשטענדעניש ברענגט אַריין. מחמת ביידע באַהויפּטונגען ליגן אויף איין און דער זעל־ביקער ליניע, בלויז איינע איז אַביסל ווייטער, טיפער, העכער פון דער אַנדערער. אָבער די צייגעניש פון גייסט איז אַן אַרויסוואוקס פון דער פלייש־און־ביין־צייגעניש.

„מאָראַליטעט איז וועזנטלעך אין יד־אחת מיטן פיזיקאַלישן אמת — איז, אין פאַקט, אַ גאַטונג פון טראַנסצענדענטאַלער פיזיאָלאָגיע. דער אומ־שטאַנד אין וועלכן די אינדיווידואַליטעט פון יעדן איינעם קען זיך פאַנ־אַנדערוויקלען אַן אַ גרעניץ, חוץ די ענלעכע אינדיווידואַליטעטן פון אַנ־דערע—דער אומשטאַנד כלפּי וועלכן, ווי מיר האָבן נאָר וואָס געזען, מענטשן האַלטן אין פּראָגרעסירן, איז אַן אומשטאַנד כלפּי וועלכן דער גאַנצער באַשאַף טענדענצירט. מיר האָבן שוין אָנגעצייגט דרך־אגב, אַז בלויז דורך דער דערפילונג פון דעם מאָראַלישן געזעץ קען דאָס לעבן ווערן פול, בשלימותדיק, און איצט וועלן מיר אויסגעפינען, אַז לגמרי דאָס גאַנצע לעבן קען ווערן דעפינירט אַלס אַ קוואַליטעט פון וועלכער די נייגונג צו דערפילן דעם דאָזיקן געזעץ איז די העכסטע מאַניפעסטאַציע"(27).

צייט און רוים זיינען קעגן אינדיווידו אַלס אַזעלכן. און ווען דער מענטש שאַפט זיך זיין פאַרשטעלונג מכוח זיך אַלס עפּעס גאַנצעס מוז ער באַקעמפן צייט. אַניט וואָלט ער צעריסן געוואָרן פון די צייט־מאָמענטן. און דאָס איז טאַקע דער פאַל מיט דעם ווילדן אָדער האַלב־ווילדן מענטשן. ער דערקענט זיך אַליין ניט. און בנוגע דעם רוים איז דאָס אייגענע, הגם אין אַ קלענערער מדרגה. מענטש מוז באַקעמפן די סביבה, דעם אָרט, אַניט וואָלט ער זיך פילן אַן אַנדערער אין יעדן נייעם פּלאַץ, אין יעדער נייער פּאָזיציע. און זיין אינטעגריטעט, זיין המשכדיקייט און אידענטיטעט וואָלט זיך פאַרלירן מיט יעדן שינוי־מקום וועלכער איז בלויז משנה מזל אָבער ניט די פערזענלעכקייט אַליין. מיט דעם ווילדן אַ בייט פון סביבה, פון געאָמעטרישער און פיזיקאַלישער, געאָגראַפישער אַרומגעבונג האָט באַטייט אַן אַראָפּוואַרף פון זיך דעם פאַרדעמדיקן איך און דאָס אַרויפ־טאָן אויף זיך אַ נייע זעלנהויט און ביינער, אַ נייעם איך, אַ נייע פער־זענלעכקייט ווערן. און דער מענטש אויפשטעלנדיק דעם בנין פון זיין איך האָט געמוזט באַקעמפן רוים און באַזיגן אים צו אַ געוויסן גראַד. חוץ דעם איז דער קערפּער, די גלידער פון גוף, צעשפּרייט איבער אַ פאַר־

העלטנישמעסיק גרויסן שטח. די פּיאַטע איז ניט דאָרטן וואו דער אויער איז, און דאָס אַלץ, לייב און געביין, מוזן אויפגעהאַלטן ווערן ווי איין אייניקייט אויף צו־להכעיס דער פאַרשיידנקייט פון צייט און אָרט.

די גריכישע דראַמע איז געווען אַזוי שטרענג בנוגע דער אייניקייט פון פּלאַץ און צייט דערפאַר, וואָס דער פּאַרצייטיקער מענטש וואָלט ניט געקענט זען די פאַנאַנדערבינדונג פון דער טראַגעדיע, איר צוזאַמענהאַלט בנוגע דער זעלביקער פּערזאָן ווען די פּערזאָן וואָלט געגומען געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע פּלעצער. די פּערזאָן וואָלט געוואָרן אַליין אַן אַנדערע מיט דעם איבערבייט פון פּלאַץ און צייט, און די שפּאַנונג פון איבערלעבונג וואָלט אינגאַנצן זיך אויפגעלייזט.

20.

וואָס דער אינדיווּיד, די מאָראַלישע פּערזענלעכקייט דאַרף ווייטער טאָן איז דאָס אייגענע וואָס זי האָט ביז איצט געטאָן, ד. ה. פאָרטזעצן די נעגאַציע פון צייט און רוים בנוגע דער פאָרמירונג פון איך, און אַזוי־אַרום איבערגיין פון דעם קלענערן איך צום גרעסערן, פון האַלב־אַנטוויקלטן צום מער־אַנטוויקלטן און צום גאָר הויך־אַנטוויקלטן איך, צום אין־סוף, צום אנכי־יהוה. אָבער בשום־אופן ניט גיין צוריק און זיך פאַרמעסטן קעגן אינדיווידואַציע אויף וועלכער דער גאַנצער פאָרטשריט פון דער מענטש־וועלט אַנטוויקלונג האַלט זיך.

„דער איך ווערט כסדר צעריסן צווישן צוויי פאַרלאַנגען. ער וויל אויפהאַלטן זיין אידענטיטעט און ער וויל זי פאַרלירן, צו זיין אויף אייביק פאַרטויכט אין נירוואַנאַ, און דאָך ווי־ניט־ווי אויפצוהאַלטן דעם מחייהדיקן געפיל אַז ער איז פאַרטויכט, וואָס מיינט, פאָרט לחלוטין ניט זיין פאַרטויכט“(28).

אידענטיפיקאַציע פון איך מיטן ניט־איך וואָלט, גענומען אַליין און פאַר זיך, ניט געקענט דינען אַלס באַזע פון עטישן אויפפיר, פונקט ווי דער פאַקט וואָס אונדזערע קערפּערס, ווען זיי זיינען נאָרמאַל, זיינען אָפּגעשטעמפּלט, אָפּגעגאָסן אין לדורות־פעסטגעשטעלטע פורעמס מאַכט ניט פון אונדזער אַנטשטיין און אויסוואַקסן, לויט די מאַקסימען אָנגענומען פון דער ביאָלאָגישער סביבה, אַן עטישע האַנדלונג. די ווילדע, פּרימיטיווע מענטשן זיינען ניט געווען „עגאָאיסטיש“, חס־ושלום, זיי זיינען אָבער אויך ניט געווען אַלטרואיסטיש, וואָס זיי זיינען געווען איז שבטיש, שטאַמיש, לגמרי ציבורדיק, אינגאַנצן קהלשע. אָבער דאָס, זייער אידענטיפיקאַציע און קאָנגרוענץ מיטן קהל, האָט פון זיי ניט געקענט מאַכן

קיין עטישע פערזענלעכקייטן פשוט דערפאַר, ווייל זיי זיינען בכלל ניט געווען קיין פערזענלעכקייטן, נאָר שטיקלעך פיצלעך פון עפּעס גרעסערעס, העכערס, וויכטיקערס פון זייער עקזיסטענץ און מהות. מוראַשקעס האַנד־לען אַלע מאָל ווי גרויסע אַלטוריסטן. זיי זיינען פולקאָם „סאָציאַל״. זיי טוען אַלץ לטובת דעם כלל, דעם ציבור, זייער געמיינדע. זיי אַנדער־קענען ניט זייער אייגענע אינדיווידואַליטעט. דערפאַר עקזיסטירן זיי ניט אַלס עגאָס, אַלס איכן. אָבער פון דעם ווערן זיי ניט עטיש, מחמת זיי פאַרניינען, אָדער פאַרמאָגן ניט, דעם גרונט אויף וועלכן אַן עטישע אַקציע אַן עטישע האַנדלונג, ביחידות אָדער בציבור, קען אויסוואַקסן, קען גע־דייען אין איר גאַנצער פּראַכט און גרויסקייט.

„ביי די מוראַשקעס, ביי די בינען פּרעדאָמינירט די טוגנט, ווייל דער סאָציאַלער אינסטינקט האָט ביי זיי אינגאַנצן אָפּגעמעקט דעם אינדיווי־דועלן אינסטינקט... מיט די מענטשן איז עס אינגאַנצן אַנדערש... עגאָאיזם און סאָציאַליטעט זיינען ביידע ביי אים אי אַ סך שטאַרקער און אי אַ סך ווייניקער אָפּזונדערבאַר ווי ביי די בעלי־חיים פון אַ נידעריקער גאַטונג״(29).

„ווייטער, קיינער פון די בינען וועט קיינמאָל ניט איינפאַלן בויען איר האָניק־קעמערל אויף אַן אַנדער שטייגער ווי די אַנגענומענע זעקס־ווינקל־דיקע פיגור; בשעת וואָס איז שייך מענטשן זיינען דאָ פילע פון זיי וואָס האַלטן זיך קליגער פון זייערע מיטמענטשן און זיי געפעלן ניט די עקזיס־טירנדיקע באַדינגונגען און זיי זיינען דערפאַר אַז מען זאָל מאַכן ענדע־רונגען״...(30).

בינען ווי מוראַשקעס וכדומה סאָציאַלע בעלי־חיים באַזיצן ניט קיין יחידישן איך־באַוואוסטזיין. זיי קענען ניט אַראָפּ פון דעם גאַטונגס־וועג. זיי פירן זיך אויף מוסטערהאַפט, אָבער ניט טוגנטהאַפט. מחמת זיי קענען ניט זיין קיין בעלי־עבירות און דעריבער קענען זיי אויך ניט זיין קיין צדיקים. זיי קענען ניט זיין מאָראַליש, ווייל זיי זיינען ניט אימשטאַנד זיך אויפצופירן אוממאָראַליש. זיי האָבן ניט קיין פרייען, באַפרייט פון גאַטונג, ווילן. זיי קענען ניט זיין עגאָאיסטיש. זייער איך, זייער „גאָט״ אין זייער גאַטונג. אַנדערש איז עס מיטן מענטשן. ער פאַרמאָגט בחירה, דאָס הייסט, ער באַזיצט אַ ווילן וועלכער איז געוויסער מאָסן פריי פון די גאַטונגס־דיקטירונגען. ער קען אפילו גיין כנגד זיין מיטמענטשן און זיין אייגענער גרופּע, זיין אייגענער געמיינדע. ער איז אָפּגעזונדערט פון זיין ציבור. ער פאַרמאָגט אַן אינדיווידועלע הנהגה, צו אַ געוויסן גראַד.

„פון אַזאַ צעהויקערטן מאַטעריאַל, פון וועלכן דער מענטש איז געמאַכט געוואָרן, קען מען קיין גלייכע זאַך ניט אויסהאַמערן״(31).

אין דעם ליגט טאַקע די שווערקייט און וויכטיקייט און אַנרייציקייט פון דער אויפגאַבע. מ׳דאַרף מאַכן פון עפּעס וואָס איז קרום און לאַם, ד. ה. אַנטי־סאָציאַל עפּעס אַזעלכעס וואָס זאָל זיין אינגאַנצן אינטעראינ־דיווידועל. „סאָציאַל״ וועט דער מענטש קיינמאָל ניט ווערן, סיידן מ׳וועט אים אַראָפּדריקן צו דער מדרגה פון אַ בעל־חי און פון אים אַרויספּרעסן אַלדאָס איכישע וואָס ער פאַרמאָגט, ד. ה. מאַכן פון אים אַן אויטאָמאַט. ווייל קיין פּשוטע בהמה קען מען פון אים ניט מאַכן. מ׳קען אין אים ניט איינפלאַנצן אינסטינקטן פון וועלכע ער איז אַרויסגעוואַקסן טויזנטער יאָרן צוריק, ברענגען אים צוריק צו אַ שטופע פון אַנטוויקלונג וועלכע ער האָט געלאָזן הינטער זיך מיטן אָנהויב פון זיין ציוויליזאַציע.

אָבער דווקא דערפאַר וואָס דער מענטש אַלס יחיד האָט זיך אויס־געטיילט פון דער גרופּע, האָט זיך אַרויסגעשיילט פון דעם אגרעגאַט, דווקא דעריבער קען ער, און וועט, זיך איבעראַנייס באַהעפטן און פאַר־אייניקן זיך ניט מיטן ציבור אַלס אַזעלכן, דאָס געהערט צו דער לאַנג פאַרקלונגענער פאַרגאַנגענהייט, נאָר מיט דער סומע איכן, וועלכע ווי ער אַליין האָבן זיך אויך סעגרעגירט פון דער געזעלשאַפט, און בזה־האופן וועלן זיי פאַרמירן אַן אינטעראינדיווידועלע פאַראייניקונג, אַן אחד וועלכער באַשטייט פון באַזונדערע אויטאָנאָמישע קאָנסטיטואירנדיקע עלעמענטן.

בכדי איך זאָל זיין אימשטאַנד צו זען מיין איך אין יענעם, אין מיין מיטמענטשן, דאַרף איך דאָך קודם־כל זיין בכוח צו זען און תופס־זיין מיין אייגן איך. עטיש זיין הייסט קאָמביגירן, סינטעטיזירן צוויי צושטאַנדן: די סעפּאַראַציע און די נייע יוניפיקאַציע. די נייע יוניפיקאַציע איז אַ קאָמפּליצירטע, ניט קיין פּשוטע.

פּראָפעסאָר אווערסטריט אין אַ פאָרטראַג מכוח דער אַפּליקאַציע פון רעלאַטיוויטעט צו דעם אינדיוויד, וועלכן ער האָט פאָרגעלייענט אויף דעם פילאָזאָפישן קאָנגרעס אין קעמברידזש מאַסאַטשוזעטס אין 1926, האָט אַזוי געזאָגט:

„דער אינדיוויד איז און איז ניט ער אַליין; ענדערט זיך און ענדערט זיך ניט, ער איז און איז ניט אַנדערע אינדיווידן״.

לכתחילה איז ניט געווען קיין געשיידנהייט, קיין אָפּטיילונג. דער שבט אָדער האָרדע איז געווען עפּעס גאַנצעס, און דער יחיד איז בטל געוואָרן אין דעם כלל, ער האָט אפילו ניט געקענט בטל־ווערן, ווייל ער איז נאָך ניט געווען בנמצא אַלס עפּעס אויטאָנאָמישעס, אומאָפּהענגיקעס. און דעם יחידס אויפפיר איז ניט געווען זיין אויפפיר, נאָר אַ קהלשער. ער איז געווען דורכאויס אַ „קהלשער מענטש״. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין אייגענעם פרייען ווילן און קיין אייגענעם צענטר פון באַוואוסטזיין. ער

האָט ניט פאַרמאָגט קיין פרייהייט פון האַנדלונג, טראַכטונג, עמפינדונג, אויסדרוק. ער איז ניט געווען קיין בעל־בחירה. מיטן לאַנג־דויערנדיקן פּראָצעס פון עוואָלוציע איז פאַרגעקומען די אָפּטיילונג, און די אַנטשטייאונג פון איינצלנעם האָט זיך גענומען באַווייזן. די דאָזיקע אַקציע פון אָפּטיילן זיך פון ציבור האָט געבראַכט צו אַלע „שלעכטע" מעשים, צו אַנטי־סאָציאַלע אויפפירעכצן. אָבער די דאָזיקע „עבירות" זיינען פאַרן וואַקסן און פאָרט־שריט פון מענטשן, חשובער פון די פּרימיטיווע „מצוות" וועלכע זיינען געווען אינסטינקטיוו, ניט פרייווילנדיק דורכגעזעצט פון אַן אומאָפּהענ־גיקן יחיד.

איצטער פאָדערט זיך אַ נייע באַהעפטונג, אָבער זי מוז דערגרייכט ווערן ניט דורך דעם צוריקקער צום צושטאַנד פון טשטוש און אומדייטלעכ־קייט, צעמישעניש וועלכע האָט געהערשט קודם צו דער סעפּאַראַציע, נאָר דורך אַ ווייטערן און טיפערן פאַרנעם פון אינדיווידואַציע.

דער איינצלנער נעמט זיך אַליין אויפפירן אַלס אַ רבים, ער ווערט אַליין אַן אינעווייניקסטער ציבור, אַ גאַנצער קהל.

„אַ קליינע שטאָט און ווייניק מענטשן זיינען דאָ אין איר" (קהלת ט׳, א׳) „אַ קליינע שטאָט" — דאָס איז דער קערפּער פון מענטשן, „און ווייניק מענטשן זיינען דאָ אין איר" — דאָס זיינען די גלידער"(ש"ה).

דער מענטש איז אַ גאַנצע שטאָט, און די גלידער זיינען באַזונדערע מענטשן, סעפּאַראַטע אינדיווידן.

„און דריי קעניגן זיינען דאָ אין קערפּער, דער מוח, דאָס האַרץ און דער לעבער"(ש"ו).

דער מענטש איז אַ צעטיילטער, ער איז ניט עפּעס גאַנצעס. זיין גאַנצקייט דאַרף עטאַבלירט ווערן דורך זיין איכהייט. עס ווערט ביי אים מקויים דער „ואעשה אותך לגוי גדול", ער ווערט אַ גאַנצער גרויסער פאָלק פון־אינעווייניק באַטראַכט. און זיינע אינערלעכע באַציאונגען נעמען ווערן באַדינגט דורך זיינע פאַרהעלטעענישן צו זיינע מיטמענטשן, צו זיינע סאָ־ציאַלע מיטגלידער. און עס נעמט זיך אויסבילדן אַן עקוויליבריום, אַ סיסטעם פון אויפפיר, איין מעטאָד, איין מאָס־מאָדוס פאַר די סאָציאַלע קערפּערלעכע גלידער און פאַר די ביאָלאָגיש־קערפּערלעכע מיטגלידער, אברים. און דאָ אויף דער דאָזיקער סטאַדיע פון אינדיווידואַציע און נאָך ווייטערער און טיפערער אינדיווידואַציע פאַנגט עטיק אָן זיך צו באַהויפּטן ווי־באַדאַרף־צו־זיין. שאָפּענהויערס לערע איז אַ מין געשריי „השיבנו נאָזאַד", וועלכן ער געפינט אויסגעדריקט אין די אופּאַנישאַדן אַ ווערק וועלכעס אַנטהאַלט די באַגרינדונג פון אַ תחילתדיקער עטיק, אַן עטיק

וועלכע האָט אירע וואָרצלען אין די געזעלשאַפטלעכע אינסטינקטן און איז ניט ווייט אַרויסגעוואָקסן פון די וואָרצלען.

דער חומש, תורת־משה קוקט אין דער צוקונפט אַריין, געפינט איר באַגרינדונג פון עטיק ניט אין דער אָפּשליידערונג פון דעם אינדיווידואַציע־פּרינציפּ, נאָר אין זיין באַהויפּטונג, קולטיווירונג, פאַרפיינערונג און אויס־ברייטערונג. דער חומש און די נביאים, ווי אויך, הויפּטזעכלעך, דער תהלים, אַקצענטירן זייער שטאַרק און אַרטיקולירן זייער שניידנדיק דעם „אנכי", זיין וואוקס און אינטענסיפיקאַציע, דעם אני־יהוה. דער אידעאַל ווי אויך די באַזע פון עטיק וועט זיין דער מאָנאָעגאָאיזם, אָדער אינטער־עגאָאיזם ניט דער אַלטרואיזם, ניט דער טעאיזם, דער דואיזם, נאָר דער צווישנאיכיזם. עטיק איז כנגד דעם פּאָליעגאָאיזם פּראָקלאַמירנדיק אַ מאָנאָ־עגאָאיזם, אָבער קיינמאָל אויף קיין מינוט ניט פאַרלאָזנדיק דעם געזונטן באָדן פון עגאָאיזם, אָן וועלכן קיין שום עטיק, אין ריכטיקן זינען פון וואָרט, קען גאָר ניט זיין בנמצא. דער אנכי־יהוה איז דער אַלץ און דער גאַנץ אין אַלץ־גאַנץ. דער אני־יהוה איז דער רעאַל־אידעאַל פאַראייניקונג, פאַראיינציקונג.

די וואַריעטעט פון אונדזערע געדאַנקען, די פאַרשיידנאַרטיקייט פון אונדזערע באַוואוסטזיינצושטאַנדן, ווי די וואַריעטעט פון די דערשיינונגען אין דער אויסערלעכער וועלט איז אַ פילקייט און סכקייט וועלכע איז באמת איין איינציקייט וועלכע בלייבט אָבער פאָרט אַ סכיקייט, ווערט ניט, אויף קיין פאַל, רעדוצירט צו מאָנאָטאָנישקייט און איינפאַכקייט. מיר פאַרמאָגן איין זעלבסטהייט, און מיר באַזיצן איין וועלט, איין אחד, אָבער דער אחד איז אַ סומע פון זעלבסטהייטן און שטעלט פאָר מיט זיך אַ צווישנאיכהייט; די וועלט ווערט אַן אינטערפּענאָמענאַליזם און די זעל פון מענטשן אַן אינ־טערפּסיכיזם, אַן אינטעראידייעאיזם. און בשעת מיר פּראָקלאַמירן די פולקאָמענע אידענטיפיקאַציע ווילן מיר ניט שעדיקן די אומאָפּהענגיקע אינדיווידואַליטעטן נאָר שאַפן אַן אינטעראינדיווידואַליטעט וועלכע פאַר־מאָגט מער אינדיווידואַליטעט ווי די איינפאַכע, די נידער־שטופנדיקע אינ־דיווידואַליטעט.

„היינט בין איך געווען מאַן און פרויביידע צוזאַמען, געליבטער און געליבטע אויף־איין־מאָל. איך האָב זיך דורכגעריטן דורכן וואַלד אין אַ האַרבסטיקן נאָכמיטאָג אונטער די געלע בלעטער, און איך בין געווען די פערד, די בלעטער, דער ווינט, די ווערטער וועלכע זיינען גערעדט געוואָרן און די רויטע זון וועלכע האָט זיי געמאַכט האַלב־צומאַכן די אויגן־הייטלעך פאַרפלייצטע מיט ליבע. איז עס גאווה אָדער רחמנות? איז עס אַ ליידיקגייערישע איבערפליסונג פון אַן איבערגעטריבענער באַ־

פרידיקונג מיט זיך אַליין, אָדער אַן אומקלאָרע און כמעט מיסטישע רע־ליגיעזע עמאָציע ? איך ווייס נאָר אַז ווען איך האָב דורכגעלעבט די דאָ־זיקע עקסטאַזן פון שמחה האָט מיך געצויגן צו זאָגן אַ תפילה פון דאַנק־באַרקייט צו גאָט, און איך וואָלט עס געטאָן, ווען איך וואָלט געגלויבט אַז ער קען מיך הערן״(32).

דאָס איז די אידענטיפיקאַציע פון דער קאָמפּליצירטער איכהייט, פון דער פילפאַלטיקער פערזענלעכקייט מיט זיך אַליין אין אַלע אירע צורות־צושטאַנדן און מיט דעם ניט־זיך אַליין וועלכער איז, באמת גענומען, דער אייגענער זיך־אַליין, דער אייגענער זעלבסט נאָר אָביעקטיווירט, פאַרקער־פערט.

„אָבער איך זאָג צו אייך : ליבט אייערע שונאים, בענטש די יעניקע וועלכע שילטן אייך, טוט גוטס צו יענע וועלכע האָסן אייך און זייט מתפלל פאַר יענע וועלכע טוען אייך אָן נגישות און רודפן אייך״(ש״ז).

עס איז דאָ בלויז איין עגאָ, און ניט קיין מיליאָנען עגאָס, איכן, אָבער דער גרעסערער איך, איז ניט בלויז גרעסער קוואַנטיטאַטיוו. ער איז אויך העכער קוואַליטאַטיוו, ער איז אַ קאָמפּליצירטער איך, ער איז אַ איך־ער, אַ יהוה. ווען איך ווער אין כעס אויף מיין שונא. אויף וועמען בין איך אין אמתן אין כעס ? לאָמיר פאַרוואַרפן די אויבנאויפיקייט, לאָמיר זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם אָפּדוכט און אויסדוכט, נאָר זיך צוקוקן צום תוך, אַריינדרינגען אין סאַמע שורש־דבר. אויף וועמען בין איך עס אַזוי אויפגעבראַכט ?

אויף זיך אַליין, וועט דער ענטפער מוזן צוגעבן.

פאַרוואָס עפּעס גאָר אויף זיך אַליין ? איך בין דאָך מלא־חמה אויף יענעם ! מחמת עס איז פאַראַן פאַר מיר בלויז איין אייגענער איך. און אַלע מחיצות און אָפּטיילונגען וועלכע זיינען אויפגעבויט צווישן מענטשן זיינען קינסטלעכע אויפטואונגען מיטן צוועק צו פאַרטיפן און מאַכן באַ־וואוסטזיניק דאָס אייגענע זעלבסט־באַגלויבטזיין. קיין ממשותדיקע, קיין לחלוטינדיקע סעפּאַראַציע איז גאָר ניטאָ בנמצא. די מחיצות זיינען אַר־בעטנדיקע היפּאָטעזן, דאָס איז אַ טייל פון אונדזער פּסיכישער מעטאָדאָ־לאָגיע, וועלכע ווערט אַנטוויקלט מיטן צוועק צו מאַכן אונדז פייאיקער, פאַרשטענדלעכער צו זיך אַליין, מסוגל צו דערגרייכן גרעסערע און בעסערע זעלן־רעזולטאַטן, צו פאַרמירן אַן אינטעלעקט, אַן אורטיילסקראַפט וועלכע אָפּערירט ניט אַנדערש ווי דורך קאָנטראַסטירונג, קעגנזעצונג. די צע־טיילונג פון אנכי־יהוה, פון עגאָ, פּונקט ווי די צעטיילונג פון אַרבעט, איז אויסן איין זאַך און דאָס איז ספּעציאַליזאַציע. עס איז די זעלביקע זאַך ווי די צעטיילונג־איינטיילונג, קלאַסיפיקאַציע אין פאַרשיידענע תחומים

און צווייגן פון דער ווּיסנשאַפט, קונסט און טעכניק. די כוונה איז צו העלפן אונדז זיך בעסער קאָנצענטרירן אויף דעם קעגנשטאַנד מיט גרע־סערער אינטענסיווקייט, אויסצואיבן מער אויפמערקזאַמקייט. מיר באַ־שרענקען זיך בכדי מיר זאָלן זיך קענען פאַרטיפן אין דעם קעגנשטאַנד וועלכן מיר פאָרשן אויס, מיר זאָלן קענען אים בעסער דעטאַליזירן, צע־גלידערן און העלער באַלייכטן.

דאָ איז דאָס אייגענע. די זעלבסט-צעטיילונג, די איך-סעפּאַראַציע איז איינגעפירט געוואָרן מיטן צוועק צו געבן אונדז די מעגלעכקייט אויפצופאַסן ריכטיקער, שטאַרקער, בולטער די עצם אידייע פון זעלבסט־הייט. אָן דער צעטיילונג וואָלטן מיר צו זעלבסט-באַוואוסטזיין קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכן, מיר וואָלטן בלייבן שטיין פאַרגליווערט אויף דער סטאַדיע פון זעלבסט-באַגלויבטזיין, און ווייטער פון עלעמענטאַרן יסודות־דיקן אַבסאָלוטן גלויבן וואָלטן מיר ניט געקענט גיין. מיר צעטיילן בכדי צו הערשן אין די קליינינקע מלוכהלעך, אין די קליינינקע קערפּערלעך־נשמהלעך. אָבער איצטער איז שוין צייט דורכצופירן די גרויסע אוניפי־קאַציע, די גרויסע פאַראייניקונג, פאַרווירקלעכן דעם קיבוץ-גליות פון אַלע ליכט-שטראַלן פון דעם איך. עס איז צייט צו פאָרמולירן און פּראָ־קלאַמירן די גרויסע אַלץ־אומפאַסנדיקע גענעראַליזאַציע פון אַלע איינצל־הייטן, די זעלבסט-עמאַנאַציעס. עס איז צייט צו פאַרווירקלעכן די יהוהזאַ־ציע פון דער גאַנצער מענטשהייט און פון דער גאָרער וועלט.

מיר האָבן פיינט אונדזערע פיינט...

קענען מיר אונדזערע שונאים? קענען מיר אונדזערע פיינט? ווייסן מיר עפּעס וואָס וועגן אונדזערע קעגנער? מיר קענען זיי אויסשליסלעך אַלס בילדער, אַלס פאָרשטעלונגען, אַלס טיילן פון אונדזער אייגענעם איך. הגם מיר זיינען זיך ניט מודה אין דעם, און מיר זיינען נאַאיוו גענוג צו מיינען אַז מיר דערקענען זיי. בשעת באמת אידענטיפיצירן מיר זיך מיט זיי אין דער אותו־רגע פון אונדזער דערקענעניש. מחמת דערקענטעניש איז צווייזייטיק. עס איז אַן אוניפיקאַציע וועלכע ווערט דורכגעפירט אונ־טער דער פאָרשטעלונג פון אַ פלוראַליזירונג, אַ דואַליזירונג. דערקענען מיינט זיך אידענטיפיצירן אויף אַזאַ שטייגער אַז די אידענטיפיקאַציע זאָל האָבן אַלע סימנים פון אַ סעפּאַראַציע, אַ סעגרעגאַציע. ווער זיינען עס די דאָזיקע „זיי"? זיי זיינען דער רבים, די פילע, די צוויי ביליאָנען, און זיי פאַרנעמען ניט מיין גאַנצן איכטום, נאָר מיך וואָס איך האָב דאָך צו טאָן מיט אַ קליינער, זייער באַגרעניצטער צאָל, פון אָט-דער צוויי־בי־ליאָנענשאַפט. אַזאַ אַרט און וויזע פון אורטיילן איז אָפּגעשטעמפּלט מיט נאַאיוויטעט. מיין איכטום באַשטייט פון אַלץ וואָס איך זע, האָב

געזען, געהערט, אויפגענומען, דורכגעפילט, דערפאַרן, דורכגעטראַכט. מיין איך איז גרעסער און ברייטער פון מיין קערפּער מיט זיין באַגרע־ניצטער צאָל פון פונקציעס. מיין איך נעמט אַריין אין זיך אַלץ מיט וואָס ער קומט נאָר אין קאָנטאַקט, מיט וואָס ער האָט נאָר אַ מגע־ומשא. מיין איך איז דער סך־הכל פון אַלדאָס מייניקע, ד. ה. אַריינגערעכנט ניט נאָר שפּירונגען, בחוש־פילונגען, דערינערונגען נאָר אויך איינגעשלאָסן אַלע מיינע דערוואַרטונגען, אַנטיציפּאַציעס און אומבאַוואוסטזיניקע צושטאַנדן וועלכע באַהויפּטן זיך, קומען פאָר אין מיר בלא־יודעים, אָן מיך צו פרעגן וועגן דעם און אָן מיין רשות און געוואָר־זיין. דער איך איז ניט ווילנדיק אַלע מאָל ברייטער פון דעם וואָס ער אַליין באַצייכנט אַלס איך. ווייל די באַגרעניצונגען די גבולים־דורכפירונג ווערט דאָך אויך געטאָן פון אים אַליין.

21.

„אין איין זינען איז דער איך די גרעסטע זאַך אין דער וועלט. עס זיינען דאָ אויך אַ יש־אומרים וואָס האַלטן אַז דאָס איז די איינציקע זאַך אין דער גאָרער וועלט. מ׳קען זאָגן אַז דאָס איז די קלענסטע, קליינלעכסטע זאַך אין דער וועלט. עס זיינען דאָ צייטן ווען ער איז גדולדיק באַוואוסט־זיניק פון זיין אייגענער גרויסקייט. עס זיינען דאָ צייטן ווען ער איז רחמנותדיק טראַגיש באַוואוסט פון זיין אייגענער קליינלעכקייט, פון זיין אייגענער איזאָלאַציע, דערוויטערטקייט, זיין לחולטינדיקער אומפּייאיקייט אַוועקצוגיין פון זיך אַליין. פון דער צייט ווען דער איך ווערט בכלל באַ־וואוסטזיניק, פון דער דאָזיקער צייט עקזיסטירט ער, קעמפט ער ליידנ־שאַפטלעך זיך צו באַהויפּטן, זיך צו פאַרגרעסערן, אויסצוציען זיך, צו דערלאַנגען ווייט און אַריינצונעמען אין זיך מער און מער פון דער אַרומ־רינגלנדיקער, אויפרעגנדיקער און צערשטרויענדיקער וועלט; ווען ער מאַכט דעם אָנשטרענג זיך אויסצוברייטערן, זיך באַרייכערן, ווערט ער מער און מער געוואָר פון די אַרומכאַפּנדיקע, אין־נעץ־אַריינעמענדיקע, דערשטיקנדיקע גרעניצן, ביז, אין עקסטרעמע פאַלן, זיין לעבן ווערט אַ לעבן פון רעוואָלט, פון אַ מיואשדיקן פלייסן־זיך צו אַנטרינען, זיך באַ־פרייען, אָפּצוטרייסלען פון זיך אינגאַנצן די באַנדן און, אויב עס איז נייטיק, בייצוקומען, באַצווינגען, פאַרניכטן דעם איך, אויב ער קען זיך ניט אויסשפּרייטן צו דער רחבות, שלימות, אוניווערסאַליטעט וועלכע אַליין וואָלט, דוכט זיך, בכוח געווען צו באַפרידיקן זיינע פאַרלאַנגען״(33).

מיר געברויכן דעם איך צוויי מאָל אין צוויי פּשטים. אין דעם איינ־פאַכן זינען מיינט מיין איך זיך אַליין אין קעגנזאַץ, אין כנגד־שטעלונג צו מיין שכן וועלכער איז אַ צענטער פון אַקטיוויטעט פאַר־זיך, פּונקט ווי איך בין פאַר מיר, אָדער צו אַ קעגנשטאַנד וועלכער געפינט זיך אויסער די גרעניצן פון מיין פיזיאָלאָגישן קערפּער, אָדער אפילו צו זיך אַליין גענומען אין אַן אַנדער צייט, אין אַן אַנדער דורכלעבונג, אַן אַנדער, פאַרשיידענער שטימונג אָדער עלטער. אין דעם ברייטערן זינען מיינט מיין איך אַלץ וואָס איך בין, אָדער געווען, בכוח אויפצונעמען, צו באַ־גרייפן, דעם גאַנצן סך־הכל פון אידייען, באַגריפן, עמפּינדונגען וועלכע זיינען פערצעפּטירט געוואָרן פון מיר אויף אַ מער אָדער ווייניקער אַק־טיוון שטייגער. אין צווייטן טייטש מיינט איך אַלץ און גאָר וואָס איז, געווען און וועט זיין אין מיר, און אַרום מיר. אַלצדינג, אַלץ און גאַנץ און גאָר ווערט אַריינגעשלאָסן אין דעם כלל פון איך.

און ווען מיר געברויכן דעם וואָרט איך אין דעם איינפאַכן פּשט פון וואָרט, דעמאָלט פאַרטונקלען, פאַרשמעלערן מיר דעם אינהאַלט פון דעם איך־באַגריף. מיר טוען עס אָבער צוליב פּראַקטישע, פיזישע און פּסיכאָלאָ־גישע טעמים. מיר קענען ניט אַלעמאָל און כסדר אַרומפאַסן די גאַנצע ברייט, לענג און טיף פון דער דאָזיקער השגה. „שוויתי יהוה לנגדי תמיד״(ש״ח). האָבן אַלע מאָל אין זינען דעם גאָר גרויסן איך איז ניט באַקוועם, ניט פּראַקטיש. ווען מיר נוצן דעם „טאָג־טעגלעכן״ איך, נוצן מיר דעמאָלט, אַזוי צו זאָגן, אַ מין קיצור, מיר געברויכן אַ מין קורץ־געדאַנקען־שפּראַך, אַ סאָרט סטענאָגראַפיע פון מחשבה. און אַזוי ווי עס איז שווער צו האָבן אַלע מאָל פאַר זיך, פאַר די אויגן פון־גייסט דעם איך־יהוה, אַזוי איז אויך שווער, ניט נאָר שווער, נאָר לחלוטין אוממעגלעך צו דענקען אין אַ קליינלעכער אויפפאַסונג פון איך און בשעת מעשה אַבסאָלוט אויסשליסן דעם אַלץ־גאַנץ וועלכן דער איך־באַגריף מוז אַנט־האַלטן אין זיך. אין איך ליגט פאַרהוילן דער גאַנצער ניט־איך אַלס אַ קאָררעלאַטיווע קאָנצעפּציע. דאָס ווערט ווי פאַרשטאַנען עפּעס ווי פון זיך אַליין און עס ווערט באַהויפּטעט ניט אַרויסגעזאָגטערהייט; פאַרשוויגן קען דער גרויסער איך ניט ווערן בשעת דער קליינלעכער איך איז אָפּע־ראַטיוו, ער קען ניט ווערן פאַרשוויגן אין דערקענטעניש־געדאַנק, גנאָסאָ־לאָגיש איז ער דאָרטן אַלע מאָל דאָ, הגם ער בלייבט אַזוי ווי פאַרדעקט, פאַרשלייערט.

איך בין אין כעס אויף אימיצן. ווער איז דער יעניקער אימיצער? וואו געפינט ער זיך בשעת איך גיס אויס אויף אים „בעכערס״ פון מיין צאָרן? אַן אימיצער וועלכן איך קען ניט, האָב קיינמאָל ניט באַגעגנט, ווען

וועלכן איך האָב קיין שום השגה ניט—ווי אַזוי איז גאָר מעגלעך אַז איך זאָל זיין ברוגז מיט אים, אָדער זיין אין צאָרן מיט אים. אויב אַזוי, אויף וועמען בין איך עס מלא־חמה? איך בין אין צאָרן מיט דעם אימיצן וועלכער איז אין מיר, אין מיין פאָרשטעלונג, אין מיין געדאַנק איז ער פיקסירט, אַריינגעפּאַסט. און ער איז בזה־האופן, אומגעאַכטעט מיין איי־גענעם ניט־וועלן, געוואָרן אַ טייל פון מיר אַליין. און דעריבער לערנען אונדז די מוסר־ספרים זיך איינצוהאַלטן פון כעס, וועלכער איז געגליכן צו עבודה־זרה, צום אָפּלייקענען פון זיך־איך.

„דער וואָס צערייסט זיינע קליידער אין זיין צאָרן, און דער וואָס צעברעכט אַ געפעס אין זיין צאָרן, און דער וואָס צעוואַרפט זיין געלט אין צאָרן, זאָל ער זיין אין דיינע אויגן ווי אַ געטשנדינער"(ש"ט).

אין כעס זיין הייסט אָפּלייקענען דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דער גאַנצקייט און איינציקייט פון איכהייט, און דאָס איז אייגנטלעך דער יסוד אויף וועלכן די געטשנדינערישע וועלט־אויפפאַסונג באַזירט זיך. „כל הכועס כאלו עובד עבודת גילולים"(ש"י). ווער עס איז אין כעס איז גלייך ווי ער וואָלט דינען געטשן. דאָס אייגענע איז באַריידן יענעם, לשון־הרע ווייזט אויך אָן אַז דער אָנגרייפער איז ניט תופס אַז ער גרייפט זיך אָן, אַז ער שלאָגט זיך אַליין מיט זיין אייגענער צונג, און דאָס מיינט אָפּוואַרפן דעם גרונט־פונדאַמענט פון דער איכהייט־לערע.

„כל המספר לשון־הרע, כאלו כופר בעיקר"(שי"א) „ווער עס רעדט לשון־הרע, באַרעדט אימיצן איז עס גלייך ווי ער וואָלט אָפּלייקענען דעם עיקר" פון יהוה, ווייל זיין באַריידן, באַטאַדלען, באַשמוצן יענעם ווייזט אַז ער לייקנט אָפּ דעם עיקר־פּרינציפּ פון דער איכהייט־דאָקטרינע, פון דער לערע פון דער איכהייט.

„האָט רבי אבין געזאָגט: וואָס איז דער פּשט פון פּסוק, „עס וועט ניט זיין אין דיר קיין פרעמדער גאָט און דו וועסט זיך ניט בוקן צו אַן אַנדער־פעלקישן גאָט", ווער איז דער פרעמדער גאָט וועלכער געפינט זיך אין קערפּער פון מענטשן? זאָלסטו זאָגן: דאָס איז דער יצר־הרע"(שי"ב).

„לא יהיה בך אל זר ולא תשתחווה לאל נכר" (תהלים פ"א, י').

„בך" מיינט אין דיר, „בך" הייסט אין דיר, אין דיין אינעווייניקייט"(שי"ג).

סיי דער יהוה, און סיי דער געטש, דער „אל נכר" און „אל זר" געפינען זיך אין גוף און נשמה פון מענטשן. די צעשפּאַלטונג פון דער איך־גאַנצקייט איז דער געטש, דער „אל זר", און די קאָנסאָלידירונג — איז דער יהוה... דער אָנזאָג ניט צו זיין אין כעס, ניט צו באַריידן יענעם איז געגרינדעט אויף דעם יסוד אַז מ'איז אייגנטלעך אין כעס מיט זיך

אַליין, אַז מ׳באַרעדט ניט יענעם נאָר טאָקע דעם אייגנטימער, דעם באַריי־דער, ד. ה. עס איז זעלבסט־טאַדלונג און זעלבסט־כעסונג.

„סיי קליין סיי גרויס זאָלן זיין אָפּגעהיט פון כעס, ווייל דער וואָס ווערט אין כעס פאַרבייט זיין הייליקע נשמה אויף דעם נפש פון דער סטרא אחרא, און ער אַליין ווערט אַן עבודה־זרה, ער פאַרצוקט זיין זעל...

ער זאָל אָנזאָגן זיין ווייב אַז זי זאָל ניט צאַרנען, מחמת עס שטייט געשריבן אין הייליקן זהר אַז דער וואָס פאַראייניקט זיך מיט דעם האַר־פון־ברוגז איז גלייך ווי ער וואָלט זיך פאַראייניקן מיט געטשנדינערריי בפועל־ממש״(שי״ד).

מיר זיינען אַלע איינער, אַ קאָמפּליצירטער איינער וועלכער באַשטייט פון קלענערע „איינערס״. מיר זיינען אַלע איכן וועלכע זיינען באַשטאַנד־טיילן פון אנכי־יהוה, און דעריבער זיינען מיר אַלע צוזאַמענגעבונדן. עס עקזיסטירט אַ רעסיפּראָסיטעט, אַ קעגנזייטיקייט אין אַלע אונדזערע באַ־ציאונגען, אין אַלע אונדזערע פאַרהעלטענישן. די שייכותן עקזיסטירן, כמעט ווי אומאָפּהענגיק פון אונדזער באַוואוסטזיין, צווישן אַלע מיטגלידער פון דער געגעבענער געמיינדע, דער געגעבענער געזעלשאַפט. סאָלידאַרי־טעט איז עטאַבלירט סיי ווי סיי, צי מיר טראָגן עפּעס צו צו דעם מיט כוונה, מיט איבערצייגונג, צי ניט. מיר זיינען איינער, מיר זיינען איינס וועלכער איז אַ „רבים־אחד״, אַ קאָמבינירונג פון אַ פילקייט וועלכע איז פאַרט אַן אייניקייט כאָטש אום צו זיין אַ באַוואוסטזיניקע אייניקייט האָט זי פאַרדעם, אַלס אַ פאַרבאַדינג, געמוזט ווערן אַ סכיקייט, מחמת אָן דער דיפערענציאַציע און סעפּאַראַציע וואָלט דאָס באַוואוסטזיין פון דער איי־ניקייט ניט געקענט זיין בנמצא.

ווען איך באַליידיק אימיצן, ווען איך טו באמת באַליידיקן אויב ניט זיך אַליין. דער בילד פון דעם יעניקן, פון דעם באַליידיקטן, איז דאָך אָפּגעשטעמפּלט אין מיין פאַרשטעלונג, איז אָפּגעדרוקט אין מיין פאַר־שטאַנד. און דאָרטן, אין מיין באַוואוסטזיין, באַליידיק איך אים. לכן, אין דער אונטערשטער שורה, באַליידיק איך זיך אַליין. די גאַנצע סצענע שפּילט זיך אָפּ אויף דער בינע וועלכע געפינט זיך אין מיר. אויסער מיר האָב איך ניט געקענט באַליידיקן אים. ווען ער וואָלט געווען אַבסאָלוט ניט־איך, וואָלט איך בשום אופן אים ניט געקענט פוגע־בכבוד זיין. איך האָב דאָך ניט געקענט אַריינטרעטן אין וועלכע־עס־איז פאַרהעלטענישן מיט יע־נעם וועלכער איז מיר לחלוטין פרעמד, ווען איך האָב קיינמאָל ניט געזען. קיינמאָל ניט געהערט, קיינמאָל זיך ניט געפונען אין אַ פאַרבינדונג פון וועלכן עס איז כאַראַקטער. איך האָב אָגערירט דעם כבוד פון דעם מיט וועמען איך בין געקומען אין באַרירונג, פון דעם וועלכער וואוינט אין מיר,

געפינט זיך אין מיין פאַרשטעלונג. היוצא אַז סוף־כל־סוף ווען איך באַ־ליידיק אימיצן באַליידיק איך באמת אים אין מיר, באַליידיק איך אַ טייל פון מיין אייגענער זעלבסטהייט.

דער דאָזיקער פּשוטער אַנאַליטיש־פּסיכאָלאָגישער געדאַנק איז דער יסוד פון מאָראַל, איז דער קוואַל פון וועלכן עס פליסן אַרויס אַלע ערשטע לא־תעשהס, אַלע מאָראַלישע לאָוון. און אויב מ'וויל קען מען נעמען אַלע מאָראַלישע אָנזאָגונגען אָדער פאַרשריפטן און זיי אַריינפּרעסן אין איין פאָרמולע־אימפּעראַטיוו: ליב זיך אַליין, ליב דיין אייגענעם זעלבסט. „ליב דיין שכן" צו באַטראַכטן אַלס אַן עטישן ציווי איז אַביסל קשהדיק, מחמת מ'קען זאָגן אַז די עצם אַנדערקענונג פון אמתער שכנות איז ניט אַן אַן עטישער סירכא. די אַנדערקענונג פון שכנישאַפט, נאָכבאַרשאַפט איז דער אָנהויב פון עטישער קלות, מחמת די דאָזיקע אַנדערקענונג, גענומען אײנזייטיק און אויפגעפאַסט אַלס פולע סעפּאַראַטיווקייט, איז דער אומ־גלויבן אין אנכי־יהוה, אין אחד, אין דער אחדות פון איך, וועלכע איז די איינזיקייט פון דער מענטשהייט.

„הער, ישראל, יהוה איז אונדזער אלהים, יהוה איז איינער"(שט"ו).

יהוה, דער איך־ער, דער עגאָ איז אונדזער מאָדוס פון פאַרהעלטע־נישן, דער רעגולירער פון באַציאונגען. „און דו וועסט ליבהאָבן יהוה, דיין אלהים, מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער זעל און מיט גאַנצן „זייער"(שט"ז). צו דער איינזיקייט־לערע קומט די לערע מכוח ליבשאַפט די איך־ליבע איז די גרעסטע ליבע, די איינציקסטע ליבע, די איינציקע אַלץ־אַרומנעמענדיקע אהבה רבה.

„שמע ישראל יהוה אלהינו, יהוה אחד". אויב דו מאַכסט פון דל"ת אַ רי"ש, מאַכסטו חרב די גאַנצע וועלט. „כי לא תשתחווה לאל אחר" (שמות ל"ד, י"ד). (דו זאָלסט זיך ניט בוקן צו אַן אַנדער גבורה), ווען דו מאַכסט פון ר' אַ ד' וועסטו אויסגעפינען אַז דו מאַכסט חרוב די גאַנצע וועלט. „כל הנשמה תהלל יה" (תהלים ק"נ, ו') (אַלץ וואָס אָטעמט וועט לויבן דעם איך) אויב דו מאַכסט פון ה' אַ ח' (דעמאָלט וואָלט זיך געלייענט אַז יעדער אָטעם וועט פאַרשווועכן דעם איך)"(שי"ז).

דער איך און דער אחד זיינען פאַרקניפּט מיט דער עקזיסטענץ פון דעם גאַנצן אוניווערסום.

„און דו וועסט ליבהאָבן דיין יהוה", דער דאָזיקער אימפּעראַטיוו־פאַראויסזאָגונג איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון תורת־משה. און דער אָנ־זאָג „הער, ישראל"... איז פאַררעכנט ביי די אידן פאַר דעם הייליקסטן זאַץ. און עס איז ריכטיק אַזוי, מחמת דער דאָזיקער זאַץ אַנטהאַלט דעם עצם מהות פון דער גאַנצער לערע.

„נאָך אַ מעשה דערציילט מען וועגן אַ גוי וועלכער איז געקומען צו שמאין, און האָט געזאָגט צו אים: „זיי מיר מגייר מיט דעם באַדינג אַז דו זאָלסט מיר אויסלערנען די גאַנצע תורה בשעת איך שטיי אויף איין פוס“. האָט אים שמאי אָפּגעשטויסן. איז ער געקומען צו הללן; האָט אים הלל מגייר געווען. ער האָט אים געזאָגט: וואָס דיר איז אומאַנגענעם, טו דאָס ניט צו דיין מיטמענטשן, דאָס איז די גאַנצע תורה, און דאָס איבעריקע איז בלויז אַ דערקלערונג, און דו גיי און שטודיר עס“(שי״ח).

„מ׳דערציילט וועגן איינעם וועלכער איז געקומען צו רבי עקיבאן און האָט געזאָגט צו אים: „רבי, לערן מיך אויס די גאַנצע תורה אויף־איין־מאָל“. האָט אים רבי עקיבא געזאָגט: „זון מיינער, אפילו משה רבינו עליו־השלום האָט עס גענומען פערציק טעג און פערציק נעכט ביז ער האָט זיך עס אויסגעלערנט, און דו זאָגסט צו מיר: „לערן מיר אויס די גאַנצע תורה אויף איין מאָל“, נאָר, מיין זון, דאָס איז דער אַלגעמיינער פּרינציפּ פון דער תורה: וואָס דו האָסט פיינט אַז מ׳זאָל דיר טאָן — טו עס ניט צו דיין מיטמענטשן“(שי״ט).

„דעריבער אַלץ וואָס איר ווילט וועלן אַז אַנדערע זאָלן טאָן צו אייך, זאָלט איר טאָן צו זיי. מחמת דאָס איז דער געזעץ און די פּראָפעטן“(ש״כ).

די דערקלערונג פּאַר דעם ציווי איז איינפאַך. אגב, דער ציווי איז אויסגעדריקט אויף אַ נעגאַטיוון שטייגער אין דעם באַרימטן שפּרוך פון הלל מה דילך סאני לחברך לא תעביד, „וואָס דיר איז ניט באַליבט טו עס ניט צו דעם אַנדערן“. הללס זאַץ־אָנזאָג איז רעאַליסטישער, פּראַקטישער. מ׳דאַרף און מ׳קען זיך צוריקהאַלטן פון טאָן יענעם דאָס וואָס איך וואָלט ניט וועלן אַז ער זאָל מיר טאָן. עס איז ניט אינגאַנצן מעגלעך צו טאָן צו יענעם אַלץ דאָס וואָס איך וואָלט וועלן ער זאָל מיר טאָן. וועלן אַז מ׳זאָל מיר טאָן — האָט דאָך גאָר קיין שיעור ניט, איינער קען וועלן מ׳זאָל אים דערלאַנגען דאָס טעלערל פון הימל. אָבער סיי דער חיוב און סיי די שלילה־פאָרמולירונג האַלט זיך אויף דער באַהויפּטונג פון איכהייט: עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד, עס איז ניטאָ קיין באמת דיקע אומדורכדרינגבאַרע מחיצה צווישן דעם איך און ער, צווישן מיר, איך, זיי. וואָס איז דער מאָדוס אָפּעראַנדי פון מאָראַל? עס איז דער איך, דער אייגענער זעלבסט. וואָס איר ווילט ניט אַז אַנדערע זאָלן טאָן צו אייך, טוט עס ניט צו אַנדערע. מחמת דער איך און דער ער, דער איר און דער זיי, באַצייכענען איין און די זעלביקע פּערזאָן, דעם אנכי־יהוה. עס איז דאָ בסך־הכל איין אנכי־יהוה, איין קאָמפּליצירטער אַלץ־אַרומנעמענדיקער אַלץ־אָנפילנדיקער איך. דעריבער וואָס איינער טוט, כלומרשט, צו אַנ־

דערע, טוט ער עס באמת צו זיך אַליין, צו די דאָזיקע „אַנדערע" וועלכע זיינען זיינע אינעווייניקסטע איינוואוינער. אנכי־יהוה, דער גרויסער עגאָ איז אַ צירקל פון וועלכן מ׳קען ניט אַרויס בשום־אופן ועניָן. עס איז ניטאָ קיין שפּעלטל, קיין שפּאַרונעלע, קיין עפענונג די גרויס פון דעם שפּיץ פון אַ נאָדל דורך וועלכער דער מענטש, אין זיין העכערן באַוואוסטזיין און קוואַליפיצירטער אויפפאַסונג, זאָל זיך קענען דורכקוועטשן און אַנ־טרונען ווערן.

רעספּעקטיר יענעם — מחמת אויף אַזאַ אופן רעספּעקטירסטו זיך אַליין, דיין אייגענעם זעלבסט.

קריטיקיר ניט יענעם, באַרייד ניט יענעם, טרייב ניט קיין רכילות — מחמת דו קריטיקירסט, באַרעדסט, טרייבסט רכילות קעגן זיך אַליין, קעגן דיין אייגענעם זעלבסט, קעגן אַ טייל פון אייגענעם איך. דו טשעפּעסט, רירסט אָן, רייסט אַרונטער „יענעם" וועלכער איז אין דיר, אין דיין זכרון, אין דיין פאָרשטעלונג.

דער יסוד פון אידישער מאָראַל איז דער אנכי־יהוה, דער איך־יהוה. דער איך איז דער כל־וכל, דער אַלץ־און־גאַנץ אין אַלץ־און־גאַנץ. קיין זאַך איז ניטאָ בנמצא אויסער דעם אנכי, דער איכהייט. דער אַלץ און גאַר איז די זעלבסטהייט.

עס איז גרינג צו באַנעמען אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער מאַטעמאַטישער פאָרמולע: דו—איך; איר—איך; אַלץ—איך.

אָדער איך—דו—איר—אַלץ. „איך" איז גלייך צו „דו", „איך" איז אידענטיש מיט דו, „מיין" איז גלייך צו „דיין" „זיין", „זייער". עס איז ניטאָ קיין „דו", יעדער „דו" און „ער" איז אַ איך, איז אַ פּערזענלעכקייט. די איך־השגה נעמט אַריין דעם „דו", איז גובר די „דו־השגה". עס איז ניטאָ קיין דו, ער, זי, איר, זיי זיינען אַלע אַ גלייכבאַרעכטיקטער איך, יעדער איינער איז אַ איך פּונקט ווי איך אַליין. מיין איך איז ניט בעסער, ניט שענער, ניט ריינער, ניט חשובער ווי דער איך; און דער איך נעמט זיי אַלעמען אַריין און דערהויבט זיי צו דער שטופע פון איכהייט. עס איז דאָ איין אנכי־יהוה, און דער אנכי־יהוה איז איינער, איז אַן אחד. און אַלע מענטשן און אַלע וועלטן צוזאַמענגענומען פאָרמירן איין איך־יהוה. און יעדער מענטש באַזונדער און יעדע דערשיינונג איז אַ איך, איז אַ איך ווייל עס וועט זיין, וועט ווערן אַ איך, אַ פּערזענלעכקייט. דערפאַר איז דער דו, ער, אַ איך ניט ווייניקער פון מיר אַליין. יעדערער האָט אַ גלייכן חלק אין זעלבסטהייט.

און ווי אומאַנטוויקלט איז געוועזן די השגה און די הרגשה פון דעם מענטשן וועלכער האָט געזאָגט און געפילט אַנדערש, פאַרקערט, און

אַנקוקנדיק די ליידן און צרות, נויט און דחקות, פון יענעם, האָט ער אַנגעקוואָלן פון נחת, טראַכטנדיק און פילנדיק ווי אָפּגעטיילט אויף אַן אַנטשיידענעם און אַנטגילטיקן שטייגער, טראַכטנדיק און פילנדיק ווי דער־הויבן אַריבערגעהויבן איבער דעם בעל־יסורים און נויטווענדיקן. ער האָט געצויגן אַ ליניע פון פאַרגלייך און געקומען אין זיין גראַבקייט, טעמפּט־קייט און בלינדקייט, צום, שמייכלענדיק זיין פּוסטער גאווה, באַשלוס אַז זיין אייגענע עקזיסטענץ טרעפט אַריבער, איז וויכטיקער ווי די עקזיס־טענץ און וואוילזיין פון יענעם אָדער יענע וועלכע געפינען זיך בשפל המדרגה. אַזאַ אַרט דענקען און פילן איז דער סאַמע היפוך פון מאָ־ראַלישער שטימונג, איז אַנטאַגאָניסטיש צו עטישער באַנעמונג. עס דער־מאָנט ניט ווילנדיק אַן דער באַוואוסטער דעפיניציע פון דעם האָטענ־טאָט.

— וואָס איז רעכט? — האָט מען געפרעגט אַ האָטענטאָט.

דער האָטענטאָט, ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט אָפּגעענטפערט:

— רעכט איז ווען איך נעם דיין קו, אומרעכט — ווען דו נעמסט אַוועק מיין קו.

מיר פאַרמאָגן צוויי דעפיניציעס פון איך. איינע באַהויפּטעט אַז איך איז דער קעגנזאַץ פון דו, ער... די צווייטע זאָגט אַז איך איז גלייך צו דו, ער, אָדער ריכטיקער, אַז עס איז ניטאָ בנמצא אַזאַ זאַך ווי א דו, ער, מחמת דער דו און ער זיינען יעדערער אין זיין רשות און זכות ניט ווייניקער אַ איך ווי איך אַליין. די ערשטע דעפיניציע איז די לערע פון אַנטאַגאָניזם, פון קאַמף, פון קריגערייַ, פון קאָנקורענץ, פון מלחמה, פון צוזאַמענשטויס. די צווייטע דעפיניציע איז די לערע מכוח אייביקער אוניווערסאַלער סאָלידאַריטעט, אייביקן פרידן, קאָאָפּעראַציע, קעגנזייטי־קער הילף און אַרויסהילף.

„ואהבת לרעך כמוך“ — און דו וועסט ליבהאָבן דיין פריינט וועלכער איז אַזוי חשוב, אַזוי וויכטיק און וואָגיק ווי דו.

„...איינער איז געקומען צו רבאן און האָט געזאָגט צו אים: דער הערשער פון מיין שטאָט האָט מיך באַפעלן: „גיי דערמאָרד יענעם און יענעם, און אויב ניט — וועל איך דיך דערהרגענען“. האָט אים רבא געזאָגט: לאָז זיך דערהרגענען און דו זאָלסט ניט הרגענען, פון וואַנענט נעמסטו אַז דיין אייגן בלוט איז פיל רויטער, טאָמער איז יענעמס מענטשנס אַ סך רויטער“(שכ״א).

מחמת ער איז אַ איך און דו ביסט ניט מער פאַר אים ווי אַ דו. דו וועסט ליבהאָבן דיין פריינט, וועלכער איז אידענטיש מיט דיר. דאָ ווערט אַרויסגעזאָגט אין אַ קורצגעפאַסטן פאַראויסזאָג־אימפּעראַטיוו אַ

צווייזייטיקער געדאַנק מכוח דער גלייכווערדיקייט פון דעם איך און דו, וועלכע האַלטן כסדר אין בייטן זיך מיט זייערע פּאָזיציעס און ראָלעס, דער איך איז אַ דו פאַר דעם צווייטן אַנטקעגנשטייענדיקן איך וועלכער איז אַ דו פאַר דעם ערשטן איך. דאָס איז די באַהויפּטונג אַז מענטשלעכע באַציאונגען דאַרפן ווערן רעגולירט דורך דעם טויש־מאָדוס. דאָס איז איינס אַוועק. ווייטער, דער איך און דו סעפּאַראַטיזם, די אָפּטיילונג פון חבר, שכן, פריינט וועלכע ווערט פאַראורזאַכט פון רוים איז ניט פון גרויסער ממשותדיקער האַפּטיקייט. און דער פוטור־טעמפּוס שיקט זיך דאָ: דו וועסט ליבהאָבן דיין פריינט, ווייל ער איז דו. ליב דיין שונא, בענטש יענעם וועלכער שילט דיך, מחמת ער איז דו, אַ טייל פון דיין גרעסערן איך. און אייער קריגעריי און שילטעריי איז אַ פּועל־יוצא פון אַ מיספאַרשטענדעניש. אין תוך גענומען קען ניט עקזיסטירן קיין אַנטאַגאָניזם צווישן אייךביידן. אייערע אינטערעסן וועלכע זיינען כלומרשט אין אַ קאָנפליקט זיינען באמת צוזאַמענפאַלנדיק. און אַזוי ווי דו פאַרגיבסט זיך אַליין, זאָלסטו, וועסטו פאַרגעבן אים, ווייל ער איז דו פאַרשטעלטערהייט, און אים דוכט זיך אויס אַז דו ביסט זיינער אַ שונא בשעת באמת זייט איר ביידע איינס, נאָר ער דערקענט דיך ניט.

די ביבלישע מאָראַל פאַרניינט די נידעריקע שטופע פון מענטשנשאַפט, זי זאָגט אָן דעם אָנקום פון דער פאַזע פון איכהייט, פון אנכי־יהוה־טום. זי פראָקלאַמירט די עטאַבלירונג פון דעם קעניגרייך פון אני־־יהוה, פון עגאָקראַטיע. זי זאָגט פאָראויס אַז אַ סוף וועט נעמען צו דער מיספאַרשטענדעניש פון סעפּאַראַטיזם און פּאַרטיקולאַריזם וועלכער ווערט אויסגעטייטשט ניט אַלס אַ געוויסע מדרגה פון זעלבסטשטענדיקייט, פון זעלבסטבאַגלויבטקייט, זעלבסט־באַוואוסטזיניקייט, נאָר אַלס עפּעס אַנטאַגאָניסטישעס, קאָנפליקטירנדיקעס, קעגנגעזעצטעס. די ביבל, תורת־משה און די נביאים, פראָמולגירן דעם אנכי־יהוה אַלס דעם איין און איינציקן אחד וועלכער איז כולל אַלע איינצלנע, נעמט זיי אַריין אין איין בונד פון יחידים און אחדס.

די האָטענטאָטישע דעפיניציע, פאָרמולע פון גערעכטיקייט און דער האָטענטאָטישער געזעלשאַפט־באַנעם איז דער סאַמע היפוך פון דער ביבלישער אויפפאַסונג. דער האָטענטאָט, מעג ער זיין אַן אייראָפּייער, מעג ער זיין אַ גראַדואירטער פון אַן אייראָפּייאישן אוניווערסיטעט, האַלט און באַהויפּטעט אַז זיין איז דער קעגנזאַץ פון מיין און דיין און אַז אונדזערע אינטערעסן געפינען זיך שטענדיק אין אַ צוזאַמענשטויס וועלכער קען קיינמאָל ניט פאַרשלומט ווערן. ווילע אַנטאַגאָניזם און קעגנזייטיקע

רשעות־אָנטאָן איז דער סאַמע עצם פון אונדזער וועזן אַלס יחידים און פון דער געזעלשאַפט אַלס אַ ציבור.

די ביבלישע אויפפאַסונג און די האָטענטאָטישע זיינען פונדאַמענטאַל און עקסטרעם אויסגעשפּראָכן. די איבעריקע באַנעמונגען פון געזעלשאַפט און איינצלנעם וואַקלען זיך, פּלאָנטערן זיך צווישן די צוויי פּאָלוסן.

די ביבל־מאָראַל, די עטיק פון תורת־משה און די נביאים, איז באַזירט אויף דעם אנכי־יהוה פּרינציפּ, וועלכער האַלט זיך אויף דעם מאַטעמאַטישן געזעץ פון אחד, פון אידענטיטעט, זעלביקייט פון זעלבסטהייט. און קיינער קען אין דעם ניט האַנדלען לחצאין, אָנדערקענען אַ העלפט פון דער דאָזיקער מאָראַלישער לערע. מ׳מוז אָננעמען דעם גאַנצן אמת פון סאָלידאַריטעט אָדער פון אַנטאַגאָניזם. צוויי און צוויי איז פיר, ווער דען אימיצער זאָגן אַז ער אַקצעפּטירט די פאָרמולע נאָר טיילווייז, מיט רעזערוואַציעס. מ׳מוז עס אָננעמען ווי עס שטייט און גייט אָן שינויים, אָן פּשרות, אָן נאָכגעבענישן. די עטישע לערע וועלכע איז געגרינדעט אויף דעם אנכי־יהוה, אויף דער עגאָ־קאָנצעפּציע איז אַ לערע מכוח אַבסאָלוטער מאָראַל.

אנכי־יהוה איז די לערע מכוח דער פּערזענלעכקייט, מכוח דער איינִיקייט און איינציקייט וועלכע רינגלט אַרום די וועלט און מענטשהייט און דרינגט זיי אַדורך. די פאַרניינונג פון דעם פּרינציפּ פירט אונדז צוריק צום פיזישן כאַאָס, צום סאָציאַלן תהו־ובהו, מאַכט אַ סוף צו דער עטאַבלירטער וועלט און מענטש אוניפיקאַציע, פּטרט אַוועק די גאַנצע ציוויליזאַציע, און, מער, וואָלט ברענגען צו דער רואינירונג פון יעדן קעגנשטאַנד, צו זיין פאַנאַנדערפאַל און דעקאָמפּאָזיציע און צו דער דיסאינטעגראַציע פון דער גאָרער וועלט, פון דעם סדר־העולם אַלס אַ סומע פון קעגנשטאַנדן, דערשיינונגען און פּראָצעסן וועלכע פאַרמאָגן אַ פאַראייניקונג פון אינעווייניק, אין זיך, אין זייער אייגענער וועלטל, אָדער זונען־סיסטעמלע, פון אַטאָמען, און פון דרויסן, אין דער גרויסער וועלט, צווישן זיך, און וועלכע שאַפט און האַלט אויף דעם קאָסמאָס אַלס עפּעס גאַנצעס, סיסטעמאַטישעס.

די יהוה־לערע, תורת־משה איז פונדאַמענטאַל באַגרינדעט. די דאָזיקע דאָקטרינע באַזירט זיך אויף אַקסיאָמען און טעאָרעמען ווי יעדער מאַטעמאַטישער טעזיס וועלכער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף אַ דעמאָנסטראַציע פון אויג און פון געדאַנק, פון די חושים און פאַרשטאַנד. און דאָס איז דאָך טאַקע דער כוח פון מאַטעמאַטיק, וועלכע איז אַ פּראַקטישע און טעאָרעטישע, רעאַליסטישע און סימבאָליסטישע דיסציפּלין וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דער ריינער איינִיקייט, מיט דעם באַגריף פון גרויס אַלס אַזעלכן, און וועלכע פליסט אַרויס פון גאָרניט, פון דעם נול. מאַטעמאַטיק

איז, אין אַ געוויסן זינען, אַן עגאָאיסטישע שיטה, און דעריבער איז זי טאַקע דער שטאָלץ פון מענטשלעכן שכל.

אידן זיינען עגאָסאָפן, יהוהיסטן, אידענטיסטן, יידיסטן, פּערסאָנאַ־ליסטן. אַ איד פילט בחוש און איז זיכער אַז דער איך איז אידענטיש מיט דעם דו און ער און דאָס איז די קווינטעסענץ פון תורת־משה און די אָנשויאונגען־זעאונגען פון די נביאים, וועלכע ווערט באַצייכנט מיט דעם איינאיינציקן וואָרט יהוה, איך־ער.

עס איז אין אנכי־יהוה, איין עגאָ, אָדער אַלץ קערט זיך אום צו תהו־ובהו; און מיין איך גייט אונטער און מיט אים זינקט דיין דו, און מיט דעם דיסאינטעגרירט אונדזער פייאיקייט צו דענקען, אויפפאַסן קעגנשטאַנדן, פילן־בחוש פּערצעפּציעס און פאָרמירן אורטיילן, לעבן און באַנעמען דאָס אייגענע לעבן און דערפאַרן און דאָס עקזיסטירן און אָפּע־רירן פון דער וועלט אַלס עפּעס גאַנצעס, אַלס אַ סיסטעמאַטישע אָרגאַ־ניזירטע מעשה־בראשית.

שלעכטס, רשעות איז פאַראַן אין מיר. די בעלי־עבירות, די זינדיקע, די שאלקהאַפטע פון דער וועלט זיינען דאָ אין אונדז. זאָל קיינער ניט וואַגן זיך צו באַרימען אַז ער איז אָן אַ שמץ־פּסול, אָן אַ פלעק, אָן אַ פגימה. כל־זמן פאַרברעכנס, עבירות, מעשים תעתועים ווערן באַגאַנגען אין דער געזעלשאַפט און אין דער וועלט, ווערן זיי באמת באַגאַנגען אין אונדז, אין אונדזערע הערצער, אין אונדזערע מחשבות. זיי, די מיאוסע טאַטן, זיינען מער ניט ווי דער בפועל פון אונזער בכוח, זיי זיינען אַ דע־מאָנסטראַציע פון די מיאוסע געדאַנקען וועלכע מיר האָבן אויפגעהאַלטן אין אונדזערע געהירן, אַ מאַניפעסטירונג פון די שלעכטע געפילן וועלכע בוזעמען זיך אין אונדזערע הערצער, אַן אַרויסוויז פון די בייזע רעגונגען וועלכע שויסן אין אונדזערע כוונות און באַשטרעבונגען.

מיר טאָרן ניט מיד ווערן אין ווידערהאָלן און אַקצענטירן דעם טע־זיס, דעם פאַקט, פון דער אידענטיפיקאַציע פון דעם איך און דער וועלט, דער טאָטאַליטעט פון דעם אוניווערסום.

„רבי אליעזר דער זון פון יעקבן זאָגט: דער וואָס טוט איין מצווה קויפט זיך איין אַ פאַרטיידיקער, און דער וואָס באַגייט איין עבירה קויפט זיך איין אַ באַשולדיקער; תשובה און גוטע מעשים זיינען ווי אַ שילד קעגן פורעניות"(שכ"א,א').

„פון יעדער טוגנט און טוגנט ווערט געמאַכט פאַר דיר אַ גוטער מלאך"(שכ"ב).

פון יעדער גוטער אַקציע ווערט באַשאַפן אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר, ווערט געמאַכט אַ פּאָזיטיווער אַגענט, אַ מאָראַלישער כוח קומט צו, און

פון יעדער שלעכטער אַקציע ווערט געשאַפן אַ נעגאַטיווער פאַקטאָר, און דאָס שלעכטס פאַרמערט זיך אין דער וועלט ווי אין דער געזעלשאַפט.

דאָס שלעכטע וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט איז דאָס שלעכטע וואָס עס איז פאַראַן אין אונדז, אין אונדזער מחשבה, אין אונדזער באַוואוסטזיין וועלכער אַלס אַן אַקטיווער כוח טוט עס, פאַראורזאַכט עס און אַלס אַ פּאַסיווע מאַסע־שטיק ליידט פון דעם. דאָס אייגענע, מיט גרעסערער פשטות, בנוגע דער געזעלשאַפט. די פאַרברעכער, די קרימינאַליסטן זיינען מיר.

פאַר אַ בלינדן זאָלסטו ניט געבן קיין שטרויכלונג... מיר שטעלן זיי, די שוואַכערע נאַטורן, פאַר שווערע נסיונות. מיר נעמען ניט אָן די גערעריקע מאַסרעגלען קעגן פאַרברעכן אַלס אַזעלכעס. מיר זיינען די יעניקע וועלכע רייצן זיי אָן, ריידן זיי איין, ריידן זיי צו צו דער דבר־עבירה. מיר אַליין זיינען די פאַרברעכער, די עדות־זאָגער קעגן זיי, און די ריכטער וועלכע משפטן זיי, און די הענקער וועלכע היגריכטן זיי. מיר זיינען דער פושע, דער קרבן, דער פאַרדאַמטער און עקזעקוטירטער.

כמו־כן וואָס אַנבאַלאַנגט דער וועלט. אנכי־יהוה, עגאָסאָפיע און עגאָלאָגיע זיינען אַ קערפּערשאַפט פון דאָקטרינען וועלכע פּאַסן אַרום דעם גאַנצן סדר פון דער וועלט. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּאָסטולאַט, מיט אַ הנחה וועלכע איז אומוואַקלבאַר ווי אַ בעטאָנענער פונדאַמענט. און תורת־משה איז די זיכערקייט אַליין, דער ריינער אמת מכוח אנכי־יהוה, די איינציקע סאָלידע אויפפאַסונג פון עגאָ, פון איכהייט. די גאַנצע תורה איז קאָנדענסירט און אַריינגעלייגט אין איין איינציקן וואָרט — יהוה. זעלבסטהייט, איכהייט, אנכי־יהוה איז אַלץ־גאַנץ־גאָר, און מער קיין זאַך איז ניטאָ בנמצא, „ואין עוד". אַלדאָס איבעריקע זיינען קאָנסעקווענצן, שליסע געצויגן פון דעם ערשטן פּאַראויסשיק, פון דער ראשיתדיקער פאַראויסזעצונג, די גרונטלאַגע פון גאַנצן גראַנדיעזן בנין פון דענקען און פילן, לעבן און ליבן.

22.

מאָנאָעגאָטיק, די אנכי־יהוה לערע, אַנדערקענט ניט קיין באַלוינונג און אויך ניט קיין שטראָף אין דעם איינפאַכן פשט פון וואָרט. באַשטראָפט דען מאַטעמאַטיק דעם יעניקן וועלכער עקשנט זיך איין אין זיין ווידערשפעניקייט און דענקט און באַהויפטעט אַז עס זיינען גאָר ניטאָ בנמצא קיינע מאַטעמאַטישע איינסן, און אַז צוויי מאָל צוויי איז אַ קאָטשערע אָדער אַ חלבנע ליכט. פאַרדינט אַ מענטש וואָס טראַכט אַזוי אַ שטראָף?

ניין, טויזנט מאָל ניין. ער איז גענוג געשטראָפט פון זיין אייגענעם ניט־פאַרשטיין, דורך דעם וואָס ער באַרויבט זיך פון די נוצן וועלכע מאַטע־מאַטיק, סיי אַלס ספעקולאַטיווע און סיי אַלס פּראַקטישע דיסציפּלין, ברענגט אונדז אין טאָג־טעגלעכן לעבן. דער עונש איז דאָ פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער. עס איז קיין עונש ניט. עס איז בלויז אַ ניט באַקומען קיין נוצן פון די מעלות וועלכע מאַטעמאַטיק באַזיצט און די טובות וועלכע זי־טוט יעדן איינעם וועלכער פאַרשטײט איר, אָנדערקענט איר און געברויכט איר. דאָס ניט אָנדערקענען פון מאַטעמאַטיק ברענגט מיט זיך אַ נאַ־טירלעכע רעאַקציע, וועלכע באַשטייט אין דעם ניט קענען, ניט וויסן, ניט פאַרשטיין די גרויסקייט, די נוצלעכקייט פון מאַטעמאַטיק. און דאָס איז שוין אַ גרויסער שטראָף. מחמת דער מאַנגל פון דעם אַרט וויסן מוז אומפאַרמיידלעך האָבן אַ שלעכטן איינפלוס אויף דעם אויפפיר און טראַכ־טונגס־צושטאַנד פון דעם יעניקן וועלכער איגנאָרירט מאַטעמאַטישן וויסן און מאַטעמאַטישע אַפּליקאַציע. דער עונש ליגט אין דער עבירה, און דער שכר ליגט אין דער מצווה.

„שכר מצווה — מצווה, עונש עבירה — עבירה"(שכ"ג).

פונקט אַזוי איז עס מיט מאָנאָעגאַטיק, מיט דער אנכי־יהוה־לערע, מיט תורת־משה און פּראָפעטיק. ווי דריקט זיך דער חומש אויס? „כי לא דבר ריק הוא מכם כי הוא חייכם"(שכ"ד). „דאָס איז ניט קיין פּוסטע זאַך פאַר אייך, וואָרים דאָס איז אייער לעבן".

ווער עס וואַרפט אָפּ די תורה — פאַרוואַרפט זיין אייגענעם זעלבסט, דערנידערט זיין אייגענעם איך, פאַרקירצט, פאַרשמאָלט, פאַראייגגט זיך אַליין. ער נעמט זיין ריזיקן איך און מאַכט פון אים אַ קאַרליק, ער נעמט זיין קלוגן, פאַרשטענדיקן, גרויסן איך און מאַכט פון אים אַ „חרש, שוטה וקטן", אַ נאַר און אַן אוממינדלעכן.

„וואָרים דער וואָס געפינט מיך — האָט געפונען לעבן... און דער וואָס פאַרזינדיקט מיך — באַרויבט זיין זעל, אַלע די וואָס האָבן מיך פיינט — האָבן האָלט דעם טויט"(שכ"ה).

ווער עס פאַרוואַרפט די תורה און די נביאים באַרויבט זיין אייגן זעלבסט פון זיין אייגענער אַלמאַכט, אַלץ־בייקומענדיקער גבורה וועלכע דרעמלט אין די טיפענישן פון זיין נשמה. ווער עס שלאָגט אָפּ תורת־משה פאַרפרעמדט זיין אייגענעם איך, מחמת די תורה לערנט אים קיין זאַך ניט וועלכע זיין אייגן האַרץ האָט אים ניט געלערנט, האָט אים ניט אַריינ־געטרויט בסודי־סודות אין דעם לפני ולפנים פון זיין זעלבסט־באַוואוסט־זיין. די תורה לערנט אים ניט, זי וועקט זיין איך־באַוואוסטזיין, זי מאַכט

פון אים אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקע פערזענלעכקייט וועלכע ער איז סיי־ווי־סיי כאָטש בלא־יודעים, אָן זיין אייגענעם געוואָרזיין.

„און דער באַשאַפענער קען ניט באַגרייפן ווי ער איז, און דער יעניקער וועלכער וועט פאָדערן פון אונדז אַז מיר זאָלן אים צייגן די דאָזיקע קוואַליטעט, פאָדערט פון אונדז אַז מיר זאָלן אַליין ווערן באַשעפער“(שכ״ו).

צו וויסן איז מער פון זיין, און דאָס וויסן שיקט פאָראויס דאָס זיין אַלס אַ פאָרבאַדינגונג.

„און לכן איז עס געווען אוממעגלעך אַז דער פאַרשטאַנד זאָל דער־קענען די געשטאַלטן פון די קעגנשטאַנדן, וועלכע געפינען זיך אויסער אים, סיידן ווען זיי וואָלטן געוואָרן — ער“(שכ״ז).

„ווי דער פילאָזאָף האָט געענטפערט ווען מ׳האָט אים געפרעגט אויב ער דערקענט דעם מהות פון גאָט און ער האָט געענטפערט „אילו ידעתיו — הייתיו“, ווען איך וואָלט אים קענען, וואָלט איך געווען ער, דאָס הייסט קיינער קען ניט באַגרייפן זיין וועזן נאָר ער אַליין געבענטשט־איז ער“(שכ״ח).

די ציטירטע אידישע פילאָזאָפן פון מיטלאַלטער זיינען פולשטענדיק גערעכט ווען זיי באַהויפּטן אַז וויסן, דערקענען זעצט פאָראויס זיין, מחמת וויסעניש, דערקענטעניש מיינט אידענטיפיקאַציע מיט דעם קעגנשטאַנד וועלכן מ׳דערקענט, אַן אידענטיפיקאַציע דורכגעזעצט אונטער דעם אָנ־שטעל און פאָרשטעל פון סעפּאַראַציע און דיפערענציאַציע. „דערקענען“ פאָדערט אַ פאָרמע פון זיין אַלס אַ תנאי קודש למעשה פון דערקענטעניש. און עס איז גרינגער צו זיין ווי צו דערקענען דאָס זיין. און מיר וואָלטן זאָגן אַז דאָס איז טאַקע דער שטאַנדפונקט פון דער ביבל אַז מיר דאַרפן זיין ווערן אַן אנכי־יהוה. און ערשט דערנאָך דערקענען אונדזער זיין. און דעריבער זיינען די פילאָזאָפן אונדזערע אַביסל צו פעסימיסטיש בנוגע אונדזערע מעגלעכקייטן פון הכרה. „און זיך צו באַהעפטן אָן אים“(שכ״ט). „און אָן אים וועט איר זיך באַהעפטן“(ש״ל). „טיילט זיך אָפּ פון געטשנדינעריי און באַהעפט זיך אָן אויבערשטן“(של״א).

און דער נביא זאָגט עס בפירוש: „און איך וועל דיך פאַרלאָבן צו מיר מיט גלויבן און דו וועסט וויסן דעם יהוה“(של״ב). דאָס וויסן פון יהוה איז באַזירט אויף גלויבן, אויף זעלבסט־באַגלויבטקייט, אויף איך באַגלויבטזיין. אָבער נאָך דעם זיין קומט אַ פולער וויסן, אַ דער־קענען וועלכעס ווערט גענערט דורך אַ באַהעפטונג, דורך אַ הזדווגות, דורך אַ אידענטיפיקאַציע, דורך אַ זיין. עס איז אַ וויסן וועלכער איז באמת און בעיקר אַ מאָדוס פון זיין.

„אַזוי צו זאָגן: ווייסט יהוה, וואָרים אַלע וועלן מיך וויסן פון קליין ביז גרויס, זאָגט יהוה״(של״ג).

„וואָרים מיט דעם וועט זיך באַרימען דער באַרימער, מיט פאַרשטיין און דערקענען מיך״(של״ד).

און בנוגע פולער דערקענונג און באַוואוסטזיניקער אויפפאַסונג פון דעם דאַזיקן זיין איז עס אַ גאַנץ שווערער ענין אפילו בנוגע דעם באַגרעניצטן איך וועלכער איז, טיפער פאַרשטאַנען, דער זעלביקער אומבאַגרעניצטער איך. און די שוועריקייט געפינט זיך אין דערקענען בכלל, ניט בלויז אין יהוה־דערקענונג און שלמה בן גבירול האָט עס טאַקע תופס געווען.

„מיר מוזן ניט צו שטרענגלעך אָננעמען, למשל, אַז מיר אַלע ווייסן וואָס מיר זיינען!... מיר דאַרפן איצט געדענקען אַז... אַן אַנדער אונטערשייד דאַרף געמאַכט ווערן, און דאָס איז צווישן דעם טייל וועלכער איז באַוואוסטזיניק און דעם טייל וועלכער איז בלויז אונטערבאַוואוסטזיניק; אַזוי אַז ווייטערע קאָמפּליקאַציעס מוזן אומפאַרמיידלעך אַרויפקומען״(34).

„אפילו מיט דער גאַנצער הילף פון לעבנסטרענירונג און פון דער אויפמערקזאַמקייט פון זיך איבערלייגנדיקער רעפלעקסיע, קענען מיר קיינמאָל ניט דערגרייכן צו פערפעקטער קענטעניש, וועלכערס אויסשעפּלעך דעטאַל וואָלט מאַכן לחלוטין איבעריק אַלע ווייטערדיקע פראַגן בנוגע דער פעקולאַרער נאַטור פון אונדזער וועזן. אונדזער באַוואוסטזיין שטעלט אונדז קיינמאָל ניט פאַר דעם דאָזיקן בילד אַלס געפונען; מיר ווערן מער ניט ווי דירעקטירט צו אַ מער אָדער ווייניקער פינצטערן פונקט, אין וועלכן אונדזער עגאָ ליגט און וועמען מיר האַלטן אין איין זוכן. אָבער אַז מיר קענען אים זוכן, און כאָטש מיר ווייסן אים אַזוי אומפּול, זיינען מיר פאַרט אַלע מאָל מבחין, מיט דעם העכסטן גראַד פון פּינקטלעכקייט, צווישן אים און דער דרויסן־וועלט. דעם דאָזיקן אימפּולס קענען מיר ניט באַגרייפן אָן צו פאַרשטיין אים אַלס אומאָפּהענגיק פון די אומשטאַנדן וועלכע באַדינגען די פאָראויסשטרייטנדיקע פאַרפולקאָמונג פון אונדזער קענטעניש מכוח זיך אַליין״(35).

די איך־דערקענטעניש איז אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע. און די תורה זאָגט אונדז אַז מיר וועלן זיך אידענטיפיצירן, גלויבן, ליבהאָבן דעם איך און ערשט דעמאָלט וועלן מיר אים פאַרשטיין, וויסן. אונדזער זעלבסטבאַוואוסטזיין איז אַ ראַפינירטע פאָרם פון זעלבסט־באַגלויבטזיין. און די תורה, באמת, לערנט אונדז ניט, נאָר עפנט אויף די אויגן פון מענטשן און צייגט אים אָן ווי צו דערזען זיין אייגענעם איך, זיין זעלבסטהייט.

און צו זען מיינט צו פֿאַרשטיין, צו פֿאַרשטיין מיינט צו זיין, צו ווערן אַן עגאָ, אַן אנכי־יהוה, אַן אַלמאַכט, אַ זעלבסט־מאַכט, אַ כל־יכול, אַ כביכול.

דאָס פֿאַרלאָזן תורת־משה הייסט פֿאַרלאָזן, פֿאַרנאַכלעסיקן דעם איכטום וועלכער לעבט — וואוינט אין אונדזער האַרצן, אין אונדזער ברוסט. פֿאַרבראַקירן דעם אנכי־יהוה מיינט פֿאַרבראַקירן זיך אַליין, דעם אייגענעם זעלבסט, מחמת יעדער זעלבסט בזעיר־אַנפּין איז אַ טייל, וועלכער איז אַ גאַנצקייט אין דער זעלביקער צייט, פֿון דער זעלבסט באריך־אַנפּין, פֿון דעם גרעסערן מאַסשטאַב זעלבסט. דער מיקרא־איך איז אַ חלק פֿון דעם מאקרא־איך. צו פֿאַרלייקענען דעם אנכי־יהוה, דעם עגאָ, מיינט פֿאַרלייקענען דעם אייגענעם איך, דעם אייגענעם זעלבסט, מחמת תורת־משה און די נביאים זאָגן קיין זאַך ניט וועלכע איז ניט אונדזערע סיי־ווי־סיי, פֿאַרוויקלטערהייט, פֿאַרבאַהאַלטענערהייט, די תורה רעדט מיט אונדזערע ליפּן. זי קלאַפּט מיט אונזער פּולס. זי לייענט אונדזערע געדאַנקען, זי שיפֿריר׳ט פֿאַנאַנדער אונדזערע יעראָגליפֿירטע געפֿילן. תורת־משה איז יעדער אייגענעמס תורה, עס איז אַ תורה שבלב, אַ לערע וועלכע איז איינגעבאַקן אין האַרצן און אין געהירן פֿון יעדן אידן און יעדן מענטשן אויף־וויפֿיל ער ווערט אַ איד.

דער ווער עס פֿאַרקאַשירט תורת־משה, די אנכי־יהוה־לערע, צעטרעט, צעבערעכט און צעדרוזגעט זיך אַליין, זיין אייגענע זעל, ער צעקרושלט זיין אייגענע נשמה און מאַכט פֿון איר שטויב מיט וועלכן ער פֿאַרשיט און פֿאַרבלענדט זיינע אייגענע אויגן. און דער וואָס טוט עס, מאַכט זיך אומגליקלעך, נעבעכדיק, אומבאַהאָלפֿן, קבצנותדיק. ער בלייבט הונגעריק, דאָרשטיק, הויל, נאַקעט און באָרוועס אין מיטן פֿון אַזאַ שפֿע, אַזאַ אומגעהויער גערעטעניש פֿון יכולתן, אין מיטן אַזאַ לוקסוסדיקן שלל פֿון גאָלדענע מעגלעכקייטן און בריליאַנטענע געלעגנהייטן. ער נעמט בידים און רואינירט זיין אייגענעם גייסטיקן לעבן, און דער דורכפֿאַל פֿון גייסטיקן לעבן מוז גורם זיין צו אַ באַנקראָט פֿון פֿיזיאָלאָגישן קיום זיינעם. ער שיקט אויף זיך אַליין אָן אַ גאַנצע מחנה פֿון שלאַקן, פּורעניותן, צרות, חולאתן פֿון אַ סאָציאַלן, פּסיכאָלאָגישן און, אפֿילו, פֿיזיאָלאָגישן כאַראַקטער.

די תורה, תורת־משה, איז אַן אויסלייזונגס־לערע און זי צינדט אָן איבער אונדזערע קעפּ דעם מאָרגנשטערן פֿון גאולה וישועה. אַלץ וואָס מיר דאַרפֿן טאָן איז אויפֿהויבן אונדזערע אויגן און אַ קוק טאָן אויפֿן הימל אין מזרח־זייט, און דאָרטן וועלן מיר דערזען דאָס רויטלעך־זיך, דאָס העלן פֿון דעם טאָג. ניט שוין־זשע וועלן מיר מיט אונדזערע אייגענע פֿינגער

נעמען און אויסלעכערן אונדזערע אויגן, נעמען און פאַרשיטן די קאַנאַלן פון אונדזערע אויערן, און פאַרזיגלען הערמעטיש די פּאָרן פון אונדזער לייב, בכדי דאָס יהוה־ליכט, יהוה־קלאַנג, יהוה־עטער, יהוה־קענטעניש זאָל ניט אַריינדרינגען אין אונדז — און אונדז ראַטעווען, אונדז אויסלייזן פון אַלע צרות און ליידן.

„... יהוה, דו האָסט מיך געפאָרשט און האָסט מיך דערקענט. דו האָסט געוואוסט מיין זיצן און מיין אויפשטיין, דו האָסט פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען פון־דער־ווייטנס... עס איז ניטאָ קיין אייך וואָרט אין מיין צונג נאָר דו האָסט דאָך זיי אַלע געוואוסט... וואוהין זאָל איך אַוועקגיין פון דיין גייסט און וואוהין זאָל איך אַנטלויפן פון דיין געשטאַלט? זאָל איך אַנשפּאַרן אין הימל? — דו ביסט דאָרטן; זאָל איך מיך אויסציען אין העל? דו ביסט דאָרטן דאָ. זאָל איך זיך טראָגן אויף די פליגלען פון פרימאָרגן, צי זאָל איך רוען אין דעם ענד פון ים? אויך דאָרטן וועט מיך פירן דיין האַנט און עס וועט מיך אָנהאַלטן דיין רעכטע האַנט. זאָל איך זאָגן: די פינצטערניש וועט מיך איינשלינגען און די נאַכט וועט זיין מיין ליכט? אויך פינצטערניש קען גאָרניט פאַרפינצטערן פון דיר און די נאַכט לייכט ווי דער טאָג, פינצטערניש איז ווי ליכטיקייט. וואָרים דו האָסט איינגעשאַפט מיינע נירן און האָסט מיך געצעלט אין בויך פון מיין מוטער"(של"ה).

„דעריבער דאַרף אַ מענטש נעמען אין באַטראַכט אַט־די אַלע זאַכן און האַלטן אין זאָגן און געדענקען שטענדיק אַז די אויגן פון יהוה שוועבן תמיד אַרום איבער דער גאַנצער וועלט. און דעם גרויסן כלל זאָלסטו האָבן: טו ניט קיין זאַך אין פאַרבאַהאַלטעניש וואָס דו שעמסט זיך צו טאָן אין דער עפנטלעכקייט"(של"ו).

פון יהוה, איך, קען מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן. וואוהין איך זאָל ניט גיין גייט ער מיט, וואָרים ער איז אין מיר, אין אַלע מיינע אַקציעס און מחשבות.

„אַזוי איז שוין די טשיקאַווע און איינגעבוירענע נאַטור פון דער אינדיווידואַליטעט וואָס זי באַגלייט יעדן איינציקן אין אַלצדינג וואָס ער טוט נאָר. און יעדער פאַרזוך איר צו באַזיגן איז גלייך צו דער אונטער־נעמונג אַוועקצוגיין פון מאָדוס פון גאַנג, אָדער אַנטלויפן פון אייגענעם אָטעם — די סאַמע אָנשטרענגונג מאַכט אים מער אַנטגילטיק ווירקזאַם"(36).

„פון זיך קענסטו ניט אַנטלויפן" (געטהע) ניט שוין זשע וועלן מיר זיך אַזוי באַנאַרישן ווי צו פּרובירן אַנטלויפן פון זיך אַליין, זיך מאַכן ניט־הערנדיק אונדזער אייגענע שטימע, דעם קול דממה דקה וואָס ברומט אַרויס ווי אַ טויב פון אונדזער אינעווייניקייט?! ווי אַזוי קענען מיר

צולאָזן דעם געדאַנק אַז מיר וועלן עס טאָן. ווען אין דער ווירקלעכקייט זוכן מיר, ווי מיט ליכט, דעם אמת, דעם גרויסן אמת פון אונדזער איכהייט, פון אונדזער זעלבסטהייט. מיר האָרעווען און פּראַצעווען, זאַמלען אָן אוצרות, קלייבנדיק זיי שטיינדעלע צו שטיינדעלע, שטרויעלע נאָך שטרוי־עלע, קערנדל נאָך קערנדל בכדי צו פאַרזאָרגן אונדזער זעל מיט נערונג, מיט אַביסעלע חיונה, מיט אַ קאַפּעטשקע פּרנסה, מיט געדאַנקען, באַגריפן און קאָנצעפּציעס. און דאָ גיט מען אונדז אַ גאַנצע תורה, שענקט מען אונדז אַ וואָרט, איין וואָרט יהוה, וועלכער שעפּטשעט דעם סוד פון אונד־זער רעטונג, פּליסטערט אַרויס די געהיימעניש פון אונדזער אויסלייזונג, אַ וואָרט, וואָס קען אונדז געבן גבורה, גדולה, פּראַכט, גליק און גליקזע־ליקייט, אייביקייט, און ניט אַן עקזיסטענץ פון שטיינער, ביינער און לייב, נאָר פון דער זעל, פון אַן איכהייט, פון אַ יהוה...

„די אידן זיינען באַליבט און זיי ווערן אָנגערופן קינדער, אַ באַזונדערע ליבשאַפט איז אַרויסגעוויזן צו זיי מחמת זיי ווערן אָנגערופן קינדער פון אויבערשטן. ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, „איר זייט קינדער צו יהוה, אייער אלהים״(של״ז).

„זיי האָבן ניט געהייסן קינדער פון ישראל ביזן באַרג סיני״(של״ח).

אויפן „באַרג סיני״ איז געזאָגט געוואָרן דאָס גרויסע וואָרט „אנכי״ איך.

און ווי אַזוי קענען מיר גאָר פועלן ביי זיך צו פאַרביינען זיך אַליין. מיר מוזן אָנדערקענען אונדזער אייגענעם זעלבסט. מיר זיינען גרויס און מעכטיק, מיר זיינען אַלמעכטיק. ווי האָט עס פּאַסירט, וואָס איז די מעשה מיט אונדז — וואָס מיר אַליין ווייסן גאָרניט פון אונדזער אַלמאַכט, ווילן פון דעם, עפּעס, ווי ניט ווייסן, מאַכן זיך ניט־ווייסנדיק, ווי מיר וואָלטן וועלן זיך אַליין אָפּטאָן, צו־להכעיס־טאָן, גיין מיט זיך אַליין אויף־שטיר־דעם. וועגן אונדזער אַלמעכטיקייט זאָגט עדות דער איך מיט די אויס־געשפּרייטע הימלען איבער אונדזערע קעפּ, מיט דער איינלאַדנדיקער ערד אונטער אונדזערע פיס, מיט דעם ים און אָקעאַן וועלכע טראָגן אונדז אין זייערע אָרעמס ווי אַן אַם טראָגט אַן עופעלע. דאָס אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן פון איכהייט, דאָס אַלץ האָט אַרויפגעטויכט פון זעלבסט־באַוואוסט־זיין. און אַלץ וואָס עס פּאָדערט זיך פון אונדז איז גלויבן, לויבן און לעבן און דעמאָלט וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט פון דעם מיזעראַבלען צו־שטאַנד פון האַלב־חיהדיקער מענטשהייט.

תורת־משה פּראָקלאַמירט און זאָגט נביאות וועגן דעם עגאָ פון איכ־הייט, פון איך.

דאָס אָפּוואַרפן פון Principium individuationis פון איך־פּרינציפּ, ווי שאָפּענהויער וואָלט וועלן, וואָלט געהאַט אונטערגעהאַקט דעם סענק אויף וועלכן די גאַנצע מעטאַפּיזיק פון עטיק הענגט, דאָרטן וואו עס איז ניטאָ קיין סעפּאַראַטער איינצלנער, דאָרטן קען מען ניט דורכפירן די עקוואַציע, איך—איך, פּונקט ווי דאָרטן וואו עס זיינען ניטאָ קיין סעפּאַראַטע איינסן, גרויסן, ציפערן, פּינטלעך, ליניעס, פיגורן דאָרטן קען ניט זיין קיין אַלגעברע און קיין געאָמעטריע.

די פאַרשלומונג פון די צוויי סתירות פון דעם איך און דעם ער שאַפט די מאָראַלישע האַנדלונג און לייגט אַוועק דעם יסוד פאַר אַן עטישער פילאָזאָפיע וועלכע איז אַן עגאָסאָפיע. מחמת אַן דעם באַגריף, און שטאַרק אויסגעבולט און טיף־איינגעקריצט, פון איך וואָלט דאָך ניט מעגלעך געווען קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר גוטע און שלעכטע מעשים. דער פרימיטיווער מענטש האָט בשום־אופן ניט געקענט תופס־זיין אַז דער אינדיווידד איז דער טוער, דער פאַראורזאַכער, פון זיינע אַק־ציעס און אַז ער טראָגט די פולע משא פון אחריות פאַר זיי אויף זיינע אייגענע פלייצעס. און אָן אחריות איז ניטאָ קיין עטיק, קיין אָפּשאַצונג פון טאָטן, פון אויפפיר.

„און זיי זיינען געפאַלן אויף זייערע פּנימער און זיי האָבן געזאָגט: אל פון די אלהים פון די גייסטער צו אַלדאָס לייב, ניט־שוין־זשע וועט איין מענטש זינדיקן און אויף דער גאַנצער געמיינדע וועסטו צאָרע־נען“(של״ט).

אין יחזקאל ווערט שוין דער געדאַנק מכוח פּערזענלעכער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט אַרטיקולירט ווי באַדאַרף־צו־זיין.

„צו וואָס זאָלט איר פאַבלען די פאַבל אויף דער ערד פון ישראל אַזוי־צו־זאָגן: די טאַטעס האָבן געגעסן אומצייטיקע פרוכט און די ציין פון די קינדער זיינען געוואָרן איילֶיק. ווי איך לעב, זאָגט דער האַר יהוה, אויב איר וועט קענען פאַבלען די דאָזיקע פאַבל אין ישראל“(ש״מ).

„און איר האָט געזאָגט: פאַרוואָס טראָגט ניט דער זון די זינד פון פאָטער?... די זעל וואָס איז זינדיק, זי וועט שטאַרבן, אַ זון וועט ניט טראָגן די זינד פון פאָטער, אַ פאָטער וועט ניט טראָגן די זינד פון זון. די גערעכטיקייט פון דעם גערעכטיקן וועט זיין אויף אים, און דאָס שלעכטס פון דעם שלעכטן וועט זיין אויף אים“(שמ״א).

און פּערזענלעכע אחריות פאָדערט די עטאַבלירונג פון איך־רשות, פון אַ מאָראַלישן זעלבסט־באַזיץ, פון אויפפירערישן זעלבסט־אייגנטום, די אָנדערקענונג אַז מעשים געהערן צום פּריוואַטן טוער און ניט צו דער משפּחה, צום הויזגעזינד, צום שבט. און דאָס איז דער אָנהויב פון

„ציוויליזאַציע", אָט־דער אָפּשאַף פון קאָמונאַלן טאָטן־אייגנטום איז דער אָנהויב פון מענטשלעכער קולטור, איז אַ פועל־יוצא פון דער אָנדערקענונג פון איך־פּרינציפּ, פון דער לערע מכוח דער אינדיווידואַליטעט.

„גוטע דענקער האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט אַזאַ פאַטאַלן טעות ווי ווען זיי האָבן דערוואָרט האַרמאָניע פון אַ פאַרזוך בייצוקומען אינדיווידואַליטעט... די אינדיווידואַליטעט פון יעדער פּערזאָן איז לגמרי אומצעשטערבאַר... די שרעקלעכע קאָנסעקווענצן פון די דאָזיקע מאָנסטערישע און אַבאָרטיווע פאַרזוכן צו באַצווינגען דעם פּשוטן אמת און נאַטור, קען מען זען אויף יעדער זייטל פון דער טרויעריקער וועלט־געשיכטע"(37).

„אַ האַרמאָנישע געזעלשאַפט קען ניט ווערן אויפגעריכטעט אויף קיין אַנדער יסוד ווי נאָר אויף דער שטרענגסטער אינדיווידואַליטעט פון אינטערעסן און פאַראַנטוואָרטלעכקייט"(38).

„פרייהייט, היוצא, איז די סאָוועראַניטעט פון דעם אינדיוויד; און קיינמאָל וועט דער מענטש ניט וויסן פון פרייהייט, סיידן יעדער איינציקער אינדיוויד וועט ווערן אָנדערקענט צו זיין דער איינציקער לעגיטימער סאָוועראַן פון זיין פּערזאָן, צייט און אייגנטום, יעדער וועט לעבן און האַנדלען אויף זיין אייגענעם חשבון"(39).

דער פּרינציפּ פון דער פּערזענלעכקייט, פון דער איכהייט קען בשום־אופן ניט ווערן אָפּגעלייקנט סיידן מיר'ן מאַכן אַן אַטענטאַט אויף דעם סאַמע מקור פון אונדזער קולטור און מענטשלעכן פּראָגרעס. עטיק מוז און איז פּראָגרעסיוו און זי קען ניט געבויט ווערן אויף דער אַפּלייקענונג פון אינדיווידואַציע פּרינציפּ, נאָר אויף דער אָנדערקענונג און פאַרטיפונג פון דער איכהייט־השגה.

„... זינט עס איז דאָך אַ מיטגליד פון איין קערפּערשאַפט וואָס האָט געטאָן שלעכטס צו אַ מיטגליד פון אַן אַנדער קערפּערשאַפט, קען די גאַנצע קערפּערשאַפט, צו וועלכער דער דאָזיקער אָנגרייפער געהערט, געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער קערפּערשאַפט צו וועלכער דער אָנגעגריפענער באַלאַנגט. און עס איז ניט בלויז דער תחילתדיקער פאַרברעכער וועלכער דאַרף באַשטראָפט ווערן, נאָר לאָגישערוויז קען יעדער מיטגליד פון זיין משפחה דינען אַלס אַ ממלא־מקום.

פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז קאָלעקטיוו, און דעריבער אויך ניט דעפיניטיוו. אַמאָל ווערט די גאַנצע פאַמיליע פון דעם באַליידיקער פאַרניכטעט מיט אים. אַמאָל קען וועלכער ניט איז קרוב פון דעם מזיק ליידן פאַר אים. ווען מ'קען ניט כאַפּן יאַנעם, וועלכער איז באַגאַנגען דעם פאַרברעכן, איז די פּרימיטיווע ראַכע־נעמונג באַפרידיקט מיט דעם לעבן פון טאַטאַסן, זיין זון, אָדער ברודער, אָדער קוזין... דער היזק וואָס איז

געטאָן געוואָרן איז אָן עניין פאַר דער פאַמיליע אָדער קלאַס צו וועלכן דער אַגרעסאָר געהערט און נקמה קען גענומען ווערן פון וועלכן עס איז מיטגליד פון דער משפחה אָדער קלאַס״(40).

„אַ גראָבער מוסטער פון דעם איז די בלוט־ראַכע, אין וועלכער דער אינדיווידועלער פאַרברעכער ווערט אויסגעלאָזן פון חשבון, און די מלחמה ווערט געפירט קעגן דער גרופּע, אין וועלכער ער איז אַ מיטגליד, אָדער קעגן זיין משפחה, אָדער זיין שבט״(41).

„אין דער אינסטיטוציע פון בלוט־ראַכע איז געווען איינגעוויקלט עפּעס אַ מין קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט... אויב ער דער שאָדן־טוער באַלאַנגט צו אַן אַנדער שטאַם, ווערט דער גאַנצער שטאַם גע־האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין האַנדלונג און אויב ער איז אַ מיטגליד פון אַן אַנדער שבט, קען מען זיך נוקם־זיין אָן זיינע שבט־מענטשן אָן אונטערשייד״(42).

די ווילדע פלעגן באַשטראָפן דעם שבט, דעם שטאַם, ניט דעם יחיד. מחמת דער יחיד, זייענדיק אַ סומע פון אַקציעס און פּאַסירונגען, און טוישנדיק זיין אידענטיטעט מיט די פּרטים פון זיין אויפפיר, האָט לאָגי־שערווייז ניט געקענט באַשטראָפט ווערן, סיידן מ׳האָט אים געכאַפּט אויפן אָרט, בשעת־מעשה, אין דער סאַמער פאַרברעכערישער אַקציע. נאָך דעם, שפּעטער־צו איז ער שוין געווען אַן אַנדערער אָדער גאָר ניט געווען בנמצא. די ווילדע האָבן געזען דעם שבט וועלכן זיי האָבן באַטראַכט אַלס עפּעס גאַנצעס, ממשותדיקעס און דויערהאַפטעס. און די פאַרבינדונג פון יחיד מיט זיין שבט האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן צו זיין פון גרעסערער האַפטיקייט, ווי די פאַרבינדונג וועלכע עקזיסטירט צווישן איין צושטאַנד און אויפפיר־סעגמענט פון דעם זעלביקן יחיד און אַ צווייטן צו־שטאַנד און אַן אַנדער הנהגה־שטיקל.

דער וואוקס פון יחיד־באַוואוסטזיין, פון זיין זעלבסטשטענדיקייט, זיין אידענטיפיקאַציע מיט זיך אַליין איז פון אין־לשער גרויסער חשיבות, און אָן דער דאָזיקער השגה קען מען קיין עטיק ניט בויען. דער דאָזיקער באַגריף פון יחידישקייט פאָדערט אַ פאַרטיפונג, אַן אינטענסיפיצירונג, ניט קיין אָפּווישונג. און דווקא דער אינדיווידואַציע־פּרינציפּ, דער אנכי־יהוה, איז דער יסוד פון עטיק הגם אין פלוג קען זיך אויסדוכטן אַז אָט־דער פּרינציפּ טראָגט מיט זיך פאַרניינונג פון מאָראַל. און די נאַטירלעכע רעאַקציע, אַלס שטראָף און סטראַשונעק, וועלכע עטיק האַלט צוגעגרייט פאַר דעם פאַרברעכער איז טאַקע דער פאַנאַנדערפאַל, די דעקאָמפּאָזיציע פון דער אינדיווידואַציע, די דעגענעראַציע און צעשפּליטערונג פון דער

גאַנצקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, אַ פענאָמען וועלכער איז שוין מער אָדער ווייניקער אויסגעפאָרשט געוואָרן פון פסיכיאַטריע.

דער פאַנאַנדערפאַל פון דער פערזענלעכקייט איז די נאַטירלעכע רעאַקציע וועלכע אַ סומע פון אומזאָראַלישע האַנדלונגען רופן סוף־כל־סוף אַרויס אין אַ שאַרפערער אָדער מילדערער פאָרם. די זאַך איז גאַנץ פשוט: דער רבים, דער ציבור איז דאָס גאַנצע און אַלערערשטע איינקייט. פון דער דאָזיקער איינקייט שיילט זיך אויס, מיט דער צייט און פאַמעלעך־ווירקנדיקן פראָצעס פון אַנטוויקלונג, דער צעל, דער יחיד מיט זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין. אָבער דאָס איז נאָר דער אָנהויב אָדער דער מיטן פון דער עוואָלוציע־ריכטונג. אין יחיד, אין זיין פסיכאָלאָגיע, אין זיין נשמה קומט פאָר דער זעלביקער פראָצעס וועלכער איז בלויז אַ המשך פון עפעס שוין לאַנג־לאַנג אָנגעהויבענעס וועלכעס וועט זיך קיין מאָל ניט פאַרענדיקן, נאָר וועט אָנגיין כסדר. דער יחיד נעמט זיך ווייטער טיילן, שפאַלטן און זיך צעגלידערן. קלענערע און מער אינטענסיווע „יחידימלעך“, זעלנצושטאַנדן, באַוואוסטזיין־מצבים נעמען זיך פאָרמירן און סעגרעגירן. די באַציאונג פון די אינעווייניקסטע „יחידים“ בנוגע זייער פסיכאָלאָגישן קאָלעקטיוו, וועלכער הייסט פערזענלעכקייט איז ענלעך אָדער אינגאַנצן גלייך צו דער באַציאונג, וועלכע ווערט פראַקטיצירט פון יחיד בנוגע זיין רבים, זיין ציבור, דער העכערער פערזענלעכקייט פון וועלכער ער שטאַמט אָפּ, פון וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשפאָלטן, זיך אַרויסגעטיילט. אויב דער יחיד רייסט זיך אינגאַנצן אָפּ, איגנאָרירט זיינע מיטמענטשן, פילט זיך אינגאַנצן פרעמד, לחלוטין אומאָפּהענגיק, און דערלויבט זיך צו האַנדלען, זיך אויפצופירן אַזוי אַז זיינע מעשים קענען שעדיקן, צעטרייסלען די גאַנצקייט פון ציבור, דעמאָלט וועט אָט־די טענדענץ פון צענטריפוגאַליטעט זיך מאַניפעסטירן אויך אין זיין „אינערלעכער פאָליטיק“, אין זיינע פאַרהעלטענישן בנוגע זיינע אייגענע „יחידים“, זיינע אַלגעמיינע רייך־פסיכאָלאָגישע אינדיווידן, איינצלנע פערצעפּציעס, זכרון־עלעמענטן, איבערלעב־איינסן, דערפאַרונג־אַטאָמען וועלן זיין אַן אָפּשפּיגלונג, אַ ווידערהאָלונג פון זיינע באַציאונגען צו זיין סאָציאַלן, שבטישן, פאָלקסטימלעכן איך. די לעצטע וועלן זיך נעמען איזאָלירן, „אינדיווידואַליזירן“ און אָפּרייסן זיך פון דער פערזענלעכקייט. אַנשטאָט צו קאָאָפּערירן וועלן זיי דיסאָפּערירן, אַנטקעגן אַרבעטן; זיי וועלן אַנטאַגאָניזירן אָנשטאָט זיך צו סאָלידאַריזירן. אַ פערזענלעכקייט פון אינעווייניק באַטראַכט איז מער ניט ווי אַן אַגרעגאַט, אַ צוזאַמענגעם, אַ פסיכאָלאָגישער קאָלעקטיוו. על־כן, דער אימאָראַלישער אויפפיר פון דער איינצלנער פערזאָן פירט אין אַ גראַדערליניע צו דער אָפּשוואַכונג פון די צענטריפעטאַלע כוחות וועלכע געפינען

זיך אין איר און ברענגט, נאָך אַ לאַנגער שורה פון מיסהאַנדלונגען, צו איר דיסאָלוציע, צו איר צעברעכונג.

און דאָס איז עס וואָס דער חומש רופט „כרת", „כרת תכרת הנפש ההיא מעמיה", אַ צעשפליטערונג פון דער זעל, אַ צעברעכונג פון דער גאַנצקייט פון דער נשמה.

מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן פון אַ פאַנאַנדערפאַל פון דער פּערזענלעכקייט.

„זי (פריילין ביוטשאמפּ) קען בייטן איר פּערזאָן פון צייט צו צייט, אָפט פון שעה צו שעה, און מיט יעדן בייט ווערט איר כאַראַקטער טראַנס־פאָרמירט און אירע דערינערונגען ווערן געאַנדערשט. אין צוגאָב צו איר רעאַלן, אָריגינעלן אָדער נאַטירלעכן זעלבסט, דער זעלבסט מיט וועלכן זי איז געבוירן געוואָרן און וועלכן נאַטור האָט בדעה זי זאָל זיין, קען זי ווערן איינע פון דריי פאַרשיידענע פּערזאָנען. איך זאָג דריי פאַרשיידענע פּערזאָנען דערפאַר, ווייל הגם זיי געברויכן אַלע דעם זעלביקן קערפּער, האָט, ניט־קוקנדיק אויף דעם, יעדע איינע פון זיי אַ מערקזאַם־פאַרשיידנ־אַרטיקן כאַראַקטער; די פאַרשיידנאַרטיקייט מאַניפעסטירט זיך דורך די פאַרשיידענע אופנים פון דענקען, דורך פאַרשיידענע אַנשויאונגען, גלויבונ־גען, ווידערווילן און טעמפּעראַמענטן, און דורך פאַרשיידענע דערוואַר־בונגען, געשמאַקן, הרגלים, דערפאַרונגען און זכרונות. יעדע וואַריאירט אין די דאָזיקע הינזיכטן פון די איבעריקע צוויי און פון דעם אָריגינאַל פריילין ביוטשאמפּ. צוויי פון די פּערזענלעכקייטן האָבן קיין שום וויסן ניט פון איינער דער אַנדערער, אָדער פון דער דריטער, מיט דער אויס־נאַם פון דער אינפאָרמאַציע, וועלכע מ'קען קריגן פון אַ צווייטער האַנט אָדער דורך שליסע, אַזוי אַז אין זכרון פון יעדער איינער פון די צוויי זיינען דאָ בלויזן וועלכע קאַרעספּאָנדירן מיט דער צייט ווען די אַנדערע זיינען אין לייב. פּלוצלונג כאַפּט זיך אויף איינע אָדער די צווייטע און געפינט זיך זי ווייסט אַליין ניט וואו, און זי ווייסט גאָרניט פון דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרן אָדער געטאָן געוואָרן אַ מאָמענט פאַרדעם. מער ניט ווי איינע פון די דריי באַזיצט וויסן מכוח די לעבנס פון די איבעריקע, און די איינע שטעלט פאָר מיט זיך אַזאַ טשיקאַוון כאַראַקטער, איז אַזוי ווייט אַוועק פון די איבעריקע אין אינדיווידואַליטעט, אַז די טראַנספאָרמאַ־ציע פון איינער פון די איבעריקע פּערזענלעכקייטן אין איר אַליין איז איינע פון די עכסט דערשטוינענדיקע דראַמאַטישע שטריכן פון דעם פאַל. די פּערזענלעכקייטן גייען און קומען אין אַ קאַליידעסקאָפּישן נאָכפאָלג, פילע טוישונגען ווערן געמאַכט אין אַ משך פון איין מעת־לעת. און אַזוי־אַרום פּאַסירט עס אַז פריילין ביוטשאמפּ, — אויב איך בין דערלויבט צו

געבראָכן דעם דאָזיקן נאָמען צו באַצייכענען מיט אים פֿילע זיך אונטערשיידנדיקע יחידים — זאָגט און טוט און פּלאַנעוועט און אַראַנזשירט עפּעס אין איין מאָמענט קעגן וואָס זי האָט פֿאַרדעם שטרענג אויסגעזעצט, איר געפֿעלן זאַכן וועלכע אַ ווײַלע צוריק וואָלטן געווען אָפּשײַלעך צו אירע אידייען, און פֿאַרקערט, זי צעשטערט און מאַכט קאַליע דאָס וואָס זי האָט מיט גרויס מי געפּלאַנט און אײַנגעאָרדנט״(43).

אַזוי־אַרום זײַנען דאָ גאַנצע פֿיר פֿרײַלינס ביוטשאַמפּ און איינע פֿון זיי הייסט גאָר סאַלי. סאַלי טוט אָפּ אַ שפּיצל. „זי דריבלט פֿאַנאַנדער די גאַנצע שטריקעכץ און ציט דעם באַוול און וויקלט אים אַרום די מעבל, דערנאָך פֿלעכט זי אים פֿון פֿאָרטרעט צו פֿאָרטרעט און דערנאָך צוריק צו די אַרטיקלען פֿון מעבל, דערנאָך אַרום זיך פֿילע מאָל, דערנאָך צוריק צו די מעבל, צום סוף פֿאַרבאַהאַלט זי די עקן ערגעץ־וואו אין בעט. סאַלי, וועלכע שטייט אין מיטן פֿון דער פֿאַרפּלאָנטערניש פֿון די פֿעדים, וועקט דעמאָלט אויף פֿרײַלין ביוטשאַמפּ וועלכע כאַפּט זיך אויף אין דער דאָזיקער פֿאַרווירעניש. דער באַוול־קאָלטן איז געווען אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט אַז זי האָט ניט געקענט אַרויס פֿון אים און זי האָט געמוזט אים צעשנײַדן...

אַמאָל האָט אויך פּאַסירט אַז סאַלי האָט ניט־נאָר צעדראַפּעט פֿרײַלין ביוטשאַמפּס אָרעמס, נאָר זי האָט אײַנגעריבן די קראַצן מיט אַלקאָהאָל און לעמאָן־זאַפֿט, מאַכנדיק אָן אָנשטעל אַז זי גלייבט אַז דאָס וועט איר העלפֿן. עס איז אינטערעסאַנט צו באַריכטן אַז ווען סאַליס צו־להכעיסטועכישן האָבן אָנגענומען די פֿאָרמע פֿון אַ דראָונג איבערצושנײַדן די האָר פֿון פֿרײַלין ביוטשאַמפּ. איז דער קלאַנג פֿון דער שערעלע געווען גענוג אויפֿצוּוועקן פֿרײַלין ביוטשאַמפּ און זי זאָל פֿאַרהיטן פֿון דעם אומגליק״(44).

„וואָס דאָ איז אַנטוויקלט אין אַן אָבנאָרמאַלן צושטאַנד איז בלויז אַן איבערגעטריבענע עלאַבאָראַציע פֿון מעגלעכקייטן וועלכע זײַנען אײַנגעבוירן אין יעדער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע״(45).

דער פֿאַל פֿון ביוטשאַמפּ איז אַ פּאַטאָלאָגישער, אָבער דאָס אייגענע קומט פֿאָר אין יעדער מענטשלעכער פּסיכיק. דער אונטערשייד איז בלויז וואָס אין אַ געזונטער נאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע קאָאָפּערירן אַלע די דאָזיקע פֿאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן וועלכע וואוינען אין דער זעל פֿון יחיד. ד. ה. זיי אָנדערקענען זיך אַלס באַשטאַנדטיילן, זיי גלייבן אין דעם פּרינציפּ פֿון דעם אינערלעכן איך, דעם אינערלעכן מאָנאָגאַאיזם. זיי האַנדלען עטיש, מיט סימפּאַטיע איינער צום צווייטן, זיי סאָלידאַריזירן זיך. בשעת אין דער פּאַטאָלאָגישער צעריסענער נשמה פֿון דעם אומעטישן מענטשן רײַסן זיי זיך אַרום איינער מיטן אַנדערן, זיי באַקעמפֿן איינער

דעם צווייטן. פונקט ווי שלעכטע מענטשן טוען בנוגע זייערע מיטמענטשן. זיי ווילן ניט אָננעמען דעם טעזיס מכוח מאָנאָעגאָאיזם. זיי ווילן ניט אָנ־דערקענען די גאַנצקייט פון דער גרופּע, פון אויסערלעכן אינ־טעראינדיווידואַליזם פון דער אויסערלעכער אינטעראינדיווידועלער אינדיווידואַליטעט. און דערפאַר אָנדערקענען ניט זייערע פּסיכיקעס דעם אייגענעם טעזיס בנוגע דער אינערלעכער אינטעראינדיווידועלער אינדיווי־דואַליטעט.

די פּרימיטיווקייט איז גאַנץ מחמת איר פעלט די קאָמפּליצירטקייט, די פיל־פּנימקייט, די סך־פאַלטיקייט. די פיל־פּערזענלעכע אַנטוויקלטע פאַר־מאָציע פון פּערזענלעכקייט, די צווישנפּערזענלעכע פּערזענלעכקייט פאַ־דערט אַ דירעקטיווע, אַן אויפפיר־ריכטשנור, אַן הנהגה־מאָדוס לויט וועלכן זי זאָל זיך ווענדן און קערן.

.23

די ביבל האָט אויסגעאַרבעט די לערע מכוח דעם „אתה בחרתנו", די דאָקטרינע וועגן דעם אויסדערוויילטן פאָלק וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט.

„און עס וועט זיין אויב געהאָרכן וועסטו געהאָרכן די שטים פון יהוה, דיין אלהים, צו היטן, צו טאָן זיינע אַלע געבאָטן וואָס איך באַפעל דיך היינט, וועט יהוה דיין אלהים דיך אַוועקשטעלן פון־אויבן איבער אַלע פעל־קער פון דער ערד" (שמ"ב).

„היינט־צו־טאָג יהוה דיין אלהים באַפעלט דיך צו טאָן די דאָזיקע סטאַטוטן זיינע און די משפטים, און דו זאָלסט (וועסט) זיי היטן און טאָן זיי מיט דיין גאַנצן האַרצן און מיט דיין גאַנצער זעל. יהוה האָסטו צוגע־זאָגט היינט אַז ער וועט זיין ביי דיר אַן אלהים און דו וועסט גיין אין זיינע וועגן און היטן זיינע סטאַטוטן און געבאָטן און משפטים און געהאָרכן זיין שטים, און יהוה האָט דיר צוגעזאָגט היינט אַז דו וועסט זיין פאַר אים אַ טייער פאָלק ווי ער האָט גערעדט צו דיר צו היטן זיינע אַלע געבאָטן, און ער וועט אַוועקשטעלן דיך פון־אויבן איבער אַלע פעלקער, וועלכע ער האָט געמאַכט, אין לויב און אין שיינקייט און דו וועסט זיין אַ הייליקער פאָלק צו יהוה דיין אלהים, ווי ער האָט גערעדט" (שמ"ג).

„אַזוי זיינען די אידן, ווען זיי טוען דעם ווילן פון רבונו־של־עולם, דעמאָלט שטייען זיי העכער פון אַלע אומות ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, „און יהוה וועט דיך אַוועקשטעלן פון־אויבן" (דברים כ"ח, א',) (שמ"ד).

„די אידן צווישן די נאַציעס זיינען ווי דאָס האַרץ צווישן די גליי־דער"(שמ"ה).

„און דער מיין איז געווען אַז אָט־די נאַציע (ישראל) זאָל פאַרמאָגן דעם ווערט לגבי די איבעריקע נאַציעס ווי דאָס ווערט פון דעם קעניג לגבי דעם המון־עם"(שמ"ו).

אָבער דער „אתה־בחרתנו" איז בלויז אויף אַ תנאי, אויב די אידן וועלן היטן די סטאַטוטן און זיך אויפפירן לויט תורת־משה, לויט דער לערע פון אני־יהוה, לויט דער דאָקטרין פון איכהייט און וועלן זיך פּראָ־קלאַמירן אַלס אַן איינקייט, אַלס אַן איך, און אַלע שבטים וועלן ווערן צונויפגעשמאָלצן און פאַרמירן אַ גאַנצקייט, אַ פּערזענלעכקייט.

און די פאַרערונג און פאַרהערלעכונג פון די אבות, פון די עלטערן און פאַרעלטערן, וועלכע די ביבל באַטאָנט אַזוי שטאַרק און ווערט ניט מיד צו ווידערהאָלן עס, דערקלערט זיך מיט דעם וואָס אויף אַזאַ אופן שמידט די ביבל די קייט, די פאָרטזעצונג פון דער איכהייט אין צייט, אין דער נאָכפאָלגונג פון די דורות. און אין דער ליבע צום מיטמענטשן לייגט די ביבל אַריין דעם פאַקט פון אויסברייטערונג און באַרייכערונג פון דער איכהייט אין רוים. דערפאַר טאַקע שילדערט דער חומש צום־אָנהויב דעם איבערגאַנג פון פאָטער צום זון, וועלכער איז אַ בן־יחיד, איין פאָטער־מוטער און איין זון. אַזויאַרום באַמיט זיך דער חומש צו קריסטאַליזירן די איכהייט, איינציקייט און איינקייט, השגה. אברהם האָט איין גוטן זון און דאָס איז יצחק. יצחק האָט איין אמת געטרייען זון און דאָס איז יעקב.

„עשו, איז אַ ברודער יעקבס, זאָגט יהוה, און איך האָב ליב געהאַט יעקבן"(שמ"ז).

„...און קיינער איז ניט געווען ווערט צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אדמען בלויז הבל, ווייל ער אַליין איז געווען גלייך צו אים (אדמען) און אַז קין האָט אים דערהרגעט צוליב דעם וואָס ער האָט זיך מתקנא־געווען אין זיינע מעלות, האָט ער געגעבן אָנשטאָט אים (הבלן) שתן. און ער איז געווען גלייך צו אדמען און ער איז געווען זיין סעלעקציע און האַרץ, און חוץ אים זיינען זיי געווען ווי שאָלעכץ. און זיין סעלעקציע איז געווען אנוש און עס איז דערגאַנגען ביז נחן דורך יחידים, וועלכע זיינען אַלע גלייך געווען צו אדמען און זיי האָבן געהייסן קינדער פון אלהים... מיר ציילן פון אדמען אָן ביז נחן און אַזוי פון נחן ביז אברהמען. און מעגלעך אַז עס זיינען געווען זיי צווישן זיי אַזעלכע צו וועמען די אלהים־אויפפאַסונג איז ניט צוגעשטאַנען, ווי תרח, אָבער אברהם זיין זון איז געווען אַ תלמיד פון זיין זיידן, עברן. און נאָך מער וואָס נח אַליין האָט יע באַגריפן און די אלהים־קאָנצעפּציע האָט ער איבערגענומען פון זיינע

עלטער־עלטערן און איבערגעגעבן צו די קינדסקינדער. און אברהם איז גע־וועז די סעלעקציע פון עברן און זיין תלמיד. דעריבער האָט מען אים גע־רופן עברי. און עבר איז געוועזן די סעלעקציע פון שמען, און שם איז גע־וועזן די סעלעקציע פון נחן... און אברהמס סעלעקציע פון זיינע זין איז געוועזן יצחק, און יצחקס סעלעקציע איז געוועזן יעקב, און עשו איז באַזיי־טיקט געוואָרן... און די קינדער פון יעקבן זיינען אַלע געוועזן אַ סעלעקציע און זיי זיינען געוועזן ראוי אויפצונעמען דעם אלהים־פּרינציפּ און אָט־דאָס איז דער אָנפאַנג פון דעם וואָס דער אלהים־באַנעם ווערט חל אויף אַ גאַנצע געמיינדע נאָכדעם ווי עס איז געוועזן בלויז אַ קנין פון איינצל־נע״(שמ״ח).

„פון די טעג פון אדם, שת און אנושן ביז נחן, שם און עברן, ביז אברהם, יצחק און יעקבן, ביז משהן, און אָט־די זיינען געוועזן דאָס הארץ פון אדמען און זיין סעלעקציע. און יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט קינדער, און די איבעריקע זיינען געוועזן ווי שאָלעכץ, ניט גלייך צו די אבות און דער אלהים־פּרינציפּ איז פון זיי ניט באַגריפן געוואָרן. און מיר ציילן פון די צו די, צו די אלהים־באַנעמער. און זיי זיינען געוועזן איינצלנע, ניט קיין פילע ביז יעקב אבינו האָט געבוירן צוועלף שבטים אַלע ראוי צו פאַרשטיין דעם אלהים־פּרינציפּ״(שמ״ט).

דערנאָך קומען די צוועלף זין פון יעקבן, און צוועלף שבטים וואַקסן אַרויס פון זיי. אָבער די צוועלף ווערן צעמענטירט דורכן באַוואוסטזיין פון זייער אייניקייט פון אַפּשטאַם. און מכירת־יוסף, דאָס פאַרקויפן פון אַ ברודער ווערט געמאָלן ווי אַ גרויסע זינד וועלכע ענדיקט זיך מיט אַן איבערבעטן־זיך פון אַלע ברידער און אַ פאַראייניקונג פון דער גאַנצער פאַמיליע. די זינד ווערט אָבער שטרענג באַשטראָפט. מצרים־שקלאַפעריי ווערט געמאָלן ווי אַן אָפּקומעניש פאַר יענעם גרויסן פאַרברעכן פון פאַר־פרעמדן אַן אייגענעם ברודער און פאַרשוועכן די הייליקייט פון דער משפחה־איכהייט. און אויך די עשרה הרוגי מלכות זיינען דער עונש פאַר דער זעלביקער זינד.

„און אַז די חכמים זיינען געקומען צו אים, האָט ער זיי געזעצט אויף גאָלדענע שטולן. און דער קיסר האָט זיך אָנגערופן צו זיי:

— איך האָב צו פרעגן אַ טיפן ענין, און איר זאָלט מיר נאָר דעם ריינעם אמת, געפינען לויט דעם דין, זאָגן.

— פרעג — האָבן זיי געזאָגט צו אים.

האָט ער צו זיי געזאָגט:

— דער, וואָס האָט אַוועקגעגנבעט איינעם פון זיינע אידישע ברידער און ער האָט אים פאַר אַ קנעכט געמאַכט און פאַרקויפט — וואָס קומט אים דערפאַר?

— די תורה זאָגט, ער זאָל געטויט ווערן — האָבן זיי געזאָגט צו אים.

האָט ער געענטפערט און געזאָגט צו זיי:

— אויב אַזוי, זיינט איר חייב מיתה.

האָבן זיי געזאָגט צו אים: — זאָג אונז פאַרוואָס.

האָט ער געזאָגט צו זיי: — פאַר דעם ענין פון מכירת יוסף: דער־פאַר, וואָס זיינע ברידער האָבן אים פאַר אַ קנעכט פאַרקויפט.

האָבן זיי געזאָגט צו אים: — אויב יעקבס קינדער האָבן פאַרקויפט זייער ברודער פאַר אַ קנעכט, וואָס זיינען מיר שולדיק? פאַרוואָס זאָלסטו אונדז הרגענען?

האָט ער צו זיי געזאָגט: — ווען זיי וואָלטן געלעבט, וואָלט איך זיי געמשפּט. איצט אָבער, אַז זיי לעבן ניט מער, וועט איר טראָגן די זינד פון אייערע עלטערן. וואָרים איר זענט די צען גרעסטע אידישע פאַר־שטייער פון דעם דור"...

„— ישמעאל, מיין זון, איך שווער ביי דיין לעבן, אַז אַזוי האָב איך געהערט מאחורי הפרגוד, אַז צען אידישע חכמים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן להריגה אין דער האַנט פון דער מלכות הרשעה. וואָרים זיינט די צען שבטים האָבן פאַרקויפט יוספן איז די „מדת הדין" מקטרג פאַר דעם כסא הכבוד שטענדיק און זי זאָגט: „האָסטו דען געשריבן אין דיין תורה איין וואָרט אפילו לבטלה? און אָט זיינען די שבטים, וואָס האָבן פאַרקויפט יוספן און דו האָסט זיי גאָר ניט אָפּגעצאָלט — ניט זיי און ניט זייערע קינדער". דעריבער איז נגזר געוואָרן אַ גזירה אויף צען אידישע חכמים, מען זאָל זיי מוסר להריגה זיין אין דער האַנט פון דער מלכות הרשעה.

האָט צו אים רבי ישמעאל געזאָגט:

— ביז איצט האָט גאָט ניט געפונען וועמען אָפּצוצאָלן, נאָר אונדז?

האָט צו אים געזאָגט גבריאל:

— איך שווער ביי דיין לעבן, ישמעאל, מיין זון, אַז פון זינט די שבטים האָבן פאַרקויפט יוספן האָט דער קודשא בריך הוא ניט געפונען אין איין דור קיין צען צדיקים און חסידים ווי די שבטים. דעריבער צאָלט איך גאָט פאַר די זינד, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען.

און נאָכדעם האָט רבי ישמעאל באַלד פון הימל אַראָפּגעגנידערט און ער איז אויף דער ערד אַראָפּגעקומען, און ער האָט געטראָפן די חברים זיינע אין תענית און אין תפילה פאַרברענגען.

האָבן זיי צו אים געזאָגט: — וואָס האָסטו אין האַנט?

האָט ער געזאָגט צו זיי: — גייט טובלט זיך און מאַכט זיך ריין און טוט אָן די תכריכים אייערע. וואָרים די גזירה איז פון גאָט. מען קען זי שוין ניט מבטל זיין.

און ער האָט זיי אויך דערציילט, אַז גבריאל האָט אים געוויזן דעם מזבח, אויף וועלכן מיכאל דער שר ישראל איז מקריב די נשמות פון די צדיקים צו גאָט.

האָבן די אַלע חברים זיך געפרייט און געקלאָגט, ווען זיי האָבן דאָס אַלץ געהערט. געקלאָגט האָבן זיי, וואָס עס איז אויף זיי אַזאַ שלעכטע גזירה נגזר געוואָרן, און געפרייט האָבן זיי זיך דערויף, וואָס גאָט האָט זיי פאַר אַזוינע צדיקים און חסידים ווי די שבטים פאַררעכנט"(ש"נ).

„די עשרה הרוגי מלכות זיינען געווען די קינדער פון יעקבן. און דער באַשולדיקער פון־אויבן האָט געזאָגט צום הייליקן־געבענטשט־איז־ער יענעם פסוק פון דער תורה: „און אַז איינער גנבעט אַ מענטשן און פאַר־קויפט אים דאַרף ער געהרגעט ווערן"... האָט דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער געפלאַנצט צען קערפּערס און האָט אין זיין אַריינגעטאָן זעלן — און זיי זיינען עס באַשטראָפט געוואָרן פאַרן פאַרקויפן יוספן"(שנ"א).

די ביבל פירט די איכהייט און איינציקייט־אייניקייט אַרויף צום אָנ־הויב פון אַלע מענטשלעכע אָנהויבן צו אברהמען און נאָך ווייטער אין רעטראָספּעקטיווע צו אדם הראשונען. אַזויאַרום ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק אַז די אידישע אומה איז איינע, שטעלט פאַר מיט זיך איין איכ־הייט; זי איז אַ סכיקייט וועלכע פליסט אַרויס פון איין פּערזאָן, פון אברהמען.

„מיר האָבן דאָך איין פאָטער און איין כוח האָט אונדז באַשאַפן, צו פאַרוואָס זאָלן מיר פעלשן איינער אין אַנדערן און פאַרשוועכן דעם בונד פון אונדזערע עלטערן"(שנ"ב).

און די גאַנצע מענטשהייט איז איין מענטש, איין איך, איין אדם.

„דעריבער איז אדם באַשאַפן געוואָרן איינער אַליין... דאָס איז צוליב שלום וועגן, בכדי קיינער זאָל ניט קענען זאָגן צו זיין חבר: מיין טאַטע איז גרעסער פון דיין טאַטן"(שנ"ג).

„פון איין עלטערפאָטער האָט ער באַשאַפן יעדע נאַציע פון דער מענטשהייט"(שנ"ד).

„בן עזאי זאָגט: „דאָס איז דער בוך פון מענטשנס געבורט" (בראשית ה', א') איז אַ גרעסערער כלל פון דעם „דו זאָלסט ליבהאָבן דיין פריינט ווי זיך אַליין"(שנ"ה).

„ווייל אַלע מענטשן קומען אַרויס פון איין פאָטער איז אַ גרעסערער כלל פון „און דו זאָלסט ליבהאָבן דיין פריינט ווי זיך אַליין", מחמת דער לעצטער האָט דאָך צו טאָן בלויז מיט אַ פריינט. און אַנדערע גיבן עס צו פאַרשטיין פון סוף־פסוק „אין דער גלייכעניש פון אלהים האָט ער אים געמאַכט" און מ'דאַרף אָפּהיטן דעם כבוד פון יעדן מענטשן"(שנ"ו).

די ביבל איז דער בוך פון דער געבורט פון מענטשן, פון דעם נייעם מענטשן וועלכער וועט ערשט געבוירן ווערן און די ביבל דורך איר איך־יהוה לערע העלפט צו שאַפן, שאַפט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם מענטשן־מענטשהייט. „זה ספר תולדות אדם" מיינט, לויט בן־עזאיס אויסטייטשט, אַז דער ספר־הספרים איז אַ בוך פאַרפּאַסט מיטן צוועק צו קולטיווירן, אַנטוויקלען, שאַפן דעם מענטשן, דעם אמתן מענטשן. און די גאַנצע תורה איז אַ בוך פון מענטשנס געבורט.

די גאַנצקייט, די איכהייט, די איין־פּערזענלעכקייט פון דער מענטש־הייט ווערט דורך אַ וואונדער שיינעם מיטאָס פּראָקלאַמירט.

די איבעריקע פעלקער, אויסער דער כנסת־ישראל, ווערן אַנדער־קענט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע נאַציעס. די ביבל באַטראַכט ניט פרעמדע פעלקערשאַפטן אַלס באַרבאַרן; ווי די גריכן און אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער וועלכע האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די וויניקער אַנט־וויקלטע פאָלקסטימער.

„דעריבער האָבן די העלענער ניט האַלט זיך אַנצורופן שקלאַפן, און באַגרעניצן דעם טערמין צו באַצייכענען די באַרבאַרן. דאָך, ווען זיי געברויכן די דאָזיקע שפּראַך מיינען זיי באמת דעם נאַטירלעכן שקלאַף פון וועלכן מיר האָבן גערעדט אויבן; וואָרים מ'מוז דאָך צוגעבן אַז אַנדערע זיינען שקלאַפן אומעטום, און אַנדערע אין ערגעץ־ניט. דעם זעלביקן פּרינציפּ קען מען אַנווענדן בנוגע אַדל־לייט. העלענער באַטראַכטן זיך אַלס אַדל־געבוירענע אומעטום, און ניט נאָר אין זייער אייגן לאַנד"(46).

דעם חומש קען מען ניט באַשולדיקן אין טיילן אַזאַ פאַרריסן־אַריס־טאָקראַטישן שטאַנדפּונקט. די איבעריקע פעלקער ווערן פאַרמשפּט און באַשטראָפט פאַר זייער שלעכטן אויפפיר, אָבער ניט פאַר זייער אָפּשטאַם. דער שטראָף ווערט באַצייכנט פון חומש אַלס אַ פּועל־יוצא פון זייער אָפּ־שיילעך הנהגה, זייערע אומעטישע האַנדלונגען. די אידישע אויסדערווײלט־קייט ווערט ניט באַגרינדעט אויף אַ ראַסן־לערע, אויף אַ ריינעם ביאָלאָגישן אַרויסקום, אויף דער קוואַליטעט פון זייער בלוט און פלייש. „עשו" איז

דאָך יעקבס אַ ברודער, נאָר אויף דעם אָפּהיט פון אַ באַשטימטער צאָל פאַרשריפטן וועלכע ווערן אָנגענומען פריוויליק, אויף איבער־צייגונגען און לעבנסשטייגערס וועלכע געפינען זיך אין קאָרעספּאָנדענץ מיט מאָראַ־לישע איינזעעניש.

אַפּשטאַם שפּילט ניט קיין ראָלע פון שטאַנדפּונקט פון דער אידישער אידעאָלאָגיע. די משיח־דינאַסטיע שטאַמט אָפּ פון אַ גרטע, פון פרעמדע בלוטן, ניט פון אַ ריינעם אידישן שבט.

„האָט געזאָגט רבי יוסי דער זון פון קסמא: איך פרעג זיך אויב די גאַנצע מגילה איז אָנגעשריבן געוואָרן בלויז אָנצוצייגן ד'עם יחוס פון דודס זאָמען, איז אויף וואָס האָט ער עס אַלץ געדאַרפט? עס וואָלט דאָך זיין גענוג אָנצודייטן דעם אָפּשטאַם פון בועזן וועלכער האָט גענומען רותן? און ער זאָגט אונדז: דאָס איז די גענעאָלאָגיע פון פרצן ביז ישין און פון ישין איז דוד געבוירן געוואָרן. נאָר דאָס אַלץ פאָדערט זיך צוליב דער צדקנית וועלכע איז געקומען זיך מגייר־זיין און זיך שיצן אונטער די פליגלען פון דער שכינה, און אונדז צו לאָזן וויסן איר באַשיידנקייט און צניעות און איר צדקות"(שנ"ז).

די גאַנצע מגילה איז אָנגעשריבן געוואָרן בכדי צו פאַרניינען די בלוט־לערע, די אָפּשטאַם־טעאָריע.

און ווען די אידן, די אויסדערוויילטע, די עם־סגולהניקעס, די אתה־בחרתנוקעס וועלן זיך אויפפירן אוממאָראַליש, האָבן שלעכטע מידות, וועלן זיי כאַפּן דעם זעלביקן מיאוסן אָפּשניט, קריגן דעם זעלביקן פּסק, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן געקראָגן. די אידן זיינען ניט קיין „יחסנים", זייער יחוס איז אַ יחוס עצמו, אַ יחוס פון בעסערער הנהגה, פון שענערן אויפפיר, זייער אויסדערוויילטקייט לייגט אַרויף אויף זיי פליכטן. און לויט די פליכטן קומען די רעכט. זייערע „פּריווילעגיעס" זיינען פאַרדינטע און אַלץ ווערט זיי געגעבן אויף אַ באַדינג אויב זיי וועלן זיך אויפפירן ניט ווי אַ ספּעציעל עטנישע, נאָר אַ ספּעציפיש עטישע גרופּע.

„וואָרים צוליב דער שלעכטסקייט פון יענע פעלקער פאַרטרייבט זיי יהוה, דיין אלהים, פון־פאַר דיין געזיכט"(שנ"ח).

„און צוליב די דאָזיקע אָפּשײלעכקייטן פאַרטרייבט זיי יהוה, דיין אלהים, פון־פאַר דיין געזיכט"(שנ"ט).

„און עס וועט זיין אויב פאַרגעסן וועסטו פאַרגעסן יהוה, דיין אלהים, און דו וועסט גיין נאָך פרעמדע געטער און דו וועסט זיי דינען, און דו וועסט זיך בוקן צו זיי, וואָרן איך אייך היינט, אַז אומקומען וועט איר אומקומען; ווי די פעלקער וואָס יהוה ברענגט אום פון־פאַר אייער גע־

זיכט, אָט־אַזוי וועט איר אומקומען דערפאַר וואָס איר געהאָרכט ניט די שטים פון יהוה, אייער אלהים״(ש״ס).

„איר זאָלט זיך ניט פאַראומרייניקן אין דעם אַלעם, וואָרים אין דעם אַלעם האָבן זיך פאַראומרייניקט די פעלקער וועלכע איך שיק אַרויס פון־פאַר אייער געזיכט, און דאָס לאַנד איז פאַראומרייניקט געוואָרן און איך האָב געזוכט זיין זינד אויף אים, און דאָס לאַנד האָט אויסגעשפּיגן זיינע איינוואוינער. און איר זאָלט היטן מיינע סטאַטוטן און מיינע משפּטים, און איר זאָלט (וועט) ניט טאָן די דאָזיקע גרוילן... וואָרים די דאָזיקע אַלע גרוילן האָבן געטאָן די מענטשן פון לאַנד וואָס זיינען געווען פאַר אייך און דאָס לאַנד איז פאַראומרייניקט געוואָרן, און דאָס לאַנד וועט אייך ניט אויסשפּייען... ווי עס האָט אויסגעשפּיגן דאָס פאָלק וואָס איז געווען פאַר אייך״(שס״א).

„און איר וועט (זאָלט) היטן אַלע מיינע סטאַטוטן און אַלע מיינע משפּטים. און איר וועט (זאָלט) זיי טאָן, וועט אייך דאָס לאַנד ניט אויס־שפּייען וואוהין איך ברענג אייך זיך צו באַזעצן אויף אים. און איר זאָלט ניט גיין אין די סטאַטוטן פון דעם פאָלק וועלכן איך טרייב אַרויס פון־פאַר אייער געזיכט, וואָרים זיי האָבן דאָס אַלץ געטאָן און איך האָב זיי פאַר־מיאוסט״(שס״ב).

עס איז ניטאָ קיין נשיאת־פּנים, קיין פאַוואָריטיזם. שלעכטער אויפ־פיר וועט אַרויסרופן די אייגענע רעאַקציע מצד דאָס לאַנד. און מיט די קינדער פון ישראל וועט פּאַסירן דאָס אייגענע וואָס מיט די פאַרדעמדיקע פעלקער. וואָס דער חומש טוט איז דאָס, ער דערקלערט דעם אידישן קיבוץ פאַר אַ באַוואוסטזיניקע איניציאַטיוו־עטישע מינדערהייט, וועלכע דאַרף דינען אַלס מוסטער פון מאָראַלישן פאָלקסוועג, פון עטישן דרך־הישר. ווייל די דאָזיקע נאַציע פאַרמירט אַ איכהייט, אַן אויסגעהאַלטענע זעלבסטהייט, איז אַ איך־פאָרמאַציע, אַנדערקענט דעם פּרינציפּ פון אנכי־יהוה, פון דער איכהייט.

און דעם חומש ווערט ניט נמאס צו ווידערהאָלן אַזויפיל מאָל דעם „אני־יהוה״ אָדער, נאָך פולער, „אני יהוה אלהיכם״, ווייל דאָס איז דער גרונט־פּרינציפּ, דער יסוד פון אַלע יסודות, דער ערשטער פּאָסטולאַט, דער עיקר פון אַלע עיקרים אויף וועלכן די גאַנצע תורה איז אויפגעבויט.

די גאַנצקייט, די זעלבסטהייט, די איך־אייניקייט פון דעם פאָלק, דער באַוואוסטזיין פון זיין גאַנצקייט, אָרגאַנישקייט ווערט שטאַרק און פעסט פאַרפונדעוועט. און אויף דעם פונדאַמענט ווערט אויפגעבויט דער הימל־טורעם פון דער איכהייט, איך־אייניקייט, איך־איינציקייט פון דער גאַרער מענטשהייט, אַן אידייע וועלכע ווערט אַזוי דייטלעך אַקצענטירט פון די

פראָפעטן, איבערהויפט ישעיה. די גאַנצע ביבלישע עטישע וועלט־מענטש־אויפפאַסונג באַזירט זיך אויף דעם פרינציפּ פון אני־יהוה.

און דער חומש איז אויסגעהאַלטן. גלייך פון סאַמע אָנהויב לייגט ער אַוועק דעם פונדאַמענט פון איכהייט אַלס יסוד פון דעם בונד וואָס האַלט מענטש, פאָלק, מענטשהייט און וועלט צוזאַמענגעפרעסט אין איין אַרומאַרמונג.

„ואני הנני מקים את בריתי אתכם"(שס"ג). און דער איך אָט־אַזוי ריכט איך אויף מיין בונד מיט אייך.

„אני הנה בריתי אתך"(שס"ד). דער איך דאָס איז מיין בונד מיט דיר.

„ואני זאת בריתי אותם"... און דער איך דאָס איז מיין בונד מיט זיי... און מיין וואָרט וואָס איך האָב אַריינגעטאָן אין דיין מויל וועט זיך ניט אָפּטאָן פון דיין מויל און פון דעם מויל פון דיינע קינדער און פון דעם מויל פון דיינע קינדס־קינדער, זאָגט יהוה, פון איצטער־אָן ביז אויף אייביק"(שס"ה).

וועלכער וואָרט וועט זיך ניט אָפּטאָן פון אונדזער מויל? דער וואָרט איך, און דער איך דאָס איז דער בונד.

„די ניו יאָרקער טעלעפאָן־געזעלשאַפט האָט געמאַכט אַ דעטאַליזירטן שטודיום פון טעלעפאָן־געשפּרעכן אום אויסצוגעפינען וועלכער וואָרט ווערט אָממערסטן געברויכט. און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דאָס איז דער פערזענלעכער פּראָוואָרט „איך". עס איז געברויכט געוואָרן 3,900 מאָל אין 500 געשפּרעכן. „איך", „איך", „איך", „איך", „איך", „איך"(47).

און דער וואָרט איז דער איך, וועלכן יעדער מוז געברויכן און וועט געברויכן פון איצטער אָן ביז אין אייביקער אייביקייט אַריין. דאָס איז אַ וואָרט וועגן וועלכן מ׳קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ער וועט זיך ניט אָפּטאָן פון דעם מויל פון אונדזערע קינדסקינדער. און אָט אויף דעם וואונדערלעכן וואָרט האַלט זיך די גאַנצע תורה, די גאַנצע נבואה און די גאַנצע אידישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז אַן עגאָסאָפיע, אַ יהוה־סאָפיע.

.24

אין העברייאיש אַ נאָמען הייסט שם. אַ נאָמען ווייזט אונדז, זאָגט אונדז אַז די סומע פון די וואַריעטעטן, פון די אַנדערשדיקייטן וועלכע גייען אַריין אין כלל פון אַן אָביעקט, זיינע טראַנסמוטאַציע־צושטאַנדן, די

דיפערענץ־דעמאָנסטראַציעס און די אויסדוקטנדיקע טוישונגען וועלכע ער מאַניפעסטירט, ווען מ׳קוקט זיך גוט צו אים צו, זיינען אין תוך געגומען, נאָך אַ טיפערן אַריינטראַכט אין זיין מהות, איין און די זעלביקע זאַך און דאָס אייגנטלעך איז דער באַטייט פון שם. עס מיינט זעלביקייט אונטער פאַרשיידענע אומשטאַנדן. און דעריבער באַצייכנט טאַקע די ביבל גאַנץ אָפט מיט דעם וואָרט שם דעם פּרינציפּ פון זעלבסטהייט, פון איכהייט. דער שם איז דער טערמין וועלכער דריקט אויס דעם סאַמע עיקר פון יהוהטום, פון זעלבסטקייט, פון אני־יהוה.

„איך בעט דיך, שם, (זעלבסטהייט) פאַרגיב די זינד און די אומ־גערעכטיקייטן״(שס״ו).

יעדער נאָמען איז אַ באַהויפּטונג וואָס ווערט געמאַכט מכוח דער איכיקייט און זעלביקייט פון דעם אָביעקט, פון דער פּערזאָן, פון זיין אידענטיטעט. יהוה איז דער איך און זעלבסט פון דער וועלט, דער יסוד פון אידענטיטעט, און דערפאַר באַצייכנט אים דער חומש מיטן טערמין שם, נאָמען, וואָס מיינט אוניפיקאַציע און אידענטיפיקאַציע פון דעם אוניווערסום, פון דער דיפערענצירטער און ענדלאָזער צאָל פון דערשיי־נונגען און פּראָצעסן. יהוה איז די העכסטע פאַראַלגעמיינערונג.

„די דערפינדונג פון צאָל־געזעצן באַזירט זיך אויף דעם בראשיתדיקן און־צום־אָנפאַנג־אָנגענומענעם אויסדוקט אַז פילע ענלעכע קעגנשטאַנדן עקזיסטירן, (הגם, אַלס אַ טאַט־זאַך, איז גאָר ניטאָ בנמצא קיין דופּליקאַט) אָדער, לכל־הפּחות, אַז עס זיינען דאָ קעגנשטאַנדן... דער טעזיס מכוח פּלוראַליטעט זעצט תמיד פאָראויס אַז עס עקזיסטירט עפּעס אַזעלכעס וועלכעס מאַניפעסטירט זיך איבערגעחזרטערהייט, אָבער דאָס איז דאָך טאַקע וואו דער אויסדוקט הערשט״...(48).

„לייבניץ אינפאָרמירט אונדז אַז אין דעם ברייטסטן סאָד קען מען ניט געפינען צוויי בלעטער אויף אַ בוים וועגן וועלכע מ׳זאָל קענען זאָגן, נאָך אַן אונטערזוכונג, אַז זיי זיינען לגמרי ענלעך״(49).

ניט נאָר זיינען ניט צוויי קעגנשטאַנדן גלייך, באמת ענלעך, איינער צום אַנדערן, נאָר קיינמאָל פּאַסירט ניט אַז אַ קעגנשטאַנד זאָל זיין גלייך צו זיך אַליין ווען ער געפינט זיך אונטער אַנדערע אומשטענדן און אין אַן אַנדער מאָמענט. „מ׳קען צוויי מאָל ניט דורכבראָדזשען דורך דעם זעלביקן שטראָם״. ניט דער שטראָם אַליין באַזיצט אָט־די אייגנשאַפט. נאָר יעדע זאַך, יעדער אָביעקט האַלט כסדר אין איין פליסן, זיך אַנדערשן. אָדער ער ווערט אינגער אָדער ער ווערט עלטער. ער בלייבט אָבער קיינמאָל ניט ווי ער איז געווען. די אידענטיפיקאַציע פון די קעגנשטאַנדן פון פּערזאָנען, פון פּראָצעסן ווערט דערגרייכט דורך דעם „נאָמען״, דורך

דעם שם, דורך דער אַקציע פון באַוואוסטזיניקן איגנאָרירן פון דער אַנ־דערשדיקייט.

„באמת, אין יענער צייט איז די וועלט געווען אומדיפערענצירט. זי איז געוואָרן דיפערענצירט בלויז דורך דעם נאָמען און פאָרם... און אפילו היינט צו טאָג איז די וועלט דיפערענצירט בלויז דורך דעם נאָמען"(50).

צו אָנרופן אַ זאַך, אָדער אַ פּערזאָן, מיינט צו עטאַבלירן דעם קעגנ־שטאַנד, די פּערזענלעכקייט, אַרויסשיידן און אַרויסשיילן עס פון דאָס גאַנצע, צו מאַכן פון דעם אַן איינציקייט, וועלכע איז גלייך צו זיך אַליין. צו געבן אַ קעגנשטאַנד אַ נאָמען הייסט צו מאָדעלירן אים, געשטאַלטן אים, צוגעבן אים אַ פּנים. צו נאָמינירן אַן אָביעקט מיינט צו פּיזיאָנאָמירן אים, צו שאַפן פון אים דעם סובסטראַט פון אַ פּערזענלעכקייט.

„און אדם האָט געגעבן נעמען צו אַלע בהמות, צו די פויגלען פון הימל און צו אַלע חיות פון פעלד"(שם־ז).

און דאָ ווייזט זיך אַרויס דער כוח פון וואָרט, פון נאָמינאַציע. אין אָנהויב פון אַלע זאַכן איז געווען דאָס וואָרט, דער נאָמען, דער הויפּט־נאָמען, דער סובסטאַנטיוו, מחמת אָן דעם נאָמען וואָלט די זאַך קיין זאַך ניט געווען, נאָר אַ סומע פון זיך־ענדערנדיקע עפּעסן. נאָמינאַליזם פאַר־דינט אַ בעסערע באַציאונג צו זיך, איז ווערט אַ העכערע אָפּשאַצונג. אַ נאָמען איז אַ גרויסע קראַפט, גרעסער, אַ סך גרעסער ווי מיר שטעלן זיך געוויינטלעך פאָר. און דער טעם פון דעם איז דאָס וואָס דער נאָמען פיקסירט, קאָנסאָלידירט און עטאַבלירט די זעלביקייט פון דער ענדרלעכקייט אין אַלע מאַניפעסטירונגען פון קעגנשטאַנדן, פּראַצעסן און פּערזענלעכקייטן. און אין דעם ליגט די גבורה פון שם וועלכע איז אַ גבורת־הבורא.

דער גריך האָט באַצייכנט די זעלביקייט דורך דעם וואָרט קאָסמאָס. פון כאָאָס איז אַרויסגעקומען דער קאָסמאָס, דער סדר איז אַרויסגעוואָקסן פון פאָרמלאָזיקייט, פון געשטאַלטלאָזיקייט. אַ באַשטימטקייט, אַ געזעצט־קייט, אַ דעפיניטיוויטעט איז אַנטשטאַנען פון אַ תהו־ובהו אַרויס. דער פּאַרצייטיקער איד האָט באַצייכנט די זעלביקייט, דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־הייט מיטן וואָרט שם(שעם), דער נאָמען, דער וואָרט וועלכער זעלביקט. אין העברייאיש שם איז דאָס אייגענע כמעט ווי שם (שאָם), דאָרטן, רוים, אָרט. ווייל רוים שנירלט אַרויף אַלע קעגנשטאַנדן ווי קאָרעלן, ווי פּאַ־טשערקעס אויף דעם פאָדעם פון דער זעלביקייט. אָבער שם (שעם) איז אַבסטראַקטער פון שם (שאָם), רוים איז צו ממשותדיק...

„אויב דו וועסט ניט היטן צו טאָן אַלע אָנזאָגונגען פון אָט־דער

תורה וואָס זיינען געשריבן אין דעם דאָזיקן בוך מורא צו האָבן פאַר דעם שם, דעם געערטן און פורכטזאַמען, דעם יהוה דיין אלהים״(שס״ח).

שם מיינט ניט פשוט נאָמען, נאָר עצם־מהות, דער פּאָסטולאַט פון אידענטיטעט, דער יסוד פון דער זעלבסטהייט־זעלביקייט.

„דער יסוד פון אַלע יסודות און דער זייל פון חכמה איז צו וויסן אַז עס איז דאָ אַ שם, דער ערשטער אָביעקט וועלכער אָביעקטיווירט אַלע אָביעקטן„(שס״ט).

דאָס וואָס דער גריך האָט גערופן קאָסמאָס, האָט דער חומש באַ־צייכנט מיטן וואָרט שם, די קווינטעסענץ פון זעלבסטהייט, פון זעלביקייט, פון אידענטיטעט. לויטן חומש איז דאָ מער ווי גלאַט אָרדנונג. עס איז דאָ פאַראַנען אַ בפירושדיקע, ממשותדיקע אייניקייט און איינציקייט, אַן אחד, אַ אוניפיקאַציע, אַ שם, אַ אנכי־יהוה.

פון שם (שיים) צו שם (שאָם) איז איין טריט. און די מדרשים און תלמוד איז ניט שווער געווען איבערצוגיין פון שם צום וואָרט מקום אַלס אַ באַצייכענונג פון יהוה. „מקום״ מיינט אַן אָרט, הגם „צייט״ איז אַבסטראַק־טער און דער חומשדיקער „בראשית״ איז אַן איידעלערער באַגריף און אַ בעסערער כינוי פאַר יהוה, פאַר כביכול, איידער מקום.

די זעלביקייט, און ניט דער סדר, די סיסטעמאַטישקייט אין נאָכפאָלג און אין קאָעקזיסטענץ, איז דער פאַראַל־וואָרט פון דער וועלט. אָרדנונג איז אַ שפּעטערדיקער ענין. די זעלבסטהייט, און ניט גלאַט אַזוי איינ־אָרדנונג, איז דער יסוד אויף וועלכן דער פּאַרציייטיקער איד, דער עגאָ־סאָף, האָט אויפגעבויט זיין וועלט־באַנעם, מענטש־באַגריף און קולטור־אויפפאַסף.

„די זעלביקייט אין אַ מולטיפּליציטעט פון אָביעקטיווע דערשיינונגען איז בזה־האופן דער באַזיס פון אונדזער גלויבן אין רעאַליטעטן מחוץ פון אונדזער מחשבה״(51).

„דער חוש פון זעלביקייט איז דער סאַמע ריף און חוט השדרה פון אונדזער דענקען. מיר האָבן געזען... ווי דאָס באַוואוסטזיין פון פער־זענלעכער אידענטיטעט רוט אויף דעם, דער קעגנוואַרטיקער געדאַנק גע־פינט אין זיינע זכרונות אַ חמימות און אַן אינטימקייט וועלכע ער שפירט איצט. אַנדערע פילאָזאָפן זאָגן אַז דער דאָזיקער געפיל פון אידענטיטעט פון דעם דערקענענדיקן סוביעקט איז די אינסטרומענטאַליטעט דורך וועל־כער די גאַנצע וועלט האַלט זיך צוזאַמען. עס זעט אויס צו זיין כמעט ווי איבעריק צו זאָגן אַז דער אידענטיטעט־חוש פון דעם דערקענטן אָביעקט וואָלט פונקט דערפילן די זעלביקע פונקציע, אפילו ווען דער געפיל פון סוביעקטיווער אידענטיטעט וואָלט פאַרלאָרן געגאַנגען. און אָן דער כוונה

צו דענקען אַלס די זעלביקע אַנדערע קעגנשטאַנדן ווידער אַמאָל און ווידער אַמאָל און דעם געפיל אַז מיר טוען עס טאַקע אַזוי, וואָלט דער חוש פון אונדזער אייגענער פּערזענלעכער זעלביקייט געקענט אויפטאָן גאַנץ ווייניק אין דעם ענין פון שאַפן אַ אוניווערסום פון אונדזער דערפאַרונג.

אויך איצט, די וועלט מעג זיך זיין אַ פלאַץ וואו דער זעלביקער קעגנשטאַנד איז ניט געקומען און וועט בשום אופן ניט קומען צוויי מאָל. דער קעגנשטאַנד וועלכן מיר האָבן בדעה אַנצוצייגן מעג זיך ענדערן „פון קאָפּ ביז די פיס״, און מיר מעגן בלייבן אומגעוואר פון דעם פאַקט... אונדזער מיין איז צו טראַכטן פון דאָס זעלביקע. דער נאָמען, וועלכן מיר האָבן געגעבן דעם פּרינציפּ, רופנדיק אים דאָס געזעץ פון באַשטענדיקייט אין אונדזערע מיינונגען, אַקצענטואירט זיין סוביעקטיוון כאַראַקטער און רעכטפערטיקט אונדז אין פעסטשטעלן אים אַלס דעם וויכטיקסטן שטריך פון אונדזער מענטאַלער סטרוקטור״(52).

דזשיימס זאָגט אַז דער חוש פון אידענטיטעט פון דעם דערקענטן אָביעקט וואָלט דערפילן די אייגענע פונקציע, און פאַרקערט, דער חוש פון אידענטיטעט פון דער פּערזענלעכקייט וואָלט ניט זיין גענוג צו שאַפן אַ אוניוועסום פון אונדזערע דערפאַרונגען. ער איז גערעכט אַז אין דער לעצטער אינסטאַנציע טוט עס דער חוש פון אידענטיטעט אַנגעווענדט צום דערקענטן אָביעקט, אָבער עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַז אַ סוביעקט, אַ דערקענער זאָל אַננעמען דעם אָביעקט, דאָס דערקענטע אַלס אידענטיש און זיך אַליין, דעם דערקענער און דעם חוש פון אידענטיטעט אַריינגערעכנט בכלל דעם דערקענער, אַלס ניט אידענטיש. ווען דער דערקענער וואָלט זיין אין יעדער אַקציע פון דערקענטעניש אַן אַנדערער ווי אַזוי וואָלט ער גאָר קענען משער זיין אַז דער אָביעקט וועלכן ער דערקענט איז דער אייגענער. ער קען דאָך פעסטשטעלן די אידענטיטעט פון דערקענטן אָביעקט מער ניט ווי דורכדעם וואָס ער דער אייגענער דערקענער נעמט אים אויף צוויי מאָל, עטלעכע מאָל. אָבער ווען ער אַליין וואָלט זיין אַן אַנדערער וואָלט ער דאָך קיינמאָל ניט געווען בכוח אויפצונעמען, דערקענען דעם אָביעקט צוויי מאָל און ממילא וואָלט דאָ קיין שום אידענטיטעט ניט געווען שייך. און פון דער אידענטיטעט פון דעם דערקענטן אָביעקט אָן דער פאָרדעמדיקער אידענטיטעט פון דערקענער וואָלט זיך בשום אופן ניט געקענט שאַפן קיין בילד פון אַ אוניווערסום.

די איך־אידענטיטעט, די זעלבסט־זעלביקייט מוז גיין פאָראויס, דערנאָך ערשט קען קומען דער אידענטיטעט־חוש בנוגע דעם דערקענטן אָביעקט.

„אַ מענטש דאַרף פאַרהערלעכן דעם געדאַנק וואָס ער איז טאַקע ער זעלבסט, מחמת אין דעם ווערן אַלע די דאָזיקע איינס, די זעלביקע זאַך, אייגטלעך, דער דאָזיקער זעלבסט איז דער שפּור פון דעם אַלץ, מחמת דורך אים דערקענט מען דעם אַלץ״(53).

עס איז אַן אינערלעכע אידענטיטעט וועלכע אויסערסט זיך, וועלכע עקסטערנאַליזירט זיך. עס איז ניט אַ סוביעקטיוויזאַציע פון אַן אָביעקט, נאָר, פאַרקערט, די אָביעקטיוויזאַציע פון סוביעקט. דער עגאָ, דער אנכי עקספּאַנדירט. די וועלט ווערט אַן „עולם״, אַ סומע איכן, און אַן עולם־ועד, אַן „אייביקייט״, אַ סומע פּראָצעסן וועלכע ציען זיך אומענדלעך. די אייביקייט ווערט אַ וועלט. ניט אָרדנונג נאָר צייט גענומען אין איר פּאָרט־זעצונג און ריינער אידעאַלער זעלביקייט ווערט דער צייכן און סימבאָל פון דער וועלט. צייט איז דער מהות פון זעלביקייט, פון פולער, פּערפעק־טער אידענטיטעט. זי איז אי דאָס בילד און אי דער ראָם אין וועלכן דער פּאָרטרעט פון דער אייגענער זעלביקייט ווערט אַריינגעפּאַסט.

„פאַר אייביק, יהוה, איז דיין וואָרט אַוועקגעשטעלט אין די הימלען״ אין די דאָרטנס, אין רוים.

אייביקייט איז די גרעסטע, לאַנגסטע זעלביקייט פון פּראָצעסן, גע־שעענישן. דער אידישער פאַרצייטיקער פילאָזאָף הויבט אָן מיטן אָנפאַנג, מיט בראשית, מיט צייט, מיט דאָס עכסט אַבסטראַקטע זעלביקייט. ביי אים זיינען ניטאָ קיין קעגנשטאַנדן, ביי אים זיינען דאָ פּאַסירונגען, מעשים, פּראָצעסן, ניט דערשיינונגען. רוים איז אַ צוגאָב צו צייט. רוים איז אַ פאַרגעדיכטונג פון צייט. ביידע צייט און רוים זיינען קאָנסאָלידירנדיקע פאַקטאָרן פון דעם אוניווערסום, פון דעם אחד אין דעם רבים, פון דער איינקייט־איינציקייט אין דער סכיקיים. די וועלט איז ניט קיין אָרדנונג, איז ניט קיין אָרגאַניזאַציע, אַ צוזאַמענקלייב, אַ קאָלעקציע פון פאַרשיי־דענע שטראַלן און זייער צוזאַמענגוס אין איין דאָזיין־זון דורך אַ סינ־טעטישן פּראָצעס. פונקט דער היפּוך, עס איז אַ פאַל פון אַן עמאַנאַציע, אַן אַרויסגוס פון איין קוואַל אַרויס.

און דאָס איז די ביבלישע לערע מכוח דעם שם, דעם ראשית און אחרית, דער עפענונג און דעם שלוס. דער אָנפאַנג און אויסלאָז, די התחלה און דער סיום זיינען פאַראייניקט און פאַראיינציקט. זעלביקייט־פאַרשיידנקייט — זעלביקייט איז די דרייפאַכיקע פאָרמולע וועלכע דריקט אויס די ביבלישע אידיש־עגאָסאָפישע וועלט־השגה. די גאַנצע סומע פון אַלע מעגלעכע און טראַכטבאַרע וועלטן מיט זייערע מאָדוסן איז רע־דוצירט צו איינס און דאָס זעלביקע, צום שם, צו זעלבסטהייט.

„דו ווערסט (זאָלסט) ניט טראָגן דעם שם פון יהוה, דיין אלהים, אומזיסט, מחמת יהוה וועט ניט ריינמאַכן דעם וועלכער טראָגט זיין שם אומזיסט"(ש"ע).

דאָס איז איינער פון די עשרת הדברות.

„וואָס ער האָט ניט געטראָגן אומזיסט מיין זעל", עס שטייט געשריבן „זיין זעל" און דאָס איז די שכינה וועלכע הייסט די זעל פון דודן. און דער קרי און דער כתיב ציינן אָן אויף איין זאַך, און דאָס ווערט געברויכט אין דער אייגענער אינטערפּרעטאַציע ווי דער „דו ווערסט ניט טראָגן דעם שם פון יהוה, דיין אלהים, אומזיסט", „אַריינצוטאָן זיין שם דאָרט", פאַרטייטשט דער תרגום אונקלוס: „צו לאָזן רוען זיין שכינה דאָרט". און יעדע זעל, וועלכע האָט אַ פאַרהעלטעניש צו דעם אויבערשטן, געבענטשט־איז־ער, איז די שכינה"(שע"א).

דו זאָלסט און ווערסט ניט טראָגן דעם נאָמען, די זעלביקייט, דעם עצם־מהות פון יהוה, פון איכהייט, אומזיסט, אָן ריכטיקן געברויך, אָן געהעריקער אָנווענדונג. דער מענטש, דער איד דאַרף באַגרייפן אַז ער טראָגט אין זיך די זעלביקייט פון עגאָ, און ער געברויכט כסדר דעם שם, דעם איך, די באַצייכענונג פון זעלבסטהייט, אַז ער איז אַ איך. דאָס איז אָן אָנזאָג־פאָראויסזאָג מכוח זעלבסט־דערקענטעניש, מכוח דער וויכטיקייט פון שם, דעם פּרינציפּ פון זעלבסטהייט־זעלביקייט, אויף וועלכן געזעצמעסיקייט ווערט אַרויפגעבויט.

דער תוך פון געזעצמעסיקייט איז די אידענטיטעט פון זיך, פון באַאָבאַכטער, פון עמפּינדער, און דערנאָך פון דער וועלט, פון דאָס באַאָבאַכטעטע. עס וואָלט דאָך ניט מעגלעך געווען אַ געזעצמעסיקייט ווען עס וואָלט ניט געווען אַ פּאָסטולאַט, אַ גלויבן אין דער זעלביקייט פון דער עקזיסטירנדיקער וועלט. די זעלביקייט באַהויפּטעט אַז די וועלט, דער טאָטאַלער סכום פון דערשיינונגען און פּראָצעסן, בלייבט כסדר דער זעלביקער אומגעאַכטעט דעם צייט־עלעמענט. און אין דעם זיינען אַלע פאָרשונגס־דיסציפּלינען איינציק.

25.

„דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט באַשאַפן דעם מענטשן אויף דער וועלט און האָט אין אים אַריינגעגעבן דעם שם יהוה, ה' — איז די זעל, ו' — איז דער גייסט, ה' — איז די נשמה, ו, — איז די נשמה פון דער נשמה"(שע"ב).

„דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט באַשאַפן אין דעם מענטשן י״ה ו״ה וועלכער איז דער הייליקער שם זיינער און דעריבער הייסט ער אדם... יו״ד ה״א וא״ו ה״א ווערט אָנגערופן מענטש (אדם), און זיין ליכט צעשפּרייט זיך אויף פינף־און־פערציק ליכטער, און דאָס איז דער חשבון פון אדם, פינף־און־פערציק, און פון שם, יו״ד, ה״א, וא״ו, ה״א. און דעריבער שטייט געשריבן „און אלהים האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט, אין געשטאַלט פון אלהים האָט ער אים באַשאַפן, אַ זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן, און ער האָט זיי אַ נאָמען געגעבן מענטש (אדם), און דערנאָך האָט ער פאָרמירט דעם קערפּער, ווי עס שטייט געשריבן: „און יהוה־אלהים האָט פאָרמירט דעם מענטש פון דעם זאַמד פון דער ערד, און ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם אַ לעבעדיקן גייסט, און דאָס איז דער קערפּער פון אדמען. צו וואָס איז דער חילוק צווישן מענטש (אדם) און מענטש (אדם)? די נשמה הייסט מענטש (אדם) און דער גוף הייסט מענטש (אדם). וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם און יענעם? נאָר אין דעם אָרט וואו עס ווערט געלייענט „און אלהים האָט באַשאַפן דעם מענטשן (אדם) אין זיין געשטאַלט, דאָרט איז ער יהוה, און אין דעם פּלאַץ וואו עס ווערט ניט געזאָגט „אין זיין געשטאַלט“ איז עס דער קערפּער“(שע״ג).

„קום זע: אַזוי ווי עס איז דאָ אין געשטאַלט פון מענטשן (אדם) דער פולער יהוה, און זיין ליכט פאַרשפּרייט זיך צו פינף־און־פערציק פונקט אַזוי איז דאָ אין קערפּער דער שם יהוה... אַזוי ווי דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער איז פאַרהוילן אין דער וועלט, פונקט אַזוי איז דער שם פאַרהוילן אין מענטשן (אדם)... און דאָס איז דער פאַרהוילענער, ריינער און הייליקער שם וועלכער איז דער שם פון יהוה“(שע״ד).

ואין איש אלא הקב״ה.

„און עס איז ניטאָ קיין „מענטש“ סיידן עס איז דער הייליקער־געבענטשט־איז ער, ער גיט און נעמט ניט און עס איז אין אים פאַראַן בלויז די געשטאַלט פון מענטשן, און דעריבער געפינען מיר אַזוי פיל מדרשים וועלכע האָבן דערקלערט אַז עס איז ניטאָ קיין „מענטש“ סיידן דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער איז עס ווי עס איז געזאָגט געוואָרן, „יהוה איז אַ מענטש פון מלחמה“(שע״ה).

דער ביבלישער יהוה־באַגריף איז אַבסטראַקט אין דער העכסטער דרגא אָבער צו דער זעלביקער צייט איז ער עכסט־קאָנקרעט. ווייל עס איז דער איך פון יחיד אַליין, פון פאָלק ממש, אַלס אַזעלכן, אַלס עפּעס אָרגאַניש־גאַנצעס, פון דער מענטשהייט אַלס אַן אויבער־אָרגאַניזם, פון דער גאַנצער וועלט אַלס אַ וועזן, אַלס אַן אנכי — פּאַרטיפט, אויסגעבריי־

טערט און דערהויכט. הגם די ביבל איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַנטראָפּאָ־מאָרפישע בילדער און שילדערונגען מענטשלעכע באַגריפן און חושימ־דיקע באַדינגונגען, איז זי זייער ווייט, ווי מזרח איז דערווייטערט פון מערב, פון אַ פּאַגאַניסטישן־טעאיסטישן וועלט־באַנעם. ווייל אַ געטש־גאָט אָדער אַ גאָט־געטש געפינט זיך מחוץ פון מענטשן, איז אַן אָביעקט, איז אַ ניט־איך בשעת דער ביבלישער יהוה איז אַ ריינער סוביעקט, איז דער עצם מהות פון סוביעקטיוויטעט און איז אין דער איכהייט, אין מענטשן.

תורת־משה איז געבויט אויף דעם איין־איינציקן וואָרט „אנכי״, אני־יהוה. און די אַלע וויזיעס פון די נביאים זיינען מער ניט ווי אַ פּאַנאָנ־דערוויקלונג פון דעם חומש־טעזיס, אַ פּאַנאַנדערעפענונג פון דער פּאָר־מולע פון חומש —אנכי.

„און אלהים האָט גערעדט אָט־די אַלע רייד אַזויצוזאָגן : „אנכי־יהוה״. רבי יצחק האָט געזאָגט : אויך אַלץ וועגן וואָס די נביאים וועלן ערשט נביאות־זאָגן, האָבן זיי אַלע עס גענומען פון באַרג־סיני״(שע״ו).

„פון באַרג־סיני״ מיינט עס פון דעם אנכי־יהוה, פון דעם איך־פּרינציפּ.

„און אַזוי זאָגט ער ווייטער : „די לאַסט פון יהוהס וואָרט צו ישראל אין דער האַנט פון מלאכין״ ; „אויף מלאכין״, זאָגט ער ניט, נאָר „אין האַנט פון מלאכין״, דיך צו לערנען אַז די נבואה איז שוין לאַנג געווען אין זיין האַנט נאָך פון באַרג־סיני.. זאָגט ישעיה : זינט די תורה איז געגעבן געוואָרן האָב איך געקראָגן די דאָזיקע נבואה. און ער זאָגט : „זינט די תורה איז דאָ בין איך דאָ... און ניט בלויז די נביאים, נאָר אויך אַלע חכמים וואָס זיינען געווען און וועלן ערשט זיין אין דער צוקונפט״(שע״ז).

„האָט רבי יצחק געזאָגט : אַלץ וועגן וואָס די נביאים וועלן נביאות־זאָגן אין דער צוקונפט אין יעדן דור, האָבן זיי עס געקראָגן פון באַרג־סיני. ווייל אַזוי זאָגט דאָך משה צו ישראל, „סיי דער וואָס איז דאָ מיט אונדז וואָס שטייט היינט און סיי דער וואָס איז ניטאָ מיט אונדז היינט״ (דברים כ״ט, י״ד)... און אַזוי זאָגט ער : „די לאַסט פון יהוהס וואָרט צו ישראל אין דער האַנט פון מלאכין (מלאכי א׳, א׳) ; עס איז ניט געזאָגט געוואָרן : „אין די טעג פון מלאכין״, נאָר „אין דער האַנט פון מלאכין״, הייסט עס אַז די נבואה איז געווען ביי אים אין האַנט נאָך פון באַרג־סיני אָן, נאָר ביז דער דאָזיקער שעה האָט מען אים ניט דערלויבט צו פּראָפעצייען. און אַזוי זאָגט ישעיה : „זינט זי איז געווען — דאָרטן בין איך״ (ישעיה מ״ח, ט״ז). האָט ישעיה געזאָגט : פון דעם טאָג אָן זינט די תורה איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני בין איך דאָרטן געווען, און איך האָב דערהאַלטן די דאָזיקע נבואה, נאָר „און איצט האָט מיך געשיקט אלהים און זיין גייסט״ (דאָרטן), ביז איצט האָט מען מיך ניט דערלויבט נביאות צו זאָגן. און ניט

נאָר די נביאים אַליין האָבן געקראָגן זייער נבואה פון באַרג־סיני, נאָר אויך אַלע חכמים, וועלכע שטייען אויף אין יעדן דור, יעדער איינער פון זיי האָט געקראָגן דאָס זייניקע פון באַרג־סיני. און אַזוי זאָגט ער טאַקע: „די דאָזיקע רייד האָט גערעדט יהוה צו אייער גאַנצן קהל" (דברים ה׳, י"ט) (שע"ח).

די גאַנצע אידישע וויסנשאַפט, די גאַנצע תורה און חכמה איז געבויט אויף דעם עגאָספישן פּרינציפּ פון אנכי־יהוה.

„און דאָס איז דאָך באַוואוסט צו אַלעמען אַז... די ערשטע צוויי דיברות „אנכי" און „לא־יהיה לך" זיינען די גענעראַליזאַציע פון דער גאַנצער תורה. דער דיבור „אנכי" אַנטהאַלט אַלע צוויי הונדערט און אַכט און פערציק באַפעלן „טו" (רמ"ח מצוות עשה) און דער „לא יהיה לך" אַנטהאַלט אַלע דריי הונדערט פינף און זעכציק פאַרבאָטן „טו־ניט" (שס"ה מצוות לא־תעשה). און דעריבער האָבן מיר געהערט אַז בלויז „אנכי" און „לא יהיה לך" זיינען אַרויסגעקומען פון מויל פון דער גבורה ווי עס האָבן געזאָגט אונדזערע געלערנטע, זייער אָנדענק צום בענטשן. מחמת זיי זיינען די פּאַראַלגעמיינערונג פון דער גאַצער תורה"(שע"ט).

אויף דעם איך־פּריציפּ האַלט זיך דער סך־הכל פון מענטשלעכער דערקענטעניש. אויף דעם פּאָסטולאַט באַזירט זיך די גאַנצע פילאָזאָפיע. אין דעם פּרינציפּ זיינען איינגעוויקלט אַלע יסודות פון דער וויסנשאַפט בפרט און פון מענטשלעכן לעבן און עקזיסטענץ בכלל.

יחזקאל איז געווען אַ נביא און אַ כהן און ער געברויכט אָפטער ווי די איבעריקע נביאים דעם „אני־יהוה" וועלכער ווערט אַזוי שטאַרק באַטאָנט אין ספר ויקרא, אין תורת־כהנים. און אויף דעם פאַרשטיין פון „אני" האָט ער געגרינדעט זיין לערע מכוח פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

וידעו כי אני יהוה, „און זיי וועלן וויסן אַז דער איך איז יהוה"(ש"פ).

יחזקאל ווידערהאָלט אַזויפיל מאָל דעם „אני־יהוה" ווייל דאָס איז דער הויפּט־פּאָסטולאַט פון אידישקייט. תורת־משה און אידישע נבואה ווערן אויסגעדריקט מיט דעם וואָרט איך, איך־יהוה. ווער עס אָנדערקענט דעם איך דער איז אַ איד.

„דעריבער איז דער שכל בכלל כאַראַקטעריזירט געוואָרן אַלס איכהייט. וואָס עס איז דאָ פאַר אַ ראַציאָנאַלעס וועזן איז עס דאָ אין אים. אָבער גאָרניט עקזיסטירט אין אים אויסער אַלס פּועל־יוצא פון זיין ווירקן אויף זיך אַליין: וואָס ער באַאָבאַכטעט, באַאָבאַכטעט ער אין זיך אַליין. אָבער עס איז גאָרניט דאָ וואָס צו באַאָבאַכטן חוץ פון זיין ווירקן, און דער איך אַליין איז גאָרניט אַנדערש ווי זיין ווירקן אויף זיך אַליין"(54).

„מיר מעגן דעריבער מאַכן אַ פּאַרקערטע באַהויפּטונג און זאָגן אַז דער מענטש ווייסט גאָרניט אויסער זיך אַליין, און אַזוי־אַרום באַשטייט

זיין פילאָסאָפיע, אין איר פריעסטער סטאַדיע, הויפטזעכלעך אין איבער־ליפערן זיין ספּאָנטאַנע איינקייט, מער אָדער ווייניקער געלונגענערהייט, צו אַלע סוביעקטן וועלכע ציען צו זיין אויפשפּראָצנדיקע אויפמערקזאַמ־קייט"(55).

דער איך איז זעלבסט־לעבן, זעלבסט־עקזיסטענץ, זיך־לעבן. דער איך האָט געשאַפן די זיך־זאַך און די זאַך אין זיך, וועלכע איז דער ריינער געדאַנק און דער אַלץ־געדאַנק.

און אָט־דער אני־יהוה, אנכי־יהוה איז דער יסוד פון אידישער עטיק און דער קוואַל פון אידישער קלוגשאַפט. דאָס איז דער פונדאַמענט פון תורת־משה.

באַמערקונגען

III

א. ישעיה, ס״ג, ט״ז.
ב. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, ז. 131, ווילנע, 1930.
ג. תיקוני הזהר, תקונא שביעאה, קמ״ו, בי, ליוורנו בדפוס שלמה בילפורטי וחברו.
ד. קידושין, דף לי, ע״ב.
ה. ירושלמי, פאה, פרק אי, הלכה אי.
ו. קידושין, דף ל״א, ע״א.
ז. טור יורה דעה, הלכות כבוד אב ואם, ר״מ.
ח. יורה דעה, הלכות כבוד אם ואם, ר״מ, אי, בי, גי.
ט. בראשית, י״ב, אי.
י. ישעיה, נ״א, בי, גי.
י״א. דברים, טי, הי.
י״ב. ירמיה, י״א, הי.
י״ג. בראשית י״ח, י״ז י״ח, י״ט.
י״ד. דאָרטן, י״ז, זי.
ט״ו. דברים, כ״ט, י״ב.
ט״ז. דאָרטן, כ״ט, כ״ח.
י״ז. מדרש רבה, שיר השירים, פרשה אי, פסוק „משכני אחריך נרוצה״.
י״ח. מדרש שוחר טוב על תהלים, מזמור חי, דף י״ג, עמוד אי, בי, וואַרשע, 1875.
י״ט. שמות י״ג, י״ד.
כ. דאָרטן, י״ג, חי.
כ״א. דאָרטן, ל״ד, זי.
כ״ב. דאָרטן, י״ג, הי.
כ״ג. דאָרטן, י״ב, כ״ה.
כ״ד. דאָרטן, י״ב, כ״ו.
כ״ה. סנהדרין, פרק יי, משנה אי.
כ״ו. דברים, כ״ט, כ״א.
כ״ז. תהלים, ע״ח, יי.
כ״ח. דאָרטן, מ״ח, י״ד.

כ"ט. יורה דעה, רמ"ד, א'.

ל. ישעיה, י"א, א'.

ל"א. דאָרטן, ב', ד'.

ל"ב. דאָרטן, י"א, ה', ו'.

ל"ג. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, חלק שני, ז. 151, ווילנע, 1930.

ל"ד. חגיגה, י"ב.

ל"ה. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, ז. 163.

ל"ו. יהודה ליב גאָרדין, דגלי יהודה, ז. 133, ווארשע, 1903, צווייטע אויפלאַגע.

ל"ז. שבת, קנ"ו.

ל"ח. ויקרא רבה, פרשה ל"ו, ג'.

ל"ט. דאָרטן.

מ. זהר בראשית, ויצא, דף קנ"ד, ע"ב, ווילנע, תרמ"ב.

מ"א. ירמיה, נ"א, י"ט.

מ"ב. שבת, קי"ד, ע"א.

מ"ג. זהר, פרשה בראשית, דף מ"ז, ע"א.

מ"ד. דאָרטן, דף ע"ז, ע"א.

מ"ה. בראשית רבה, פרשה א', ד'.

מ"ו. סנהדרין, ס"ה, ב'.

מ"ז. דאָרטן, רש"י.

מ"ח. ר' אליעזר מגרשימא ז"ל על ספר היצירה, פרק א', משנה א'.

מ"ש. זהר, דברים, פרשה ראה, עמוד 113 ניו יאָרק, 1925, ראָזענבערגס אויסגאַבע.

נ. דברים, כ"ה, י"ז.

נ"א. דאָרטן, כ"ד, י"ח.

נ"ב. דאָרטן, ח', ב'.

נ"ג. שמות, י"ג, ט'.

נ"ד. דאָרטן, כ', ח'.

נ"ה. במדבר, ט"ו, ל"ט.

נ"ו. דאָרטן, ט"ו, מ'.

נ"ז. דאָרטן, י"ז, ה'.

נ"ח. ויקרא, כ"ו, מ"ב.

נ"ט. דאָרטן, כ"ו, מ"ה.

ס. במדבר, י', ט'.

ס"א. במדבר, י', י'.

ס"ב. דברים, ט"ז, ג׳.
ס"ג. דאָרטן, ל"ב, ז׳.
ס"ד. פסחים, קט"ז, ב׳.
ס"ה. רמב"ם, משנה תורה, הלכות חמץ ומצה, פרק ז׳, הלכה ו׳.
ס"ו. יהונתן אייבשיץ, תפארת יהונתן, ז. 9, וואַרשע, 1873.
ס"ז. דברים, ח׳, י"א.
ס"ח. דאָרטן, ח׳, י"ט.
ס"ט. דאָרטן, ח׳, י"ד.
ע. ויקרא רבה, פרשה א׳, א׳.
ע"א. אותיות דרבי עקיבא, אות ק׳.
ע"ב. שמות, ג׳, י"ד.
ע"ג. מגילה, דף ג׳.
ע"ד. מסכת סופרים, פרק ד׳, הלכה א׳.
ע"ה. יורה דעה, הלכות ספר תורה, רע"ו, ט׳.
ע"ו. חיים יוסף דוד אזולאי, עבודת הקודש, דף ל"ח, עמוד ב׳, ירושלים, שנת לא תחסר כל בה.
ע"ז. ירמיה, ל"א, ל"א.
ע"ח. שמות, ג׳, ב׳.
ע"ט. זכריה, י"ד, ט׳.
פ. ספרי דברי רב, פרשה ואתחנן, פסיקא ל"א.
פ"א. דברים, ל׳, ב׳, ג׳.
פ"ב. זהר בראשית, פרשת ויצא, קנ"ד, עמוד ב׳.
פ"ג. שמות, ג׳, י"ב.
פ"ד. דאָרטן, ג׳, י"ג, ט"ו.
פ"ה. דאָרטן.

IV

א. שמות, ו׳, ב׳.
ב. דאָרטן, ו׳, ו׳.
ג. דאָרטן, ו׳, ח׳.
ד. פסיקתא דרב כהנא, דף צ"ח, א׳, ווילנע, תרפ"ה.
ה. אבן עזרא, ספר צחות, דף, י"ח, א׳, אות יוד, בערלין אויסגאַבע.
ו. בנין יהושע על אבות דרבי נתן, פרק י"ב, ט׳.
ז. אבן עזרא, ספר השם, א׳, ב׳, פיורדא, תקצ"ב.
ח. בראשית רבה, בראשית, ז׳.

ט. תקוני הזהר, דף קמ"ו, ב׳.
י. מגילה, דף ט׳, א׳.
י"א. דאָרטן, דף ג׳, א׳.
י"ב. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, ז. 159.
י"ג. זהר דברים, האזינו, תוספתא, ז. 220, ניו יאָרק, 1925.
י"ד. דאָרטן, ז. 210.
ט"ו. הקדמת אחרת לתקוני הזהר, דף י"ז, ע"א.
ט"ז. דאָרטן, חידושי הרימ"ז.
י"ז. פסחים, קי"ז, א׳.
י"ח. ירושלמי, מגילה, פרק א׳, הלכה ט׳.
י"ט. דאָרטן, קרבן העדה.
כ. רמב"ם, יסודי התורה, פרק ו׳, הלכה ד׳.
כ"א. יורה דעה, הלכות ספר תורה, רע"ו, ט׳.
כ"ב. רמב"ם, מורה נבוכים, פרק ס׳, חלק א׳.
כ"ג. דאָרטן.
כ"ד. אליעזר בן יהודה, מלון הלשון העברית, כרך רביעי, ערך יהוה, ירושלים־ברלין, 1914.
כ"ה. ירושלמי, סנהדרין, פרק ו׳, הלכה א׳, דף ל"ו, ב׳, זיטומיר, תרכ"ה.
כ"ו. פסחים, נ׳, א׳.
כ"ז. סנהדרין, פרק י"א, משנה א׳.
כ"ח. עבודה זרה, דף י"ז, ב׳.
כ"ט. דאָרטן, דף י"ח, א׳, תוספות ד"ה הוגה השם.
ל. ירושלמי יומא, פרק ג׳, הלכה ז׳, דף י"ח, ע"ב, פעטערקאָוו, 1894.
ל"א. קידושין דף ע"א, ב׳.
ל"ב. רמב"ם, מורה נבוכים, חלק א׳, פרק ס׳.
ל"ג. סנהדרין, דף ס"ה, ס"ז, ע"ב.
ל"ד. דאָרטן, רש"י.
ל"ה. דאָרטן.
ל"ו. דאָרטן, רש"י.
ל"ז. שמות, ט"ו, ב׳, ג׳.
ל"ח. דאָרטן, אבן עזרא.
ל"ט. ישעיה, י"ב, ב׳.
מ. ראב"ד על ספר היצירה, פרק א׳, משנה א׳.
מ"א. אליעזר בן־יהודה, מלון הלשון העברית, ערך יהוה, ז. 1986.

מ״ב. יהודה דוד אייזענשטיין, אוצר ישראל, ערך שמות, שם המפורש, ניו יאָרק, 1913.

מ״ג. דברים, ל״ב, ל״ט.

מ״ד. ישעיה, מ״ח, י״ב.

מ״ה. דאָרטן, מ״ט, כ״ו.

מ״ו. דאָרטן, נ״א, י״ב.

מ״ז. דאָרטן, מ״א, ה׳.

מ״ח. דאָרטן, מ״ב, ח׳.

מ״ט. דאָרטן, מ״ג, י׳.

נ. דאָרטן, מ״ג, כ״ה.

נ״א. סוכה, פרק ד׳, משנה ה׳.

נ״ב. ירושלמי סוכה, פרק ד׳, הלכה ג׳.

נ״ג. תלמוד ירושלמי, סוכה, דף ט״ז, ע״ב, זיטומיר, 1860.

נ״ד. דאָרטן, קרבן העדה.

נ״ה. פירוש המשניות לרמב״ם, סוכה, פרק ד׳, משנה ה׳.

נ״ו. תלמוד בבלי, סוכה, דף מ״ה, ע״א, תוספות.

נ״ז. סוכה, דף נ״ג, ע״א.

נ״ח. דאָרטן, רש״י.

נ״ט. זהר בראשית, דף רס״א, ע״ב, ווילנע, תרמ״ב.

ס. מדרש תנחומא הוא מדרש ילמדנו, בראשית ט׳.

ס״א. בראשית, ד׳, כ״ו.

ס״ב. שמות, י״ח, י״א.

ס״ג. שמות, כ׳, א׳, ב׳ ; דברים, ה׳, ו׳, ז׳.

ס״ג א׳. פסיקתא דרב כהנה, דף צ״ח, א׳, פסוק אנכי יהוה אלהיך בחודש השלישי, ווילנע, תרפ״ה.

ס״ד. רבנו בחיי, חובת הלבבות, שער התשובה, אָנהויב.

ס״ה. בראשית רבה, פרשה ע״ח.

ס״ו. תלמוד ירושלמי, סוכה, ט״ז, ב׳, זשיטאָמיר, 1860.

ס״ז. דאָרטן, קרבן העדה.

ס״ח. ירושלמי, דאָרטן.

ס״ט. ספרי, במדבר, י׳, ל״ג.

ע. זהר בראשית, דף קמ״ח, ע״א.

ע״א. זהר שמות, יתרו, דף פ״ה, ע״א, ווילנע, 1882.

ע״ב. דאָרטן, זיו הזהר, פון הרב ראָזענבערג, עמוד פ״ה, מאָנ־טרעאָל, 1929.

ע״ג. תקוני הזהר, דף ע״א, ע״ב.

ע"ד. אבן עזרא, ספר השם, השער הרביעי.
ע"ה. שמות, ל"ב, י"א.
ע"ו. דברים, ל"ד, י"א.
ע"ז. דאָרטן, ל"ג, א'.
ע"ח. דאָרטן, ה', כ"א.
ע"ט. דאָרטן, ד', י"ב.
פ. דאָרטן, ה', ד'.
פ"א. שמות, ל"ג, י"א.
פ"ב. דברים, י"ב, ח'.
פ"ג. שמות, ל"ג, כ'.
פ"ד. דאָרטן, ל"ג, כ"ג.
פ"ה. ספרי דבי רב, במדבר, בהעלותך, פסיקא ק"ג.
פ"ו. זהר דברים ואתחנן, דף ג', ע"ב, הוצאת ב. כהן, ירושלים, תרפ"ו.
פ"ז. רמב"ם מורה נבוכים, חלק א', פרק ל"ג, צום סוף קאַפּיטל.
פ"ח. דאָרטן, פרק ל"ח, סוף קאַפּיטל.
פ"ט. אבן עזרא, ספר השם, שער שלישי, דף ו', עמוד א', ב'.
צ. ויקרא רבה, פ"ד, ו'.
צ"א. יהודה ליב גאָרדין, דגלי יהודה, ז. 85.
צ"ב. דאָרטן, ז. 81, וואַרשע, תרס"ד.
צ"ג. דברים, י"ב, ג'.
צ"ד. דאָרטן, ד', א'.
צ"ה. דאָרטן, ד', ב', ג'.
צ"ו. דאָרטן, ד', כ"ג.
צ"ז. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, ז. 193.
צ"ח. דברים, ה', א'.
צ"ט. דאָרטן, ה', ד'.
ק. דאָרטן, ה', ג'.
ק"א. דאָרטן.
ק"ב. מלכים א', י"ט, י"ג.
ק"ג. דברים, ו', ב'.
ק"ד. שמות, כ', ה', ו'; דברים, ה', ט', י'.
ק"ה. דברים, ז', ט', י'.
ק"ו. דאָרטן, ו', ו'.
ק"ז. דאָרטן, ו', י"ז.
ק"ח. דאָרטן, ו', כ'.

V

א. הרמן כהן, כתבים על היהדות, עמוד 243, ירושלים, תרצ"ח.
ב. דברים, ו׳, ה׳.
ג. ירמיה, ט׳, כ"ג.
ד. תהלים, ה׳, ה׳.
ה. זכריה, ז׳, ט׳, י׳.
ו. דאָרטן, ח׳, ט"ז, י"ז.
ז. ישעיה, ס"א, ח׳.
ח. דאָרטן, ס"א, י"א.
ט. דאָרטן, מ"ה, י"ט.
י. עמוס, ה׳, י"ג.
י"א. הושע, ב׳, כ"א.
י"ב. דאָרטן, ו׳, ו׳.
י"ג. דאָרטן, ו׳, י"ב.
י"ד. שמות, כ"ב, כ"ה, כ"ו.
ט"ו. דאָרטן, ל"ד, ו׳.
ט"ז. מיכה, ו׳, ח׳.
י"ז. דברים י׳, י"ב, י"ט.
י"ח. ישעיה נ"ח, ה׳, י׳.
י"ט. זהר ויקרא, דף קי"ג, ווילנע, תרמ"ב.
כ. דברים י"א, י"ג, י"ז.
כ"א. דברים ה׳, י"ב, רמב"ן, ד"ה „כאשר צוך יהוה אלהיך".
כ"ב. ספרי דבי רב, עקב, פסיקא מ"א.
כ"ג. דאָרטן, פסיקא מ"ב.
כ"ד. דברים י"א, כ"ו.
כ"ה. בראשית ד׳, ט׳.
כ"ו. דברים י"א, כ"ו, כ"ח.
כ"ז. דאָרטן י"א, ל"ב.
כ"ח. יואל ב׳, כ"ז.
כ"ט. זהר, פרשת בהעלותך, דף קנ"ב.
ל. זהר, פרשת אחרי מות, דף ע"ג, ע"א.
ל"א. דברים י"ב, י"ד.
ל"ב. דאָרטן י"ב, י"א.
ל"ג. דאָרטן י"ג, י"א.
ל"ד. דאָרטן י"ג, י"ט.

ל"ה. דאָרטן ט"ו, ה'.
ל"ו. דאָרטן ט"ו, י"א.
ל"ז. ישעיה, נ"ה, י"א.
ל"ח. דברים, ט"ו, י"ד, ט"ז.
ל"ט. דאָרטן י"ט, ז'.
מ. דאָרטן י"ט, ט'.
מ"א. פסיקתא זוטרתא, פי בהעלותך.
מ"ב. גיטין, נ"ט, ב'.
מ"ג. במדבר ספרי, פסיקא מ"ב.
מ"ד. זכריה, י"ד, ט'.
מ"ה. שמות, כ"ה, א'.
מ"ו. דאָרטן כ"ט, מ"ה, מ"ו.
מ"ז. דאָרטן ל', י"א.
מ"ח. דאָרטן ל', י"א, ט"ז.
מ"ט. דאָרטן ל', י"ז, כ"א.
נ. דאָרטן ל', כ"ב, ל"ח.
נ"א. דאָרטן ל"א, א', י"א.
נ"ב. דאָרטן ל"ה, ד'.
נ"ג. ויקרא א', א'.
נ"ד. דאָרטן ד', א'.
נ"ה. דאָרטן ו', א'.
נ"ו. דאָרטן ו', י"ב, ט"ז.
נ"ז. דאָרטן ו', י"ז, כ"ג.
נ"ח. דאָרטן ז, כ"ג, כ"ז.
נ"ט. דאָרטן ז', כ"ח, ל"ח.
ס. דאָרטן ח', א', ל"ו.
ס"א. דאָרטן ט', ו'.
ס"ב. דאָרטן י"א, א'.
ס"ג. דאָרטן י"א, מ"ה.
ס"ד. דאָרטן י"א. מ"ד.
ס"ה. דאָרטן י"ב, א'.
ס"ו. דאָרטן י"ג, א', נ"ט.
ס"ז. דאָרטן י"ד, א', נ"ז.
ס"ח. דאָרטן ט"ו, א', ל"ג.
ס"ט. דאָרטן ט"ז, ב', ל"ד.
ע. דאָרטן י"ז, א', ט"ז.

ע״א. דאָרטן כ״ג, אי, כ״א.
ע״ב. דאָרטן כ״ג, כ״ג, כ״ה.
ע״ג. דאָרטן כ״ג, כ״ו, ל״ב.
ע״ד. דאָרטן כ״ג, ל״ג, מ״ב.
ע״ה. דאָרטן כ״ג, מ״ג.
ע״ו. דאָרטן כ״ד, אי, ט׳.
ע״ז. דאָרטן כ״ד, כ״ב.
ע״ח. דאָרטן כ״ז, אי, ל״ד.
ע״ט. במדבר, אי, אי מ״ז.
פ. דאָרטן אי, מ״ח, נ״ד.
פ״א. דאָרטן ב, אי, ל״ד.
פ״ב. דאָרטן גי, הי, יי.
פ״ג. דאָרטן גי, י״ד, מי.
פ״ד. דאָרטן די, אי, ט״ז.
פ״ה. דאָרטן די, י״ז, כי.
פ״ו. דאָרטן די, כ״א, מ״ט; ה, אי, די; הי, יי; י״א, י״ג.
פ״ז. דאָרטן וי, אי, כ״א.
פ״ח. דאָרטן וי, כ״ב, כ״ז.
פ״ט. דאָרטן זי, די, פ״ט.
צ. דאָרטן חי, אי, די.
צ״א. דאָרטן חי, הי, כ״ו.
צ״ב. דאָרטן טי, אי, חי.
צ״ג. דאָרטן טי, טי, כ״ג.
צ״ד. דאָרטן יי, אי, אַי.
צ״ה. דאָרטן יי, יי.
צ״ו. דאָרטן י״א, ט״ז.
צ״ז. דאָרטן י״ג, אי, ל״ג.
צ״ח. דאָרטן י״ד, אי, ט״ו.
צ״ט. דאָרטן י״ד, י״ז, ל״א.
ק. דאָרטן י״ח, אי.
ק״א. דאָרטן י״ח, כ״ה.
ק״ב. דאָרטן י״ט, אי.
ק״ג. דאָרטן כי, זי.
ק״ד. דאָרטן כי, י״ב.
ק״ה. דאָרטן כי, כ״ג.
ק״ו. דאָרטן כ״א, ל״ד.

קי"ז. דאָרטן כ"ה, י'.
קי"ח. דאָרטן כ"ו, א', ס"ה.
קי"ט. דאָרטן כ"ז, ו'.
ק"י. דאָרטן כ"ז, י"ב.
קי"א. דאָרטן כ"ז, י"ח.
קי"ב. דאָרטן כ"ח, א'.
קי"ג. דאָרטן ל', י"ז.
קי"ד. דאָרטן ל"א, א'.
קט"ו. דאָרטן ל"א, כ"ה.
קט"ז. דאָרטן ל"א, מ"ז.
קי"ז. דאָרטן ל"ג, נ'.
קי"ח. דאָרטן ל"ד, א'.
קי"ט. דאָרטן ל"ד, ט"ו.
ק"כ. דאָרטן ל"ה, א', ח'.
קכ"א. דאָרטן ל"ה, ט', ל"א.
קכ"ב. דאָרטן ל"ה, ל"ד.
קכ"ג. דברים, כ"ז, א'.
קכ"ד. דאָרטן כ"ז, ד'.
קכ"ה. דאָרטן כ"ז, ט', י'.
קכ"ו. ברכות, דף ו', ע"ב.
קכ"ז. דברים, כ"ח, א', י"ג, י"ד, ט"ו.
קכ"ח. דאָרטן כ"ח,מ"ה.
קכ"ט. דאָרטן כ"ט, ה'.
ק"ל. דאָרטן כ"ט, י"א.
קל"א. דאָרטן כ"ט, י"ג.
קל"ב. דאָרטן ל', י"א, י"ג.
קל"ג. דאָרטן ל', ט"ו.
קל"ד. דאָרטן ל', י"ט.
קל"ה. דאָרטן ל', ט"ז.
קל"ו. דאָרטן ל', כ'.
קל"ז. עמוס, ה', ד'.
קל"ח. דאָרטן ה', ו'.
קל"ט. דאָרטן ה', י"ב.
ק"מ. משלי, ג', י"ז.
קמ"א. דאָרטן ד', כ', כ"ב.
קמ"ב. דאָרטן ט', י"ב.

קמ"ג. דאָרטן י', כ"ז.
קמ"ד. ברכות, י"ג.
קמ"ה. דברים, ל"א, י"ז.
קמ"ו. דאָרטן ל"א, כ"ד.
קמ"ז. דאָרטן ל"א, כ"ו.
קמ"ח. דאָרטן ל"א, כ"א.
קמ"ט. דאָרטן ל"א, כ"ט.
ק"נ. דאָרטן ל', א', ו'.
קנ"א. יחזקאל, ל"ו, כ"ו, כ"ז.
קנ"ב. דברים, ד', כ"ח, כ"ט.
קנ"ג. דאָרטן ד', ל'.
קנ"ד. דאָרטן כ"ח, ל"ו.
קנ"ה. דאָרטן כ"ח, ס"ד.
קנ"ו. דאָרטן ל"ב, ל"ט, מ'.
קנ"ז. ויקרא, י"ח, ב'.
קנ"ח. דאָרטן י"ח, ד', ה'.
קנ"ט. דאָרטן י"ח, ו'.
ק"ס. ספרא, פרשת אחרי מות, פרק י"ג, ג'.
קס"א. ויקרא, י"ח, כ"א.
קס"ב. בראשית, כ"ב, א'.
קס"ג. דאָרטן כ"ב, י"ב.
קס"ד. דאָרטן כ"ב, י"ד.
קס"ה. ויקרא, י"ח, ל'.
קס"ו. דאָרטן י"ט, ב'.
קס"ז. זהר ויקרא, קדושים, ז. ע"ו, ניו יאָרק, 1925.
קס"ח. ספרא, קדושים, א'.
קס"ט. ויקרא רבה, פרשה כ"ד, ב'.
ק"ע. ירושלמי, פאה, פרק א', הלכה א'.
קע"א. ספרי דבי רב, וזאת הברכה, פסיקא שנ"ה.
קע"ב. דאָרטן, מאיר עין.
קע"ג. עין־יעקב, חולין, פרק שביעי, ויאמר שלחני, דף קצ"ו, ע"א, באָסטאָן, תרפ"א.
קע"ד. הושע, י"ב, ד', ה'.
קע"ה. בראשית רבה, פרשה ע"ז, ד'.
קע"ו. דאָרטן פרשה ע"ח.
קע"ז. בראשית ל"ב, כ"ה, כ"ט.

קע"ח. דאָרטן י"ד, כ"א, כ"ג.

קע"ט. רמב"ם, מורה נבוכים, חלק ג', פרק נ', ז. 82, לאָנדאָן, תרי"א.

ק"פ. בראשית, כ"א, ו'.

קפ"א. דאָרטן י"ח, י"ב.

קפ"ב. דאָרטן כ"ו, י"ח.

קפ"ג. דאָרטן כ"ו, ד', ה'.

קפ"ד. דאָרטן כ"ו, כ"ד.

קפ"ה. רמב"ם, הלכות תשובה, פרק ב', הלכה ד'.

קפ"ו. בראשית ל"ב, ל"א.

קפ"ז. זהר בראשית, דת ק"נ, עמוד א', ב'.

קפ"ח. בראשית רבה, פרשה ע"ז, א'.

קפ"ט. ויקרא רבה, פרשה ל"ו, ג'.

ק"צ. מדרש רות החדש הוא הנקרא מדרש הנעלם, פרשה א', דף ג', ע"ב, וואַרשע, תרכ"ה.

קצ"א. תקוני הזהר הקדמת אחרת, דף י"ז, ע"א.

קצ"ב. בראשית רבה, פרשה ס"ט, ג', פרשה פ"ט, ד'.

קצ"ג. מגילה, י"ח, א'.

קצ"ד. בראשית רבה, פרשה ע"ט, סוף פרשה.

קצ"ה. דאָרטן, מתנות כהונה.

קצ"ו. זהר בראשית, פרשת תולדות, דף קל"ח, ע"א, ווילנע, 1882.

קצ"ז. מאיר בן גבאי, עבודת הקודש המכונה מראת אלקים, חלק העבודה, פרק י"ח, דף ל', ע"ב, לעמבערג, 1848.

קצ"ח. זהר בראשית, דף ק"נ, ע"א, ליוורנו בדפוס שלמה בילפורטי וחברו.

קצ"ט. מתנות כהונה אויף דעם מדרש רבה, בראשית, פרשה ס"ט.

ר. ויקרא רבה, פרשה כ"ג, י"ג.

ר"א. בראשית, ל"ה, ב'.

ר"ב. דאָרטן לה, י'.

ר"ג. דאָרטן כ"ט, ל"ה.

ר"ד. ויקרא, י"ט, ג'.

ר"ה. דברים, ה', י"ד, ט"ו.

ר"ו. שמות, כ"ג, י"ב.

ר"ז. ירושלמי, בבא קמא, פרק ח', הלכה ז', דף כ"ז, ע"ב, זיטומיר, תרכ"ה.

ר"ח. שבת, קנ"א, ע"ב.

ר"ט. דאָרטן, קכ"ח, ב'.
ר"י. ביצה, ל"ב, ב'.
רי"א. דברים, כ"ב, ו', ז'.
רי"ב. ויקרא, כ"ב, כ"ח.
רי"ג. דברים, י"ד, כ"א; שמות, כ"ג, י"ט.
רי"ד. דברים, כ"ב, י'.
רט"ו. דאָרטן כ"ה, ד'.
רט"ז. מדרש רות החדש הוא מדרש הנעלם, דף ז', ע"א, וואַרשע, תרכ"ה.
רי"ז. גיטין, ס"ב, א'.
רי"ח. ירושלמי, כתובות, פרק ד', הלכה ח', דף כ"ט, ע"ב, פעטערעקאָוו, 1894.
רי"ט. מדרש תנחומא הנקרא ילמדנו, נ"ח, ז'.
ר"כ. קב הישר, פרק פ"ג, חלק ב', אָנהויב קאַפּיטל.
רכ"א. דאָרטן ג'.
רכ"ב. דאָרטן י'.
רכ"ג. ויקרא, י"ט, ט', י'.
רכ"ד. דאָרטן י"ט, י"ב.
רכ"ה. ירמיה, כ"ג, כ"ד.
רכ"ו. ויקרא, י"ט, י"ד.
רכ"ז. ירמיה, י"ז, י'.
רכ"ח. ויקרא, י"ט, ט"ז.
רכ"ט. דאָרטן י"ט, י"ח.
ר"ל. דאָרטן י"ט, כ"ה.
רל"א. דברים, כ', י"ט.
רל"ב. ויקרא, י"ט, כ"ח.
רל"ג. תהלים, ק"ו, י"ט, כ'.
רל"ד. ויקרא, י"ט, כ"ט.
רל"ה. דאָרטן י"ט, ל'.
רל"ו. דאָרטן י"ט, ל"ב.
רל"ז. דאָרטן י"ט, ל"ג, ל"ד.
רל"ח. דאָרטן, י"ט, ל"ה, ל"ז.
רל"ט. דאָרטן כ', ז', ח'.
ר"מ. דאָרטן כ', כ"ד.
רמ"א. דאָרטן כ', כ"ו.
רמ"ב. דאָרטן כ"א, א'.

רמ"ג. דברים, ל"ב, ל"ט, מ'.
רמ"ד. במדבר, י"ד, כ'.
רמ"ה. דאָרטן י"ד, כ"ח.
רמ"ו. צפניה, ב', ט'.
רמ"ז. יחזקאל, ה', י"א; י"ד, ט"ו, י"ח, כ'; ט"ז, מ"ח; י"ז, ט"ז; כ', ל"א, ל"ג; ל"ג, י'; ל"ד, ח'; ל"ה, ו'.
רמ"ח. דאָרטן י"ז, י"ט; כ', ג'; ל"ג, כ"ז.
רמ"ט. ויקרא רבה, פרשה ו', ד'.
ר"נ. ויקרא, כ"א, ח'.
רנ"א. דאָרטן כ"א, י"ב.
רנ"ב. דאָרטן כ"א, ט"ו.
רנ"ג. דאָרטן כ"א, ט"ז, כ"ג.
רנ"ד. דאָרטן כ"ב, י"ז, כ"ה.
רנ"ה. דאָרטן כ"ב, ג', ד', ח', ל', ל"א, ל"ג.
רנ"ו. דאָרטן כ"ב, י', ט"ז.
רנ"ז. דאָרטן כ"ב, ל"ב.
רנ"ח. דאָרטן כ"ב, ח'.
רנ"ט. דאָרטן כ"ב, ל'.
ר"ס. דאָרטן כ"ב, כ"ח.
רס"א. דאָרטן כ"ב, כ"ז.
רס"ב. דאָרטן כ"ד, כ"ב.
רס"ג. דאָרטן כ"ה, י"ז.
רס"ד. דאָרטן כ"ה, ל"ח.
רס"ה. דאָרטן כ"ה, נ"ה.
רס"ו. דאָרטן כ"ו, א', ב'.
רס"ז. ספרא, פרשת אחרי מות, פרק י"ב, פרשה ט'.
רס"ח. דאָרטן י"ח, ד'.
רס"ט. סוטה, ח', ע"א.
ר"ע. דאָרטן י"א, ע"ב.
רע"א. אבות, פרק ב'.
רע"ב. עובדיה, א', ט"ו.
רע"ג. סוטה, י"ד, ע"א.
רע"ד. יהודה ליב גורדין, דגלי יהודה, ז. 142.
רע"ה. מדרש רות החדש הוא מדרש הנעלם, פרשה א', דף ז', ע"ב.
רע"ו. איכה רבה, פרשה א', כ"ח, כ"ט.
רע"ז. ירמיה, ט', י"א, י"ב.

רע"ח. דאָרטן ל"ד, י"ז.
רע"ט. ויקרא רבה, פרשה י"ז, א', ב'.
ר"פ. יאַקאָב, ד', א'.
רפ"א. ברכות, דף נ"ד, ע"א.
רפ"ב. יומא, דף פ"ו, ע"ב.
רפ"ג. דאָרטן, תוספות.
רפ"ד. ירמיה, ב', י"ט.
רפ"ה. ויקרא רבה, פרשה ל"ד, י"ד.
רפ"ו. דאָרטן, פירוש מהרי"ז.
רפ"ז. ירושלמי, נדרים, פרק ט', הלכה ד'.
רפ"ח. דאָרטן, קרבן העדה.
רפ"ט. ויקרא ספרא, י"ט, י"ח.
ר"צ. דאָרטן, מאיר ליבוש מלבים, התורה והמצוה.
רצ"א. יהודה ליב גורדין, דגל יהודה, ז. 79־80.
רצ"ב. שניאור זלמן ליקוטי אמרים, אגרת הקדש, ז. 270.
רצ"ג. שלמה אפרים בן אהרן איש לונטשיץ, עולות אפרים, חלק ב', מאמר כ"ב.
רצ"ד. דאָרטן.
רצ"ה. יהודה ליב גורדין, דגלי יהודה, ז. 85־86.
רצ"ו. בראשית רבה, פרשה ל"ט, ס'.
רצ"ז. אבא גאָרדין, „די קאָסמישע ליריק פון א. ליעסין, „צוקונפט", מערץ, 1936.
רצ"ח. דאָרטן
רצ"ט. אבא גאָרדין, „מיין אני מאמין", פרייע אַרבעטער שטימע, מאַי 6טן, 1932.
ש. תהלים, ל"ה, י'.
ש"א. דאָרטן מ', ט'.
ש"ב. איוב, י"ט, כ"ו.
ש"ג. יהודה ליב גורדין, דגלי יהודה, ז. 90.
ש"ד. דאָרטן ז. 88.
ש"ה. מדרש רות החדש הוא הנקרא מדרש הנעלם, פרשה א', דף ח', עמוד ב', וואַרשע, תרכ"ה.
ש"ו. דאָרטן דף י"ב, ב'.
ש"ז. מאַטהייאוס 5, 34, 40, 44.
ש"ח. תהלים, ט"ז, ח'.
ש"ט. שבת, קי"ה, עמוד ב'.

ש״י. נדרים, כ״ב.

שי״א. ערכין, ט״ו.

שי״ב. שבת, ק״ה, עמוד ב׳.

שי״ג. דאָרטן רש״י.

שי״ד. חיים יוסף אזולאי, עבודת הקדש, מורה באצבע, סימן א׳.

שט״ו. דברים, ו׳, ד׳.

שט״ז. דאָרטן ו׳, ה׳.

שי״ז. ויקרא רבה, פרשה י״ט, ג׳.

שי״ח. שבת, ל״א, עמוד א׳.

שי״ט. אבות דרבי נתן, נוסחא ב׳, פרק כ״ו, ז. 53, שעכטערס אויסגאַבע.

ש״כ. מאַטהייאוס, 12, 7.

שכ״א. פסחים, כ״ה, עמוד ב׳; סנהדרין ע״ד, עמוד א׳; יומא, שכ״א, א׳. פרקי אבות, ד׳. פ״ב.

שכ״ב. מדרש רות החדש הוא הנקרא מדרש הנעלם, פרשה א׳, דף א׳, ע״א.

שכ״ג. אבות, פרק ד׳.

שכ״ד. דברים, ל״ב, מ״ז.

שכ״ה. משלי, ח׳, ל״ה, ל״ו.

שכ״ו. הגאון רב סעדיה, ספר האמונות והדעות, מאמר ראשון, ז. 37, סלוצקיס אויסגאַבע.

שכ״ז. רבי שלמה בן גבירול, מקור חיים, שער חמישי, ח׳, ז. 175, ירושלים, תרפ״ו.

שכ״ח. יוסף אלבו, ספר העיקרים, מאמר שני, פרק ל׳, סוף קאַפּ.

שכ״ט. דברים, י״א, י״ב.

ש״ל. דאָרטן, י״ג, ה׳.

של״א. דאָרטן, ספרי.

של״ב. הושע ב׳, כ״ב.

של״ג. ירמיה, ל״א, ל״ב.

של״ד. דאָרטן ט׳, כ״ג.

של״ה. תהלים, קל״ט, א׳, י״ג.

של״ו. קב הישר, פרק ע״ט, ט׳.

של״ז. אבות, פרק ג׳.

של״ח. חולין, ק״א, עמוד ב׳.

של״ט. במדבר, ט״ז, כ״ב.

ש"מ. יחזקאל, י"ח, א', ב'.
שמ"א. דאָרטן י"ח, י"ט, כ'.
שמ"ב. דברים, כ"ח, א'.
שמ"ג. דאָרטן כ"ו, ט"ז, י"ט.
שמ"ד. שמות רבה, פרשה ל"ו.
שמ"ה. רבי יהודה הלוי, כוזרי, מאמר שני, סימן ל"ו, זיטאָמיר 1866.
שמ"ו. דאָרטן, מאמר רביעי, סימן ג', ז. 389.
שמ"ז. מלאכי א', ב'.
שמ"ח. רבי יהודה הלוי, כוזרי, מאמר ראשון, סימן צ"ה, ז. 89־88.
שמ"ט. דאָרטן ז. 45־46.
ש"נ. עשרה הרוגי מלכות, לויט די פאַרשיידענע נוסחאות פון מדרש „אלה אזכרה", איבערזעצט פון ש. צ. זעצער.
שנ"א. מדרש רות החדש והוא מדרש הנעלם, פרשה ד', דף ל"א, א'.
שנ"ב. מלאכי, ב', י'.
שנ"ג. סנהדרין, ל"ז.
שנ"ד. די מעשים פון די שלוחים, 26, 17.
שנ"ה. ירושלמי, נדרים, פרק ט', הלכה ד'.
שנ"ו. דאָרטן, קרבן העדה.
שנ"ז. מדרש רות הוא הנקרא מדרש הנעלם, פרשה א', דף ה', עמוד ב'.
שנ"ח דברים, ט', ה'.
שנ"ט. דאָרטן י"ח, י"ב.
ש"ס. דאָרטן ח', י"ט.
שס"א. ויקרא, י"ח, כ"ד, כ"ח.
שס"ב. דאָרטן כ', כ"ב, כ"ג.
שס"ג. בראשית, ט', ט'.
שס"ד. דאָרטן י"ז, ד'.
שס"ה. ישעיה נ"ט, כ"א.
שס"ו. יומא, פרק ג', משנה ח'.
שס"ז. בראשית, ב', כ'.
שס"ח. דברים, כ"ח, נ"ח.
שס"ט. רמב"ם, משנה תורה, הלכות דעות, פרק ראשון, גלייך דער אָנפאַנג.
ש"ע. שמות, כ', ד'; דברים, ה', י"א.

שע"א. מאיר בן גבאי, עבודת הקדוש, חלק התכלית, פרק ס"ב, צום אָנפאַנג קאַפּיטל.

שע"ב. מדרש רות החדש הוא הנקרא מדרש הנעלם, פרשה א׳, דף א׳, עמוד א׳.

שע"ג. דאָרטן דף ה׳, עמוד ב׳.

שע"ד. דאָרטן פרשה ב׳, אָנהויב פרשה.

שע"ה. שלמה אפרים איש לונטשיץ, עוללות אפרים, מאמר שכ"ט, לובלין, 1590.

שע"ו. מדרש ילמדנו, פרשה יתרו, י"א.

שע"ז. דאָרטן.

שע"ח. שמות רבה, יתרו, פרשה כ"ח, ו׳.

שע"ט. שניאור זלמן, ליקוטי אמרים, ז. 50.

ש"פ. יחזקאל ה׳, י"ג; ו׳, י׳, י"ד; ז׳, כ"ז; י"ב, ט"ו, ט"ז. און נאָך און נאָך.

I

1. J. G. Frazer, The Golden Bough, in one volume, p. 50. New York, 1934.
2. Hermann Lotze, Microcosmus, vol. II, p. 679, 2nd ed. New York, 1887.
3. Ibid, p. 680.
4. Andrew Lang, Magic and Religion, pp. 48-49.
5. A. Sabatier, Outlines of Philosophy of Religion, p. 27.
6. Guyau, The Non-religion of the Future, p. 2.
7. Emile Durkheim, The Elementary Forms of the Religious Life, p. 47. New York.
8. Max Mueller, Introduction to the Science of Religion, p. 18.
9. Alexis Carrel, Man, the Unknown, pp. 258-59. New York, 1935.
10. Herbert Spencer, First Principles, p. 37.
10*a*. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 490. New York, 1915.
11. F. Tylor, Primitive Culture, vol. I, p. 24, 3rd ed. 1903.
12. M. Reville, Prolegomena to the History of Religion, p. 25.
13. George Galloway, Principles of Religious Development, p. 309. London, 1909.
14. Ibid, p. 96.

II

1. Rene Descartes, The Principles of Philosophy, Part I vii, On the Principles of Human Knowledge.
2. Bertrand Russel, Philosophy, pp. 239-240. N. Y., 1927.
3. Hermann Lotze, Microcosmus, Vol. I, p. 248, 2nd ed. New York, 1887.
4. Clement C. J. Webb, God and Personality, p. 59.
5. Hermann Lotze, Microcosmus, Vol. II, p. 680.
6. Max Stirner, The Ego and His Own, p. 200, Tucker's ed.
7. Sigmund Freud, The Ego, and Id., p. 27.
8. J. G. Fichte, Wissenschaftslehre, s. 97, Berlin, 1845.

9. George Aurthur Wilson, The Self and Its World, p. 245. New York, 1926.

10. David Phillips, art. "Ego" in Encycl. of Religion and Ethics ed. by James Hastings.

11. George Arthur Wilson, The Self and Its World, pp. 273-274.

12. Sir John Adams, Everyman's Psychology, p. 81.

13. A. Seth Pringle-Pattison, Two Lectures on Theism, pp. vi, vii, 46.

14. Gamaliel Bradford, Life and I, pp. 7, 8, 9.

15. George Arthur Wilson, The Self and Its World, p. 278.

16. Henri Frederick Amiel, Journal de 23 1866, Vol. I, p. 234.

17. Sigmund Freud, The Ego and the Id, p. 16.

18. Clement C. J. Webb, God and Personality, p. 57. Aberdeen University, 1919.

19. David Hume, Treatise on Human Nature, Bk. I, Pt. iv, Sec. 6.

20. Jeremy Bentham, On Government, ed. by Francis Charles Montague, p. 154. Oxford, 1891.

21. Ibid., p. 155.

22. Sir William Blackstone, On the Laws of England, p. 46.

23. Thomas Henry Huxley, Hume, p. 171. 1879.

24. W. Beoby, "From Chaos to Invention." Clarion, January 1934, New York.

25. Kant, Critique of Pure Reason, tr. by Max Mueller, p. 96. 1896.

III

1. Paul Radin, Art. "Ancestor-Worship." Encyclopedia of Social Sciences, Vol. II, p. 54. New York, 1930.

2. Herbert Spencer, Principles of Sociology, Vol. I, pp. 287-288.

3. Bertrand Russel, Philosophy, p. 195.

4. Dr. Seligman, The Veddas, p. 70.

5. Brothers Gordin, "Old and Young" in *Young Offshoots,* Russian Periodical. Vilno, 1911.

6. Report of Cambridge Exp. to Torres Straits, Vol. I, p. 263 foll.

7. Howitt, The Native Tribes of S. E. Australia, p. 317.

8. Dr. Seligman, The Melanesians, pp. 134, 457.

9. Hulius, Eine Beschreibung der zweyen Insulen Formosa und Japan, p. 40.

10. Mariner, The Natives of the Tonga Islands, Vol. II, p. 155.

11. Pilsudsky, Der Schamanismus bei den Ainu. Globus, 1909, Vol. XCV, p. 72.

12. Burton and Ward, Journey into the Batak Country. Trans. Asiat. Soc., Vol. 1, p. 513.

13. Erskine, Islands of Western Pacific, p. 233.

14. Munzinger, Ostafrikanische Studien, pp. 474, 477 foll.

15. Nelson, Eskimo about Bering Strait in 18th Ann. Report Bur. Ethn., p. 304.

16. Hunter, Manners and Customs of Several Indian Tribes, p. 281.

17. Bancroft, The Native Races of the Pacific States, Vol. I, p. 665.

18. King and Fitzroy, Voyages of the "Adventure" and "Beagle," Vol. II, p. 172.

19. Ibid, p. 179.

20. D'Orbigny, l'Homme American, Vol. I, pp. 370, 373, 378; Vol. II, pp. 222, 317, 340.

21. Bertrand Russel, Philosophy, p. 197.

22. W. Trotter, Instincts of the Herd, pp. 86-87. London, 1916.

23. Adam Smith, Wealth of the Nations, Vol. II, p. 204, 5th ed. London, 1930.

24. Wilson D. Wallis, An Introduction to Sociology, pp. 13-14. New York, 1927.

25. W. H. R. Rivers, Social Organization ed. by W. J. Perry, pp. 166-67. New York, 1924.

26. Rudolf Holsti, The Relation of War to the Origin of the State, p. 154. Helsingfors, 1913.

27. Ibid, p. 151.

28. George A. Barton, Art. "Old Age" (Semitic Egyptian), Enc. of Religion and Ethics, ed. by James Hastings, Vol. IX.

29. Morris, Joseph, ibid.

30. M. Revon, ibid., p. 353.

31. Ibid.
33. Hesiod, the Five Ages of Mankind, Works and Days, Century Reading, ed. by John W. Cunliffe and Grant Showerman, p. 39. New York, 1925.
34. Ovid, The Four Ages tr. by Dryden, Myths of Greece and Rome ed. by H. A. Guerber, p. 35. New York, 1893.
35. Virgil, Georg. I, 126.
36. Tillubus, I, 3, 35.
37. Salust, Catlinar. Bell. init.
38. Seneca, Octav. Act. II, 402.
39. Seneca, Hippolyte, Act. II, 525.
40. Jose Ortega y Gasset, The Revolt of the Masses, pp. 173-74. New York, 1932.
41. Ibid., p. 187, note.
42. Ernest R. Groves, Sociology, p. 120. Phila., 1931.
43. Wilson D. Wallis, Culture and Progress, p. 439. New York, 1930.
44. Victor S. Yarros, Our Revolution, pp. 113-14. Boston, 1920.
45. Ludwig Feuerbach, The Essence of Religion tr. by Alexander Loos, p. 61. New York, 1873.
46. Joseph K. Hart, Social Life and Institutions, p. 389. New York, 1924.
47. Benjamin Kidd, Principles of Western Civilization, pp. 7-8. New York, 1902.
48. Ibid. p. 405.
49. Jose Ortega y Gasset, The Revolt of the Masses, p. 174. New York, 1932.
50. David Hume, An Inquiry Concerning Human Understanding, p. 21. Chicago, 1912.
51. Johann Friedrich Herbert, The Application of Psychology to the Science of Education, tr. ed. by Beatrice C. Mulliner, pp. 210-11. London, 1898.
52. Ibid. p. 213.
53. Ibid. p. 214.
54. Johann Friedrich Herbert, A Text-Book in Psychology, tr. by Margaret K. Smith, pp. 30-32. New York, 1891.
55. Bernard Bosanquet, The Philosophical Theory of the State, pp. 153-54. London, 1920.
56. Marcus Aurelius Antoninus, The Mediatations, tr. by George Lond, p. 265. N. Y. Burt Publ.
57. Ibid. p. 267.

58. W. Beoby, "From Chaos to All-Invention." Clarion, January, 1934.

59. C. C. J. Webb, Group Theories of Religion, pp. 145-146. New York, 1916.

60. W. Crooke, Art. "Ancestor-Worship." Enc. of Religion and Ethics, Vol. I, p. 429.

61. J. G. Frazer, The Golden Bough, in one volume, p. 256. New York, Macmillan.

62. Herman Cohen, Juedische Schriften, Bd. I, s. 90-91. Berlin, 1924.

63. Herman Cohen, Die Religion der Vernunft, s. 50. Leipzig, 1919.

64. Ibid.

65. Herman Cohen, Juedische Schriften, Bd. I, s. 91.

IV

1. Art. "Jehovah," The New Schaff-Herzog Encyclopedia of Real Knowledge, Vol. XII, p. 470.

2. Duncan Black Macdonald, The Hebrew Philosophical Genius, A Vindication, p. 19. Princeton University Press.

3. Dr. F. Hommel, Ancient Hebrew Tradition, Preface, p. X. New York, 1897.

4. The 13 Principal Upanishads, tr. from the Sanscrit by Robert Ernest Hume, p. 81. Oxford University Press, Lond. 1931.

5. The Sacred Books of the East, ed. by Max Mueller, Vol. 42, pp. 224-225. Oxford, 1897.

6. Art. "Names of God," Jewish Encyclopedia.

7. Art. "God," Dictionary of the Bible, ed. by James Hastings, Vol. II, pp. 189-199.

8. Ibid. p. 199. New York, 1899.

9. Dr. F. Hommel, The Ancient Hebrew Tradition, p. 114. New York, 1897.

10. G. R. Driver, Old Testament, Essays, p. 23. London, 1927.

11. Ibid. p. 18.

12. Philo, Works, Vol. III, 19.

13. J. G. Frazer, The Golden Bough, in one volume abridged, pp. 260-261.

14. The Book of the Dead, The Chapters of Coming Forth by Day tr. by E. A. Wallis Budge, p. 279. London, 1898.

15. William James, Principles of Psychology, p. 291.
16. Herman Cohen, Juedische Schriften, Bd. I, s. 91. Berlin, 1924.
17. G. R. Driver, Old Testament Essays, p. 24. London, 1927.
18. Ward, Naturalism and Agnosticism, Vol. II, p. 112.
19. Ibid. p. 128.
20. J. G. Fichte, Wissenschaftslehre, Bd. I, s. 97-98.
21. E. Kautzsch, Religion of Israel, Dictionary of the Bible ed. by James Hastings, extra volume, p. 625.
22. Herman Lotze, Microcosmus, Vol. I, p. 248.
23. Art. "God," Dictionary of the Bible ed. by James Hastings, Vol. II, p. 196.

V.

1. Clement C. J. Webb, Religion and Theism, p. 79. New York, 1934.
2. Herman Cohen, Juedische Schriften, s. 10-11, Bd. III. Berlin, 1929.
3. Art. "God" in the New Schaff-Herzog Enc. of Real Knowledge, Vol. V.
4. E. Kautzsch, Religion of Israel, Dictionary of the Bible ed. by James Hastings, extra vol., p. 627-a.
5. L. T. Hobhouse, Morals in Evolution, pp. 83-85. New York, 1916.
6. Joseph Plavius, Apion II, 16.
7. Hegel, Philosophy of History, p. 195. New York, 1900.
8. R. H. Kennett, Deuteronomy and the Decalogue, p. 65. Cambridge, 1920.
6. Philo, Works, Vol. III, 2. London, 1855.
10. Gemaliel Bradford, Life and I, p. 96.
11. The Book of the Dead tr. by E. A. Wallis Budge, Preface, pp. XXXVII-XXXIX.
12. Ibid. p. LXXIX.
13. J. A. MacCulloch, Art. "Monsters" in Encycl. of Religion and Ethics ed. by Hastings, Vol. 8, pp. 826-29.
14. Alexis Carrel, Man, the Unknown, pp. 130-31. New York, 1935.

15. Alexis Carrel, Reader's Digest, Sept. 1936, p. 119.
16. Sigmund Freud, The Ego and the Id., p. 30.
17. J. G. Frazer, The Golden Bough, Vol. II, Part VII, 3rd ed. pp. 221-22. London, 1914.
18. Art. "Self" in Encycl. of Rel. and Ethics, Vol. XI, p. 351.
19. Art. "Conscience" in Encycl. of Religion and Ethics, Vol. IV, p. 39.
20. William James, Principles of Psychology, Vol. I, p. 310.
21. Gilbert Cannan, Anatomy of Society, p. 216. N. Y., 1919.
22. Samuel Pufendorf, The Law of Nature and Nations tr. by Basil Kennett, pp. 629-30. London, 1729.
23. Arthur Schopenhauer, Human Nature, p. 24.
24. Arthur Schopenhauer, Grundlage der Moral, Bd. 7, s. 290.
25. Ibid. pp. 293-94.
26. Herbert Spencer, Social Statics, pp. 225-260. N. Y., 1914.
27. Ibid. 255.
28. Gamaliel Bradford, Life and I, p. 297.
29. Michel Bakounine, Oeuvres, Vol. I, p. 137. Paris, 1907.
30. Samuel Pufendorf, The Law of Nature and Nations, p. 633.
31. Immanuel Kant, Principles of Politics, p. 15. Edinburgh, 1891.
32. Flaubert to Madam X, 1853, Correspondence de Flaubert, Vol. II, p. 359.
33. Gamaliel Bradford, Life and I, p. 3.
34. Edward Carpenter, Drama of Life and Death, p. 132. London, 1912.
35. Herman Lotze, Microcosmus, Vol. I, pp. 248-49. New York, 1887.
36. Josaiah Warren, Equitable Commerce, p. 18. N. Y., 1846.
37. Ibid. p. 25.
38. Ibid. p. 58.
39. Ibid. p. 57.
40. L. T. Hobhouse, Morals in Evolution, pp. 81-82.
41. Edward Westermark, The Origin and Development of Moral Ideas, Vol. I, p. 24. New York, 1906.
42. Ibid. pp. 30-31.
43. Jastrow, The Subconscious, p. 352.
44. Ibid. p. 357.
45. Ibid. p. 366.
46. Aristotle, Politica, I, 6.

47) The Reader's Digest, 1937, January, pp. 120-21.

48) F. Nietzsche, Human, All too Human, p. 44, Chic. 1919.

49) William Godwin, Thoughts on Man, p. 198, London, 1831.

50) Brighad Aranyaka, Upanishad Fourth, Brahmana 4.7; The 13 Principal Upanishads tr. by R. E. Hume, p. 82, Oxford University Press, 1931, London.

51) William James, Principles of Psychology, Vol. I, p. 272, New York, 1924.

52) Ibid. pp. 459-60.

53) The 13 Principal Upanishads, p. 83.

54) Fichte, Werke, Bd. III, Einleitung, s. I, Berlin, 1845.

55) August Comte, Positive Philosophy, Vol. III, p. 310.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

		זייט
I	דער ריינער גלויבן	7—21
II	זעלבסט-באַגלויבטזיין	25—47
III	אבות-קולט און קינדער קולט	51—113
IV	אני יהוה	117—155
V	אידישע עטיק	159—292
	באַמערקונגען	294—319